STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10007

DI GESHIKHTE FUN DI FAREYNIGTE SHTATEN

Harry Rogoff

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די געשיכטע פון די פאראייניגטע שטאטען

פון הלל ראָגאָף

די קאָלאָניעס
פון 1607 ביז 1760

נויארק, 1925

Copyright by
HARRY ROGOFF
New York, 1925.

לעוואַנט פּרעס, 54-58 קאַנעל סטריט, ניו יאָרק, נ. י.
479

אינהאַלטס פאַרצייכנונג:

קאַפּיטעל	זייט
אַנלייטונגס קאַפּיטעל	5
1. איראָפּאַ נאָך דער אַנטדעקונג פון אַמעריקא	21
2. די עקאָנאָמישע רעוואָלוציע אין איראָפּאַ	26
3. די פּוריטאַנער אַלס אַ רעליגיעזע סעקטע	31
4. די טעאָריעס וועגען האַנדעל און קאָלאָניעס אין זיבעצענטען יאָרהונדערט	41
5. דער אָנפאַנג פון קאָלאָניזאַציע	46
6. ווירדזשיניאַ, די ערשטע קאָלאָניע	50
7. די פּוריטאַנער גרינדען מאַסאַטשוזעטס	56
8. ראָדזשער וויליאַמס און ענן האַטשינסאָן גרינדען רהאָד איילענד	68
9. די צוויי קאָלאָניעס גרופּען אין קאָנעקטיקוט	76
10. די ערשטע שחיטה אויף די אינדיאַנער אין די ניו ענגלאַנד קאָלאָניעס	82
11. ניו העמשיר און מעין	87
12. האָלאַנדער גרינדען די ערשטע קאָלאָניע אין ניו יאָרק	90
13. דעלעווער און ניו דזשוירזי	104
14. די קוויקערס גרינדען פּענסילווייניאַ	107
16. קאַטאָליקען גרינדען מערילענד	116
16. נאָרט און סאוט קאַראָליינאַ	120
17. דזשאָרדזשיאַ, אַ קאָלאָניע געגרינדעט פון פילאַנטראָפּען	122
18. שקלאַפען און אַרבייטער אין די קאָלאָניעס	129
19. די לאַנד אַריסטאָקראַטיע אין די קאָלאָניעס	147
20. דער מיטעל קלאַס, די סוחרים און די פּראָפעסיעס אין די קאָלאָניעס	155

קאַפּיטעל — זייט

21. שטימרעכט אין די קאָלאָניעס — — — — — — — — — — — — 166
22. פאַרברעכענס, שטראָפען און פּריזאָנס אין די קאָלאָניעס — — 171
23. צוויי אויפשטאַנדען—אין ווירדזשיניאַ און אין ניו יאָרק — 179
24. די באַציאונג צווישען די קאָלאָניסטען און די אינדיאַנער — 188
25. קעניג פיליפּס מלחמה — — — — — — — — — — — 196
26. די פראַנצויזען אין קענעדע און אויף דעם מיסיסיפּי טייך — 204
27. ווי אַזוי ענגלאַנד האָט רעגירט די קאָלאָניעס — — — — 214
28. די רעוואָלוציע פון 1689 אין ענגלאַנד — — — — — — — 224
29. די באַציאונג צווישען די קאָלאָניעס אין ענגלאַנד
נאָך דער רעוואָלוציע אין 1689 — — — — — — — — 229
30. מאַסאַטשוזעטס, ניו יאָרק און פּענסילווייניאַ נאָך 1689 — — 233
31. ענגלישע האַנדעלס געזעצען פאַר די קאָלאָניעס — — — — 238
32. די מלחמות צווישען ענגלאַנד און פראַנקרייך פאַר אַמעריקאַ — 246
33. די ביאָגראַפיע פון בענדזשאַמין פרענקלין — — — — — — 261
34. די ביאָגראַפיע פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן — — — — — — 287

אנלייטונגס קאפיטעל

די געשיכטע פון די פאראייניגטע שטאטען הויבט זיך אן פון דער צייט ווען די אייראפייער האבען זיך אנגעהויבען דא צו באזעצען. דאס לאנד האט, פארשטייט זיך, עקזיסטירט פריער אויך, און האט א פריערדיגע געשיכטע. יענע געשיכטע אבער האט ניט קיין דירעקטע שייכות צו די פאראייניגטע שטאטען. די מענשען וואס האבען דא דעמאלט געוואוינט זיינען געווען אנדערע. די ציוויליזאציע איז געווען אן אנדערע. דאס לאנד האט געהאט אן אנדער פנים. די אייראפייער, וועלכע האבען דא גענומען גרינדען קאלאניעס אין אנפאנג פון 17־טען יארהונדערט, האבען געלייגט דעם פונדאמענט פון די איצטיגע „פאראייניגטע שטאטען" אדער „יונייטעד סטייטס". אלץ וואס זיי האבען געטאן און אלץ וואס איז געטאן געווארען פון זייערע נאכפאלגער האט געשאפען די איצטיגע אמעריקאנער ציוויליזאציע, דאס איצטיגע אמעריקאנישע פאלק. מיט יענע ערשטע קאלאניסטען הויבט זיך אלזא אן די געשיכטע פון די פאראייניגטע שטאטען.

עס זיינען אבער דא געוויסע פאקטען פון דער פריערדיגער צייט וואס געהערען, אויף אן אומדירעקטען אופן, צו דער געשיכטע פון אונזער לאנד — די פאקטען וועגען דער אנטדעקונג פון אמעריקא און וועגען די ערשטע לאנד־אויספארשונגען. יענע פאסירונגען זיינען אייגענטליך די געשיכטע פון דעם גאנצען אמעריקאנישען וועלט־טייל, ניט דוקא פון די פאראייניגטע שטאטען. דערפאר וועלען מיר זיי דא איבערגעבען בקיצור אלס אן אנלייטונג צו דער געשיכטע פון אונזער לאנד.

אמעריקא איז אנטדעקט געווארען ביים סוף פון 15־טען יארהונדערט, דעם 12־טען אקטאבער, 1492. ביז'ן 15־טען יאר־

הונדערט האבען די איראפייער געוואוסט בלויז פון זייער אייגע־נעם וועלט־טייל, איראפא, פון דעם זידליכען און מיטעלסטען טייל פון אזיען, און פון דעם נארדליכען טייל פון אפריקא. עס איז דע־מאלט אנגעגאנגען א האנדעלס־פארקער צווישען איראפא און אזיען. די איראפייער פלעגען אימפארטירען פון אזיען געווירצען, זייד, איידעלע שטיינער, פארבען, קאמפאר, און אנדערע זאכען, און עקספארטירען אהין וואלענע סחורה און פארשידענע מעטא־לען. דער האנדעל איז געווען זייער א גרויסער, און אינדיע איז געווען דאס וויכטיגסטע אזיאטישע לאנד אין דעם דאזיגען מסחר. עס איז אויך אנגעגאנגען א האנדעל מיט די וייטערע אזיאטישע לענדער, ווי כינא און יאפאן.

דער פארקער צווישען איראפא און אזיען איז דעמאלט גע־גאנגען איבער דעם לאנד און די וואסערען וואס ליגען צווישען איראפא, אפריקא און אזיען. די וועגען האבען זיך אלע געצויגען אין דער ריכטונג פונ׳ם מזרח — פון מזרח־איראפא דורך מערב־אזיען, ביז מזרח־אזיען. די שטעט אין איטאליען וואס זיינען גע־לעגען ביים מיטעללאנדישען ים האבען דערפאר געהאט דעם האנ־דעל מיט אזיען אונטער זייער קאנטראל. דער האנדעל האט געמוזט דורכגיין דורך זיי.

אבער אין 15־טען יארהונדערט האבען די טערקען אפגעשני־טען אט דעם וועג צווישען איראפא און אזיע. זיי האבען איינגע־נומען די אלע לענדער, וואס ליגען ביי דער מערב זייט פון אזיען, (די זייט וואס איז נעבען איראפא) און זיינען אריינגעדרונגען אין איראפא גופא. אין 1453 האבען זיי איינגענומען קאנסטאנטי־נאפאל. די אלטע וועגען צווישען איראפא און אזיען זיינען אפ־געהאקט געווארען. דער גרויסער רייכער האנדעל איז צעשטערט געווארען.

האבען די איראפייער גענומען זוכען א נייעם וועג קיין אזיען. עס זיינען שוין דעמאלט געווען רייזענדער, וואס האבען געגלויבט אז די וועלט איז קיילעכדיג און אז צו יעדען פונקט אויפ׳ן ערד־קוגעל קען מען צוקומען דורך צוויי פארקערטע וועגען. האט מען

איצט גענומען קלערן, אז אויב מען קען ניט צוקומען צו אינדיע אויף דעם מזרח־וועג דארף דאך זיין מעגליך דערגרייכן אהין דורך דעם פארקערטן וועג, דורך מערב. אריינפארן, הייסט עס, קיין אינדיע, דורך א הינטער־טיר. איינער פון די רייזענדער וואס האט אין דעם געגלויבט איז געווען קריסטאפער קאלומבוס, אן איטאליענישער שיפס־קאפיטאן. קאלומבוס האט זיך ארומגעטראגן מיט זיין פלאן א לאנגע צייט. ער האט אים פארגעלייגט פאר פאר־שידענע הערשער פון יענער צייט, קיינער אבער האט אים ניט גענומען ערנסט. נאך א סך מי איז אים געלונגען צו פאראינטע־רעסירן דעם קעניג און די קעניגין פון שפאניען, קעניג פערדי־נאנד און קעניגין איזאבעלא. זיי האבן פאר אים אויסגעריכט דריי שיפן, און ער איז ארויסגעפארן אויף דעם גרויסן, געהיימניס־פולן אטלאנטישן אקעאן.

קאלומבוס האט פארלאזן דעם שפאנישן האפן פאלאס, אין מאנאט אויגוסט, 1492. זיין פלאטע איז באשטאנען פון דריי קליינע זעגל שיפלאך, מיט א מאנשאפט פון ארום הונדערט. (זיכער ווי גרויס די צאל איז געווען איז אוממעגליך צו באשטי־מען. די מאדערנסטע קוועלן ווייזן, אז די צאל איז געווען ניט מער ווי 90; אנדערע ווידער צייגן, אז די צאל האט דערגרייכט ביז 120). צווישן דער מאנשאפט איז געווען א גע׳שמד׳טער איד, לואיס דע־טארעס, וואס קאלומבוס האט אים מיטגענומען פאר א דאלמעטשער. דע־טארעס האט געקענט אראביש, און קאלומבוס האט געמיינט אז אראביש און די שפראך, אדער שפראכן, פון אינדיע זיינען נאענטע שפראכן. די שיפן האבן זיך אפגע־שטעלט אויף די קאנארי אינזלען, ניט ווייט פון שפאנישן ברעג, אויף אומגעפער א מאנאט צייט. פון דארטן זיינען זיי ארויסגע־פארן דעם 6־טן סעפטעמבער.

די רייזע איז געווען א מזל׳דיגע. דער וועטער איז געווען די גאנצע צייט א רואיגער: דער ים א שטילער. די מאטראזן האבן זיך אביסעל געבונטעוועט, אבער צו קיין ערנסטע רעזולטאטן האט דאס ניט געפירט. דעם 12־טן אקטאבער איז קאלומבוס

אנגעקומען אויף איינעם פון די פיל אינזלען, וואס ליגן אין די וואסערען צווישען נארד און זיד אמעריקא (באשטימט וועלכער אינזעל דאס איז געווען ווייס מען איצט ניט) ער איז אראפ אויף דעם אינזעל, האט געקושט די ערד, און האט זי פארנומען אין נאמען פון דעם קעניג און קעניגין פון שפאניען. ער איז געווען זיכער אז ער האט דערגרייכט דעם ברעג, וועלכען ער איז ארויס־געפארען זוכען — דעם ברעג פון אינדיע אין אזיע. די איינגע־בארענע, וואס האבען זיך דארט געפונען, האט ער דערפאר א נא־מען געגעבען „אינדיאנער". דער פאלשער נאמען איז פארבליבען ביז היינטיגען טאג.

אין די צען יאר פון 1492 ביז 1502, האט קאלומבוס געמאכט פיר נסיעות קיין אמעריקא. אויף די ערשטע צוויי נסיעות האט ער באזוכט בלויז די אינזלען ארום אמעריקא; אויף די לעצטע צוויי האט ער שוין צוגערייזט צום קאנטינענט גופא; אויף דער דריטער רייזע, אין 1498, האט ער אנטדעקט דעם ברעג פון זיד־אמעריקא, און אויף דער פערטער רייזע, אין 1502, האט ער אנט־דעקט דעם ברעג פון צענטראל־אמעריקא. ער האט אבער קיינמאל ניט געוואוסט אז ער האט געפונען א גאנץ נייעם וועלט־טייל. ער איז געשטארבען מיט דעם געדאנק אז ער איז צוגעקומען צו דער הינטער־טיר פון אזיען.

קאלומבוס האט פון זיין גרויסער אנטדעקונג געהאט מער צער ווי נחת. ווען ער איז צוריקגעקומען פון זיין ערשטער רייזע און האט געבראכט די נייעס פון זיין ערפאלג איז ער באגריסט געווארען מיט באגייסטערונג און פרייד. ער איז באדעקט געווארען מיט כבוד סיי פון דער באפעלקערונג, סיי פון דעם קעניג און דער קע־ניגין. דאס אלץ האט ער באקומען אויפ'ן חשבון פון די רייכטימער וואס שפאניען האט זיך געריכט צו קריגען פון דער אנטדעקונג. קאלומבוס האט פארזיכערט, אז דאס לאנד איז פול מיט גאלד און אלערליי רייכטימער. דער קעניג האט באוויליגט א סומע פון 15 טויזענט דוקאטען אויסצוריכטען א פלאט פון 17 שיפען פאר קא־לומבוס'עס צווייטער נסיעה. 1500 מענשען זיינען איצטער מיט־

געפּאַרען, סאָלדאַטען, מיסיאָנערען, אַרבייטער, אַדעל־לייט, מיט־גלידער פון דער העכסטער אַריסטאָקראַטיע. זיי האָבען מיטגענומען פערד, שעפּסען, בהמות, ציגען, חזירים, הינער, אַלערליי זוימען צו פאַרפלאַנצען גערטנער און פעלדער. דאָס איז מען געפאַרען גרינדען שפּאַנישע קאָלאָניעס אין דעם ניי־אַנדטעקטען לאַנד און דאָרטען אַנזאַמלען אוצרות מיט גאָלד. קיין פרויען האָט מען ניט מיטגענומען. קיינער האָט ניט גערעכענט דאָרטען צו בלייבען אויף שטענדיג. קריגען אַ סך גאָלד און קומען צוריק — דאָס איז געווען דער צוועק.

פון די גאָלדענע גליקען האָט זיך אָבער גאָרניט אויסגעלאָזען. די ליבע און אַכטונג צו קאָלומבוס'ן איז צעשמאָלצען געוואָרען צוזאַמען מיט די האָפנונגען. פון דער צייט אָן הויבט זיין שטערען אָן זיך אויסצולעשען. ער האָט געליטען אַנטוישונגען, בזיונות און רדיפות. אין זיין פאַרצווייפלונג צו קריגען גאָלד פון די אינדיאַנער, האָט ער זיי באַהאַנדעלט זייער באַרבאַריש. די שפּאַניער, ווידער, האָבען זיך געבונטעוועט געגען אים, און ער האָט זיי אויך ניט געשאָנעוועט. אַ צייט לאַנג איז ער קראַנק געווען. אַ גרויסע צאָל פון זיינע שפּאַנישע קאָלאָניסטען זיינען אָנגעשטעקט געוואָרען מיט מיאוס'ע קראַנקהייטען. אַ סך צרות זיינען אַרויסגעקומען דערפון, וואָס די שפּאַניער האָבען זייערע אייגענע פרויען ניט מיטגעבראַכט און האָבען געזוכט צו קריגען אינדיאַנישע פרויען.

די אומצופרידענע שפּאַניער האָבען געבראַכט קלאָגען געגען קאָלומבוס'ן. דער קעניג האָט געשיקט אַן אַנדערען צו פאַנעמען קאָלומבוס'עס אַמט אַלס גאָווערנאָר פון דעם נייעם לאַנד. דער נייער גאָווערנאָר האָט קאָלומבוס'ן געלאָזט אַרעסטירען דערפאַר וואָס ער האָט געהאַנגען בונטאָווטשיקעס. ער האָט אים אַוועקגעשיקט קיין שפּאַניען אַ געשמידטען אין קייטען. אין שפּאַניען איז ער באַלד באַפרייט געוואָרען. ער איז ווידער אויפגענומען געוואָרען אין קעניגליכען פּאַלאַץ. אַביסעל שפּעטער האָט דער קעניג אים ווידער געשיקט אויף אַ רייזע קיין אַמעריקאַ, זיין פריערדיגע

מאכט און אנערקענונג האט ער אבער שוין מער ניט צוריקגעקרא־
גען. ער איז געשטארבען א צובראכענער און אן אנטוישטער.

די נייעס וועגען קאלומבוס'עס רייזע האט זיך שנעל פאנאנ־
דערגעטראגען איבער גאנץ אייראפא. אנדערע לענדער האבען זיך
מתקנא געווען אן שפאניען, און האבען אויך ארויסגעשיקט רייי־
זענדע פארשער אין גרויסען ים.

אין ענגלאנד האט זיך דעמאלט געפונען אן איטאליענישער
קאפיטאן מיט'ן נאמען דזשאן קעבאט, קאלומבוס'עס א לאנדסמאן
(ביידע זיינען זיי געבארען געווארען אין גענוא). קעבאט האט זיך
געווענדט צום ענגלישען קעניג, ער זאל אים געבען דאס רעכט צו
פארען אין נאמען פון דער ענגלישער רעגירונג. דער קעניג האט
דעם פארלאנג באוויליגט און אונטערגעשריבען אן אפמאך וועגען
דעם, ווי אזוי די געפונענע אוצרות אין דעם נייעם לאנד זאלען
צוטיילט ווערען. אין מאי 1497 איז דזשאן קעבאט ארויסגעפארען
פון דער האפען־שטאט בריסטאל. זיין שיפעל איז געווען א קליינע.
מאטראזען האט ער מיטגענומען אינגאנצען 18. זיין רייזע הין
און צוריק האט געדויערט ניט מער ווי דריי מאנאטען. אין דער
צייט האט ער זיך דערשלאגען צום ברעג פון נארד־אמעריקא.
גענוי וועלכען טייל פון ברעג ער האט אנטדעקט ווייס מען ניט.
עס איז אבער זיכער, אז ער האט באריהרט א שטרעקע פון עטליכע
הונדערט מייל ארום דעם קענעדער ברעג. ווען ער איז צוריקגע־
קומען קיין ענגלאנד האט אים דער קעניג געגעבען א מתנה פון
צען פונט. שפעטער אביסעל האט דער קעניג פאר אים באשטימט
א פענסיע פון 20 פונט א יאר.

אין א יאר ארום, אין 1498, האט דזשאן קעבאט זיך ארויס־
געלאזט אויף א צווייטער נסיעה, שוין מיט מער שיפען. וועגען
דער דאזיגער רייזע ווייס מען זייער ווייניג. דזשאן קעבאט איז
מער ניט געקומען צוריק, און זיין זון, סעבאסטיאן, האט שפעטער
באשריבען די רייזע. אין זיין באריכט זוכט סעבאסטיאן צו מאכען
דעם איינדרוק, אז ניט זיין פאטער, נאר אים, קומט די גאנצע אנער־
קענונג. אויב מען זאל סעבאסטיאנ'ען גלויבען, דאן איז זיין פא־

טער אויף דער צווייטער רייזע גאר ניט געפארען. עס זיינען דא אבער געוויסע היסטארישע קוועלען, וואס ווארפען א צווייפעל אויף סעבאסטיאנ׳ס באשרייבונג. איינס שיינט צו זיין זיכער, אז אויף דער צווייטער רייזע האבען די קעבאטס אנטדעקט דעם גאנצען ברעג פון נארד־אמעריקא — אי פון קענעדע, אי פון די פאראייניגטע שטאטען. וואס פון דזשאן קעבאט איז געווארען, וואו ער איז אהינגעקומען — ווייס מען ניט. די צוויי רייזעס זיינען פון גרויס וויכטיגקייט. ווארום אויפ׳ן סמך פון די דאזיגע רייזעס האט ענגלאנד אין די שפעטערדיגע יארען גע׳טענה׳ט אז גאנץ נארד־אמעריקא באלאנג צו איר, ווייל אירע רייזענדע און אירע שיפען האבען די ערשטע אנטדעקט דעם ברעג פון נארד־אמעריקא.

אין דיזעלבע יארען וואס קאלומבוס און קעבאט זיינען געפארען הין און צוריק, פון דער אלטער אין דער נייער וועלט, האט א דריטער רייזענדער, אויך אן איטאליענער, דא אפגעשטאט עטליכע וויזיטען. ער איז אבער געווען מער שרייבער ווי אנטדעקער אדער פארשער, און אט דעם פאקט האט ער צו פארדאנקען וואס די גאנצע נייע וועלט טראגט איצט זיין נאמען. דער דאזיגער רייזענדער האט געהייסען אמעריגא וועספוטשי. זיין גאנץ לעבען איז ער געווען א געשעפטסמאן. אין 1492, ווען קאלומבוס איז ארויסגעפארען אויף זיין ערשטער רייזע, איז אמעריגא וועספוטשי געווען אין שפאניען אלס א פארשטייער פון א גרויסער איטאליענישער האנדעלס־פירמע. ווען שפאניען האט גענומען קאכען מיט קאלומבוס׳עס אנטדעקונגען, האט וועספוטשי׳ן אנגענומען א חשק צו פארען זען די נייע וועלט. אין 1499 האט ער זיך אנגעשלאסען אן אן עקספעדיציע, וועלכע איז געפארען אריבער דעם אטלאנטיק. אין די נעקסטע פיר יאר האט ער געמאכט נאך דריי רייזעס. עס איז וויכטיג אנצואווייזען, אז אויף קיין איינער פון די רייזעס איז ער ניט געווען דער פירער, דער קאפיטאן, אדער דער קאמאנדיר. ער איז גלאט מיטגעפארען מיט אנדערע. די שיפען אויף וועלכע ער האט געדייזט האבען באזוכט די ברעגען פון צענטראל־ און סאוט־אמעריקא. וועספוטשי איז געווען א גוטער באאבאכטער און

האט באזעסען א ליטעראַרישען טאלאנט צו שילדערען זיינע באָ־אָבאכטונגען. ווען ער איז פון זיינע רייזעס צוריקגעקומען, האט ער אויפגעשריבען זיינע איינדריקען און זיינע באָאָבאכטונגען פון דער „נייער וועלט“, און זיי געשיקט אין בריף צו זיינע פריינט. אין די בריף האט ער געזוכט צו מאכען דעם איינדרוק, אז ער איז געווען דער פירער פון די עקספעדיציעס, און אז דערפאר קומט אים די אנערקענונג פאר דער רייזע. ער האט אויך געפעלשט דעם דאטום פון זיין ערשטער רייזע. אנשטאט 1499 האט ער געשריבען 1497. ער האט עס געטאן כדי צו שאפען דעם איינדרוק אז ער האט דער ערשטער באזוכט די ברעגען פון זיד־אמעריקא, נאך פאר קאלומבוס'ן.

וועספוטשי'ס שילדערונגען פון דער נייער וועלט זיינען אפ־געדרוקט געווארען אין איטאליען. זיי זיינען גלייך איבערזעצט גע־ווארען אויף לאטיין, און באלד האט די גאנצע וויסענשאפטליכע וועלט זיי געלעזען (לאטיין איז דעמאלט געווען די אינטערנאציאָ־נאלע וויסענשאפטס־שפראך). די באריכטען פון קאלומבוס'עס רייזע זיינען אפגעדרוקט געווארען ערשט מיט א פאר יאר שפעטער.

אמעריגא וועספוטשי'ס נאמען איז אויף אזא אופן בארימט געווארען איבער גאנץ אייראפא. וואו מען האט נאר גערעדט וועגען דעם אנטדעקטען לאנד אויף יענער זייט ים האט מען דער־מאנט וועספוטשי'ן, ווייל פון זיינע שריפטען האט מען באקומען דעם אינטערעסאנטסטען באריכט וועגען יענעם לאנד. אין זיינע שילדערונגען באנוצט ער דעם אויסדרוק „נייע וועלט“. דאס הייסט ניט אז ער האט געוואוסט דעם אמת וועגען דעם געפונענעם לאנד אז עס איז באמת א נייע וועלט, און ניט די אנדערע זייט פון אזיען. ער האט באנוצט די באצייכענונג „נייע וועלט“ אין דעם זין, אז פאר דעם אייראפּייער איז זי ניי. געמיינט אבער האט ער פונקט ווי קאלומבוס, אז ער איז צוגעקומען צו דער הינטער־טיר פון אזיען.

אין 1507 האט א געוויסער מארטין וואלדזעמילער, א פראפע־סאר פון געאגראפיע אין אן אוניווערזיטעט אין לאטרינגען, אפ־

געדרוקט איינעם פון וועספוטשי'ס בריף אין זיינעם א געאגראפי־שען ווערק, און האט אין דעם זעלבען ווערק געשריבען אז דאס נייע לאנד דארף טראגען דעם נאמען „אמעריגא“, ווייל אמעריגא וועס־פוטשי האט עס אנטדעקט. דער פראפעסאר האט אנגעווענדט דעם נאמען „אמעריגא“ בלויז אויף זיד־אמעריקא, דעם טייל וואס וועס־פוטשי האט געשילדערט. אבער ביסלעכווייז האט מען דעם נאמען גענומען אנווענדען אויף אנדערע טיילען פון דער נייער וועלט, ביז וואנען דער גאנצער נייער וועלט־טייל האט גענומען טראגען דעם נאמען „אמעריגא“ אדער „אמעריקא“.

פון די אלע ערשטע אנטדעקער און רייזענדער האט אמעריגא וועספוטשי אמווייניגסטענס פארדינט אז די נייע וועלט זאל טרא־גען זיין נאמען. ס'קען קיין חלוקי דעות וועגען דעם ניט זיין, אז דעם כבוד האט געקומט דורכאויס קאלומבוס'ן. דאס איז איינע פון די גרעסטע אומגערעכטיגקייטען אין דער געשיכטע פון דער מענש־הייט.

א רייזענדער, וועלכער שטייט אויף דער זעלבער הויך ווי קא־לומבוס, (לויט דער מיינונג פון מאנכע היסטאריקער — נאך אפילו העכער), איז געווען פערדינאנד מאגעלאן, א פארטוגעזער. זיין גרויסע רייזע האט ער געמאכט אין דינסט פון דער שפאנישער רעגירונג. ער איז געווען דער ערשטער וואס האט ארומגערייזט רונד ארום דעם גאנצען ערד־קוגעל. זיין רייזע האט געדויערט 3 יאר, פון סעפטעמבער 1519 ביז סעפטעמבער 1522. אויף דער רייזע האט ער מיטגענומען א מאנשאפט פון 231. געענדיגט די רייזע האבען בלויז 36 מאן. מאגעלאן אליין איז געווען צווישען די, וואס זיינען אומגעקומען אונטערוועגענס. די געשיכטע פון דער דאזיגער רייזע איז איינע פון די שטוינענדיגסטע, העלדישסטע, וואס מען קען זיך נאר פארשטעלען. די עטליכע קליינע שיפלאך זיינען אריבער־געשוואומען דעם אטלאנטיק, דאן ארומגעפארען איבער דער גאנ־צער לענג פון זיד־אמעריקא און אריין אין דעם פאסיפישען ים; איבערגעשוואומען דעם פאסיפיק, אנגעקומען צו די פילופינען אינז־לען, און דאן אבער'ן אינדישען ים און צוריק קיין שפאניען. מא־

געלאן אליין איז דער׳הרג׳עט געווארען אין א שלאכט מיט די ווילדע אויף די פיליפינען אינזלען. א סך האבען זיך אומגעקערט פון מיטען וועג. עס זיינען פארגעקומען בונטען צווישען די מאטראזען. זיי האבען געליטען הונגער, דורשט, קראנקהייטען, אבער עטליכע און דרייסיג מאן האבען זיך ענדליך דערשלעפט אהיים

מאגעלאן׳ס רייזע האט פעסטגעשטעלט, ערשטענס, אז די ערד איז קיילעכדיג; צווייטענס, אז דאס ניי־אנטדעקטע לאנד איז ניט אזיען, נאר א באזונדער וועלט־טייל; דריטענס, אז דער ערד־קוגעל איז פיל גרעסער ווי מען האט געמיינט; און פערטענס, אז אויפ׳ן ערד־קוגעל איז דא א גרעסערער שטח וואסער ווי יבשה.

די לאגע אין אייראפא אין 16־טען יארהונדערט איז ניט געווען אזא, אז מענשען זאלען זי וועלען פארלאזען און אוועקוואנדערען זוכען הייםען אין נייע וועלטען. עס זיינען דעריבער אין יענע יארען געקומען אהער א קליינע צאל אייראפייער. די ערשטע אימיגראנטען זיינען געווען שפאנישע אוואנטוריסטען. זיי האבען זיך באזעצט אויף די אינזלען צווישען נארד און זיד אמעריקא. דער אינזעל האיטי איז דער ערשטער קאלאניזירט געווארען אין 1496. קורץ נאכדעם האבען די שפאניער גענומען זיך באזעצען אין פארטא ריקא. אין 1510 איז שוין אויף דעם אינזעל געווען א קאלאניאלע רעגירונגס־אדמיניסטראציע. אין 1511 האט מען אנגעהויבען קאלאניזירען קובא. האוואנא איז געגרינדעט געווארען אין 1519. די אלע אינזלען זיינען, פארשטייט זיך, געשטאנען אונטער דער הערשאפט פון שפאניען. די קאלאניסטען זיינען אויך געווען שפאניער.

די שפאניער האבען באוויזען וואונדער אין אויספארשען דעם קאנטינענט, אי די ברעגען, אי די טיפענישען פון לאנד. געווים האבען זיי עס געטאן צוליב מאטעריעלע מאטיוון. זיי האבען געזוכט גאלד און א וועג קיין אינדיע. אבער דערווייל האבען זיי געטאן גרויסע ארבייט, פאר וועלכער עס האט זיך געפאדערט איבער־נאטירליכער מוט, און פאר וועלכע א סך פון זיי האבען באצאלט מיט זייערע לעבענס. אין די ערשטע פופציג יאר

נאך דער אנטדעקונג פון אמעריקא זיינען די שפאניער געווען כמעט די איינציגע, וואס האבען געפארשט די נייע וועלט. א שפאניער, באלבאא, האט אין 1512 אנטדעקט דעם פאסיפישען אקעאן. א שפאניער, פאנטהא דע־לעאן, האט אין 1512 אנטדעקט פלארידא. א שפאניער, דע־סאטא, האט אין 1541 אנטדעקט דעם מיסיסיפי טייך. די שפאניער האבען אנטדעקט מעקסיקא און זי איינגענומען. זיי האבען געגרינדעט קאלאניעס אין זיד און צענט־ראל אמעריקא, אין מעקסיקא, אויף די ארומיגע אינזלען. נאך איידער עס איז אין אמעריקא געווען איין איינציגע ענגלישע קא־לאניע, זיינען שוין דא געווען א פאר הונדערט טויזענט שפאניער.

די פראנצויזען האבען קיין אמעריקא אנגעהויבען צו פארען אין אנפאנג פון 15־טען יארהונדערט. די ערשטע צייט האבען זיי זיך אפגעגעבען מיט פאנגען פיש ביי די ברעגען פון ניופאונדלאנד, קענעדע. שפעטער, אין די דרייסיגער יארען פון 16־טען יארהונ־דערט, האבען זיי זיך גענומען צום האנדעל מיט פוטערווארג. דער ערשטער וויכטיגער פראנצויזישער רייזענדער און לאנד־פארשער איז געווען זשיאוואננא ווארעצאננא, אן איטאליענער, וועלכער איז געווען אין דינסט פון דעם פראנצויזישען קעניג. ער האט זיין רייזע געמאכט אין יאר 1524. ער האט באזוכט דעם ברעג פון די איצטיגע פאראייניגטע שטאטען און איז אריינגעפארען אין דעם נויארקער האפען*). (וועגען אנדערע וויכטיגע פראנצויזישע רייזענ־דער וועלען מיר שרייבען גענויער אין א וייטערדיגען קאפיטעל).

ענגלאנד טרעט ארויס אויף דער אמעריקאנער סצענע ערשט אין דער צווייטער העלפט פון 16־טען יארהונדערט. זינט דער רייזע פון די קעבאטס האט ענגלאנד מיט דער נייער וועלט זיך גארניט אינטערעסירט. די אינוויינינגסטע לאגע אירע איז געווען

*) די איטאליענער טענה'ן ביז היינטיגען טאג, אז דעם כבוד פון אנדעקען ניו יארק קומט זיי. זיי זאגען, אז דער האדסאן ריווער האט זיך על פי יושר געדארפט רופען ווארעצאננא ריווער. האדסאן האט זיין רייזע געמאכט מיט הונדערט יאר שפעטער ווי ווארעצאננא.

אזא, אז זי האט ניט געקענט קלערען וועגען נייע לענדער. אין יענע יארען האט ענגלאנד ניט אנגעפירט קיין גרויסען האנדעל, האט ניט געהאט קיין באדייטענדע פלאט. די לאגע האט זיך געענ־מען בייטען אין דער צווייטער העלפט פון 16־טען יארהונדערט. אין משך פון א פאר צענדליג יאר איז פארגעקומען אן איבערקע־רעניש ניט בלויז אין ענגלאנד, נאר אין גאנץ אייראפא. ענגלאנד איז געווארען די הערשערין איבער די ימים און האט גענומען בויען איר גרויסע אימפעריע.

אנגעפאנגען האט זיך עס מיט א האנדעלס־קאמף פון ענגלישע סוחרים געגען דער שפאנישער הערשאפט אין אמעריקא. דעם קאמף האט אנגעהויבען דער ענגלישער קאפיטאן דזשאן האאקינס. אין 1562 האט ער געבראכט צו די שפאנישע אינזלען אין אמערי־קא דריי הונדערט נעגער, וועלכע ער האט געקויפט און געפאנגען אין אפריקא. און האט זיי אויף די אינזלען אויסגעביטען אויף פערל, פעל און אנדערע סחורות. ער האט די סחורות אנגעלאדען אויף זיינע שיפען און זיי אפגעשיקט קיין שפאניען זיי דארטען צו פארקויפען. די שפאנישע רעגירונג האט די סחורה קאנפיסקירט אויפ'ן גרונט, אז פרעמדע טארען ניט האנדלען אין שפאנישע קאלאניעס. דזשאן האאקינס האט זיך פארשווארען צו באקעמפען שפאניען.

די מלחמה וואס האאקינס האט אנגעהויבען איז פארטגע־זעצט געווארען פון א צווייטען ענגלישען סוחר, קאפיטאן פרענסיס דרייק. די מעטאדען זייערע זיינען געווען די זעלבע ווי פון פיראטען. זיי פלעגען אפשטעלען שפאנישע שיפען אין מיטען ים און זיי בארויבען. זיי פלעגען באפאלען שפאנישע האפען־שטעט אין אמע־ריקא, צונעמען אלץ וואס זיי האבען געקענט, אנלאדען אויף שיפען און דאס איבעריגע פארברענען. זיי האבען גערויבט און געמארדעט. איבערהויפט האט פרענסיס דרייק ארויסגעוויזען אי־בערנאטירליכע העלדישקייט און פייאיגקייט אין די דאזיגע אונ־טערנעמונגען. וועגען זיינע רויב־רייזעס איז אנגעשריבען געווא־רען א ביבליאטעק מיט ביכער.

די ענגלישע רעגירונג האט כלומרשט דערמיט ניט געהאט צו טאן. אין אמת'ן אבער האט זי די פיראטען געשטיצט. אין ענגלאנד האט דעמאלט געהערשט די קעניגין עליזאבעט. זי איז געווען פער־זענליך פאראינטערעסירט אין דרייק'ס עקספעדיציעס. זי האט געקראגען א טייל פון זיין רויב. ווען ער איז צוריקגעקומען פון איינער פון זיינע געלונגענסטע רייזעס, האט זי אים באערט מיט א טיטעל.

שפאניען האט געדולדעט אזוי לאנג ווי עס איז מעגליך גע־ווען צו דולדען. ענדליך האט זי זיך איבערצייגט, אז אויב עס וועט ווייטער אזוי גיין, וועט ענגלאנד מיט דער צייט ביי איר צונעמען די אמעריקאנישע קאלאניעס. אין 1588 האט שפאניען דערקלערט קריג געגען ענגלאנד. דער קריג איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע אין דער געשיכטע פון ענגלאנד און פון גאנץ איי־ראפא. שפאניען האט געשיקט איר פלאטע איינצונעמען ענגלאנד. די ענגלאנדער האבען ארויסגעשיקט זייערע שיפען צו באגעגענען די שפאנישע פלאט. פרענסיס דרייק איז געווען דער ענגלישער אדמיראל. די שלאכט האט זיך געענדיגט מיט א פולשטענדיגער מפלה פאר שפאניען. ענגלאנד איז געווארען די גרויסע ים־מאכט.

די ערשטע פרובעס צו גרינדען קאלאניעס אין אמעריקא האבען די ענגלאנדער געמאכט אומגעפער אין דערזעלבער צייט. אין 1578 האט קעניגין עליזאבעט אוועקגעשענקט סיר האמפרי גילבערט דאס רעכט אויסצופארשען און צו קאלאניזירען לאנד אין אמעריקא. גילבערט האט געמאכט צוויי רייזעס. פארענדיג צוריק אהיים דעם צווייטען מאל זיינען דריי פון זיינע פיר שיפען אונטערגעגאנגען. אויף איינע פון די אונטערגעגאנגענע שיפען איז ער אליין געווען און ער איז דערטרונקען געווארען. זיין רעכט צו קאלאניזירען אמעריקא איז אריבער בירושה צו זיינעם א שטיף־ברודער, סיר וואלטער ראאלי.

סיר וואלטער ראאלי האט ארויסגעשיקט אן עקספעדיציע, וועלכע האט אויסגעפארשט דאס לאנד, וואו די קאראליינא סטייטס ליגען איצטער. זי האט צוריקגעבראכט א באגייסטערטען באריכט

פון דארטען. ראלי האט דעם געגענט א נאמען געגעבען „וויר־דזשיניא" (לכבוד דער קעניגין עליזאבעט, וועלכע האט קיינמאל ניט חתונה געהאט : „ווירדזשין" איז דער טייטש א בתולה). אין 1587 זיינען פון ענגלאנד ארויסגעפארען דריי שיפען מיט מענער, פרויען און קינדער קיין ווירדזשיניא. זיי האבען זיך באזעצט אויף דעם אינזעל ראאנאוק, לעבען נארד קאראליינא. דער גאווער־נאר פון דער קאלאניע איז געווען דזשאן וואייט. קורץ נאכדעם ווי זיי האבען זיך אויף דעם אינזעל באזעצט, האט גענומען אויספעלען עסענווארג. וואייט איז צוריקגעפארען קיין ענגלאנד ברייננגען פראוויאנט. כדי צו בארואיגען די קאלאניסטען טאמער וועט ער ניט צוריקקומען, האט ער אין ראאנאוק איבערגעלאזען זיין אייגענע טאכטער און איר קליין קינד.

ווען וואייט איז צוריקגעקומען קיין ענגלאנד האט מען זיך שוין דארטען געגרייט צו מלחמה מיט שפאניען. עס האט געדוי־ערט דריי יאר איידער אים איז געלונגען צוריקצוקומען קיין ראא־נאוק. ער האט אבער קיינעם פון די קאלאניסטען מער ניט געפונ־נען. די הייזער וואו ער האט די קאלאניסטען איבערגעלאזען זיינען געשטאנען פוסטע. אויף א בוים איז געווען אויסגעקריצט דער ווארט „קראאטאען". דאס איז געווען דער נאמען פון אן אינדיא־נישען שבט, וואס האט זיך געפונען ניט ווייט פון דעם אינזעל. ביז היינטיגען טאג איז דער שיקזאל פון די קאלאניסטען פאר־בליבען א געהיימניס. די אנגענומענע מיינונג פון היסטאריקער איז, אז די אינדיאנער האבען זיי באפריינדט און זיי האבען זיך מיט די אינדיאנער אויסגעמישט.

ווען דער 17־טער יארהונדערט עפענט זיך אויף איז שוין אין אמעריקא פאראן א גרויסע שפאנישע קעניגרייך. פון ענגלאנדער אבער איז דא נאך קיין סימן ניטא.

די גרינדונג פון די קאָלאָניעס

.1

אייראפא נאך דער אנטדעקונג פון אמעריקא

די געשיכטע פון די פאראייניגטע שטאטען הויבט זיך אן אין אנפאנג פון 17־טען יארהונדערט, ווען עס איז געגרינדעט געווארען די ערשטע ענגלישע קאלאניע אין ווירדזשיניא. אין אייראפא האט מען פון אמעריקא געוואוסט נאך מיט הונדערט יאהר פריהער, און איינינע לענדער האבען אהער אריבערגעשיקט עקספעדיציעס צו מאכען אויספארשונגען און צו זוכען גאלד און זילבער און צו פיהרען האנדעל מיט די איינגעבארענע, די אינדיאנער. די עקספעדיציעס האבען אין פארלויף פון 16־טען יאהר הונדערט געבראכט די ניי־ענטדעקטע אמעריקא נענטער צו אייראפא. זיי האבען צוגעגרייט דעם וועג פאר דעם שטראם פון אימיגראציע וואס האט אנגעהויבען צו פליסען פון דער אלטער צו דער נייער וועלט מיט איבער דריי הונדערט יאהר צוריק, און האט זיך נאך ניט אפגעשטעלט ביז היינטיגען טאג.

די איצטיגע אמעריקא איז א קינד, געבארען פון דער מוטער אייראפא. די געבורט איז פארגעקומען אין דעם 17־טען יאהרהונדערט, ווען די ערשטע קאלאניעס האבען זיך געגרינדעט. און די באציהונגען צווישען אמעריקא און אייראפא זיינען אין פארלויף פון די אלע יאהרען עהנליך געווען צו די באציהונגען צווישען עלטערען און קינדער. די ערשטע צייט איז אמעריקא געווען אינגאנצען אפהענגיג און אינגאנצען אונטערגעווארפען דעם מוטערלאנד אויף יענער זייט ים. שפעטער, ווען דאס קינד איז עלטער געווארען, האט עס זיך גענומען וועהרען, גענומען רעוואלטירען געגען דעם יאך פון דער מוטער, און ענדליך האט דאס קינד זיך

פון יאך ארויסגריסען און זיך ערקלעהרט זעלבסטשטענדיג און אונאבהענגיג. עטליכע צעהנדליג יאהר האט דאס קינד, אמעריקא, דאן געפיהרט דאס לעבען פון א „סינגלמאן“, האט ניט געזוכט קיין שידוכים, האט זי ניט געאיילט צו פארבינדען מיט די פא־מיליעס אין די ווייטע מקומות. אבער ענדליך, אין די לעטצע פאר צענדליג יאר האט אמעריקא זיך געכאפט, אז ווייטער אזוי לע־בען קען זי ניט, און האט זיך ווידער גענומען זוכען באציהונגען מיט די לענדער אויף יענער זייט ים. די איצטיגע באציהונגען זיינען אבער שוין פון אן אנדער סארט, ניט פון א קינד מיט על־טערען, נאר פון א ברודער מיט א ברודער, פון א גלייכען מיט א גלייכען.

צו פארשטעהן די געשיכטע פון אמעריקא, איבערהויפט פון די ערשטע יאהרען, איז וויכטיג צו האבען פריהער א באגריף פון דער לאגע אין אייראפא אין יענער צייט. די עקאנאמישע, סאציאלע און פאליטישע אומשטענדען פון די אייראפעאישע לענדער אין 16־טען און 17־טען יאהר הונדערט האבען באשטימט דעם שיקזאל פון די קאלאניעס אין אמעריקא. יענע אומשטענדען האבען עס געבראכט דערצו, וואס ווייסע מענשען זיינען געקומען זיך בא־זעצען אהער. יענע אומשטענדען האבען עס באשטימט וואס פאר א קלאסען מענשען עס זאלען אהער קומען און וואס פאר א געזעל־שאפט זיי זאלען דא נעהמען בויען. יענע אומשטענדען האבען עס אויך באשטימט וועלכע אייראפעאישע לענדער זאלען דא האבען די פאליטישע אויבערמאכט און וואס פאר א קירכע עס זאל דא האבען די גייסטיגע הערשאפט.

די הונדערט און פופציג יאהר, פון אונגעפעהר 1520 ביז אונ־געפעהר 1670, זיינען געווען פול מיט שטירמישע פאסירונגען אין גאנץ אייראפא. אין די דאזיגע הונדערט און פופציג יאהר איז ענגלאנד געווארען די שטארקסטע ים־מאכט און דאס וויכטיגסטע קאמערציעלע און אינדוסטריעלע לאנד. אין יענע הונדערט און פופציג יאהר איז פארגעקומען די רעפארמיסטישע רעוואלוציע גע־גען דער מאכט פון דער קאטוילישער קירכע, די רעוואלוציע וואס האט פאראורזאכט א גאנצע רייהע פון רעליגיעזע מלחמות, וועלכע

האבען פארפלייצט גאנץ אייראפא מיט ימים בלוט. אין יענער צייט איז אויך פארגעקומען די פאליטישע רעוואלוציע אין ענגלאנד, אין וועלכער א קעניג איז הינגעריכטעט געווארען און דורך וועלכער די בורזשואזיע האט צום ערשטען מאל אריינגעקראגען די פאליטישע מאכט אין איהרע הענד.

מיט אט דער עפאכע פאנגט זיך אייגענטליך אן די געשיכטע פון דער מאדערנער צייט. די מאכט הויבט זיך אן ארויסצוגליטשען פון די הענט פון די גלחים און די פריצים און געהט אריבער צו די פינאנציעלע און אינדוסטריעלע מאגנאטען. אנשטאט דעם צלם און דעם שווערד פאנגט אן צו הערשען די גאלדענע מטבע.

אין די אייראפעאישע לענדער, וואס געפינען זיך אויפ'ן קאנטינענט, איז די מאכט פון פאפסט געווען אזוי אונגעהייער גרויס, אזוי טיף איינגעפונדעוועט, אז אין דעם קאמף זי אומצוואווארפען, זיינען די לענדער אליין שיער ניט אינגאנצען חרוב געווארען. די רעליגיעזע מלחמות האבען זיך דארטען אנגעהויבען קורץ נאכדעם ווי לוטהער, דער פאטער פון דער קריסטליכער רעפארם־באוועגונג, איז אין 1517 ארויסגעטראטען געגען פאפסט. וואס ווייטער זיינען די מלחמות געווארען בלוטיגער און גרויזאמער, ביז וואנען עס איז געקומען דער קלימאקס, דער שוידערליכער דרייסיג־יעהריגער קריג (פון 1618 ביז 1648). אט איז דער סך־הכל, וואס א היסטאריקער מאכט פון דער לעצטער פון די רעליגיעזע מלחמות:

„פיל טיילען פון צענטראל אייראפא זיינען פארוואנדעלט געווארען אין מדבריות, וואו פארהונגערטע פויערים האבען זיך געשלאגען מיט הונגעריגע וועלף איבער דער נבלה פון א טויטען פערד. פינף־זעקסטעל פון אלע שטעדט און דערפער אין דייטשלאנד זיינען פארניכטעט געווארען. אין דעם מערב־טייל פון דייטשלאנד, וואו עס האבען פריהער געלעבט 18 מיליאן מענשען, זיינען פארבליבען בלויז 4 מיליאן.“

די ערשטע צוויי לענדער, וואס האבען זיך ארויסגעריסען פון די לאפעס פון דעם פאפסט, זיינען געווען ענגלאנד און האלאנד. ענגלאנד האט דערביי ניט געהאט קיין סך שוועריגקייטען. דער קעניג האט צוליב זיינע פערזענליכע אורזאכען געפונען פאר באַ־

קוועם אליין צו ווערען דער הויפט פון דער קירכע און האט גע־לאזט וויסען דעם פאפסט, אז ער זאל זיין היילינע השפעה פון ענגלאנד צונעהמען, און יענער האט קיין אנדער ברירה ניט גע־האט און געמוזט פאלגען. גלאט אבער איז עס אין ענגלאנד ניט אפגעלאפען. א סך פרומע קאטוילליקען האבען זיך געשטעלט געגען קעניג און האבען דערפאר טייער באצאהלט. שפעטער זיינען דאר־טען פארגעקומען וייטערע פארפאלגונגען צוליב רעליגיעזע אורזא־כען; אבער דאס אלץ איז געווען גארניט אין פארגלייך מיט דעם, וואס איז פארגעקומען אויף דעם קאנטינענט.

האלאנד האט מיט טייכען בלוט באצאהלט איידער זי האט זיך פון דעם קאטוילליציזם באפרייט. איהר קאמף איז אייגענטליך געווען א דאפעלטער — אי א רעליגיעזער, אי א פאליטישער. אין נאמען פון קאטוילליציזם האט די מעכטיגע שפאניען געשיקט אר־מעען צו האלטען האלאנד אונטער איהר יאך. עס פארשטעהט זיך, אז שפאניען האט דא אריינגעלייגט די טומאה אין דער יראה. זי האט אין אמת'ן געזוכט צו פארשקלאפען האלאנד אונטער איהר פאליטישער און עקאנאמישער הערשאפט. די האלענדער האבען העלדיש געקעמפט און האבען ענדליך געוואונען. זיי האבען ארונ־טערגעווארפען פון זיך דעם גייסטליכען יאך פון רוים און דעם פאליטישען און עקאנאמישען יאך פון שפאניען.

די מאכט פון שפאניען איז געבראכען געווארען, אויף יבשה, דורך האלאנד, און, אויפ'ן ים, דורך ענגלאנד. צעהנדליגע יאהרען האבען זיך די ענגלישע שיפס־קאפיטאנען באנוגענט מיט באפאלען די שפאנישע האנדעלס־שיפען אין מיטען ים אדער אין די האפענס און זיי בארויבען. דעמאלט האט שפאניען געפיהרט א גרויסען האנדעל מיט די אינזלען ביי די אמעריקאנער ברעגען און אויך מיט געוויסע געגענדען אין צענטראל־ און זיד־אמעריקא. הויפט־זעכליך פלעגט שפאניען פון דארטען אימפארטירען גאלד און זיל־בער און אנדערע מעטאלען. די ענגלישע קאפיטאנען האבען זייערע רויבערייען אנגעפיהרט כלומר'שט אויף זייער אייגענער פאראנט־ווארטליכקייט, אבער עס איז פאר אלעמען קלאר געווען, אז זיי טוען עס מיט דער צושטימונג פון דער רעגירונג.

די געדולד האט ענדליך געפּלאַצט ביי שפּאַניען און זי האט באשלאסען צו בויען אַ גרויסע קריגס־פלאָטע און באַפאלען ענגלאַנד. אַ לאַנגע צייט האט זי געמאַכט די פאַרבערייטונגען. די פלאָטע איז פאַרטיג געוואָרען אין 1588. און דעמאָלט איז עס פאַרגעקומען די ים־שלאַכט, וועלכע איז אין די ענגלישע געשיכטע פאַרשריבען מיט גאָלדענע בוכשטאַבען. די שפּאַנישע פלאָטע, שפּאַניען'ס שטאָלץ און האָפנונג, איז צושמעטערט געוואָרען. עטליכע איבערגעבליבענע שיפלאַך האָבען זיך קוים דערשלעפּט צוריק אַהיים. מיט יענער ים־שלאַכט געהט אונטער די זון פון שפּאַניען און עס געהט אויף די זון פון ענגלאַנד.

.2

די עקאָנאָמישע רעוואָלוציע אין איראָפּאַ

אין דער זעלבער צייט וואָס די אַרמייען און פּלאַטען האָבען מיט פייער און שווערד געקעמפט פאַר פּאַפּסטען און רעליגיע; אין דער זעלבער צייט וואָס אַרמייען און פּלאַטען האָבען אין נאָמען פון רעליגיע און פּאַטריאָטיזם פאַרפּלייצט די לענדער און די ימים מיט בלוט, איז דערווייל שטילערהייט איבערגעבויט געוואָרען דער עקאָנאָמישער פונדאַמענט פון איראָפּאַ. די סמנים פון דער נייער אָרדנונג האָבען זיך באַוויזען נאָך מיט איינינע הונדערט יאָר פריער. אָבער די כוחות, וואָס זיינען נויטיג געווען די גרויסע עקאָנאָמישע איבערקערענישען צו מאַכען, זיינען נאָך דעמאָלט צו שוואַך געוועזען. ערשט אין 16טען יאָרהונדערט האָט זיך דער פּראָצעס פון דער איבערבויאונג אָנגעפאַנגען אויף אַ גרויסען, ברייטען מאַס־שטאַב; און אין דעם 17טען יאָרהונדערט איז די אַלטע אָרדנונג שוין כמעט ניט געווען צו דערקענען.

און אָט־די עקאָנאָמישע איבערקערעניש איז פאַר אונז איצטער וויכטיגער, האָט פאַר אונז אַ פיל גרעסערען אינטערעס און באַדייטונג, ווי יענע אַלע מלחמה־שטורמס און רעליגיעזע קאַמפען. די וועלט, אין וועלכער מיר לעבען היינט, איז געבויט אויף דעם נייעם עקאָנאָמישען פונדאַמענט, וואָס איז אין יענער צייט אוועקגעלייגט געוואָרען.

אין דער געשיכטע ווערט אָט די עקאָנאָמישע איבערקערעניש אָנגערופען: „די קאַפּיטאַליסטישע רעוואָלוציע“. געלט־מענשען זיינען פריער אויך געווען. אָבער זייער הויפּט ראָלע איז געווען צו באַזאָרגען די קעניגען, די פּריצים און די פּאַפּסטען מיט הלוואות. מאָראַלען איינפלוס און פּאָליטישע מאַכט האָבען זיי זייער ווייניג

געקענט אויסאיבען. אין 16טען יאָרהונדערט פאַנגען זיי אָן אַריינ־צודרינגען אין דער אינדוסטריע. זיי הויבען אָן צו ווערען די פּאַק־טישע בעלי־בתים אי פון דער שטאָדט, אי פון דעם דאָרף; און אין 7טען יאָרהונדערט פילען זיי זיך שוין אַזוי מעכטיג, סיי מאַטעריעל, סיי מאָראַליש, אַז זיי פאַרמעסטען זיך מיט די אַלטע פּאָליטישע הערשער און הויבען אויף אַ קאַמף פאַר אַ גלייכער, און אין מאַנכע פאַלען אפילו פאַר אַ גרעסערער דעה אין דער רעגירונג, ווי די קע־ניגען און די פריצים האָבען געהאַט.

ניט אין אַלע אייראָפּייאישע לענדער איז די „קאַפּיטאַליסטישע רעוואָלוציע“ פאָרגעקומען מיט דער זעלבער שנעלקייט. מער גיכ־סטיג ווי אַנדערשוואו זיינען די אומשטענדען געווען אין ענגלאַנד, הויפּטזעכליך דערפאַר וואָס אויף איר טעריטאָריע זיינען קיין מלחמות ניט פאָרגעקומען. די עקאָנאָמישע און פינאַנציעלע כוחות, וואָס זיינען אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך און שפּאַניען פאַרשווענדט געוואָרען אויף חרוב צו מאַכען איינער דעם אַנדערענ׳ס לאַנד, זיי־נען אין ענגלאַנד פאַרברויכט געוואָרען אויף איבערצובויען די אינ־דוסטריען אויף אַ מאָדערנעם, קאַפּיטאַליסטישען אופן.

אין דער אַלטער אָרדנונג איז דער פויער געווען זיכער מיט זיין שטיקעל ערד און דער אַרבייטער מיט זיין „דזשאָב“. די ערד האָט טאַקע געהערט צום פריץ און דער פויער איז טאַקע געווען צו דער ערד צוגעבונדען און צום פריץ פאַרשקלאַפּט, אָבער הפקר איז דער פויער ניט געווען. פונקט ווי ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּריי־סען פון דער ערד, אַזוי האָט זיך די ערד ניט געקאָנט אָפּרייסען פון אים. דער פריץ האָט אים ניט געקאָנט אַרויסזעצען. יעדער פויער איז באַרעכטיגט געווען צו אַ געוויסער צאָל אַקער לאַנד צום פאַרזייען, און ער האָט געהאַט די בשותּפות׳דיגע פריווילעגיע מיט די איבעריגע פויערים צו האַקען האָלץ אין די קהל׳שע וועלדער און צו פיטערען זיינע פי אויף קהל׳שער פּאַשע.

און דאָס זעלבע איז געווען מיט דעם אַרבייטער אין שטאָדט. דער אַרבייטער איז קיינמאָל ניט געווען אינגאַנצען זעלבסטשטענ־דיג, אָבער דערפאַר איז ער קיינמאָל ניט געווען אינגאַנצען הפקר. אַלס לערן־אינגעל פלעגט ער וואוינען ביי זיין בעל־הבית, וועלכער

פלעגט מוזען פאר אים זארגען. מיט דער צייט פלעגט ער ווערען א פאלשטענדיגער ארבייטער און אריינטרעטען אין „צעך“, וועלכער האט געהאט פולע און אבסאלוטע קאנטראל איבער דער אינדוסטריע. פון דעם טאג, וואס ער איז אריין אין צעך, איז ער געווען פארזארגט ביז׳ן טויט. דער צעך פלעגט אויף אלע מיטגלידער אכטונג געבען, פאר זיי זארגען אונטער אלע אומשטענדען, — אין פאל פון נויט, פון קראנקהייט. נאכ׳ן טויט אפילו פלעגט דער צעך אים באזארגען מיט קרקע און קבורה. אין צעך גופא זיינען אלע מיטגלידער געווען גלייך. קיין אויסווייניגסטער איז ניט צוגעלאזען געווארען אין דעם פאך צו זאגען די מינדעסטע דעה. אלע באדינגונגען פון דער ארבייט: געצייג, מאטעריאלען, אפילו געהאלט, און פרייזען פון דער סחורה, זיינען באשטימט געווארען פון צעך. די צעכען זיינען געווען די פאקטישע בעלי־בתים פון דער אינדוסטריע און האבען געהאט די גאנצע דעה איבער זייער פראדוקציע.

דער נייער קאפיטאליסט האט זיין אטאקע געמאכט אויף ביידע פראנטען: אויף דעם פויער אין דארף און אויפ׳ן ארבייטער אין שטאט. ער האט זיין קאמף געמוזט אזוי פירען, כדי צו זיין ערפאלגרייך. ער וואלט ניט געקענט זיגען אויף איין פראנט אן דעם צווייטען. די נייע סיסטעם האט געמוזט אונטערגראבען די אלטע ארדנונג אין ביידע געזעלשאפטען מיט אמאל.

אין דארף האט דער קאפיטאליסט אפגעקויפט די ערד און ארויסגעטריבען דעם פויער. א טייל פון דעם לאנד האט ער פארדונגען צו „טענענטס“, פון וועמען ער האט געפאדערט וואס העכערע רענט. א טייל האט ער געברויכט פאר פאשע פאר גרויסע סטאדעס שעפסען. אין שטאט האט זיך דעמאלט פאנאנדערגעבליט די וועב־אינדוסטריע און די נאכפראגע אויף וואל איז געווארען גרויס, האט זיך פאר׳ן לאנד־אייגענטימער געלוינט בעסער צו האדעווען שעפסען, ווי צו זייען תבואה. אפילו די קהל׳שע שטיקער לאנד, וואו די פויערים פלעגען געמיינשאפטליך פיטערען זייער פי און קלייבען זייער האלץ, זיינען פארכאפט געווארען פון די קאפיטאליסטען. עס פארשטייט זיך, אז די רעגירונג איז געשטאנען הינטער זיי און וואו די פויערים האבען געפרואווט זיך צו שטע־

לען געגען די רויבערישע קאפיטאליסטען, איז די רעגירונגס־ארמיי געווען אויפ'ן פלאץ די קאפיטאליסטען צו העלפען.

און אין שטאט האט דער קאפיטאליסט ארגאניזירט ווארשטאטען און פאבריקען און איז ארויס אין קאמף געגען די „צעכען“. קיין ארבייטער האבען איצטער ניט געפעלט, — א דאנק דער קאפיטאליסטישער טעטיגקייט אין דארף. דערצו זיינען די צעכען אין פארלויף פון די דורות פארוואנדעלט געווארען אין א סארט טראסט, און זיי האבען געמאכט אלערליי שוועריקייטען פאר נייע מיטגלידער. זיי האבען פארלייגערט דעם טערמין פון די לערנונגען און געשטעלט אזויגע באדינגונגען צו די אויסגעדינטע לערנונגען, אז עס פלעגט געדויערען לאנגע. לאנגע יארען איידער זיי האבען געקראגען דאס רעכט אויף פולער מיטגלידערשאפט אין די די קאפיטאליסטישע ווארשטאטען אריין, און דאס האט אויך געווירקט צו באשרענקען די מעגליכקייטען פון די צעכען אין דער אנטוויקלונג פון די אינדוסטריען, און האט געמאכט פלאץ פאר דעם קאפיטאליסטישען אונטערנעמער.

עס פארשטייט זיך, אז די רעגירונג האט אויך דא געשטעלט איר מאכט צו דינסט פון דעם קאפיטאליסט. די צעכען זיינען פריער אין זייער גאנצער טעטיגקייט געווען באשיצט דורך דעם געזעץ און דורך דער רעגירונגס־מאכט. איצטער אבער, ווען זיי זיינען געקומען אין צוזאמענשטויס מיט'ן קאפיטאליסט, האט דאס געזעץ און די רעגירונגס־מאכט אז זיי פארגעסען און זיך געשטעלט אויף דער זייט פון זייערע שונאים.

דער קאפיטאליסט אין דארף האט געטריבען דעם פויער אין שטאט אריין, און אין שטאט איז געשטאנען א צווייטער קאפיטאליסט, וועלכער האט דעם פויער אריינגעכאפט אין נעץ און אים געמאכט פאר אן ארבייטער־שקלאף. דער אומגליקליכער האט פארלארען דעם באדען פון אונטער די פיס. דער קאפיטאליסט אין שטאט האט אים געצאלט א הונגער־לוין און אים געהאלטען נאר ווען ער האט אים געדארפט. האט די נאכפראגע אויף סחורה זיך אפגעשטעלט, איז דער ארבייטער פארוואנדעלט געווארען אין א היימלאזען בעטלער, אין א וואגאבונד, וועלכער איז פארפאלגט

געווארען פון דער רעגירונג ווי א פארברעכער, און געטריבען גע־ווארען פון זייער אויסבייטער ווי א קרעציגער הונט.

די לאגע פון די גרויסע מאסען, סיי אין דארף, סיי אין שטאט, איז דורך דער איבערקערעניש שרעקליך פארערגערט געווארען. שרייבט א היסטאריקער וועגען דעם דאס פאלגענדע: „די עקאנא־מישע אנטוויקלונג פון דעם 16טען יארהונדערט האט דעם יאך פון די ארימע פיל שווערער געמאכט. בשעת אין 15 יארהונדערט זיינען פלייש און וויין געווען א געוויינליכע זאך אויפ'ן טיש פון דעם דורכשניטליכען מענשען, זיינען זיי אין 16טען יארהונדערט באטראכט געווארען פאר א לוקסוס, וואס בלויז רייכע האבען זיך געקענט פארגינען.”

די רייכע און געבילדעטע קלאסען האבען דעם פויער בא־טראכט ווי א נידעריגע באשעפעניש. זיי פלעגען אים רופען „אן אקס אן הערנער”. אפילו די גלחים און די פאפסטען האבען זיך פאר אים ניט געקימערט. פארקערט, זיי האבען נאך געזוכט מיט־לען ווי אזוי פון אים ארויסצודריקען דאס ביסעל בלוט, וואס דער פריץ און דער קאפיטאליסט האבען נאך איבערגעלאזען אין זיינע אדערען.

די צאל פון בעטלער און וואגאבונדען האט אין פארלויף פון 16טען יארהונדערט געהאלטען אין איין וואקסען. אין יאר 1600 איז צווישען א פערטעל און דריטעל פון דער גאנצער באפעלקערונג פון לאנדאן באשטאנען פון מענשען, וואס האבען געמוזט אנקו־מען צו קצבה. אין די דערפער איז די לאגע ניט געווען בעסער.

3.

די פוריטאַנער אַלס אַ רעליגיעזע סעקטע

ביי די אַמעריקאַנער היסטאָריקער ווערט דער בכבוד׳יגסטער פּלאַץ צווישען די ערשטע קאָלאָניסטען און אימיגראַנטען אָפּגע־געבען די פּוריטאַנער — די רעליגיעזע סעקטען פון ענגלענדער, וועלכע האָבען געגרינדעט די ערשטע קאָלאָניעס אין מאַסאַטשו־זעטס און זיינען אַהער געקומען אין די טויזענטער אין פאַרלויף פון 17טען יאָרהונדערט. זיי ווערען געשילדערט אַלס פרומע, גאָטס־פאָרכטיגע און העכסט מאָראַלישע קריסטען, וועלכע זיינען פאַר זייער פרומקייט פאַרפאָלגט געוואָרען אויף יענער זייט ים, אי פון דער רעגירונג, אי פון דער קירכע, און זיי האָבען ריזיקירט מיט זייערע לעבענס און זיינען געקומען אין דער אַמעריקאַנער וויל־דערניש צו זוכען אַ רוהיגען אָרט, אַ ווינקעל, וואו זיי זאָלען קאָנען זיין פריי, וואו זיי זאָלען האָבען די מעגליכקייט צו דינען גאָט און איינצואָרדענען די געזעלשאַפט לויט זייער ריינעם און ערהאָבע־נעם געוויסען.

אָט די שילדערונג פון די פּוריטאַנער איז בלויז טיילווייז ריכ־טיג. באַקענט מען זיך גענוי מיט דער געשיכטע פון די סעקטען אין ענגלאַנד, מיט זייערע רעליגיעזע פּרינציפּען און זייער אַלגעמיינער פּסיכאָלאָגיע, באַקומט מען אַ גאַנץ אַנדער בילד פון זיי; מען באַ־קומט אַ גאַנץ אַנדער מיינונג וועגען זייער ראָלע אין דער אַמערי־קאַנער געשיכטע.

דער אויפשטאַנד געגען דער הערשאַפט פון פּאַפּסט אין דער קירכע, וועלכער איז אין דער געשיכטע פאַרצייכענט אונטער׳ן נאָמען „די רעפאָרמאַציע“, האָט זיך אָנגעפאַנגען אין יאָר 1517 אין דייטשלאַנד. אַ מאָנאַך מיט׳ן נאָמען לוטהער איז דעמאָלט אַרויס־

געטראַטען געגען דעם פּאַפּסט'ס אַן אַגענט, וואָס איז ארומגעפּארען איבער'ן לאַנד און האָט פאַרקויפט מחילות און סליחות פאַר זינד, וואָס זיינען שוין באַגאַנגען געוואָרען און וואָס דאַרפען ערשט באַגאַנגען ווערען. עס פאַרשטייט זיך, אַז לוטהער'ס ארויסטריט איז געווען בלויז דער פונק אין דעם פּולווער, וואָס איז שוין אין פאַרלויף פון אַ פּאָר הונדערט יאָר פריער אָנגעזאַמעלט געוואָרען. די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע לאַגע האָט זיך אויף אַזוי פיל געהאַט געענדערט, אַז די הערשאַפט פון דעם רוימישען פּאַפּסט האָט געמוזט פּלאַצען, אַזוי ווי קינדערשע קליידער אויף אַ דערוואַקסענעם מענשען.

אין ענגלאַנד איז דער רוימישער פּאַפּסט אראָפּגעוואָרפען געוואָרען פון זיין טראָן אין דער קירכע מיט עטליכע יאָר שפּעטער דורך אַ באַפעל פון דעם קעניג הענרי דעם אַכטען. דער פּאַפּסט האָט פאַרלאָרען ענגלאַנד ניט פאַר זיינע חטאים, נאָר וויַיל דער ענגלישער קעניג האָט געוואָלט פּטור ווערען פון זיין ווייב און הייראַטען מיט אַ געליבטער. זייענדיג אַ קאַטאָליק, האָט דער קעניג ניט געקענט, צוליב דער עפענטליכער מיינונג, בייטען די ווייבער אָן אַ הכשר פון דער קירכע. צום אומגליק, אָבער, איז זיין געזעצליכע פרוי געווען אַ שוועסטער פון דעם שפּאַנישען קעניג, מיט וועמען דער פּאַפּסט האָט מורא געהאַט זיך איינצורייסען. אַ פּאָר יאָר האָט דער פּאַפּסט אָפּגעלעגט דעם קעניג מיט פאַרשפּרעכונגען און מיט פאַרשידענע עצות, אָבער עס איז געקומען אַ צייט, ווען דער קעניג האָט מער ניט געקענט וואַרטען. די געליבטע איז דאָן געווען אין די הויכע מאָנאַטען. האָט דער קעניג געהייסען די וויכטיגסטע גלחים פון לאַנד זיי זאָלען זיך פאַרזאַמלען און אָננעמען אַ באַשלוס, אַז ניט דער פּאַפּסט פון רוים איז יעזוס'עס פאַרשטייער און גאָט'ס וויצע־קעניג איבער דער קירכע אין ענגלאַנד, נאָר דער קעניג הענרי דער אַכטער. זיי האָבען במעט איינשטימיג דעם באַשלוס אָנגענומען, און ענגלאַנד איז איבער נאַכט ארויס פון דעם פּאַפּסט'ס רשות און איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען פון אַ קאַטוילישער אין אַ פּראָטעסטאַנטישער מדינה.

דער רעוואָלט אין דער קירכע אויף דעם אייראָפּייאישען קאָנ־

טינענט איז געווען באזירט אויף פרינציפען, אויף טעאלאגישע מיינונגס־פארשידענהייטען. די באוועגונג איז אנגעפירט געווארען פון גלחים, דענקער און געלערטע. זיי זיינען ארויסגעטראטען גע־גען געוויסע מנהגים, געגען געוויסע אבערגלויבענס און געוויסע האנדלונגען פון די קאטוילישע הייליגע. זיי האבען, צום ביישפיל, פארדאמט אלס געצענדינסט דאס בוקען זיך און דאס תפילה טאן צו געצעקס פון פארשטארבענע הייליגע. זיי האבען געפאדערט, אז דאס גאטעס־דינסט זאל איינגעפירט ווערען ניט אויף דער אלטער לאטייניישער שפראך, וועלכע דער עולם און אפילו א סך גלחים האבען ניט פארשטאנען, נאר אין דער פאלקס־שפראך.

די רעפארמירטע קירכען אין די לענדער אויף דעם קאנטי־נענט, האבען זיך אלזא באפרייט ניט בלויז פון דעם פאפסט'ס דעה, ניט בלויז פון צאלען צינזען צום פאפסט, נאר אויך פון א סך דומע און אפגעלעבטע מנהגים און מצוות, וואס זיינען אין פארלויף פון הונדערטער יארען אנגעוואקסען אויף דער קאטולי־שער קירכע, ווי מאך אויף שטיין. דאס איז אבער ניט דער פאל געווען אין ענגלאנד. דארטען איז דער רעוואלט געווען פון דעם קעניג געגען פאפסט. פון איין פערזאן געגען א צווייטען. עס האט זיך געהאנדעלט בלויז אין דעם, ווער עס זאל הערשען. אזוי ווי דער קעניג איז געווען שטארקער, האט ער דעם פאפסט באזיי־טיגט און פארנומען זיין פלאץ. וואס אנבאלאנגט אבער די אלע איבעריגע זאכען איז אלץ געבליבען כמעט ווי ביים אלטען.

דעם פאפסט'ס קירכע איז אראפ און דעם קעניג'ס קירכע האט פארנומען איר פלאץ. דער נאמען פון דער קירכע איז דעריבער געענדערט געווארען. דעם פאפסט'ס קירכע האט זיך גערופען „קא־טוילישע". איצטער האט מען איר א נאמען געגעבען דאס ענג־לישע (ענגליקען).

מיט דער צייט, אבער, האבען זיך אין ענגלאנד גענומען פאר־שפרייטען די אמת'ע רעפארם־געדאנקען, מיט וועלכע דער גאנ־צער קאנטינענט האט געשטורמט. און צווישען די מאסען האט זיך אויפגעהויבען א באוועגונג די קירכע צו רייניגען, צו פארטרייבען דעם פאפסט'ס גייסט, וואס דער קעניג האט איבערגעלאזען. אט

די באַוועגונג, וועלכע איז אין ענגלאַנד אַנטשטאַנען אומגעפער אין יאָר 1570, ווערט עס באַצייכענט מיט'ן נאָמען „פּוריטאַניזם".

דער גרעסטער טייל פּוריטאַנער זיינען פאַרבליבען אין דער ענגלישער קירכע און האָבען „געבויערט פון אינווייניג". דאָס זיינען, פאַרשטייט זיך, געוועזען פּראָטעסטאַנטען פון מילדערען סאָרט. עס זיינען אָבער אויך געוועזען אַזעלכע, וואָס האָבען פאַרשטאַנען, אַז אינווייניג אין דער אַלטער קירכע וועט זייער אַרבייט זיך ניט אַנזען. זיי האָבען אויך געגלויבט, אַז עס איז אַ זינד גאָר אינגאַנצען צו האָבען אַ מגע־ומשא מיט דער אַלטער, געצענדינערישער „פּאַפּסטליכער" קירכע. זיי האָבען זיך דעריבער אינגאַנצען אָפּגעריסען און האָבען אָרגאַניזירט אייגענע רעליגיעזע קהלות. אויף אַזאַ אופן זיינען אַנטשטאַנען פאַרשידענע סעקטען: מאַנכע זיינען אין זייערע רעפאָרמען אַוועק אַ סך ווייטער, אַ סך לינקער, ווי אַנדערע. אָבער די גרונד־געדאַנקען פון זייער גלויבען זיינען געווען דיזעלבע.

די פאַרשפּרייטונג פון דעם פּוריטאַניזם אין ענגלאַנד פאַלט צוזאַמען מיט דעם דראַנג פון דער מיטעל־קלאַס, פון דער קאַפּיטאַליסטישער בורזשואַזיע, צו געווינען די פּאָליטישע מאַכט. אין עס איז וויכטיג צו באַמערקען, אַז דער פּוריטאַניזם געפינט זיינע שטאַרקסטע אַנהענגער טאַקע צווישען אָט דעם קלאַס. דאָס איז ניט קיין צופאַל. מען מוז אין זינען האָבען, אַז די פּסיכאָלאָגיע, די גייסטיגע אַטמאָספערע פון דעם דורכשניטליכען מענשען אין יענער צייט איז געווען אַ רעליגיעזע. די קירכע, די רעליגיע, איז געווען דער וואָרצעל, פון וועלכען יעדער קלאַס אין דער דאַמאָלסדיגער געזעלשאַפט האָט געמוזט ציען יניקה. די נייע פּוריטאַנישע אַנשויאונגען וועגען דער קירכע האָבען אַפּעלירט צו דער נייער בורזשואַזיע טאַקע דערפאַר, וואָס זיי האָבען אונטערגעגראָבען איינעם פון די יסודות פון דער אַלטער פּאָליטישער אָבדנונג. דער קאַמף פון דער בורזשואַזיע איז געווען געגען דעם קעניג און די לאַנד־באַראָנען. און די אַלטע קירכע האָט דאָך דעם קעניג אָנערקענט אַלס דעם גייסטיגען פאָטער, און די פּריצים אַלס זיינע אַ ד י ו ט אַ נ ט ע ן.

די באציהונגען פון דעם קעניג צו דעם פריצים־קלאס פון איין זייט און צו דעם נייעם קאפיטאליסטישען מיטעל־קלאס פון דער צווייטער זייט, זיינען געווארען שטארק אנגעצויגען אין די ערשטע פאר צענדליג יאר פון 17טען יארהונדערט. און אין יענע יארען זיינען די פוריטאניסטישע סעקטעס שטארק פארפאלגט געווא־רען. אין די פערציגער יאהרען האט ענדליך אויסגעבראכען אן אפענע רעוואלוציע. דער מיטעל־קלאס (די הענדלער, די פאברי־קאנטען, די באנקירען), דער קלאס, וואס האט שוין דאן געשפילט א פיל וויכטיגערע ראלע אין דעם עקאנאמישען לעבען פון לאנד, ווי די אלטע לאנד־אריסטאקראטיע מיט'ן קעניג בראש, האט פאר־כאפט די מאכט דורך דעם פארלאמענט. די מאיאריטעט פון דעם קלאס זיינען טאקע געווען פוריטאנער, אבער פון דעם מילדען סארט. אבער כדי אנצופירען די רעוואלוציע האט זיך געפאדערט א פא־נאטישע באגייסטערונג, א הייליגער אידעאל, וואס זאל מעגליך מאכען פאר די רעוואלוציאנערען צו גיין אין פייער. דאס האט דער קאפיטאליסטישער קלאס ניט פארמאגט. האט זי ערלויבט די פארפאלגטע פרומע סעקטען פון די פוריטאנער, אז זיי זאלען די רעוואלוציע אנפירען. אזוי האט געהאנדעלט די בורזשואזיע אין אלע רעוואלוציעס. וואס זיינען געמאכט געווארען פון אירעט־וועגען. זי לאזט די „נידעריגערע” קלאסען זיי זאלען איר שונא באקעמפען אין נאמען פון א הויכען אידעאל. און ווען דער שונא איז פארניכטעט, זעצט זי זיך ארויף אויפ'ן שטול און ווערט די הערשעריז, אפט נאך א פיל מער טיראנישע הערשערין, ווי די אראפגעזעצטע.

די פרום־באגייסטערטע פוריטאנער האבען געמאכט די רע־וואלוציע אין נאמען פון מאראל, אין נאמען פון געטליכקייט. אין דער לאנד־ווירטשאפט, אין דער לאנד־עקאנאמיע, האבען זיי גע־דינט די אינטערעסען פון דער בורזשואזיע. אבער דאס איז ביי זיי ניט געווען דער עיקר. די הויפט־באגייסטערונג האבען זיי גע־צויגען דערפון, וואס, באזיצענדיג די פאליטישע מאכט, האבען זיי געהאט די מעגליכקייט אויסצורייניגען ענגלאנד פון זינד. זיי האבען צוגעמאכט אלע טעאטערס, פארבאטען טאנצען. און מאי־

פארדען אויף די פעלדער. זיי האבען פארפאלגט די קאטוילעקען און פארבאטען די גלחים פון דער קאטוילישער קירכע צו זאמלען צינזען פון זייערע מיטגלידער. יעדען אויפשטאנד האבען זיי דער־טרונקען אין בלוט. ווייל זיי האבען עס באטראכט ניט אלס א רעוואלט געגען זייער פאליטישער מאכט, נאר געגען גאט אליין, אין מלחמה זיינען זיי געגאנגען זינגענדיג תפילות.

די הערשאפט פון די פאנאטישע פוריטאנער האט אנגעהאל־טען ניט מער ווי א עלף יאר, פון 1649 ביז 1660. דאן זיינען זיי באזייטיגט געווארען און די אלטע קעניגליכע פאמיליע איז צוריק אויפ'ן טראן ארויף. איר מאכט איז אבער שוין געווען געבראכען. דער פארלאמענט, אין וועלכען דער מיטעל־קלאס האט געהאט די דעה, איז געווארען בּיסלעכווייז דער אמת'ער הערשער. די פאנא־טישע פוריטאנער האבען אפגעטאן זייער ארבייט און מער האט מען זיי ניט געדארפט.

די פוריטאנער האבען אין ענגלאנד די פאליטישע מאכט שנעל פארלארען. אין איינינגע אמעריקאנער קאלאניעס האבען זיי אבער א לאנגע צייט געוועלטיגט מיט אבסאלוטער מאכט. און דער פוריטאנישער גייסט איז נאך ביז היינטיגען טאג אינגאנצען ניט אויסגעראטען. עס איז דעריבער וויכטיג צו פארשטיין די נשמה פון פוריטאניזם, אריינצודרינגען אין דער פסיכאלאגיע פון די מענשען, פאר וועמען דער פוריטאניזם איז געווען די גייסטיגע לופט, וואס זיי האבען געאטעמט יעדען טאג און יעדע רגע פון זייער לעבען.

דער גרונד פּרינציפּ פון דעם פוריטאניסטישען גלויבען איז דער פאלגענדער: נאך איידער דער ערשטער מענש איז באשאפען געווארען, האט גאט באשטימט דעם שיקזאל פון אלע איינצעלנע מענשען אין אלע דורות אויף אייביג. גאט האט שוין דעמאלט פאר־אורטיילט די גאנצע מענשהייט צום אייביגען גיהנום. ער האט געמאכט אן אויסנאם מיט אן אומבאדייטענדער קליינער צאל, א הייפעלע אויסגעווילטע „אתה בחרת'ניקעס”. זיי האט ער בא־שטימט צום אייביגען גן־עדן. ווער די גליקליכע אויסגעווילטע זיינען, ווייס קיינער ניט. און דעם מענשען'ס מעשים אויף דער

וועלט, ווי גוט, ווי פרום, ווי געטליך זיי זאָלען ניט זיין, וועלען אים ניט ביישטיין נאָכ'ן טויט. אויב ער איז פון פריער ניט באַשטימט געוואָרען צו דעם אויסגעוויילטען קלאַס, וועט ער זיך בראָטען אין גיהנום גלייך מיט די זינדיגע. אפילו די עופ'עלע, וועלכע שטאַרבט גלייך נאָכ'ן געבורט, ווערט אויך אין גיהנום פאַרשיקט, אויב זי געהערט ניט צו די גליקליכע אויסגעוויילטע, כאָטש זי האָט ניט געהאַט די מעגליכקייט צו באַגיין אַ זינד.

אַלץ וואָס געשעט איז פאַראויס באַשטימט פון גאָט. דער מענש קען דאָ אויף דער ערד ניט אַ ריר טאָן מיט אַ פינגער, סיידען דאָס איז דער פאַראויס באַשטימטער וואונש פון גאָט אין הימעל. דער מענש האָט ניט קיין פרייען ווילען.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די פוריטאַנער האָבען געגלויבט, אַז זיי זיינען די אויסגעוויילטע, זיי זיינען פאַראויס באַשטימט צום גן־עדן; און אַז אַלע, וואָס זיינען ניט קיין פוריטאַנער, זיינען פאַראורטיילט צום אייביגען ליידען. זיך האָבען זיי באַטראַכט אַלס די אמת'ע קינדער פון גאָט, אַלס די הייליגע. אַלע איבעריגע מענשען האָבען זיי באַטראַכט אַלס די קינדער פון טייפעל, אַלס די אומריינע.

פון דעם גרונד־פרינציפ האָבען די פוריטאַנער אַנטוויקעלט אַ צווייטען וויכטיגען געדאַנק: אַלץ, וואָס דער מענש טוט, איז ענטוועדער גוט אָדער שלעכט, געטליך אָדער טייפליש. קיין נייטראַלע מעשים זיינען ניטאָ. עסען, טרינקען, פאַרברייגגען, גייען שפּאַצירען — יעדע זאַך וואָס דער מענש טוט אויפצוהאַלטען זיין לעבען, איז ענטוועדער כשר אָדער טריף, — כשר, אויב ס'ווערט געטאָן לויט גאָט'ס וואָרט, און טריף — אויב ניט. דער פרומער פוריטאַנער האָט דעריבער געמוזט טראַכטען וועגען גאָט יעדען מאָמענט פון זיין אַלטעגליכען לעבען. ער האָט אויף אַ מאָמענט ניט געטאָרט אָפּווענדען זיינע געדאַנקען און זיינע געפילען פון זיין רעליגיע.

אין אַ געזעלשאַפט וואָס באַשטייט און וואָס איז באַהערשט פון פוריטאַנער קען רעליגיע ניט זיין אַ פּריוואַט־זאַך. פונקט פאַרקערט. דאָרטען איז אַלץ — רעליגיע, אַלץ — אי דאָס פּרי־

וואט־לעבען פון דעם איינצעלנעם. אי דאס פאמיליען־לעבען, אי די שטאט־פאליטיק, די מאראל, די קונסט, אונטערהאלטונג — אלץ איז רעליגיע, מוז אלץ געפירט ווערען און באהערשט ווערען פון די כשרה פוריטאנער, ווייל נאר זיי זיינען רעליגיעז, נאר זיי זיי־נען געטליך. אלע איבעריגע זיינען דאך איינגעטונקט אין זינד און פאר׳משפט צום קאלך־אויווען. די פוריטאנישע געזעץ־געבער האבען מיט דער גאנצער נשמה געגלויבט, אז די געזעצען זייערע זיינען גאט׳ס באפעל, גאט׳ס ווילען, און זיי האבען מיט דער זעל־בער איבערצייגונג געגלויבט, אז עס איז די פליכט פון דער רעגי־רונג אכטונג צו געבען און צו קאנטראלירען יעדע קלייניקייט, יע־דע איינצלעהייט אין דעם לעבען פון אלע איינוואוינער. די פו־ריטאנישע הערשאפט האט געמוזט ווערען מער דעספאטיש, מער טיראניש ווי די הערשאפט פון די אנדערע קירכען, אדער אפילו פון מאנארכען. דער מאנארך האט געזוכט צו באהערשען זיינע אונטערטאנען פאליטיש, געזעלשאפטליך. די אלטע קירכען האבען געפאדערט פון די מיטגלידער געוויסע אפצאלונגען און געוויסע רעליגיעזע צערעמאניעס. ביידע פון אט די דעספאטיען האבען אי־בערגעלאזען פאר דעם מענשען אליין אזעלכע טעטיקייטען און לע־בענס־אויסדרוקען אין וועלכע זיי האבען זיך ניט געמישט. אבער פאר די פוריטאנישע הערשער האבען אזוינע טעטיקייטען און אזוינע לעבענס־אויסדרוקען ניט עקזיסטירט. דער בירגער איז קיינמאל ניט געווען אין זיין אייגענעם רשות. דער פוריטאנישער געזעצמאכער האט געהאלטען פאר זיין חוב גוזר צו זיין וואס פאר קליידער מענשען זאלען טראגען, וואס פאר נעמען עלטערען זאלען געבען זייערע קינדער, אויף וואס פאר אן אופן מענשען זאלען זיך באגריסען, וואס זיי זאלען עסען און טרינקען און אזוי ווייטער.

אויף דער וועלט האט דער פוריטאנער געקוקט ווי אויף אן אומריינעם, זינדיגען ארט, פון וועלכען דער טויט וועט אים אויס־לייזען. זיין הויפט צוועק אויף דער ערד איז אויסצוהיטען זיך פון די שטרויכלונגען פון דעם שטן. ער מוז זיך ארומרינגלען מיט סיגים (מיט צאמען) דער שטן זאל צו אים ניט צושטיין. וואס

מער ער האָט זיך דערוווייטערט פון די פאַרגעניגענס פון לעבען, אַלע זיכערער איז ער געווען מיט יענער וועלט, ווייל דאָס איז געווען אַ באַווייז, אַז ער געהערט צו די אויסגעוויילטע. ער האָט געזוכט רק צו אונטערדריקען אין זיך דעם ווילען און די געפילען, און אויפצוהויבען זיין נשמה צום הימעל.

ווי האָט אַזאַ וועלט־אַנשויאונג געווירקט אויף דער פּסיכאָ־לאָגיע פון די פוריטאַנער?

די פוריטאַנער האָבען זיך געהאַלטען פאַר איבערמענשען. זיי האָבען געפילט ביי זיך, אַז זיי זיינען די יחסנים און אַז זיי האָ־בען דאָס רעכט די זינדיגע צו פאַרפאָלגען און צו באַשטראָפען. דער פוריטאַנער האָט ניט געוואוסט פון טאָלעראַנץ, ער האָט ניט גע־וואוסט פון מיטלייד, פון סימפּאַטיע. דער וואָס איז פון גאָט פאַר־דאַמט, מוז פון אים, גאָט'ס אויסגעוויילטער, אויך פאַרדאַמט ווערען.

זיי זיינען אַנטלאָפען פון לעבען, האָבען אָפּגעווענדט די אויי־גען פון דאָס שיינע און דאָס שיינערע און זיך געגריבעלט אין דאָס מיאוסע און טונקעלע. זיי האָבען פאַרלאָרען דעם חוש פאַר פאַרגעניגען און פרייליכקייט. זיי זיינען תמיד געווען אין שרעק טאָמער זינדיגען זיי. די גלחים פלעגען דרשנ'ען וועגען גיהנום, וועגען די יסורים פון די זינדיגע אויף יענער וועלט.

די שרייבער איבער פוריטאַניזם ווייזען אימער אָן אויף דער ענליכקייט צווישען דער קריסטליכער סעקטע און די „אידען פון דעם אַלטען טעסטאַמענט". דער אַלטער אידישער גאָט, זאָגען זיי, איז געווען אַ בייזער, אַ שלעכטער, אַ גאָט פון נקמה. ער האָט די אידען באַשטימט פאַר זיינע אויסגעוויילטע און די איבעריגע מענ־שען אין דער וועלט האָט ער געלאָזען אויף הפקר. דער קריסט־ליכער גאָט איז אַנדערש. ער איז אַ גאָט פון ליבע און ער האָט ניט קיין אויסגעוויילטע. ביי אים זיינען אַלע מענשען גלייך, אַלע זיינען זיינע קינדער. די פוריטאַנער זיינען דעריבער אין גייסט געווען אידען, ניט קיין קריסטען. און די שרייבער ווייזען אָן אויף דעם מערקווירדיגען פאַקט, וואָס די פוריטאַנער האָבען זיך זעלטען באַנוצט מיט דעם ברית חדשה. זיי פלעגען נאָר לייענען

דעם חומש און זייערע גלחים פלעגען שטענדיג דרשנ'ען פון דעם חומש. איינינע פוריטאנער סעקטען פלעגען אפילו האלטען שבת אנשטאט זונטאג. (די שרייבער גיבען אבער דערביי צו, אז דער „אידישער גייסט" פון די פוריטאנער האט זיי ניט געמאכט פאר פריינד פון אידען. פארקערט, זיי האבען די אידען אין זייערע קא־לאניעס נאך מער פארפאלגט ווי די ניט־פוריטאנישע קאלאניעס).

צי דער גאט פון חומש און די אידען פון פאר יעזוס'ען זיינען אין אמת'ען געווען ענליך צום גאט און צו די אנהייננער פון דער פוריטאנישער קירכע, איז א פראגע, איבער וועלכער עס קענען געווים זיין מיינונגס־פארשיידענהייטען. אבער אמת איז, אז דער פוריטאניזם האט זייער א שטארקע ענליכקייט צו דער רעליגיע פון די אידען אין די קליינע שטעטלעך פון ליטא מיט א צוויי דורות צוריק. די פרומע מתנגד'ישע שטוב אין רוסלאנד מיט א 50 יאר צוריק איז אין אלגעמיין געווען ענליך צו דער פרומער פוריטאנישער שטוב אין א קליין שטעטעל אין ניו ענגלאנד מיט צוויי־דריי הונדערט יאר צוריק.

4.

די אָנגענומענע טעאָריעס וועגען האַנדעל און קאָלאָניעס אין זיבעצענטען יאָרהונדערט

די וויכטיקייט פון גרינדען קאָלאָניעס אין ווייטע, פאַרווילדעטע לענדער האָבען די איראָפּייאישע פעלקער אָנגעפאַנגען באַגרייפען אין דעם צווייטען העלפט פון 16טען יאָרהונדערט. די נייע ראָלע וואָס קאַפּיטאַל האָט גענומען שפּילען, און דער חורבן וואָס דאָס האָט געבראַכט אין דער באַפעלקערונג פון שטאָט און דאָרף, האָבען עס פאַראורזאַכט דעם געיעג נאָך קאָלאָניעס, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט איבער דריי הונדערט יאָר צוריק און האָט נאָך ניט אויפגעהערט ביז היינטיגען טאָג.

אַן ענגלישער היסטאָריקער פון 16טען יאָרהונדערט גיט אָן די פאָלגענדע אַרגומענטען פאַר דער גרינדונג פון קאָלאָניעס:

1) די פישער־לייט, וואָס פאָרען אַרוים אויף פאַנג אין ווייטע ים'ען, מוזען איבעראַל האָבען אייגענע האַפענס. כל זמן ענגלאַנד וועט ניט האָבען קיין קאָלאָניעס אין די ווייטע לענדער, וועלען די ענגלישע פישער ניט קענען פאָרען כאַפּען פיש ווייט פון דעם אייגענעם ברעג.

2) די ווילדע איינגעבאָרענע אין יענע לענדער וועלען דורך דעם איינפלוס פון די ענגלישע קאָלאָניסטען ווערען מער אָדער ווייניגער ציוויליזירט און זיך אָנפאַנגען צו קליידען אויף דעם איראָפּייאישען שטייגער. דאָס וועט שאַפען נייע מאַרקען פאַר ענגלישע סחורה.

3) „די קאָלאָניעס וועלען ברייגנען נוצען ניט בלויז פאַר די־

גרויסע צאל ארבייטסלאזע מענער, וועלכע וועלען האבען באשעפ־טיגונג, נאר אויך די קינדער פון 12 אדער 14 יאר, אדער נאך אינ־גערע, וועלען ניט דארפען מער ארומגייען ליידיג, ווייל זיי וועלען קאנען קריגען באשעפטיגונג ביים פאבריצירען די טויזענטע מינים זאכען פאר'ן פארקויף אין די אפגעשטאנענע לענדער. די פרויען וועלען אויך קאנען ארבייטען ביי פעדערען, פלאקס און באוועל, וואס גפינען זיך זייער פיל אין יענע פלעצער. די מענער וועט מען קאנען באשעפטיגען אין די מינעס, אויף די פעלדער, צו זוכען פערל אויפ'ן גרונט פון ים און צו כאפען פיש. איצטער גייען די אלע לייט ארום ליידיג און זיינען א לאסט פאר דער געזעלשאפט". מיט אנדערע ווערטער, הייסט עס, אז די קאלאניעס וועלען לייזען דאס פראבלעם פון בעטלעריי און ארבייטסלאזיגקייט וואס דער נייער קאפיטאליזם האט באשאפען דורך דעם, וואס ער האט ארויסגעטריבען טויזענטער פאמיליעס פון די דערפער און אוועק־גערויבט פון טויזענטע ארבייטער אין שטאט די מעגליכקייט צו לעבען פון זייער אומאפהייגיגער ארבייט.

אין אט יענער צייט, ווען דער געיעג נאך קאלאניעס האט זיך אנגעהויבען, און א לאנגע צייט שפעטער, האבען די הערשענדע און געלט־האבענדע קלאסען געגלויבט אין א טעאריע פון פא־ליטישער עקאנאמיע, מיט וועלכער מיר מוזען זיך דא גלייך בא־קענען. דער נאמען אירער איז די „מערקענטייל (האנדעלס־) טעא־ריע". זי איז פארווארפען געווארען מיט א הונדערט פופציג יאר צוריק, אבער אין דעם גאנצען 17טען און אין דריי־פערטעל פון 18טען יארהונדערט האט זי באשטימט די קאלאניאלע פאליטיק פון אייראפייאישע לענדער, און ספעציעל — ענגלאנד. סיידען מען פארשטייט קלאר די דאזיגע טעאריע איז אוממעגליך צו באגרייפען די באציהונגען צווישען די אמעריקאנער קאלאניעס און זייער מוטערלאנד ענגלאנד; באציהונגען, וואס האבען זיך געענדיגט מיט א בלוטיגער רעוואלוציע.

דער גרונד־געדאנק פון דער טעאריע איז דער פאלגענדער: א לאנד קאן רייך ווערען דורך אינטערנאציאנאלען האנדעל, דאס הייסט, אויב זי פירט איר האנדעל אזוי, אז זי פארקויפט ק י י ן

אויסלאנד מער ווי זי קויפט פון אויסלאנד. דאס רייכטום פון א לאנד, לערענט די דאזיגע טעאריע, איז באגרינדעט אויף די גאלד און זילבער, וואס זי פארמאגט; און די גאלד און זילבער פון א לאנד קאן זיך דורך האנדעל פארמערען בלויז דעמאלט, ווען דער בילאנץ איז אויף איר זייט, דאס הייסט, ווען זי פארקויפט מער ווי זי קויפט און קריגט פאר דאס איבעריגע באצאלט מיט געלט, מיט גאלד אדער מיט זילבער.

לויט דער דאזיגער טעאריע קומט אויס, אז א קאלאניע איז נאר דעמאלט נוצליך, ווען זי קאן העלפען דעם מוטערלאנד צו פארגרעסערן איר בילאנץ אין אינטערנאציאנאלען האנדעל; אדער אויב זי קאן אויף א דירעקטען אופן פארמערען די גאלד און זילבער פון דעם מוטערלאנד. שפאניען, ניט זייענדיג קיין אינדוסטריעל לאנד, ניט האבענדיג קיין גרויסען האנדעל, האט אין אירע קאלניעס געזוכט הויפטזעכליך גאלד און זילבער מינעס. ענגלאנד האט אבער געזען א מעגליכקייט אויסצונוצען די קאלאניעס פאר איר האנדעלס-בילאנץ.

דער געדאנק איז געווען, אז דאס מוטערלאנד און די קאלאניעס זאלען זיין ארגאניזירט אין איין עקאנאמישען סיסטעם. דער היסטאריקער אדאמס גיט א זייער געלונגענעם משל. ער פארגלייכט עס צו א מאדערנעם טראסט, וועלכער זוכט צו פאראייניגען אונטער זיין קאנטראל די קוועלען פון די רויע מאטעריאלען, וואס זיינען נויטיג פאר דער אינדוסטריע, די פאבריקען, דעם טראנספארט און דעם פארקויף. לויט דער „מערקענטייל טעאריע" האבען צווישען דעם מוטערלאנד און די קאלאניעס געדארפט הערשען דיזעלבע הארמאנישע באציהונגען און דיזעלבע דיסציפלין, וואס הערשען צווישען די פארשיידענע צווייגען פון א מאדערנעם טראסט. די קאלאניעס האבען באדארפט פארזארגען דעם מוטערלאנד מיט די רויע מאטעריאלען, אין וועלכע זי נויטיגט זיך פאר אירע פאבריקען. דאס מוטערלאנד האט דערפאר געדארפט באזארגען יענע קאלאניעס מיט קרעדיט, מיט טראנספארט און מיט פאבריצירטע סחורות. אז אייגענעם, אומאפהייגיגען האנדעל מיט פרעמדע לענדער טארען די קאלאניעס, נאטירליך, ניט פירען, ווייל דערמיט

וואלטען זיי דאך געהאלפען די פרעמדע לענדער צו פארגרעסערען דעם בילאנץ אויף זייער זייט. דאס וואלט געווען פשוט א פארראט געגען דעם מוטערלאנד.

די אלע געזעצען, וואס זיינען אין שפעטערע יארען איינגע־פירט געווארען אין ענגלאנד צו קאנטראלירען דעם האנדעל און די אינדוסטריען פון די אמעריקאנישע קאלאניעס, זיינען דיקטירט געווארען פון דער טעאריע. מיר וועלען שפעטער די געזעצען גענוי באטראכטען. דא ווילען מיר בלויז אנדייטען אויף איניגע, כדי קלארער צו מאכען די טעאריע. ווי באלד דאס מוטערלאנד און די קאלאניע זיינען געווען פאראייניגט אין איין אינדוסטריעלען סיס־טעם, אין איין „טראסט", האט דאס מוטערלאנד מיט רעכט געפאר־דערט פון דער קאלאניע, אז זי זאל אירע סחורות שיקען בלויז אין ענגלישע שיפען, אדער אז זי זאל אין קיין פרעמדע לאנד ניט קוי־פען קיין סחורות, וואס ווערען פאבריצירט אין ענגלאנד, אדער אז די קאלאניעס זאלען ניט פאבריצירען יענע סחורות, וועלכע ווע־רען אין ענגלאנד פאבריצירט. און פארקעהרט אויך. די ענגלישע רעגירונג האט פארבאטען די ענגלישע הענדלער צו קאנקורירען מיט די קאלאניסטען. ענגלאנד האט אויך אויף זיך גענומען די פליכט צו באשיצען די קאלאניעס געגען אויסלענדישע אנגרייפער און צו באזארגען זיי מיט דעם קאפיטאל און מיט סחורות, וואס זיי האט אויסגעפעלט.

א שטיק צייט האט די קאלאניאלע סיסטעם, וואס ענגלאנד האט אונטער דער טעאריע אנטוויקעלט, געארבייט פאלשטענדיג גוט. ענגלאנד האט געהאט קאלאניעס אין די ווארימע געגענדען און אין די קילערע געגענדען אויפ'ן ערד־קוגעל, און דארטען האט זי באקומען די פארשיידענע סארטען רויע מאטעריאלען פאר אירע פאבריקען. פון די ווארימע געגענדען האט זי אויך באקומען גע־וויסע פראדוקטען, וועלכע וואקסען נאר אין הייסע מקומות. זי האט אויך געהאט קאלאניעס אין אפריקא פאר דעם איינציגען צוועק דארטען צו פאנגען נעגערם פאר'ן שקלאפען־מארק. א סך פון אירע קאלאניעס אין אמעריקא און אין אנדערע ערטער האבען זיך דאן גענויטיגט אין ארבייטער און די אפריקאנער קאלאניע

האָט זיי פאַרזאָרגט מיט שקלאַפען. עס איז אינטערעסאַנט דאַ צו באַמערקען, דאָס יעדע לאַנד וועלכע האָט געהאַט אַמביציעס אויף אויפבויען אַ „קאָלאָניאַל אימפעריע” האָט זיך באַזאָרגט מיט אַן אַפריקאַנישע טעריטאָריע צו פאַנגען שוואַרצע שקלאַפען.

.5

דער אָנפאַנג פון קאָלאָניזאַציע

די באַפעלקערונג פון ענגלאַנד אין אָנהויב פון 17טען יאָר־הונדערט איז געווען אַן ערך פינף מיליאָן נפשות, א צענטעל פון דער איצטיגער באַפעלקערונג. דאָך האָט מען אין די „הויכע פענצטער" געדעכט און געשריבען, אַז מען מוז געפינען ערגעץ אין ווייטע לענדער א פּלאַץ פאַר דעם איבערפלוס; אַז אין ענגלאַנד איז ניטאָ גענוג אָרט פאַר אַזוי פיל מענשען; אַז ענגלאַנד מוז זיך אויסשפּרייטען און גרינדען קאָלאָניעס. דער דאָזיגער געפיל איז אַרויסגעוואַקסען פון דעם דעמאָלדיגען עקאָנאָמישען צושטאַנד, וועלכען מיר האָבען געשילדערט אין א פריערדיגען קאַפּיטעל. גרויסע מאַסען מענשען זיינען אַרויסגעטריבען געוואָרען פון זייערע היימען אין דאָרף; די שטעדט זיינען פול געווען מיט אַרבייטסלאָזע, מיט „טרעמפּס", וועלכע זיינען פון דער רעגירונג און פון דער געזעל־שאַפט באַהאַנדעלט געוואָרען ניט בעסער ווי פאַרברעכער. אין 1604 האָט זיך געענדיגט די לאַנגע מלחמה צווישען ענגלאַנד און שפּאַניען, און צו דער גרויסער צאָל אַרבייטסלאָזע זיינען נאָך צו־געקומען טויזענטער פון דער דעמאָביליזירטער אַרמיי. די פראַגע פאַר די מאַכט־האָבער איז אַלזאָ געווען, וואָס טוט מען מיט זיי? און דער ענטפער איז געווען: זאָלען זיי פאָרען קיין אַמעריקאַ, אין דעם גאָלדענעם לאַנד, און אַנשטאַט א לאַסט וועלען זיי פאַר ענג־לאַנד זיין א הילף.

דער געדאַנק, אַז אַמעריקאַ איז א גאָלדען לאַנד איז דעמאָלט געווען שטאַרק פאַרשפּרייט איבער אייראָפּאַ. געשטאַמט האָט ער ניט פון א פּוסטער פאַנטאַזיע. גלייך נאָך דער אַנטדעקונג פון

אמעריקא האט שפאניען גענומען שיקען אהין עקספעדיציעס צו זוכען גאלד און זילבער; און זי איז געווען ערפאלגרייך. אין מעק־סיקא, אין פערו, און אין אנדערע טיילען פון דעם זידליכען טייל פון דער נייער וועלט האבען די שפאניער געפונען גאנצע אוצרות מיט גאלד. אין פארלויף פון קנאפע הונדערט יאר האבען זיי דאר־טען ארויסגענומען גאלד און זילבער אין דעם ווערט פון פינף בי־ליאן דאלאר אין היינטיגען געלד. מיט די אמעריקאנער גאלד האט עס שפאניען אין דעם 16טען יארהונדערט אנגעפירט אירע רעלי־גיעזע מלחמות און פארשפרייט איר שוידערליכע אינקוויזיציע. פאר שפאניען איז אמעריקא דעמאלט געווים געווען אן „על דא־ראדא“, א גאלדען לאנד.

און אז עס האט זיך איצטער אין 17טען יארהונדערט גענומען רודערען אין ענגלאנד וועגען אימיגראציע קיין אמעריקא, איז די די דאזיגע אנגענומענע מיינונג, פארשטייט זיך, אויסגענוצט גע־ווארען. אין יאר 1605 איז די פאפולערסטע פיעסע אין לאנדאן גע־ווען „איסטווארד האָ!“ („נאך אסטען“, צום מזרח, דאס הייסט קיין אמעריקא). אין דער דראמע ווערען באהאנדעלט די גרויסע גליקען וואס מען קען אין אמעריקא געפינען. אט ווי איינער פון די פערזאנען פון דער דראמע שילדערט דארטען אמעריקא: „דארטען איז פאראן מער גאלד ווי ביי אונז קופער. זייערע טעפלאך זיינען פון גאלד. די ארעסטאנטען שמידט מען דארטען אין גאלדענע קייטען. יום־טוב גייט דער עולם צום ברעג ים און קלייבט דימענטען און אנדערע טייערע שטיינער און מען באפוצט דערמיט די רעקלאך פון די קליינע קינדער און מען שטעקט זיי אריין ביי די קינדער אין די היטלען“. ווייטער ווערט אין דער פיעסע דערציילט, אז אין אמעריקא קען יעדערער ווערען א הויכער באאמטער, און אז דאר־טען דארף מען קיין מורא ניט האבען פאר'ן געזעץ און זיך ווײ־ניג־וואס רעכענען אפילו מיט'ן אייגענעם געוויסען. און אט דעם גן עדן צו דערגרייכען איז נויטיג בלויז זיך ארויפצוזעצען אויף א שיף און אריבערפארען דעם ים — א רייזע וואס געדויערט ניט מער ווי א זעקס וואכען צייט.

די אומשטענדען זיינען אלזא געווען רייף פאר די ענגלענדער

אנצופאנגען קאלאניזירען אמעריקא: אי די מאטעריעלע, אי די גייסטיגע. דער אנפאנג פון 17טען יארהונדערט איז געווען דער פסיכאלאגישער מאמענט דערפאר. מען האט נאר געדארפט נעמען און טאן, און אונטערנעמונגס־גייסט האט די ענגלענדער קיינמאל ניט געפעלט.

אין 1606 האבען זיך ארגאניזירט צוויי קאמפאניעס צו קאלאניזירען אמעריקא: איינע האט זיך גערופען די „לאנדאן קאמפאניע", ווייל אירע מיטגלידער זיינען געווען לאנדאנער סוחרים; די צווייטע האט זיך גערופען „די פלימוטה קאמפאניע", ווייל איר הויפט־קווארטיר איז געווען אין דער ענגלישער האפען־שטאט פלימוטה. אין די אונטערנעמונגען זיינען געווען פאראינטערעסירט מאנכע פון די העכסטע רעגירונגס־באאמטע. דער קעניג האט זיי ארויסגעגעבען א „טשארטער", וועלכער האט זיי געגעבען דאס רעכט צו גרינדען קאלאניעס אויף דעם אטלאנטישען ברעג פון אמעריקא, ערגעץ וואו צווישען קענעדע און ווירדזשיניא. כדי די צוויי קאמפאניעס זאלען ניט קומען אין צוזאמענשטויס, איז אין די טשארטערס איינגעשריבען געווארען א פונקט, אז נאכדעם ווי איינע פון די קאמפאניעס וועט גרינדען די ערשטע קאלאניעס זאל די צווייטע קאמפאניע ניט טארען גרינדען קיין קאלאניעס נענטער ווי הונדערט מייל פון דער ערשטער.

דער „טשארטער" איז געווען א קאנטראקט צווישען דעם קעניג און דער קאמפאניע. (דער פארלאמענט האט מיט דעם גאנצען געשעפט גאר ניט געהאט צו טאן). די הויפט פונקטען אין דעם טשארטער זיינען געווען די פאלגענדע:

1) אלע הוצאות פון גרינדען די קאלאניעס דארפען געדעקט ווערען פון דער קאמפאניע.

2) יעדע קאלאניע זאל רעגירט ווערען פון צוויי ראטען — איין ראט זאל באשטיין פון דרייצען פערזאן אין דער קאלאניע גופא, און א צווייטער — פון פערצען פערזאן אין ענגלאנד. ביידע ראטען זאלען באשטימט ווערען פון קעניג. די געזעצען וואס וועלען געמאכט ווערען פון דעם ראט אין דער קא־

לאָניע קענען צוריקגעווייזען ווערען פון דעם העכערען ראַט אין ענגלאַנד אדער פון קעניג גופא.

3) די קאָמפּאַניע איז דער פאָלשטענדיגער אייגענטימער פון דער קאָלאָניע. זי קען דאָרטען אַרויסלאָזען געלד, נעמען שטייערען פון האַנדעלס־שיפען און קאָנטראָלירען דעם האַנדעל. די רעכט באַקומט זי אויף 21 יאָר צייט.

4) דער קעניג איז באַרעכטיגט צו אַ פינפטעל פון די גאָלד און זילבער, וואָס וועט אין דער קאָלאָניע אויסגעגראָבען ווערען.

5) די ערשטע פינף יאָר מוז אַלץ וואָס די קאָלאָניעס פּראָדוצירען איבערגעגעבען ווערען צו דער קאָמפּאַניע, אין אַן אַל־געמיינער קאַסע, און די קאָמפּאַניע דאַרף דערפאַר באַזאָרגען די קאָלאָניסטען מיט לעבענס־מיטעל.

6) די ענגלענדער וואָס וועלען זיך אין די קאָלאָניעס באַזעצען זאָלען באַטראַכט ווערען אַלס ענגלישע בירגער און האָבען אַלע רעכטע און פליכטען פון ענגלישע אונטערטאַנען.

דער לעצטער פּונקט איז הפּנים אַריינגעשטעלט געוואָרען כדי אַריינצונאַרען אימיגראַנטען. אין דער אמת'ן האָט די קאָמ־פּאַניע געפילט, אַז די קאָלאָניסטען שטייען אַבסאָלוט אונטער איר הערשאַפט און זי קען טאָן מיט זיי וואָס זי וויל. מיר וועלען שפּעטער זען, ווי ווייניג די קאָמפּאַניע האָט זיך מיט דעם דאָזיגען וויכטיגען פּונקט גערעכענט. „פאַקטיש", ערקלערט איין היסטאָ־ריקער, „זיינען די קאָלאָניסטען ניט געווען אונטער פיל בעסערע באַדינגונגען ווי סאָלדאַטען אונטער קריגס־געזעץ".

6.

ווירדזשיניאַ, די ערשטע קאָלאָניע

דעם 19־טען דעצעמבער, 1606, האָט די „לאָנדאָן קאָמפּאַניע" אַרויסגעשיקט דריי שיפען מיט קאָלאָניסטען קיין אַמעריקאַ. אַרום און אַרום זיינען אויף אַלע שיפען געווען 143 פּערזאָן — אַלע מענער, קיינע פרויען און קיינע קינדער. אַרבייטער צווישען זיי זיינען געווען בלויז 12: די איבעריגע זיינען געווען ענטוועדער פּאָראָרימטע אַריסטאָקראַטען אָדער אַוואַנטוריסטען. זייער ווייניג פון זיי האָבען געטראַכט וועגען פּאַרען בויען אַ היים אין אַ ווייטער, ווילדער לאַנד. פאַר אייניגע איז די רייזע געווען אַ מין „עקסקורז־שאָן", אַז אַרויספאָר צו כאַפּען אַ ביסעל פאַרגעניגען און קומען צוריק; פאַר אַנדערע ווידער איז זי געווען אַ מיטעל שנעל רייך צו ווערען, אָנפּאַקען אַ פּאָר זעקלאַך גאָלד און אַנטלויפען צוריק אַהיים.

די רייזע האָט געדויערט אַרום פיר מאָנאַטען. אין מיטען אַפּריל 1607 זיינען די שיפען צוגעשוואָומען צו די וואַסערען ביים ברעג פון לאַנד, וואָס מען רופט איצטער ווירדזשיניאַ סטייט. זיי זיינען אַריין אין טשעספּיק בעי און אַריינגעשוואָומען אין איינעם פון די דריי טייכען וועלכע פאַלען אין איהם אַריין. דעם 13טען מאַי האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט נעבען אַ האַלב פאַר־פלייצטע שטיק ערד ביים ברעג פון טייך און האָבען באַשלאָסען דאָרטען אַראָפּצוגיין. זיי האָבען דעם טייך אַ נאָמען געגעבען „דזשיימס ריווער" און די שטיקעל ערד — דזשיימסטאַון, נאָך דעמאָלדיגען קעניג פון ענגלאַנד, וועלכער האָט געהייסען דזשיימס דער ערשטער.

אין מאָנאַט מאַי איז ווירדזשיניאַ אַן אמת'ער גן־עדן. דער

קלימאט איז מילד און אנגענעם ; אלץ בליט אין שענסטען פראכט. די קאלאניסטען האבען געפילט, אז גאט האט זיי געבראכט אין א געבענשטען לאנד. אין עטליכע טעג ארום האט שוין איינער פון די באאמטע גענומען 20 לייט און איז אוועק מיט זיי זוכען גאלד־מינעס. די איבעריגע זיינען געבליבען איינצוארדענען די קאלאניע.

די געהויבענע שטימונג האט אבער לאנג ניט אנגעהאלטען. די זומער־היץ האט געבראכט פארשידענע קראנקהייטען ; די שפייז האט זיך ביסלעכווייז אויסגענומען ; קיין קוואלען פון פרי־שע וואסער איז אין דער געגענד ניט געווען ; די אינדיאנער האבען זיך באנומען פיינדליך און געמאכט אייגיגע אטאקעס, איידער עס איז פון ענגלאנד אנגעקומען הילף. ביז אנפאנג מאנאט סעפ־טעמבער זיינען מער ווי העלפט שוין אויסגעשטארבען.

צען יאר האט די קאלאניע געשוועבט צווישען לעבען און טויט. די קאמפאניע אין לאנדאן האט געהאלטען אין איין שיקען נייע עקספעדיציעס מיט מענשען און פראוויאנט און דא פלעגט אלץ פארצערט ווערען. איידער א נייע עקספעדיציע פלעגט אנקו־מען איז שוין די אלטע געווען כמעט אינגאנצען א פארניכטעטע. איינער פון די קאלאניסטען האט צום סוף פון די ערשטע דריי יאר אונטערגעצייגען דעם פאלגענדען סך־הכל : „מיר האבען איצטער אין ווירדזשיניא 60 קאלאניסטען און 500 קברים".

די שווערסטע צייט האט די קאלאניע דורכגעמאכט דעם ווינטער פון 1609 און 1610. דער הונגער האט דעמאלט דערגרייכט אזא מדרגה, אז מען האט געגעסען הינט, פערד, מייז און שלאנ־גען. איין קאלאניסט האט דער'הרג'עט זיין פרוי און זי אויפגע־געסען. פון די 500 קאלאניסטען וואס זיינען דארטען געווען אין זומער פון 1609, זיינען אין מאי פון 1610 פארבליבען בלויז 60.

יעדער און אלץ וואס איז מיט דער קאלאניע געווען פאר־בונדען האט מיטגעווירקט צום בייזען. די בעלי־בתים, די קאמפא־ניע אין לאנדאן איז געווען פאראינטערעסירט אין פראפיטען. זי האט אין דער אונטערנעמונג אריינגעלייגט געלט, האט זי נאטיר־ליך געפאדערט באלוינונג. איר באפעל צו דעם ראט וואס האט געפירט די פארוואלטונג פון דער קאלאניע איז געווען : שיקט אונז

גאלד, שיקט אונז געהילץ, שיקט אונז סחורה, פון וועלכע מיר זאלען דא איז ענגלאנד קענען מאכען געלט. און דער ראט האט געמוזט פאלגען. אנשטאט צו לאזען די קאלאניסטען בויען הייזער, אקערען און זייען, האט דער ראט זיי געצוואונגען צו זוכען גאלד, האקען וואלד, גראבען מינען און אזוי ווייטער. די ראט־מענער צווישען זיך, ווידער, האבען זיך געהאלטען אין איין ארומריימען. זיי האבען זיך ניט געקענט איינטיילען מיט דער מאכט און מיט דעם כבוד, און דאס איז געווען נאך א היבשע שטערונג אין דער בויאונגס־ארבייט. די ערד אויף וועלכע די קאלאניע איז געשטאנען איז געווען א זומפ, וואו עס האבען זיך געפלאדיעט אלערליי באצילען, וועלכע האבען פארשפרייט קראנקהייטען. און די קאלאניסטען גופא זיינען געווען, ווי שוין געזאגט, אוואנטוריסטען און עקספלואטאטארען, וועלכע האבען ניט געוואלט און ניט געקאנט ארבייטען. די שכנים זייערע, די אינדיאנער, וואלטען זיי אין שלעכטע צייטען ארויסגעהאלפען מיט עסענווארג (און איינינגע מאל האבען זיי עס געטאן), האבען אבער די קאלאניסטען זיך אזוי באנומען צו זיי, אזוי שלעכט זיי באהאנדעלט, אז אפטמאל פלעגען די אינדיאנער זיי באפאלען און מאכען א שחיטה צווישען זיי *).

אין יאר 1611 האט די קאמפאניע אין לאנדאן באשלאסען אנצונעמען שטרייננגע מיטלען ארויסצוראטעווען די געלט וואס זי האט אין דער קאלאניע אריינגעלייגט. זי האט אויסגעווירקט ביים קעניג נייע באדינגונגען אין איר טשארטער, באדינגונגען וועלכע האבען איר געגעבען פאקטיש אומבאגרענעצטע מאכט אי־

---

*) די מערסטע שרייבער פון דער אמעריקאנער געשיכטע דערקלערען דעם מיסערפאלג פון דער קאלאניע די ערשטע יארען מיט דעם איינעם פאקט, וואס דארטען האט געהערשט א מין קאמונע. אלע פראדוקטען פלעגען איבערגעגעבען ווערען צו די באאמטע, וועלכע פלעגען דערנאך געבען אלע קאלאניסטען אויף צום לעבען. און דערביי ציען יענע היסטאריקער דעם שלום, אז קאמוניזם אדער סאציאליזם איז א דורכפאל. די אמת'ע אורזאכען פון דעם מיסערפאלג פארגעסען זיי אנצוגעבען.

בער די קאלאניסטען. דאן האט זי אפגעשאפט דעם ראט און ארייגעשיקט א גאווערנאר, ער זאל טאן אלץ וואס ער געפינט פאר נויטיג צו קריגען די געווינשטע רעזולטאטען.

דער גאווערנאר, סער דעיל, האט די קאלאניסטען באטראכט ווי זיינע שקלאפען און האט זיי באהאנדעלט ווי ארעסטאנטען. די שפייז מיט וועלכע ער האט זיי געקארמעט וואלטען חזירים זיך אנטזאגט צו עסען. ער האט זיי געצוואונגען צו ארבייטען און צו ברייגען אין דער קאמפאניע'ס מאגאזין אלץ וואס זיי האבען פראדוצירט. אייניגע האבען ניט געקענט אויסהאלטען און האבען געמאכט א פארזוך צו אנטלויפען. האט ער געשיקט אינדיאנער זיי צו כאפען, און ווען מען האט זיי צוריקגעבראכט, האט ער עטליכע פון זיי לעבעדיגערהייט פארברענט, אלס א ווארנונג צו די איבעריגע.

אין 1614 האט ער אפגעשאפט דעם „קאמוניסטישען מאַגאזין". געטאן האט ער עס ניט אויס פרינציפּ, אדער ווייל ער האט די קאלאניסטען געוואלט העלפען, נאר ווייל ער האט אויסגע־רעכענט, אז אונטער דער סיסטעם פון פריוואט־פארמס און פרייע ארבייט וועט ער פאר דער קאמפאניע קענען מעהר אויספּרעסען פון די קאלאניסטען. און אזוי איז טאקע געווען. די שטייערען וואס ער האט אויף אלעמען ארויפגעלייגט זיינען געווען אזוינע הויכע, אז כמעט אלץ וואס די קאלאניסטען האבען באשאפען איז אריין אין דער קאמפאניע'ס קעשענעס.

פינף יאר האט סער דעיל אזוי געבאלעבאטעוועט: און ווען ער האט אין 1616 די קאלאניע פארלאזען זיינען דארטען געווען ניט מער ווי 350 פערזאן. א סך זיינען זיך צולאפען און א סך זיינען געטריבען געווארען צו א פריציייטיגען טויט. די פּאליטיק פון געוואלד און טעראר האט ווייניג ערפאלג געבראכט.

מיט דעם יאר 1617 פאנגט זיך אן א נייער און פרייליכער קאפּיטעל אין דער געשיכטע פון דער קאלאניע. די קאמפאניע אין לאנדאן האט באשלאסען צו גיין אויף אן אנדער וועג, צו פּראבירען מיט גוטען אנשטאט מיט בייזען. די קאלאניסטען האַבען באקומען די ערלויבניש צו פארזייען אויף זייערע פעלדער

וואס זיי ווילען (סער דעיל האט עס שטריינג קאנטראלירט) און זיי האבען זיך א כאפ געטאן צו טאבאק, ווייל די נאכפראגע אויף דעם איז געווען גרויס. די קאלאניעס האבען גלייך עקאנאמיש אויפגעבליט.

אין 1619 האט די קאמפאניע געמאכט א ווייטערען שריט אין איר נייער פאליטיק פון ליבעראליזם. זי האט ערלויבט די קאלאניסטען צו האבען א דעה אין דער רעגירונגס־פארוואלטונג. עס איז ארגאניזירט געווארען א מין פארלאמענט, וועלכער איז באַ־שטאנען פון פארשטייער פון די רייכערע פארמער. די קאלאניע איז איצט רעגירט געווארען אומגעפער אויפ'ן זעלבען אופן ווי ענגלאנד: אן דער שפיץ איז געשטאנען א גאווערנאר און א ראט וועלכע זיינען באשטימט געווארען פון דער קאמפאניע. און דאן איז געווען „איי האוז אוו באירדזשערס" (א מין פארלאמענט), וועלכער איז אויסגעקליבען געווארען פון פאלק. (דאס פאלק אין יענער צייט איז געווען דער רייכער קלאס. די ארימע זיינען ניט באטראכט געווארען פאר קיין מענשען). נאר וואס פאר א מאכט דער פארלאמענט זאל האבען, האט די קאמפאניע ניט באשטימט. און דערפאר האט זי טאקע פאר יעדער שטיקעל מאכט געמוזט אנפירען א קאמף מיט'ן גאווערנאר.

אין דעם זעלבען יאר האט א האלענדישע שיף געבראכט 20 נעגער־שקלאפען און זיי פארקויפט צו די פארמער אין ווירדזשי־ניא. דערמיט פאנגט זיך אן די שווארצע שקלאפעריי אין אמערי־קא.

דער קעניג פון ענגלאנד איז ניט צופרידען געווען מיט דער ליבעראלער פאליטיק פון דער קאמפאניע. ער האט זיך אויך גע־טשעפעט צו איר צוליב פארשידענע אנדערע אורזאכען וואס זיי־נען געווען פארבונדען מיט דער אינוויינינגסטער פאליטיק. אין 1624 האט ער ענדליך ביי איהר דעם טשארטער צוגענומען און די קאלאניע איז געווארען דירעקט אונטערטעניג צום קעניג.

אין אירע זעכצען יאר האט „לאנדאן קאמפאניע" אויסגע־געבען אויף דער ווירדזשיניער קאלאניע אן ערך פון פינף מיליאן דאלאר. אריבערגעפירט קיין אמעריקא האט זי אין דער צייט

פערצען טויזענט מענשען. דער געשעפט האָט זיך איר, פאַרשטייט זיך, ניט געלוינט. אַ גרויסען טייל פון די אריינגעלייגטע געלט האָט זי קיינמאָל ניט צוריקגעקראָגען. קיין מאָראַלער ערפאָלג איז נאָך דעמאָלט אויך ניט קענטיג געווען. פון די פערצען טויזענט מענשען וואָס זי האָט אין די זעכצען יאָר געבראַכט קיין אַמע־ריקאַ, זיינען אין יאָר 1624 געבליבען ניט מער ווי 1,200.

7.

די פוריטאַניער גרינדען מאַסאַטשוזעטס

1. די פילגרימס אין פלימוטה

די „פלימוטה קאָמפּאַניע“, וועלכע האָט גלייך מיט דער „לאָנדאָן קאָמפּאַניע“ באַקומען אַ טשאַרטער פון קעניג צו גרינדען קאָלאָניעס אויף דעם נאָרדליכען טייל פון אַמעריקאַ, האָט קיין ערפאָלג ניט געהאַט. זי האָט איינינגע פּרואווען געמאַכט, אָבער זיי האָבען זיך אָלע געענדיגט מיט גאָרנישט. צווישען די יאָרען 1608 און 1620 איז דער קאָמפּאַניע געלונגען בלויז אויסצופאָרשען דעם ברעג פון איר טעריטאָריע. באַזעצען אימיגראַנטען אָבער האָט זיך איר ניט איינגעגעבען.

נאָר אין 1620 האָט זיך אויף דעם ברעג, דורך אַ צופאַל און אָן דער הילף פון דער קאָמפּאַניע, אָנגעפאַנגען אַ קאָלאָניזאַציע. די ערשטע קאָלאָניסטען וואָס האָבען זיך באַזעצט זיינען אין דער געשיכטע באַקאַנט אונטער'ן נאָמען „פילגרימס“ (רעליגיעזע וואַנדערער). זיי ווערען פאָרגעשטעלט אָלס מענשען, וואָס זיינען פאַרפאָלגט געוואָרען צוליעב זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען און זיינען געקומען קיין אַמעריקאַ זוכען אַ אַנטרינונגס־אָרט, — אַן אָרט, וואו זיי וועלען האָבען די פרייהייט צו דינען גאָט לויט זייער געוויסען. אַביסעל אמת איז אין דעם פאַראַן, אָבער די ביסעל איז אויסגעמישט מיט אַ סך פאַקטען פון אַ גאַנץ אַנדער קאָליר.

די „פילגרימס“ זיינען געווען אַ קהלה פון עטליכע הונדערט עקסטרעמע פוריטאַנער, וועלכע האָבען אין 1612 פאַרלאָזען ענגלאַנד און זיך באַזעצט אין האָלאַנד. זיי זיינען אוועק פון זייער היימלאַנד ניט ווייל די רעגירונג האָט זיי אַזוי שטאַרק פאַרפאָלגט, נאָר ווייל זייערע אייגענע שכנים האָבען פון זיי אָפּגעלאַכט און חוזק געמאַכט. אין האָלאַנד האָט דאַן געהערשט רעליגיעזע פרייהייט און קיינער האָט זיי דאָרט נישט געשטערט.

צוועלף יאָר האָט די ענגלישע קאָלאָניע געלעבט אין האָלאַנד. אין פאַרלויף פון דער צייט האָבען זיי זיך איבערצייגט, אַז רעליגיעזע פרייהייט איז נאָך ניט אַלץ. זיי האָבען זיך אָנגעשטויסען אָן די אַלע שווערע פּראָבלעמען וועלכע עס קומט אויס אימיגראַנטען צו ליידען אין אַ פרעמדע לאַנד: די שווערקייט אַ לעבען צו מאַכען; די געפאַר, אַז די קינדער וועלען פון זיי אָפּגעפרעמדט ווערען און זיך אויסמישען מיט די איינגעבאָרענע; און דערצו האָט מען זיך אין 1619 גענומען ריכטען אויף אַ מלחמה צווישען האָלאַנד און שפאַניען און די עקאָנאָמישע לאַגע אין גאַנץ האָלאַנד איז געוואָרען אַ געדריקטע. די פּילגרימס האָבען אָנגעפאַנגען צו טראַכטען וועגען אריבערקלייבען זיך קיין אַמעריקאַ, וואו די אַלע געפאַרען וועלען באַזייטיגט ווערען.

זיי האָבען געשיקט אַ קאָמיטע קיין ענגלאַנד צו אונטערהאַנדלען מיט דער לאָנדאָן־קאָמפּאַניע וועגען גרינדען אַ קאָלאָניע לעבען די קאָלאָניעס אין ווירדזשיניאַ. צווישען די איינפלוסרייכע מיטגלידער פון דער לאָנדאָן־קאָמפּאַניע איז געווען אַן אַדעלמאַן, וועלכער האָט געהערט צו דער פּוריטאַנישער קירכע, און ער האָט פאַר זיי דעם טשאַרטער באַקומען. דער קעניג דזשיימס האָט אויך געגעבען אַ הבטחה, אַז ער וועט זיי ניט שטערען אין זייערע רעליגיעזע פירונגען, אויב „זיי וועלען לעבען רוהיג און פרידליך“.

אָבער אויף צו גרינדען די קאָלאָניע האָט זיך געפאָדערט אַ גרויסע סומע געלט. איז אָרגאַניזירט געוואָרען אַ קאָמפּאַניע פון געשעפטס־מענשען 70 אין צאָל וועלכע האָבען אריינגעלייגט אַ קאַפּיטאַל פון 7 טויזענט פונט. יעדער קאָלאָניסט האָט באַקומען אַ פרייע אַקציע אָדער שער פאַר צען פונט. דער אָפּמאַך איז געווען, אַז זיבען יאָר זאָלען די קאָלאָניסטען זיך פאַרנעמען מיט בויען הייזער, באַאַרבייטען די ערד, פירען האַנדעל מיט די אינדיאַנער, פאַנגען פיש און אַזוי ווייטער, און צו ענדע פון דעם טערמין זאָל דער אָנגעזאַמעלטער קאַפּיטאַל צוטיילט ווערען צווישען די אַקציאָנערען אָדער שערהאָלדערס.

די אונטערנעמונג איז אָבער ניט געווען מער ווי אַ געשעפט.

די מענשען, וועלכע זיינען געשטאנען הינטער איר, האבען אין זי־נען געהאט געלט־פראפיטען.

די קאמפאניע האט געשיקט א שיף קיין האלאנד צו נעמען די דארטיגע „פילגרימס", אבער בלויז 35 פון זיי האבען געהאט דעם ווילען און די נויטיגע מיטלען צו פארען; א צווייטע שיף מיט 67 אימיגראנטען האט די קאמפאניע אויסגעריכט אין לאנ־דאן. ווען די ערשטע שיף איז נאך געווען ניט ווייט פון ברעג האט זי זיך צובראכען און האט זיך געמוזט אומקערען צוריק. אלע 102 פאסאזשירען האבען זיך צונויפגעפאקט אויף דער לאנדאנער שיף, וועלכע האט געהייסען „מעיפלאוער", און זיך אוועקגעלאזען אין וועג אריין.

אמת'ע „פילגרימס", פוריטאנער, וואס האבען פון ענגלאנד אוועקגעוואנדערט צוליב געוויסענס אורזאכען, זיינען, אלזא, אויף די „מעיפלאוער" געווען ניט מער ווי איין דריטעל. די איבעריגע צוויי־דריטעל זיינען באשטאנען פון דעם זעלבען סארט מענשען, וועלכע זיינען אין יענע יארען געפארען קיין ווירדזשיניא — פאר־ארימטע, וואגאבונדען און אוואנטוריסטען.

די שיף איז צום אמעריקאנער ברעג אנגעקומען אין מיטען מא־נאט נאוועמבער, אין א שטורמישער צייט, און אנגעטראפען האט זי אויף דער געגענד פון ניו ענגלאנד, אבער טראץ דעם, וואס זייער טשארטער איז געווען פון דער לאנדאן־קאמפאניע און ניו ענגלאנד האט גאר געהערט צו דער פלימוטה קאמפאניע, האבען די פאסא־זשירען באשלאסען ווייטער ניט צו פאהרען. זיי האבען א פאר וואָ־כען אויסגעפארשט דאס לאנד ביים ברעג און ענדליך באשלאסען זיך צו באזעצען אויף א פונקט אין דעם קעיפ קאד בעי, אן ערך פערציג מייל צו דרום־צו פון דער איצטיגער שטאט באסטאן. זיי האבען דעם פלאץ א נאמען געגעבען „פלימוטה", ווייל די לעצטע האפען־שטאדט אין ענגלאנד, פון וועלכער זיי זיינען אפגעפארען, האט געטראגען דעם דאזיגען נאמען.

אפיציעל זיינען די קאלאניסטען איצטער ניט געשטאנען אונ־טער קיין שום פאליטישער הערשאפט. זייער טשארטער האט דא ניט געגאלטען. ווי אזוי, אלזא, זאל די פאליטישע ארדנונג איינגע־

שטעלט ווערען? האָבען די פירער צווישען די פּאַסאַזשירען פאַר־רופען אַלעמען צו אַ באַראַטונג נאָך איידער זיי זיינען פון שיף אַראָפּ, און עס איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז אַלע מענער זאָלען זיך אונטערשרייבען אויף אַ מין קאָנטראַקט, וועלכער האָט זיי פאַר־פליכטעט צו שטיין פאַראייניגט אין איין פּאָליטישער אָרגאַניזאַ־ציע. אַלע אונטערגעשריבענע האָבען געזאָלט האָבען אַ גלייכע דעה. די פּאָליטישע און געזעצליכע פראַגען האָבען באַדאַרפט באַשלאָ־סען ווערען אויף אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען דורך אַ מאַיאָריטעט שטימען.

דער קאָנטראַקט ווערט באַצייכענט אַלס דער אָנפאַנג פון עכ־טער דעמאָקראַטישער רעגירונג אין אַמעריקאַ. עס מוז אָבער באַ־מערקט ווערען, אַז די פאַרפאַסער איז ניט געלעגען אין זינען קיין שום הויכע פּרינציפּען פון דעמאָקראַטיע. זיי האָבען בלויז געזוכט אַ מיטעל ווי אַזוי צו עטאַבלירען אַ פּאָליטישע אָרדנונג און קיין אַנדער מיטעל ווי דער איז ניט געווען.

די ערשטע עטליכע וואָכען האָבען זיי וויניגער שוועריקייטען געהאַט, ווי זיי האָבען זיך אַליין גערעכט. גראַדע איז דער ווינטער געווען אַ מילדער. אַ שרעקליכע עפּידעמיע האָט מיט איניגע מאָ־נאַטען פריער אָנגעמאַכט אַ חורבן צווישען די אינדיאַנער פון דער געגענד. די מערסטע פון זיי זיינען אויסגעשטאָרבען און די איי־בערגעבליבענע זיינען געווען דערשלאָגען און זיי איז אין קאָפּ ניט געלעגען זיך צו מישען צו די ווייסע געסט.

אָבער די גוטע צייט האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. דאָס אַר־בייטען גאַנצע טעג אין דרויסען, האַקען וואַלד און בויען הייזער, האָט געווירקט אויף דעם געזונט פון אַ סך פון די קאָלאָניסטען. ביז ענדע מאַנאַט מערץ זיינען 44 פון די קאָלאָניסטען אויסגע־שטאָרבען. איידער הילף איז געקומען פון ענגלאַנד ענדע זומער זיינען שוין מער ווי אַ העלפט געווען טויט. קיינער פון זיי האָט אָבער ניט געטראַכט פון פאַרלאָזען די קאָלאָניע, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די צאָל קברים פון די טויטע איז געווען גרעסער ווי די צאָל הייזער פאַר די לעבעדיגע.

אין די קריטישע מאָמענטען האָבען זיי געקראָגען הילף פון

פריינדליכע אינדיאנער, וועלכע האבען זיי געלערענט ווי צו זייען קוקורוזע, וואו צו כאפען פיש און ווי צוצוקומען צו די אינדיאני־שע שבטים אין דער ארומיגער געגענד.

דער וואוקס פון דער קאלאניע איז פאר די נעכסטע צען יאר געווען זייער א לאנגזאמער. אין 1624 איז די צאל קאלאניסטען געווען בלויז 180 און אין 1630 ניט מער ווי 300. אבער אין פאר־לויף פון דער צייט האט זיך די קאלאניע איינגעפונדעוועט אי עקאָ־נאמיש, אי פאליטיש. זי האט אנטוויקעלט א היבשען האנדעל אין פעלץ מיט די אינדיאנער שבטים. די צוויי זיילען אויף וועלכע די קאלאניע האט זיך געשטיצט, זיינען געווען „די ביבעל און דער בי־בער" — די ביבעל איז געווען דער מאראלער זייל און די ביבער־פעלען דער מאטעריעלער. די האלענדער קאלאניסטען, וועלכע הא־בען שוין דעמאלט געהאט א גוט אנטוויקעלטע קאלאניע אין ניו־יארק און געפירט א גרויסען האנדעל מיט די אינדיאנער, האבען ארויסגעוויזען פריינדליכקייט צו די פלימוטהענער און זיי געוויזען דעם וועג, וועלכען זיי האבען מיט פיל מי אויסגעטראטען.

פאליטיש האט די קאלאניע געהאט א היבש ביסעל צרות. „די קאונסיל פאר ניו ענגלאנד" אין לאנדאן, צו וועמען דאס לאנד האט געזעצליך געהערט, האט דער קאלאניע געגעבען א טשארטער אין 1622. אבער זי האט ערלויבט אנדערע זיך צו באזעצען נעבען דער קאלאניע און מיט איר קאנקורירען. דאס האט דער קאלאניע פיל געשטערט. די שותפים אין דער קאלאניע, די לאנדאנער געשעפטס־לייט, וועלכע האבען געהאט די אקציעס, האבען ערווארט ריווחים און האבען שטארק פראטעסטירט, ווען זיי האבען עס ניט באקו־מען. די מאכטהאבער, די קליינע הייפעלע, וואס האט זיך ארגאַ־ניזירט אונטער'ן „אפמאך" אויף דער „מאי פלאוער", האבען אבער אלע שטערונגען בייגעקומען. זיי האבען פארטריבען די אלע „פרעמ־דע", וועלכע זיינען געקומען מיט זיי קאנקורירען אין האנדעל מיט די אינדיאנער. דאן האבען זיי אפגעקויפט די אקציעס פון די לאנ־דאנער שותפים. די קאלאניע איז איצטער געווען פאקטיש זעלבסט־שטענדיג, אויסער וואס זי איז געווען אונטערווארפען אונטער דעם טשארטער פון א קאמפאניע, וועלכע האט געהאלטען ביים צופאַ־

לען ווערען. די פּאָליטישע מאַכט פון די „מאַי פלאַוער“ יחסנים איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרען, ווי אַזוי זיי האָבען זייער מאַכט באַנוצט, וואָס פאַר אַ סאָרט פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע אָרדנונג זיי האָבען אין דער קאָלאָניע איינגעפירט, וועלען מיר שפּעטער זען.

די פּלימוטה־קאָמפּאַניע האָט שפּעטער אַרויסגעקראָגען אַ נייעם טשאַרטער פון דער רעגירונג און געענדערט איר נאָמען אויף „די קאָונסיל פאָר ניו ענגלאַנד“.

2. די פּוריטאַנער אין סיילעם און אַנדערע שטעטלאַך

אַ העכסט אומרואיגע צייט האָט ענגלאַנד איבערגעלעבט אין דעם צווייטען פערטעל פון 17טען יאָרהונדערט. קאַרל דער ערשטער איז אַרויף אויפ'ן טראָן אין 1625 און גלייך נאָכדעם האָבען זיך שטורעם־וואָלקענס געגומען פאַרציען איבער'ן לאַנד. דער קאַמף צווישען דער נייער בורזשואַזיע און דעם קעניג איז שאַרפער געוואָרען פון יאָר צו יאָר, און אין 1629 האָט ער דערגרייכט צו אַזאַ פּונקט, אַז דער קעניג האָט געמאַכט אַ פאַרצווייפעלטען שריט, וועלכער האָט אים מיט צוואַנציג יאָר שפּעטער געקאָסט זיין קאָפּ. ער האָט פאַנאַנדערגעלאָזען דעם פּאַרלאַמענט, די קערפּערשאַפט, וואָס האָט פאַרטיידיגט די אינטערעסען פון דעם וואַקסענדען קאַפּיטאַליסטישען קלאַס. אומגעפער אין די זעלבע יאָרען איז פאָרגעקומען אַ אינדוסטריעלער פּאַניק — די וואָל אינדוסטריע האָט זיך כמעט איינגאַנצען אָפּגעשטעלט. אַרבייטער האָבען פאַרלאָזען זייער באַשעפטיגונג און די קליינע פאַרמער האָבען פאַרלאָזען זייער מאַרק. פּרייזען זיינען געפאַלען. דער האַנדעל איז פּאַראַליזירט געוואָרען.

דער קעניג האָט אַרויפגעלייגט שטייערען, וועלכע די מיטעלקלאַסען — די האַנדעלס־און אינדוסטריעל־קלאַסען — האָבען זיך אַנטזאָגט צו צאָלען. ער האָט געענטפערט מיט אַרעסטען און פאַרפאָלגונגען. און פאַרבונדען מיט דעם פּאָליטישען קאַמף איז געווען דער רעליגיעזער. דער מיטעל־קלאַס איז געווען פּוריטאַניש גע־

שטימט. אין זיין קאמף פאר פאליטישער הערשאפט און געגען דעם קעניג'ס „געטליכער מאכט" איז ער צוגעצויגען געווארען צו יעדער רעליגיעזער סעקטע, וועלכע האט דעם קעניג'ס קירכע אטא־קירט אלס אומריין. און די פוריטאנער סעקטען זיינען פון קעניג פארפאלגט געווארען אי אין נאמען פון רעליגיע, אי אין נאמען פון פאליטיק.

און דערפאר האט עס פאסירט, אז צווישען די יארען 1630 און 1649 האבען צענדליגע טויזענטער פארלאזען ענגלאנד און זיינען געפארען זוכען נייע היימען. עס האבען עמיגרירט ארבייטסלאזע ארבייטער, רואינירטע פארמער און קליינע סוחרים, פאראר׳מטע אדעל־לייט און פארפאלגטע גלחים און פרומאקעס פון די פוריטא־נישע סעקטעס. ארום און ארום זיינען אין צען יאר ארויסגעפא־רען א זיבעציג טויזענט נפשות. דריי פערטעל פון זיי זיינען אוועק טיילווייז קיין אירלאנד און טיילווייז אויף די אינזלען, וואס ליגען צווישען נארד־און זיד־אמעריקא. אהין זיינען געפארען הויפטזעכ־ליך אזוינע, וואס האבען צום פוריטאניזם קיין שטארקע איבערגע־בענקייט ניט געהאט. ארום 16 טויזענט האבען אימיגרירט קיין מא־סאטשוזעטס, און די גרינדער און פירער פון אט די קאלאניעס זיי־נען געווען מייסטענטיילס פוריטאנער. דאס הייסט ניט, אז די מאסע וואס האט אימיגרידט קיין מאסאטשוזעטס איז געווען אינ־גאנצען א פוריטאנישע. די בעסטע אויטאריטעטען צווישען די היסאריקער שאצען, אז פון די 16 טויזענט זיינען בלויז 4 טויזנט געווען פוריטאנער. אבער דער עיקר איז, וואס די הערשענדע גרופען אין די מאסאטשוזעטס־קאלאניעס זיינען געווען פוריטא־נער. און זיי האבען אוועקגעלעגט דעם פוריטאנישען שטעמפעל אויף מאסאטשוזעטס.

די גרינדונג פון די קאלאניעס אין מאסאטשוזעטס פאנגט זיך אן אין 1628. אין יענעם יאר האט א גרופע סוחרים און אדעל־לייט אין לאנדאן באקומען א טשארטער אין דעם „קאנסיל פאר ניו ענג־לאנד" צו גרינדען א קאלאניע צווישען די טייכען מערימעק און טשארלז. זיי האבען ארויסגעשיקט א שיף מיט 50 אימיגראנטען. אויף דעם פונקט, וואו זיי האבען זיך אפגעשטעלט, האבען זיי גע־

פונען א קליינע צאל ענגלענדער, וועלכע האבען זיך דארטען באַזעצט מיט איניגע יאר פריער. די צוויי גרופען האבען צווישען זיך אונטערהאנדעלט און זיינען געקומען צו א פארשטענדניס. און דערפאר האבען זיי באשלאסען צו רופען דעם פלאץ סיילעם (שלום).

די לאנדאנער בעלי־הבתים פון דער קאלאניע האבען באלד איינגעזען, אז מיט דעם „קאנסיל פאר ניו ענגלאנד" וועלען זיי האַבען אפטע מחלוקות, האבען זיי באשלאסען צו אינקארפארירען אן אייגענע קאמפאניע און באקומען אן אייגענעם טשארטער דירעקט פון קעניג. און זיי האבען אזוי געטאן. אין דער קאמפאניע זיינען אריין א סך פורדיטאנער, אדעל־לייט און סוחרים. מאנכע פון זיי האבען געהאט פארבינדונגען מיט איינפלוסרייכע מענשען אין קעניגליכען הויף און זיי איז ניט שווער אנגעקומען דעם טשארטער צו קריגען.

די נייע קאמפאניע האט ארויסגעשיקט פינף שיפען מיט פיר הונדערט קאלאניסטען. ווען זיי זיינען אנגעקומען, האבען זיי פון די ערשטע קאלאניסטען געפונען וויניגער ווי א העלפט. די איבעריגע זיינען אין פארלויף פון די ווינטער־מאנאטען אויסגעשטארבען. און פאר די אנגעקומענע האט דער שיקזאל געהאט צוגעגרייט אן ענליכען קבלת־פנים. זיי האבען אויך אין נעכסטען ווינטער שרעקליך געליטען און פארלארען א היבשע צאל דורך פארשידענע קראנקהייטען.

דערווייל איז צווישען די בעלי־בתים פון דער קאלאניע אין ענגלאנד פארגעקומען נאך אן ענדערונג. מאנכע פון זיי האבען זיך ארומגעזען, אז פאר זיי וואלט גלייכער געווען אליין קיין אמעריקא אוועקצופארען. דער וויכטיגסטער אין דער גרופע איז געווען דזשאן ווינטראפ, א מאן פון עטליכע און פערציג יאר, א געוועזענער רע־גירונגס־בעאמטער, וועלכער האט פארלארען זיין אמט צוליב זיינע רעליגיעזע און פאליטישע אנשויאונגען און וועלכער איז אין די לעצטע יארען פאראַרימט געווארען. ער איז געווען דער אנפירער פון דער פראקציע אין דער קאמפאניע, וואס האט געפאדערט, אז די רעגירונג פון דער קאלאניע זאל טראנספערירט ווערען אין דער

קאָלאָניע גופא, דאָס הייסט, אַז די קאָמפּאַניע זאָל זיך אָפיציעל אַריבערקלייבען אין דער קאָלאָניע. און ער האָט אויסגעפירט.

אין 1630 איז ווינטראָפּ אָנגעקומען מיט עטליכע הונדערט קאָלאָניסטען. ער האָט זיך באַזעצט אין טשאַרלסטאָון, ניט ווייט פון סיילעם. שפּעטער אַ ביסעל זיינען אָנגעקומען נאָך שיפען מיט נאָך אימיגראַנטען, אַרום און אַרום זיינען יענעם יאָר אָנגעקומען קיין מאַסאַטשוזעטס אַ צוויי טויזענט ענגלענדער. דער ווינטער איז ווידער געווען אַ שלעכטער: קראַנקהייט און הונגער האָבען אַוועקגערויבט הונדערטער לעבענס. אַ פּאָר הונדערט פּערזאָנען זיינען אַנטלאָפען צוריק קיין ענגלאַנד. אָבער די גרעסטע צאָל האָט דאָך בייגעקומען די אומשטענדען און די קאָלאָניע איז איינגעוואָרצעלט געוואָרען און האָט זיך גענומען פאַנאַנדערצווייגען איבער דער אַרומיגער טעריטאָריע.

די גאַנצע רעגירונגס־מאַכט איז געווען אין די הענט פון די פּאָר צענדליג מיטגלידער פון דער קאָמפּאַניע, וועלכע האָבען זיך באַזעצט אין דער קאָלאָניע. זיי האָבען אויסגעקליבען יעדען יאָר אַ גאָווערנאָר און 18 אַרויסהעלפער (אַסיסטענטס) און די 19 פּערזאָן האָבען געמאַכט געזעצען און געפירט די פאַרוואַלטונג. ניין־און־ניינציג־און־אַ־האַלב פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג האָבען ניט געהאַט קיין שטימרעכט. אַלס גאָווערנאָר איז אויסגעקליבען געוואָרען דזשאָן ווינטראָפּ.

צווישען די קאָלאָניסטען האָבען זיך אָבער געפונען אַ היבשע צאָל געוועזענע אַדעל־לייט און רייכע סוחרים פון דער היים און זיי האָבען זיך אָנגעפאַנגען „צו בונטעווען“. זיי האָבען געסטראַשעט צו ברייגען קלאָגעס צום קעניג און צו פאַרלאָזען אינגאַנצען די קאָלאָניע. האָבען די פּאָר צענדליג פּוריטאַנישע הערשער, נאָך אַ לאַנגער באַראַטונג, באַשלאָסען צו געבען שטימרעכט צו געהויבענע מענשען; צו די, וואָס זיינען, אין זייערע אויגען, ווערט געווען דאָס צו קריגען. פון די גאַנצע צוויי טויזענט האָבען זיך געפונען בלויז אַ הונדערט און צוואַנציג אַזוינע „ווירדיגע“, און אַט די הייפעלע איז אַריינגענומען געוואָרען אין דעם העכערען קלאַס. צו דערזעלבער צייט איז אָבער דורכגעפירט געוואָרען אַ געזעץ,



דזשיימסטאון, ווירדזשיניאַ, די ערשטע ענגלישע קאָלאָניע,
ווי זי האָט אויסגעזען אין יאָר 1622.

אז אין דער צוקונפט זאל קיין שטימרעכט ניט געגעבען ווערען צו אזוינע איינוואוינער, וואס געהערען ניט צו דער פוריטאנישער קירכע.

דער „קאונסיל פאר ניו ענגלאנד“, די אריגינעלע קאמפאניע, צו וועלכער די טעריטאריע פון מאסאטשוזעטס האט באלאנגט, האט שטארק ניט געוואלט ליידען, וואס די נייע קאלאניע איז געגאנגען איבער איר קאפ און האט באקומען א טשארטער פון קעניג. זי האט דערפאר געגראבען געגען דער קאלאניע. מיט דער הילף פון פארשידענע פערזאנען, וואס זיינען פון די הערשענדע פוריטאנער אין דער קאלאניע פארפאלגט געווארען, איז איר געלונגען צו ווירקען אויפ'ן קעניג, ער זאל צוריקרופען דעם טשארטער. די קאלאניסטען האבען אבער דעם באפעל פון קעניג ניט געפאלגט און דעם טשארטער ניט אפגעגעבען. דער קעניג האט ניט געהאט די מעגליכקייט אנצואווענדען געוואלד־מיטלען, ווייל ענגלאנד האט שוין געקאכט מיט דער אנקומענדער רעוואלוציע. ער האט באפאלמעכטיגט די פאראינטערעסירטע געגנער פון דער קאלאניע אליין צו שיקען אן עקספעדיציע געגען איר, אבער זיי האט געפעלט געלט צו אזא אונטערנעמונג. אלץ איז דעריבער פארבליבען ביים אלטען.

אין ענגלאנד האט דער מזל צוגעשפילט די מאכטהאבער. אין דער קאלאניע אבער האבען זיך די מאכטהאבער אין מזל ניט גענויטיגט. זיי האבען געהערשט מיט אן אייזערנער האנט. יעדער וואס האט געוואגט די קאפ אויפהויבען געגען זיי, איז ברוטאל באזייטיגט געווארען. די זעלבע פוריטאנער, וועלכע האבען אין ענגלאנד געפאדערט טאלעראנץ פאר זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען און פרייהייט פאר זייער געוויסען, זיינען אין אמעריקא פארוואנדעלט געווארען אין אמת'ע אינקוויזיטארען.

דעם גייסט פון רעליגיעזער „טאלעראנץ“ האבען די פוריטאנישע הערשער גענומען ארויסווייזען גלייך ווי זיי זיינען אהער געקומען. צווישען די ערשטע קאלאניסטען אין דער עקספעדיציע פון 1629 זיינען געווען צוויי ברידער בראון; איינער א סוחר און איינער אן אדוואקאט. זיי זיינען ביידע אפילו געווען מיטגלידער פון דער

קאמפאניע, וואס האט דעם טשארטער באקומען, אבער זיי זיינען ניט געווען קיין פוריטאנער, און ווען דער פוריטאנישער גאווער־נאר האט גלייך ביים אנקומען אין סיילעם איינגעפירט א פוריטא־נישע קירכע, האבען זיך די בראונס אנטזאגט צוצושטיין צו איר. פאר דעם חטא האט דער גאווערנאר זיי פון דער קאלאניע אויסגע־שלאסען און אפגעשיקט צוריק קיין ענגלאנד.

אפיציעל האט די פוריטאנישע קירכע קיין דעה ניט געהאט אין דער רעגירונג, אבער אומאפיציעל זיינען די פראמינענטע גלחים געווען א ריזיגע מאכט אין איר. די קירכע און דער שטאט זיינען געווען שטייף פארבונדען איינס מיט'ן אנדערען. אזוי, צום ביישפיל, איז געווען א געזעץ, אז בירגער־רעכט קענען האבען בלויז מיטגלידער פון דער קירכע (ווען מיר זאגען קירכע, מיינען מיר פוריטאנישע, ווייל קיין אנדערע איז ניט ערלויבט געווען). מען דארף אבער ניט מיינען, אז יעדערער האט געקאנט ווערען א מיטגליד פון דער קירכע. גיין אין דער קירכע האבען אלע געמעגט און כמעט געמוזט, אבער א מיטגליד ווערען, א דעה האבען — דאס ניט. די אלטע מיטגלידער האבען געדארפט שטימען ווע‌מען אריינצונעמען און וועמען ניט, און זיי האבען זיך געהיט ניט צו זיין צו ליבעראל.

דאס געזעץ־בוך פון דעם שטאט איז געווען די ביבעל. און אזוי ווי די אויטאריטעטען אין דער ביבעל זיינען דאך די גלחים, האט זיך דער שטאט געמוזט שטענדיג ווענדען צו זיי נאך מיינונגען אין געזעץ־פראגען.

און אזוי איז געשאפען געווארען א פעסטער באנד צווישען די גלחים און די הויכע רעגירונגס־באאמטע. דערביי מוז אבער באַ־מערקט ווערען, אז אין דערזעלבער צייט איז אומבאמערקט פאר־זייט געווארען אי אין דער קירכע, אי אין דעם שטאט דער קע־רענדל, פון וועלכען עס איז פיל שפעטער ארויסגעוואקסען א מער דעמאקראטישע ארדנונג. אין דער קירכע האט געהערשט דער פרינציפ, אז די מיטגלידער זיינען אלע גלייך און אז יעדע קירכע איז אינגאנצען אפהייננגיג פון די איבעריגע. אין דער שטאט האט זיך פון זיך אליין אנטוויקעלט די „טאון מיטינג", מיט וועלכע ניו־

ענגלאנד שטאָלצרט נאָך ביז היינטיגען טאָג. דאָס זיינען געווען מיטינגען, צו וועלכע אַלע איינוואוינער פון שטעטל אָדער דאָרף האָבען געהאַט דאָס רעכט צו קומען און אויסדריקען מיינונגען. די ערשטע צייט האָבען די פאַרזאַמעלטע געקענט בלויז ריידען וועגען וויכטיגע פראַגען, נאָר ניט שטימען. שפּעטער אָבער האָבען זיי אויסגעקעמפט אויך שטימרעכט.

ביי די „טאון מיטינגען“ פלעגען אויסגעקליבער ווערען די פאַר־שטייער פון שטעטל אָדער דאָרף צו דער געזעצגעבערישער קער־פּערשאַפט („דעפּיוטים“ האָבען זיי געהייסען). געשטימט פאַר זיי האָבען, נאַטירליך, בלויז די געציילטע, וואָס האָבען געהאַט שטימ־רעכט. דער פאַקט אָבער, וואָס מען פלעגט זיי אויסקלייבען ביי אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, האָט געווירקט זיי זאָלען זיי מער ליבע־ראַל. דער גאָווערנאָר און זיינע אַסיסטענטען, וועלכע פלעגען אויסגעקליבען ווערען פון די דעפּוטאַטען, זיינען געווען מער קאָנ־סערוואַטיוו. מיט דער צייט האָט זיך געשאַפען אין דער רעגירונג אַט די צוטיילונג: די גלחים מיט דעם גאָווערנאָר און די אַסיס־טענטען זיינען געווען דער רעאַקציאָנערער פליגעל און די „דעפּיו־טים“ — דער ליבעראַלער פליגעל.

און דערמיט ערקלערט זיך די אַגיטאַציע, וואָס די פראָמינענט־סטע גלחים האָבען די ערשטע יאָרען אָנגעפירט, אַז דער גאָווער־נאָר און זיינע אַסיסטענטען זאָלען פון זייערע עמטער ניט אַראָפּ־געזעצט ווערען אָן אַ גענוגענדער אורזאַך, דאָס הייסט, זיי זאָלען האַלטען זייערע עמטער דאָס גאַנצע לעבען. די גלחים האָבען זיך געשראָקען פאַר די מער ליבעראַלע „דעפּיוטים“.

.8

ראדזשער וויליאַמס און ענן האטשינסאָן גרינדען רהאָד איילענד

די דיקטאַטור פון דער פוריטאַנישער אַריסטאָקראַטיע און קירכע אין מאַסאַטשוזעטס האָט ניט געדולדעט קיין אָפּאָזיציע און קיין קריטיק. פרייע מיינונגען וועגען דער קירכע און וועגען דער רעגירונג זיינען געווען שטרייננג פאַרבאָטען. אַ געוויסער רעטקליף האָט געוואַגט אַרויסצוזאָגען פריי זיינע איבערצייגונגען וועגען דער דיקטאַטור, האָט מען אים דערפאַר געשמיסען, אָפּגעשניטען ביידע אויערען און אַרויסגעטריבען פון דער קאָלאָניע. עס איז געווען פאַרעכענט פאַר אַ פאַרברעכען צו לייקענען, אַז די הויכע באַאַמטע זיינען „געזאַלבטע פון גאָט“, אָדער צו געבען די אינדיאַנער גערעכט אין די פיל סקאַנדאַלען, וואָס די רעגירונג איז געגען זיי באַגאַנגען.

צוויי ערנסטע רעוואָלטען געגען דעם דאָזיגען דעספּאָטיזם זיינען געמאַכט געוואָרען אין די דרייסיגער יאָרען: איינער איז אָנגעפירט געוואָרען פון אַ מאַן, ראַדזשער וויליאַמס, און דער צווייטער פון אַ פרוי, ענן האָטשינסאָן.

ראַדזשער וויליאַמס איז איינער פון די שענסטע און נאָבעלסטע פערזענליכקייטען אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע. נאָך אין ענגלאַנד האָט ער געקראָגען אַ נאָמען אַלס אַ געטליכער מאַן. דאָרטען איז ער געווען אַ גלח אין אַ פוריטאַנישער קהילה און ער איז אין מאַסאַטשוזעטס געקומען זוכען אַ רוהיגע היים צווישען זיינע פוריטאַנישע ברידער. גלייך ביים אָנקומען, אין 1631, האָט די קירכע אין באָסטאָן אים אָנגעבאָטען אַ שטעלע. ער האָט זיך אָפּגע־

זאגט דערפאר, וואס די באסטאנער קהילה האט מורא געהאט צו ערקלערען אפען, אז זי געהערט ניט צו דער אפיציעלער קירכע פון דער ענגלישער רעגירונג. ער האט א שטיק צייט געפריידיגט אין פלימוטה און איז דערנאך געווארען א גלח אין סיילעם.

אין צוזאמענשטויס מיט דער רעגירונג און די גלחים איז ער געקומען גלייך ווי ער האט דא גענומען פריידיגען. ראדזשער וויליאמס איז געווען אין רעליגיעזע זאכען נאך פרימער און שטרייננגער ווי די אנדערע גלחים. ער האט אבער געגלויבט, אז דער שטאט, די רעגירונג, טאר זיך אין רעליגיאנס־אנגעלעגענהייטען ניט מישען. ער האט פארדאמט די רעגירונג וואס באשטראפט מענשען פאר ניט היטען זונטאג, פאר ניט גיין אין קירכע אדער פאר באגיין אנדערע זינד געגען דעם באפעל פון די גלחים. ער האט געפאדערט פאר אלע איינוואוינער אין דער קאלאניע אבסאלוטע פרייהייט פון רעליגיע און פון געוויסען.

שפעטער אביסעל האט ער גענומען פריידיגען א צווייטע „געפערליכע" תורה — אז דאס לאנד אין אמעריקא געהערט צו די איינגעבארענע, צו די אינדיאנער, און אז די ענגלישע רעגירונג האט קיין רעכט ניט געהאט ארויסצוגעבען טשארטערס און אוועקשענקען דאס לאנד צו איינצעלנע אדער צו קאמפאניעס. ער האט אויפגעפאדערט די רעגירונג זי זאל אנערקענען דאס רעכט פון די אינדיאנער צו זייער לאנד און מיט זיי אונטערהאנדלען וועגען ערלויבניש זיך דא ווייטער צו באזעצען.

וויליאמס איז געווען צו פאפולער, אז מען זאל אים קענען באהאנדלען ווי א געוויינליכען „רעוואלוציאנער". דערצו האט ער אויף זיין זייט געהאט די פולע שטיצע פון זיין קירכע אין סיילעם. עטליכע מאל האט די רעגירונג געפרואווט אים צו משפט'ען אויף פארשידענע פאלשע באשולדיגונגען. ער איז זאגאר איינמאל אנגעקלאגט געווארען אין העצען קעגען קעניג אין ענגלאנד. ער האט אבער זיך שטענדיג אזוי פארטיידיגט, אז מען האט אים געמוזט באפרייען.

אין 1635 האבען די הויכע באאמטע באשלאסען איינמאל פאר אלע מאל פון וויליאמס'ן פטור צו ווערען. די ערשטע זאך האבען

זיי געצוואונגען די קירכע פון סיילעם אים אפצוזאגען. א מיטעל האבען זיי אנגעווענדט א ריין עקאנאמישען. די סיילעמ'ער קאלאניע האט זיך גענויטיגט אין נאך א שטיק ערד. האבען די באאמטע איר געלאזט וויסען, אז כל זמן זי וועט האלטען וויליאמס'ן, וועט איר פארלאנג ניט באוויליגט ווערען. און דאס האט געהאט די געווינשטע ווירקונג.

דער פראצעס איז פארגעקומען אין הערבסט און דער פסק איז געווען, אז אין זעקס וואכען צייט טאר ער זיך מער ניט געפינען אין דער קאלאניע. שפעטער אביסל האבען די באאמטע אים ערלויבט צו פארבלייבען ביז פרילינג, מיט דעם תנאי, אז ער זאל ביז דעמאלט האלטען דעם מויל פארמאכט. דעם תנאי האט וויליאמס ניט געהאלטען. אנשטאט צו שווייגען און ווארטען, האט ער געזוכט צו ארגאניזירען זיינע אנהייגער זיי זאלען צוזאמען מיט אים גרינדען ערגעץ אנדערש א קאלאניע. ווען די באאמטע האבען זיך דערפון דערוואוסט, האבען זיי געשיקט סאלדאטען אים צו ארעסטירען. זייער כונה איז געווען אים אויסצוליפערען קיין ענגלאנד. דאס איז געווען אין מאנאט יאנואר, 1636. וויליאמס איז באצייטענס אנטלאפען, איבערלאזענדיג זיין פרוי און צוויי קליינע קינדער. פערצען וואכען האט ער זיך ארומגעטריבען אין די פארשנייטע וועלדער פון מאסאטשוזעטס. די אינדיאנער, וועלכע האבען אים געקענט אלס אן איבערגעגעבענעם פריינט, האבען אים אריינגענומען צו זיך און אים געהאלטען ווי אן אייגענעם. זיי האבען אים געגעבען לאנד אין רהאד איילאנד, וואו פראווידענס שטייט איצטער און אין מאנאט יוני האט ער, צוזאמען מיט א קליינער צאל אנהייגער, וועלכע זיינען צו אים געקומען פון סיילעם, געגרינדעט דארט א קאלאניע. דאס איז געווען דער ווינקעלשטיין אין דעם פונדאמענט פון רהאד איילאנד.

דעמזעלבען זומער, ווען ראדזשער וויליאמס האט אוועקגעוואנדערט קיין רהאד איילאנד און די קירכע אין מאסאטשוזעטס האט פריי אפגעאטעמט, איז אהין אנגעקומען א פערזאן, וואס האט איר שפעטער פארשאפט נאך גרעסערע צרות. ענן האטשיסאן האט זיך באזעצט אין באסטאן, וואו דער בארימטער גלח,

דזשאהן קאטטאן האט געפריידיגט. זי האט געהאט א גוטען קאפ און א ווארים הארץ, און ביידע, אי דעם קאפ, אי דאס הארץ, האט זי געווידמעט צו פארשפרייטען ליכט און ווארימקייט צווישען אירע שכנים. זי פלעגט ארויסהעלפען קראנקע, הויפטזעכליך קימפעטארינס און פלעגט דרש'ענען וועגען רעליגיע צו די פרויען, וואס האבען קיין צייט ניט געהאט צו גיין זונטאג אין קלויסטער. אט די דרשות האבען געגען איר דערוועקט דעם צארן פון די באאמטע און די גלחים.

זי האט געפריידיגט א רעליגיע פון ליבע און גוטסקייט, און דאס איז די גלחים ניט געפעלען געווען. זייער רעליגיע האט געהאט אלס איר פונדאמענט בלינדע געהארכזאמקייט צו די באפעלען פון דעם גלח. די גרויסע מאסען זיינען גענייגט געווען איר נאכצופאלגען און זאגאר צווישען די הויכע באאמטע זיינען מאנכע געווען אירע הייסע אנהיינגער. א לאנגע צייט האט דער גרויסער גלח דזשאהן קאטטאן אויך געהאלטען מיט איר.

דער קאמף איז געווען א ביטערער און ער האט זיך געצויגען נאענט צו צוויי יאר צייט. ענדליך איז זי און איר פארטיי באזיגט געווארען. מען האט זי ארויסגעטריבען און זי איז אוועק קיין רהאד איילאנד, אין ראדזשער וויליאמס'עס קאלאניע. דזשאן קאטטאן האט „תשובה געטאן”, אנדערע פראמינענטע אנהיינגער אירע האבען פארלארען זייער שטימרעכט. א געזעץ איז אין דערזעלצער צייט דורכגעפירט געווארען, אז קיין אימיגראנט טאר ניט פארבלייבען לענגער ווי דריי וואכען אין מאסאטשוזעטס סיידען דער גאווערנאר אדער צוויי פון זיינע אסיסטענטען גיבען אים ערלויבניש. נאך א געזעץ איז אנגענומען געווארען, אז יעדערער מוז גיין אין קירכע, און אז יעדערער מוז צאלען א שטייער אויפצוהאלטען די קירכע. א דריטער געזעץ האט געלויטעט, אז אויב אימיצער אין דער קאלאניע ווערט צוליב וועלכער עס איז אורזאך ארייגעלייגט אין חרם פון דער קירכע, מוז ער איז זעקס מאנאט צייט אויסווירקען מען זאל אים צוריק אין דער קירכע ארייננעמען, אויב ניט קאן ער באשטראפט ווערען מיט א געלט־שטראף, מיט געפענגניש, מיט גלות אדער מיט א נאך שווערער שטראף.

דער פינסטערער דעספאטיזם פון דער קירכע זעט זיך קלאר ארויס ביים משפט פון ענן האטשינסאן. ביים אנפאנג פון פראצעס האט זי געפרעגט: „געגען וועלכען געזעץ האב איך פארבראכען?“ דער ענטפער איז געווען: געגען דעם פינפטען געזעץ פון די עשרת הדברות. דארטען שטייט: „כבד את אביך ואת אמך“, האלט ערליך דיין פאטער און דיין מוטער. און דו האסט באליידיגט די פאטערס פון דער קהלה“. ביים שלוס פון פראצעס, ווען דער ריכטער האט איר ערקלערט, אז זי מוז פארלאזען די קאלאניע, האט זי אים ווידער געפרעגט: „איך וויל וויסען פארוואס מען טרייבט מיך ארויס“. זיין ענטפער איז געווען: „רייד ניט מער, דער ריכטער וויים פארוואס, און דאס איז גענוג“.

די צוויי גרויסע קעמפע געגען דער דעספאטישער מאכט פון דער אריסטאקראטיע און קירכע האבען זיך געענדיגט מיט א דורכפאל. פרייע רעדע און פרייער געוויסען זיינען דערשטיקט געווארען. א נייע קירכע האט ניט געטארט געגרינדעט ווערען אין דער ערלויבניש פון די פוריטאנישע גלחים. נייע אימיגראנטען האבען נימ געטארט אריינפארען אן דער צושטימונג פון די פוריטאנישע באאמטע. גאנצע פופציג יאר האט די דאזיגע טיראניי אנגעהאלטען.

די צוויי ארויסגעטריבענע קעמפער געגען דער הערשענדער דעספאטיע פון מאסאטשוזעטס, ראדזשער וויליאמס און ענן האטשינסאן, האבען געלייגט דעם פונדאמענט פון דער קאלאניע רהאד איילאנד. ראדזשער וויליאמס האט אין 1636 געקראגען די ערלויבניש און די הילף פון די אינדיאנער דארטען זיך צו באזעצען און צוזאמען מיט די פינף אנהייננער האט ער געגרינדעט דעם ישוב פראווידענס. מיט צוויי יאר שפעטער האט וויליאמס ארויסגעווירקט ביי די אינדיאנער זיי זאלען אן ענליכע ערלויבניש געבען מרס. ענן האטשינסאן און א פאר צענדליג פון אירע נאכפאלגער. זיי האבען זיך באזעצט אויף דעם אינזעלע וואס ליגט צו דרום־צו פון פראווידענס און דארטען געגרינדעט דעם ישוב פארטסמוטה. די צאל פון דער באפעלקערונג אין די צוויי

פלעצער איז ביסלעכווייז געוואַקסען. און מאַנכע האָבען זיך אָפּ־געטיילט און געגרינדעט ניט ווייט פון זיי איין ישוב אין ניופּאָרט און אַ צווייטען אין וואָריק.

רהאָד איילאַנד איז געוואָרען אַן אַנטרינונגס־אָרט פאַר די אומצופרידענע און פאַרפאָלגטע אין מאַסאַטשוזעטס. און עס פאַר־שטייט זיך, אַז די אַריסטאָקראַטען און גלחים פון דער פּוריטאַ־נישער הערשאַפט האָבען אויף דער קאָלאָניע געקוקט מיט האַס. ענן האַטשינסאָן האָבען זיי ניט אויפגעהערט צו פאַרפאָלגען. פון נקמה האָבען זיי אויף איר די שענדליכסטע, העסליכסטע בלבולים פאַרשפּרייט. און די גלחים אין באָסטאָן האָבען אין די קירכעס אָפען געפּריידיגט וועגען אירע באַציהונגען מיט שדים. לאַנג האָט זי די קעלהאַפטע פאַרפאָלגונגען ניט געקענט אויסהאַלטען און איז מיט איר פאַמיליע אַוועק קיין ניו יאָרק, וואו די האָלענדישע קאָלאָניסטען האָבען זי פריינדליך אויפגענומען. זי האָט זיך באַזעצט אויף אַ פאַרם ביי העלגעיט. אין 1643 איז זי און איר גאַנצע פאַמיליע (מיט דער אויסנאַם פון אַן עלף יאָריגען איי־ניקעל) ערמאָרדעט געוואָרען אין אַ פּאָגראָם פון אינדיאַנער.

אַ דריטען אַפּיקורס, אַ געוויסען סעמיועל גאָרטאָן, וועלכער איז אַנטלאָפען פון מאַסאַטשוזעטס קיין רהאָד איילאַנד, האָבען די פרומאַקעס פאַרפאָלגט מיט׳ן שווערד. גאָרטאָן איז געווען אַ מערקווירדיגע פערזענליכקייט. ער האָט ניט געקענט דולדען קיין שום אויבערמאַכט איבער זיך — ניט פּאָליטישע, ניט עקאָנאָמישע, ניט רעליגיעזע. אַפילו צווישען די קאָלאָניסטען אין רהאָד איי־לאַנד האָט ער זיך ניט געקענט איינפּאַסען. ער האָט ביי די אינ־דיאַנער באַקומען אַ שטיקעל ליידיגע ערד אין רהאָד איילאַנד און מיט אַ קליינער גרופּע אָנהייננגער געגרינדעט אַן אייגענעם ישוב. די הערשער פון מאַסאַטשוזעטס האָבען געשיקט אַן אַרמיי. דער ישוב איז פאַרניכטעט געוואָרען און די גאַנצע גרופּע זיינען גע־בראַכט געוואָרען געפאַנגענע אין מאַסאַטשוזעטס. די גלחים און דער גאָווערנאָר מיט זיינע אַסיסטענטען האָבען גע׳פּסק׳ענט, אַז זיי קומט טויט־שטראָף. און דער פּסק וואָלט דורכגעפירט געוואָ־רען, ווען ניט די פּראָטעסטען פון די מער ליבעראַלע דעפּוטאַטען

און פון דער אלגעמיינער עפענטליכער מיינונג. דער פסק איז פאר־
לייכטערט געווארען אויף א לאנגען טעהמין אין געפיינגניש. די
באוועגונג צווישען פאלק לטובת די ארעסטאנטען האט זיך אבער
אזוי פארשפרייט, אז אין א יאר ארום איז די רעגירונג געצוואונ־
גען געוועז זיי איינגאנצען צו באפרייען. זיי האבען אבער באקומען
א שטרייגען באפעל קיינמאל זיך ניט צו באווייזען אין מאסאטשו־
זעטס און אין די ארומיגע געגענדען.

דאן האט מאסאטשוזעטס אנגעפאנגען א קאמף צו באקומען
פון דער ענגלישער רעגירונג דאס רעכט איינצושליסען רהאד איי־
לאנד אין איר טעריטאריע. צו דעם צוועק האט זי געשיקט א קאמי־
סיע קיין לאנדאן. די רהאד איילאנדער האבען זיך באצייטענס
דערוואוסט דערפון און זיי האבען אריבערגעשיקט ראדזשער ווי־
ליאמס'ן צו באקעמפען דעם פארזוך. א דאנק דעם שלעכטען נאמען
וואס מאסאטשוזעטס האט זיך געמאכט אין פארלויף פון די 13 יאר
פון איר עקזיסטענץ אפילו צווישען די פוריטאנער אין ענגלאנד,
האט וויליאמס דארטען מנצח געווען. רהאד איילאנד האט באקו־
מען א טשארטער מיט דעם רעכט צו זיין אפהייגגיג און צו גרינ־
דען אזא רעגירונג ווי די מאיאריטעט פון די דארטיגע קאלאניס־
טען וועלען געפינען פאר פאסיג. דאס האט פאסירט אין 1644.
אין זעקס יאר ארום האט מאסאטשוזעטס א צווייטען פארזוך גע־
מאכט רהאוד איילאנד צו פארשלינגען דורך פאליטישען איינפלוס
אין ענגלאנד. אבער ראדזשער וויליאמס איז ווידער ארויסגעטרא־
טען געגען איר און האט ווידער געוואונען. רהאד איילאנד איז
געבליבען זעלבסטשטענדיג.

און אויסגענוצט האט זי איר זעלבסטשטענדיגקייט אלס א
געגען־גיפט צו דער טיראניי אין מאסאטשוזעטס. די סארט רע־
גירונג, וואס איז דארטען געגרינדעט געווארען, איז געווען גראדע
דער היפוך פון דער רעגירונג אין מאסאטשוזעטס. די קירכע האט
אין דער רעגירונג קיין שום דעה ניט געהאט. די געזעצען זיינען
געמאכט געווארען דורך א רעפרעזענטאנטען־הויז, אין וועלכער
אלע שטעטלאך זיינען געווען פארטראטען. פארשלאגען א געזעץ
האבען די דעפוטאטען אליין ניט געטארט, סיידען זיי זיינען בא־

אויפּטראַגט געוואָרען דורך אַ אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די בירגער אין זייער שטעטעל. אין אַלע שטעטלאך האָט געהערשט אַלגעמיינע שטימרעכט. בלויז פרויען, קינדער און אומפאַרהייראַטע האָבען ניט געטאָרט שטימען. (שפּעטער זיינען געמאַכט געוואָרען געזעצען וואָס האָבען אומעגליך געמאַכט פאַר די אָרימע אין דער קאָלאָניע צו שטימען.)

.9

די צוויי קאלאניעס גרופען אין קאנעקטיקוט

ארום דעם יאר 1635 פאנגט זיך אן אן אויסוואנדערונג פון מאסאטשוזעטס קיין קאנעקטיקוט. אין צוויי שטראמען טיילט זיך די אויסוואנדערונג פאנאנדער: איינער ציט זיך צו די ברעגען פון דעם קאנעקטיקוט טייך, וועלכער פליסט אין מיטען פון דער טעריטאריע און דער צווייטער ציט זיך צו די ברעגען פון דעם לאנג איילאנד סאונד, דאס וואסער וואס ליגט צווישען דרום קאנעקטיקוט און לאנג איילאנד. די צוויי קאלאניעס זיינען אין כאראקטער געווען ווייט פארשיידען איינע פון דער אנדערער. און א לאנגע צייט זיינען זיי געווען אין גאנצען אפגעזונדערט, ארגאניזירט אונטער באזונדערע רעגירונגען.

בשעת די ענגלישע קאלאניסטען האבען די ערשטע יארען נאך זייער אנקומען זיך געמוטשעט אין פלימוטה, האבען די האלענדישע קאלאניסטען פון ניו יארק זיי געראטען זיך אריבערצוקלייבען קיין קאנעקטיקוט. דארטען איז די ערד מער פרוכטבאר און דארטען איז געווען מער געלעגענהייט. צו אנטוויקלען א מסחר מיט די אינדיאנער. די ענגלענדער האבען די עצה ניט געפאלגט. ערשט מיט צען יאר שפעטער, ווען די האלענדער פון ניו יארק האבען גענומען אריינדרינגען אין קאנעקטיקוט און ווען דער האנדעל דארטען האט זיך שוין א רעכט ביסעל אנטוויקעלט, האבען זיך די ענגלענדער אין מאסאטשוזעטס געכאפט אז מען דארף עפעס טאן.

אין 1633 האבען די פלימוטהער קאלאניסטען זיך געווענדט צו די מאסאטשוזעטסער מיט א פלאן צו שיקען א פאראייניגטע עקספעדיציע צו גרינדען א האנדעלס־פאסטען ביים קאנעקטיקוט טייך. דער גאווערנאר פון מאסאטשוזעטס האט דעם פארשלאג צוריקגעוויזען, אנגעבענדיג א גאנצע רייע אורזאכען ווארום אזא אונטערנעמונג קען קיין ערפאלג ניט זיין. די פלימוטהער האבען דאן די עקספעדיציע געשיקט אויף זייערע אייגענע הוצאות, און געגרינדעט א פאסטען ניט ווייט פון הארטפארד.

עטליכע וואָכען נאָכדעם ווי מאַסאַטשוזעטס האָט דעם פאַר־שלאָג פון פּלימוטה צוריקגעוויזען האָט מאַסאַטשוזעטס שטילער־הייט אַרויסגעשיקט אַ שיף אויסצופאָרשען די מעגליכקייטען פון האַנדעל אויף דעם קאָנעקטיקוט טייך. זי האָט אויך אונטערגעשיקט שפּיאָנען אויף דער יבשה אויסצוגעפינען וועגען דעם האַנדעל צווי־שען די אינדיאַנער און די האָלענדער. די פרומע פּוריטאַנער פון מאַסאַטשוזעטס האָבען דאָ אויסגעפּרואווט אַ האַלב־שווינדלערישע געשעפטס־מעטאָדע. זיי האָבען כלומרשט געמאַכט, אַז זיי האַלטען ניט פון דער אונטערנעמונג, כדי די פּלימוטהער זאָלען דעם פּלאַן אויפגעבען און דאַן וועלען זיי, די מאַסאַטשוזעטסער, קענען אַלץ צונעמען פאַר זיך.

אין דעמזעלבען יאָר איז אין מאַסאַטשוזעטס אָנגעקומען פון ענגלאַנד אַ שיף מיט אַ גרופּע פּערזאָנען, וועלכע האָבען אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע געשפּילט ראָלען פון דער העכסטער וויכ־קייט. די צוויי פּראָמינענטסטע צווישען זיי זיינען געווען די גלחים דזשאָהן קאָטאָן און טהאָמאַס הוקער. קאָטאָן איז גלייך באַשטימט געוואָרען אַלס דער הויפּט־גלח פון באָסטאָן און הוקער אַלס דער הויפּט־גלח פון דער דערבייאיגער שטעטל קיימברידזש (דעמאָלט האָט זי זיך גערופען ניוטאַון).

צווישען באָסטאָן און קיימברידזש איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אַ קאַמף פאַר הערשאַפט. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דעם, וועלכע פון זיי זאָל זיין די הויפּט־שטאָט פון מאַסאַטשוזעטס. אין דעם קאַמף האָבען די הערשער פון די צוויי שטעטלאַך גענומען אַ טיכטיגען אַנטייל. באָסטאָן איז אַרויס די זיגערין און קיימברידזש האָט דערפון געליטען עקאָנאָמיש. די אומצופרידענקייט דאָרטען מיט דער גאַנצער פּאָליטישער אָרדנונג פון מאַסאַטשוזעטס איז גע־וואַקסען, און די גאַנצע קהלה אונטער הוקער'ן האָט זיך געווענדט צו דער מאַסאַטשוזעטסער רעגירונג נאָך אַ ערלויבניש אויסצו־וואַנדערן און זיך באַזעצען אין קאָנעקטיקוט.

די רעגירונג האָט זיך צוטיילט אין דער דאָזיגער פראַגע ווי אין אַ סך אַנדערע פראַגען: דער גאָווערנאָר און זיינע אַסיסטענטען זיינען געווען געגען אַזאַ ערלויבניש; די דעפּוטאַטען זיינען גע־

ווען פאר. א יאר האט זיך דער קאמף איבער דער פראגע געצויגען און ענדליך האט די גאווערנאר־פראקציע נאכגעגעבען. די ערלויב־ניש אויסצואוואנדערען איז געגעבען געווארען ניט בלויז צו קיימ־ברידזש נאר צו א גאנצער רייע דערבייאיגע שטעטלאך. עס איז זיי אבער געשטעלט געווארען א באדינגונג, אז זייער נייער ישוב מוז זיין אונטערוואָרפען צו דער רעגירונג פון מאסאטשוזעטס. אין דער זעלבער צייט איז אנגענומען געווארען א געזעץ, אז קיינער טאר ניט פארלאזען מאסאטשוזעטס אן דער צושטימונג פון א מאיאריטעט פון דעם גאווערנאר'ס אסיסטענטען. א פריערדיגער געזעץ האט פארבאטען אימיגראנטען אין מאסאטשוזעטס אריינ־צופארען אן דער צושטימונג פון דעם גאווערנאר און זיינע אסיס־טענטען. ביי די טירען פון דער פוריטאנישער קאלאניע איז אלזא געשטאנען א וואך פון א טוץ מענשען אן וועמענס ערלויבניש עס איז אומעגליך געווען אריינצופארען אדער ארויסצופארען.

מיט דער ערלויבניש אויסצואוואנדערען נאך קאנעקטיקוט האבען זיך באנוצט ניט בלויז הוקער'ס געמיינדע אין קיימברידזש נאר אויך עטליכע אנדערע געמיינדעס אין ארומיגער געגענט. זיי האבען זיך באזעצט אויפ'ן זעלבען פלאץ, וואו די פלימוטהער האָבען מיט א פאר יאר פריער געגרינדעט זייער ישוב. עס פארשטייט זיך, אז דאס האט געפירט צו א מחלוקה צווישען פלימוטה און מאסאטשוזעטס. און עס פארשטייט זיך אויך, אז ניט קוקענדיג דערויף וואס די גערעכטיקייט איז געווען אויף דער זייט פון פלי־מוטה, האט אויסגעפירט מאסאטשוזעטס, ווייל זי איז די שטאר־קערע געווען. די מאסאטשוזעטסער געמיינדעס האבען זיך בא־זעצט אין ווינדזאר, הארטפארד און וועטהערספילד, אלע ביי די ברעגען פון קאנעקטיקוט טייך.

די קאלאניסטען ביים קאנעקטיקוט טייך האבען זיך ווייניג־וואס געקימערט פאר זייער פארשפרעכען צו בלייבען צוגעבונדען צו מאסאטשוזעטס. עטליכע יאר נאך זייער אויסוואנדערן האבען זיי אן דער אלטער היים פארגעסען און האבען גענומען טראכטען וועגען ארגאניזירען אן אייגענע, אומאפהענגיגע פאליטישע ארד־נונג. די דריי דערמאנטע שטעטלאך האבען זיך פאראייניגט אונ־

טער איין רעגירונג. אין 1639 האָבען זיי אָנגענומען אַ קאָנסטי־טוציע די ערשטע געשריבענע קאָנסטיטוציע אין אַמעריקאַ.

די קאָנסטיטוציע פון קאָנעקטיקוט איז מיט דער צייט געוואָרען אַ בארימטער דאָקומענט. ערשטענס איז זי, ווי געזאָגט, געווען דער ערשטער פּארזוך פון קאָלאָניסטען צו גרינדען אַן אייגענע רע־גירונג אונטער אַן אייגענער, געשריבענער קאָנסטיטוציע. צוויי־טענס, איז זי טאַקע געווען דעמאָקראַטיש. אין פאַרגלייך מיט דער דעספּאָטישער רעגירונג פון מאַסאַטשוזעטס איז די קאָנעקטיקוט קאָנסטיטוציע געווען אַ ריזיגער שריט פאָרווערטס. די קאָנסטי־טוציע האָט ניט אָנערקענט קיין אויסערליכע אויבערמאַכט, אַפילו ניט די אויבערמאַכט פון ענגלאַנד.

די רעגירונג איז צונויפגעשטעלט געוואָרען פון צוויי צווייגען — אַ פּאַרלאַמענט, וואו יעדע שטאָט איז געווען פאַרטראָטען פון פיר דעפּוטאַטען און אַ גאָווערנאָר. דער פּאַרלאַמענט האָט גע־דאַרפט באַשטימען ווער עס זאָל האָבען שטימרעכט. די קירכע איז פון׳ם שטאָט אינגאַנצען אָפּגעטיילט געוואָרען, אַזוי ווי אין רהאָד איילאַנד. דער פּאַרלאַמענט האָט ניט געטאָרט שטעלען קיין רעלי־גיעזע פאָדערונגען אַלס אַ באַדינג פאַר שטימרעכט. נאָך אַ וויכ־טיגער דעמאָקראַטישער פּונקט אין דער קאָנסטיטוציע איז געווען, אַז אַ גאָווערנאָר טאָר ניט פאַרנעמען דעם אַמט צוויי טערמינען נאָכאַנאַנד.

טהאָמאַס הוקער איז געווען דער גייסטיגער פיהרער פון די קאָנעקטיקוטער קאָלאָניעס ניט בלויז אין רעליגיעזע ענינים, נאָר אויך אין פּאָליטישע. בשעת די פראַגע פון פאַרפאַסען אַ קאָנסטי־טוציע איז פאַרהאַנדעלט געוואָרען איז ער אַרויסגעטראָטען מיט אַ בארימטער דרשה אין זיין קירכע געגען דער דעספּאָטישער סיס־טעם פון מאַסאַטשוזעטס פון פאַר אַ דעמאָקראַטישער רעגירונגס־אָרדנונג. ווינטהראָפּ, דער גאָווערנאָר פון מאַסאַטשוזעטס האָט אים געענטפערט. ביידע האָבען זיי זייערע מיינונגען פריי און אָפען אַרויסגערעדט. ביידע האָבען זיי זייערע מיינונגען באַגרינדעט אויף פּסוקים פון תנ״ך.

גאָווערנאָר ווינטהראָפּ האָט פאַרדאַמט אַ דעמאָקראַטיע אַלס

די ערגסטע פארם פון רעגירונג. הוקער האט געענטפערט, אז „גאט אליין האט געגעבען דעם פאלק דאס רעכט זיינע רעגירער צו קאנ־טראלירען“. ווינטהראפ האט געהאלטען, אז די הויכע באאמטע טארען ניט באגרענעצט ווערען אין זייער מאכט דורך געזעצען. דער באאמטער איז דער פארשטייער פון גאט און זיין אורטייל איז גאט'ס ווילען. הוקער האט דערויף געענטפערט, אז אומבא־גרענעצטע מאכט פירט צו טיראניי און אז עס איז א סכנה אזא מאכט וועמען עס איז אנצוטרויען.

די קאנסטיטוציע, וואס קאנעקטיקוט האט פארפאסט פאר זיך אין 1639, האט געדינט אלס מאדעל פאר די דעמאקראטישע קאנ־סטיטוציעס פון די באזונדערע שטאטען און פאר דער קאנסטיטוציע פון די פאראייניגטע שטאטען, וועלכע זיינען אין די שפעטערע יארען פארפאסט געווארען.

פון א גאנץ אנדער סארט ווי די קאלאניעס אויף די ברעגען פון דעם טייך קאנעקטיקוט זיינען געווען די קאלאניעס וואס הא־בען זיך אן ערך אין דערזעלבער צייט געגרינדעט אין אן אנדער טייל פון דער קאנעקטיקוט טעריטאריע, ביי די ברעגען פון לאנג איילאנד סאונד. די וויכטיגסטע קאלאניע דארטען איז געווען ניו הייווען. זי איז געגרינדעט געווארען פון א רייכען גלח, דזשאהן דייווענפארט, און פון א גרופע רייכע געשעפטסלייט, וועלכע זיי־נען אנגעקומען אין מאסאטשוזעטס אין 1637. די גלחים און ארים־טאקראטען פון מאסאטשוזעטס זיינען מיט די געסט געווען זייער צופרידען, ווייל, ערשטענס, האבען זיי מיטגעבראכט א היבשע מטבע און, צווייטענס, זיינען זיי געווען נאך מער רעאקציאנער אין זייערע רעליגיעזע און פאליטישע אנשויאונגען ווי די מאסאטשו־זעטסער הערשער. אבער טאקע צוליב דיזעלבע צוויי אורזאכען האבען די געסט ניט געוואלט פארבלייבען אין מאסאטשוזעטס. גראד איז דעמאלט אנגעגאנגען דער קאמף מיט דער ענן האטשינ־סאן־גרופע, און דייווענפארט האט געוואלט פאר זיין קאלאניע א פלאץ, וואס איז פריי פון אזוינע אפיקורסים. ער האט אויך גע־האפט, אז מיט זיין קאפיטאל און מיט זיין איינפלוס וועט אים גע־לינגען אין א נייעם ארט אויפצובויען א קעניגרייך. די מאסאטשו־



ענן האַטשינסאָן — זי פּרייִדיגט איר רעליגיע פון ליבע
ביי זיך אין הויז אין באָסטאָן.

זעטסער האבען געזוכט צו ווירקען אויף אים ער זאל פארבלייבען מיט זיי, אבער ער האט זיך אפגעזאגט. דעם נעכסטען יאר האט ער מיט זיין גרופע זיך באזעצט אין ניו הייווען. זיי האבען דאס לאנד אפגעקויפט ביי די דארטיגע אינדיאנער.

די רעגירונג וואס דייווענפארט און זיינע חברים האבען ארגאניזירט איז געווען נאך מער דעספאטיש אין פרט פון רעליגיע ווי די רעגירונגס־פארמע פון מאסאטשוזעטס. בלויז מיטגלידער פון דער קירכע האבען געקענט האבען שטימרעכט. יעדעס יאר פלעגען די באגרענעצטע צאל וויילער אויסקלייבען א גאווערנאר און עטליכע אסיסטענטען; און די באאמטע האבען געהאט אן אבסאלוטע מאכט. די ביבעל איז געווען דאס איינציגע געזעץ־בוך, און די באאמטע האבען אלע פראגען און אלע פראצעסען גע׳פסק׳עט לויט זייער אויסטייטשונג פון פסוקים אין תנ״ך. די גלחים האבען זיי נאטירליך אין דעם אויסגעהאלפען.

אין די נעכסטע עטליכע יאר האבען זיך געגרינדעט נאך א פאר קאלאניעס אויף די ברעגען פון לאנג איילאנד סאונד. אויף איין זייט פון ניו הייווען איז אנטשטאנען מילפארד און אויף דער צווייטער זייט גילפארד. אין 1643 האבען זיך די דריי פאראייניגט אונטער איין קאנסטיטוציע, וועלכע איז געווען א ביסעל דעמאקראטישער ווי די רעגירונגס־פארמע פון ניו הייווען אליין. שטימרעכט אבער איז נאך אלץ באשריינקט געווען בלויז צו מיטגלידער פון דער קירכע, און די ביבעל איז נאך אלץ פארבליבען דער אייטציגער געזעץ־בוך. אזוי, צום ביישפיל, זיינען דארטען אפגעשאפט געווארען דשזורי־פראצעסען צוליב דעם איינציגען גרונד, ווייל אין דער ביבעל ווערען קיין דזשורים ניט דערמאנט.

אין די פופציגער יארען זיינען אין ניו הייווענער פארבאנד אריינגעטראטען נאך פיר שטעטלאך. א פערטעל יארהונדערט זיינען די צוויי רעגירונגען אין קאנעקטיקוט, די הארטפארדער רעגירונג און די ניו הייווענער רעגירונג, געווען אומאפהענגיג איינע פון די אנדערע. מיר וועלען זען שפעטער די סבות וואס האבען דערנאך געפירט צו זייער פאראייניגונג אין איין קאנעקטיקוט־קאלאניע.

.10

די ערשטע גרויסע שחיטה אויף די אינדיאַנער אין די ניו ענגלאַנד קאָלאָניעס

די באַציאונג פון די אינדיאַנער צו די ווייסע קאָלאָניסטען אין ניו ענגלאַנד איז דעם ערשטען צענדליג יאָר געווען אַ פרידליכע. פון אָנפאַנג האָבען די אינדיאַנער אויף זיי געקוקט מיט שרעק און חשד. אָבער ביסלאַכווייז האָבען זיי זיך איינגע מיט די אַנדערע איינגעלעבט. די אינדיאַנער האָט אפילו געלערענט די קאָלאָניסטען ווי אזוי און וואָס צו זייען, ווי און וואו צו פאַנגען און ווי און וואו די וועגען און שטעגען צו געפינען.

ווען די אימיגראַציע האָט זיך אָבער גענומען שטאַרק פאַרגרעסערען און די ווייסע האָבען זיך גענומען אויסשפרייטען אויף ווייטע שטרעקעס, האָבען די אינדיאַנער אָנגעהויבען פילען, אז אַ סכנה רוקט זיך אָן אויף זיי. די ווייסע סוחרים פלעגען זיי אָפּט באַשווינדלען און זיך באַנעמען צו זיי באַרבאַריש. אין אָנהויב פון די דרייסיגער יאָרען האָט זיך שוין געהאַט אָנגעזאַמעלט אַ היבש ביסעל פולווער און ביידע צדדים האָבען געפילט, אז נאָר איין פונק איז נויטיג דער אויפרייס זאָל פאַרקומען.

אין 1633 האָבען די אינדיאַנער, וועלכע האָבען געוואוינט אַרום דעם קאָנעקטיקוט טייך, דאָרטען ערמאָרדעט אַן ענגלישען שיפס־קאַפּיטאַן און זיינע זיבען באַגלייטער. דער ערמאָרדעטער, אַ געוויסער סטאָון, איז עס געקומען פון ווירדזשיניאַ מאַכען מסחר מיט די אינדיאַנער. אין זיין אייגענער קאָלאָניע האָט מען אים געקענט פאַר אַ שיכור און פאַר אַ נידערטרעכטיגען מענשען. פאַרוואָס די אינדיאַנער האָבען אים גע׳הרג׳עט איז אומעגליך געווען צו דערגיין.

אין אַ יאָר אַרום זיינען אין באָסטאָן געקומען שלוחים פון דעם אינדיאַנער שבט פּיקוואָט, אין וועמעס טעריטאָריע דער מאָרד איז באַגאַנגען געוואָרען, כּדי צו אָנבאָט אויסצוליפערען די מערדער און צו באַצאָלען שאָדענערזאַץ. ניט צוליב חרטה און געוויסענס־ביסען האָבען די פּיקוואָט־אינדיאַנער דעם אָנבאָט געמאַכט, נאָר וויל זיי האָבען זיך דעמאָלט געריכט אויף אַ מלחמה מיט אַ צווייטען אינדיאַנישען שבט, די נאַראַגענסענטען, און זיי האָבען זיך געוואָלט פאַרזיכערען, אַז די ווייסע וועלען דעם שונא ניט העלפען. די מאַסאַטשוזעטסער רעגירונג האָט מיט די שלוחים אונטערהאַנדעלט, אָנגענומען דעם אָנבאָט און נאָך געהאָלפען דעם פּיקוואָט־שבט אויסגלייכען זיין סכסוך מיט דעם נאַראַגענסענט־שבט, עס זאָל צו קיין מלחמה צווישען זיי ניט קומען.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז נעבען דעם אינדיאַנישען אינזעל בלאָק איילאַנד, ניט ווייט פון דעם קאָנעקטיקוט ברעג, ווידער אַ ווייסער ערמאָרדעט געוואָרען און צוויי ווייסע באַגלייטער פון דעם ערמאָרדעטען זיינען פון די אינדיאַנער געפאַנגען געוואָרען. דאָס מאָל האָט זיך ראַדזשער וויליאַמס אריינגעמישט. ער איז געווען גוט באַפריינדעט מיט די אינדיאַנישע פירער און האָט ביי זיי גע׳פּועל׳ט זיי זאָלען די געפאַנגענע באַפרייען און פאַר דעם ערבאָרדעטען באַפרידיגען די ווייסע.

נאָך דעם שלום האָט זיך דער גאָווערנאָר און זיינע אסיסטענטען פון מאַסאַטשוזעטס מיישב געווען, אַז מען מוז די אינדיאַנער איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָנלערנען. זיי האָבען אַוועקגעשיקט אַ מחנה פון הונדערט סאָלדאַטען זיי זאָלען באַפאַלען דעם בלאָק־אינזעל און דאָרטען אויסקוילען אַלע מענער און נעמען געפאַנגען אַלע פרויען און קינדער. צום גליק האָבען די אינדיאַנער זיך באַצייטענס דערוואוסט פון דער שטראָף־עקספּעדיציע און האָבען זיך באַהאַלטען אין די וועלדער און צווישען די קוסטעס. די ווייסע סאָלדאַטען האָבען צוויי טעג אַרומגעזוכט די „פאַר׳משפּט׳ע“ און צו ענדע האָבען זיי זיך נעבאַך געמוזט באַנוגענען מיט פאַרברענען די הייזער, פאַרניכטען די עסענוואַרג, זינקען די שיפלאַך און אויס׳הרג׳ענען די הינט פון דעם אידיאַנישען ישוב. אויפ׳ן וועג

צוריק אין דער ארמיי געלונגען צו כאפען צוויי אינדיאנער און זיי ערמארדען. זיי האבען אונטערגעצונדען הייזער און געזונקען שיפלאך וואו נאר זיי האבען געקענט.

די ווירקונג פון דער עקספעדיציע איז געווען גראד פארקערט ווי די ווייסע האבען געמיינט. אנשטאט שרעק האט עס אין די אינ־דיאנער אויפגעוועקט א פייערדיגען צארן. די צוויי שבטים, די פיקוואטען און די נאראגענסענטען, וועלכע זיינען תמיד זיך געווען שונאים, האבען זיך גלייך פאראייניגט אין א הייליגען בונד צו פארניכטען די ווייסע. די קאלאניסטען האבען געוואוסט, אז גענען דער מאכט פון די צוויי פאראייניגטע שבטים קענען זיי זיך ניט שטעלען. אין זייער פארצווייפלונג האבען זיך די פרומע הערשער פון מאסאטשוזעטס ווידער געווענדט צו ראדזשער וויליאמס, צו דעם אפיקורס, וועמען זיי האבען מיט א קורצער צייט פריהער פון זייער קאלאניע ארויסגעטריבען. זיי האבען אים געבעטען ער זאל ווירקען אויף די אינדיאנישע פירער זיי זאלען קיין מלחמה ניט דערקלערען.

ראדזשער וויליאמס האט זיך גלייך געלאזען אין וועג צו די אינדיאנישע הויפטלינגען. „אייגער אליין, אין א שלעכטען שיפעל, אויף א שטירמישען ים, יעדע מינוט אין סכנה מיין לעבען צו פאר־לירען", אזוי שרייבט וויליאמס אין זיין טאגבוך. ענדליך איז ער אנגעקומען צום הויפט פון נאראגענסענט־שבט, מיאנטאנאמא, מיט וועמען ער איז פון לאנג געווען באפריינדט. דריי טעג האט וויליאמס פארבראכט ביים „טשיף" און ענדליך האט ער אים איבער־גערעט. דער נאראגענסענט־שבט האט זיך צוריקגעצויגען פון זיין בונד מיט די פיקוואטען, און די געפאר פאר די ווייסע איז פאר־איבער. *)

---

*) פאר דער טובה האבען די הערשער פון מאסאטשוזעטס אין זיבען יאר ארום מיאנאטאמא'ן אפגעדינט ווי ווילדע בארבארען. דאס האט פאסירט אין 1643. געגען מיאנאמאנאמא'ן האט זיך אויפגעהויבען אין רעוואלט אן אונטערטעניגער שבט אונטער דעם טשיף אוקאס. צווי־שען די צוויי שבטים איז פארגעקומען א שלאכט און מיאנטאנאמא איז אריינגעפאלען א געפאנגענער אין אונקאס'עס הענט. אזוי ווי אונקאס

די פּיקוואָט־אינדיאַנער האָבן אָבער אינגאַנצען ניט געשוויגען. שטילערהייט פלעגן זיי דאָ און דאָרטען באַפאַלען אַ ווייסע הויז און נקמה נעמען פאַר די פאַרגאָסענע בלוט פון זייערע ברידער. אין איין קאָלאָניע האָבן זיי ערמאָרדעט דריי מענשען, אין אַ צווייטער האָבן זיי אַ ווייסען אָפּגעבראָטען לעבעדיגערהייט, אין אַ דריטען פאַל האָבן זיי גע׳הרג׳עט ניין מענער און צוגענומען מיט זיך צוויי מיידלאַך. די אַלע פּאָגראָמען זיינען געמאַכט געוואָרען אין קאָנעקטיקוט, וואו דער פּיקוואָט־שבט האָט געוואוינט און וואו די ווייסע באַפעלקערונג איז געווען זייער שיטער.

די קאָנעטיקוט קאָלאָניע האָט ערקלערט קריג דעם פּיקוואָט־שבט. זי האָט אַרויסגעשיקט אַן אַרמיי פון 90 ווייסע און עטליכע הונדערט פריינדליכע אינדיאַנער געגען דער הויפּט־פעסטונג. ביז זיי זיינען צו דער פעסטונג צוגעקומען האָבן זיך די פריינדליכע אינדיאַנער בּיסלאַכווייז אָפּגעטראָגען. דערפאַר האָבן זיך אָנגעשלאָסען אַ סך פרישע ווייסע סאָלדאַטען. די אינדיאַנישע פעסטונג איז באַשטאַנען פון אַ גרופּע הייזער אַרומגעצאַמט מיט אַ הילצערנער וואַנט. די ווייסע זיינען די פעסטונג באַפאַלען פלוצלונג, האָבען אַריבערגעשפּרונגען די וואַנט און גענומען קוילענען די האַלב־

איז געווען אין פריינדליכע באַציאונגען מיט די פּוריטאַנער אין מאַסאַטשוזעטס, האָט ער זיין געפאַנגענעם אָפּגעשיקט צו דעם גאָווערנאָר, די מאַסאַטשוזעטסער באַאַמטע זאָלען באַשטימען זיין שיקזאַל. די מאַסאַטשוזעטסער רעגירונג האָט גראָד דעמאָלט אויף מיאַנטאָנאָמאָס געטראָגען אַ בייזען געפיל, ווייל ער האָט ערלויבט ווייסע אפּיקורסים זיך באַזעצען אויף זיין לאַנד. ביים משפט איז פאָרגעקומען די אַלטע צוטיילונג: דער גאָווערנאָר און זיינע אַסיסטענטען האָבן גע׳פּסק׳ענט, אַז מיאַנטאָנאָמאָס זאָל הינגעריכט ווערען; די דעפּוטאַטען האָבן געשטימט געגען אַ טויט־אורטייל. די עפענטליכע מיינונג איז געווען דיזעלבע ווי די מיינונג פון די דעפּוטאַטען. אַליין אים טויטען האָבן די באַאַמטע דעריבער ניט געוואַגט, האָבן זיי אים צוריק אָפּגעשיקט צו אונקאַס׳ם מיט דער דערקלערונג, אַז ער, אונקאַס, האָט דאָס פולע רעכט צו טאָן מיט מיאַנטאָנאָמאָס וואָס ער וויל, אָפילו אים הינגעריכטען. עס פאַרשטייט זיך, אַז אונקאַס האָט דעם וואונק פאַרשטאַנען און ער האָט זיין שונא ערמאָרדעט אויף אַ ברוטאַלען אופן.

פארשלאפענע אינדיאנער. דאן האבען זיי אונטערגעצונדען די הייזער און צוריק אריבערגעשפרונגען איבער דער וואנט, זי ארומגערינגעלט און מיט די אנגעשטעלטע ביקסען ניט געלאזען קיינעם זיך צו ראטעווען פון די פלאמען. פינף הונדערט אינדיאנער, מענער, פרויען און קינדער זיינען פאר די אויגען פון די פרומע פוריטאנער יענעם פרימארגען אפגעבראטען געווארען לעבעדיגערהייט. בלויז אכט'ען איז זיך געלונגען צו ראטעווען. די ווייסע האבען פארלארען צוויי טויטע און צוואנציג פארוואונדעטע.

פון דעם גאנצען פיקוואט־שבט זיינען איצטער געבליבען בלויז עטליכע הונדערט אין דער ארומיגער געגענט. דערוויסענדיג זיך די נייעס פון דער שרעקליכער שחיטה, האבען יענע גענומען אנטלויפען. די ווייסע האבען זיי נאכגעיאגט. די קריגס־פייאיגע צווישען די פארפאלגטע האבען געקעמפט ביז'ן לעצטען מאמענט; די פרויען, קינדער און אלטע האבען זיך אונטערגעגעבען. דער גאנצער שבט איז פאקטיש פארניכטעט געווארען.

די געפאנגענע זיינען פארקויפט געווארען פאר שקלאפען. אין דעם מסחר האבען זיך די הייליגע גלחים באטייליגט מיט גרויס חשק. אט איז אן אויסצוג פון א בריף, וואס א גלח האט וועגען דעם ענין געשריבען צו גאווערנאר ווינטהראפ: „איך באגרים אייך אין דעם נאמען פון יעזוס'ן. איך האב געהערט, אז איר צוטיילט אינדיאנישע פרויען און קינדער, און איך וואלט געוועזן גליקליך אויך צו באקומען א טייל. איך וואלט זייער וועלען קריגען א יונגע פרוי אדער א מיידעל און א יונגען בחור“. ראדזשער וויליאמס האט זיך געבעטען ביי די מאסאטשוזעטסער באאמטע זיי זאלען די געפאנגענע באהאנדלען מענשליכער, אבער קיינער האט אים ניט געהערט.

.11

ניו העמשיר און מעין

די געשיכטע פון דער קאלאניע אין דער טעריטאריע אויפ'ן צפון זייט פון מאסאטשוזעטס איז א פארפלאנטערטע. איצטער איז די טעריטאריע איינגעטיילט אין דריי באזונדערע סטייטס: ניו העמשיר, ווערמאנט און מעין. די קאלאניזאציע אין ניו העמ־שיר און אין מעין האט זיך אנגעפאנגען מיט א פאר יאר נאכדעם ווי די „פילגרימס" האבען זיך באזעצט אין פלימוטה. דאך האט מאסאטשוזעטס מיט צוואנציג יאר שפעטער דעם גאנצען שטח אנעקסירט מיט דער טענה, אז לויט איר טשארטער גרייכען אירע גרענעצען ביז ווייט אין מעין. ניו העמשיר איז געלונגען זיך אפ־צורייסען פון מאסאטשוזעטס אין 1679. מעין איז פארבליבען א טייל פון מאסאטשוזעטס ביז לאנג נאך דער רעוואלוציע.

וועגען די קאלאניעס אין די צוויי טיילען איז קיין באזונדערס וויכטיגס ניטא צו פארצייכענען. די „ניו ענגלאנד קאמפאניע" אין לאנדאן, צו וועמען דאס לאנד האט געזעצליך געהערט, האט ארויסגעגעבען טשארטערס צו קאמפאניעס און צו איינצעלנע פער־זאנען דארטען זיך צו באזעצען. אין די דרייסיגער יארען זיינען אין ניו העמשיר געווען פיר קאלאניעס: איינע א פוריטאנישע, איינע אן ארטאדאקסיש־ענגלישע, איינע אן „אפיקורסישע" (אנ־העננגער פון ענן האטשינסאן) און איינע דירעקט געגרינדעט פון דער מאסאטשוזעטסער רעגירונג. אין יעדער פון די קאלאניעס זיינען אנגעגאנגען רייסערייען און מחלוקות, פאראורזאכט פון די גלחים. יעדער צד האט געבראכט באווייזען, אז דער גלח פון צווייטען צד איז אן אויסוואורף, א הולטאי. אין איין פאל האט אן אלטער גלח פון 80 יאר זיך אליין מודה געווען, אז ער האט פארפירט א שכנ'ם א יונגע ווייבעל. דאך האט די קהלה זיינע אים

געוואלט מוחל זיין און אים ווייטער האלטען פאר איר „הייליגען פאסטור".

די אויסגעלאסענקייט פון די גלחים און די שטענדיגע אינווייניגסטע רייסערייען האבען געגעבען די פוריטאנער פון מאסאטשוזעטס אן אויסרייד זיך אריינצומישען אין די ענינים פון די קאלאניעס. ענדע פון די דרייסיגער יארען זיינען די קאלאניעס אינגאנצען פארלאזען געווארען פון זייערע אייגענטימער אין ענגלאנד, וועלכע האבען צו זיי צוגעלייגט א סך געלט. זייענדיג אפגעפרעמט צווישען זיך, האבען זיי זיך איינע נאך דער אנדערער אונטערגעגעבען צו דער „גרויסער, מעכטיגער" קאלאניע פון מאסאטשוזעטס .די מאסאטשוזעטסער רעגירונג האט זיי געגעבען פארטרעטערשאפט אין איר דעפוטאטען־קאמער. זי האט זיי אויך ערלויבט אליין צו באשטימען די פראגע פון שטימרעכט פאר זייערע איינוואוינער. עס איז געשאפען געווארען דורכדעם די מאדנע לאגע, וואס אין שוואכערע, אונטערטעניגע טיילען פון דער „מאסאטשוזעטסער אימפעריע" האבען געהערשט מער ליבעראלע געזעצען ווי אין מאסאטשוזעטס. אין מאסאטשוזעטס גופא האבען בלויז ענגלענדער פון דער פוריטאנישער קירכע געקענט קריגען שטימרעכט; אין ניו העמשיר. איז ניט נויטיג געווען צו זיין א קירכע־מיטגליד כדי צו האבען שטימרעכט.

ניו העמשיר איז געווארען א טייל פון מאסאטשוזעטס אין יאר 1641. אין 1676 איז די פראגע וועגען די גרענעצען פון דער מאסאטשוזעטסער קאלאניע אריינגעטראגען געווארען אין די געריכטען פון ענגלאנד און אין 1679 איז ארויסגעגעבען געווארען דער ענדליכער פסק, אז מאסאטשוזעטס האט קיין רעכט ניט צו ניו־העמשיר; און פון דעמאלט אן איז ניו העמשיר ארגאניזירט געווארען אין א באזונדער קאלאניע, דירעקט אונטער דער „ענגלישער קרוין". דער קעניג האט אהין געשיקט זיין גאווערנאר און די קאלאניסטען האבען אויסגעקליבען זייערע אייגענע געזעץ־געבערישע קערפערשאפט.

די ניו העמשיר קאלאניע האט דעמאלט איינגעשלאסען די טעריטאריע, וועלכע איז איצטער ווערמאנט סטייט.

אין מעין האבען זיך די ערשטע יארען באזעצט פישערלייט און פעלץ־העגדלער. די קאלאניעס דארטען זיינען געבליבען קליין און פון קנאפער באדייטונג. מיט דער צייט זיינען זייערע רייכע בעלי־בתים אין ענגלאנד מיד געווארען פון ספעקולירען מיט זיי און זיי געלאזען אויף הפקר. מאסאטשוזעטס האט דאן זיי ערקלערט פאר אירע און קיינער האט זיך די מי ניט גענומען מיט איר זיך וועגען דעם צו שפארען.

.12

האָלענדער גרינדען די ערשטע קאָלאָניע אין ניו יאָרק

האָלאַנד איז אין אָנהויב פון 17־טען יאָרהונדערט געווען דאָס גרעסטע האַנדעלס־לאַנד אין אייראָפּאַ. איר באַפעלקערונג איז געווען כמעט אַזוי גרויס ווי די באַפעלקערונג פון ענגלאַנד. זי איז אָבער געווען אָרים אין רויע מאַטעריאַלען און אין ערד־פּראָדוקטען, האָט זי זיך געמוזט ערנערען דורך מסחר. אַ באַדייטענדער טייל פון דעם אייראָפּייאישען האַנדעל איז דעמאָלט געווען מיט די ווייטע מזרח־לענדער, אין אַזיען און די אַרומיגע אינזלען.

מער ווי הונדערט יאָר זיינען שוין דעמאָלט געווען פאַרביי זינט עס קאָלומבוס איז אַרויסגעפאָרען זוכען אַ קורצען וועג קיין אַזיען און האָט אַנשטאָט דעם אַנטדעקט אַמעריקאַ. פון דעסט־וועגען האָט מען נאָך אין אייראָפּאַ ניט אויפגעגעבען די האָפנונג דעם קורצען וועג צו געפינען. מען האָט אים אַרומגעזוכט אין די נאָרדליכע וואַסערען אין אייראָפּאַ און ביי די ברעגען פון אַמע־ריקאַ.

אין אָנהויב פון 17טען יאָרהונדערט האָט די האָלענדישע רע־גירונג אָנגעבאָטען אַ באַלוינונג פון 25 טויזענט גולדען צו די וואָס וועלען דעם קורצען וואַסער־וועג צו אַזיען געפינען. אַ גרופּע סוחרים פון אַמסטערדאַם האָבען זיך אויף דעם אָנבאָט אָנגערופען און האָ־בען אַרויסגעשיקט אַ שיף מיט 16 מאַטראָסען אונטער דער קאָ־מאַנדע פון הענרי האַדסאָן צו זוכען דעם וועג אין די וואַסערען אַרום צפון־אייראָפּאַ.

הענרי האַדסאָן איז אַליין געווען אַן ענגלענדער, פריער האָט

ער יאָרען־לאַנג געדינט אַלס שיפס־קאַפּיטאַן פאַר אַן ענגלישער האַנדעלס־קאָמפּאַניע. איצטער האָט ער זיך פאַרדונגען צו דער האָלענדישער קאָמפּאַניע. די מאַטראָסען אויף זיין שיף זיינען אויך געווען אַ העלפט ענגלישע און אַ העלפט האָלענדישע.

האַדסאָן האָט פאַרלאָזען האָלאַנד אין מאָנאַט אַפּריל אין יאָר 1609. אַ שטיק צייט האָט ער אַרומגערייזט אין די קאַלטע ימים אַרום נאָרד־אייראָפּאַ. די קעלט און די אַנדערע מאַטערנישען האָבען סוף־כל־סוף דערעסען די מאַטראָסען און זיי האָבען זיך גענומען בונטעווען. דאַן האָט האַדסאָן באַשלאָסען צו פּראָבירען זיין מזל אַרום די וואַרימע ברעגען פון אַמעריקאַ. ער איז אַריבערגעשוואומען דעם גרויסען ים און זיך אָפּגעשטעלט אין מעין. דאָרטען איז ער באַפאַלען אַן אינדיאַנישען ישוב, אים באַראַבעוועט און איז אַוועקגעפאָרען ווייטער. ער איז אַראָפּ אין ווירדזשיניאַ און האָט דערנאָך גענומען שווימען צוריק אַרויף, זוכענדיג ביים ברעג דאָס „מויל“ פון דעם טייך, וואָס „שניידט דורך די ברייט פון אַמעריקאַ און פירט צו אַזיען“.

אין מאָנאַט אויגוסט האָט ער זיך אָנגעשלאָגען אויף דעם „דעלאַווער בעי“, אין וועלכען דער דעלאַווער טייך פאַלט אַריין. צוליב די שטיינער און זומפּען, מיט וועלכע דאָס וואַסער איז דאָרטען פול, האָט ער צום טייך ניט געקענט צוקומען; ער איז אַוועק ווייטער, און אין מאָנאַט סעפּטעמבער איז ער צוגעשוואומען צום ניו יאָרקער ברעג און האָט אַנטדעקט דעם טייך, וועלכער טראָגט איצטער זיין נאָמען — דעם האַדסאָן טייך.*)

האַדסאָן האָט אין די וואַסערען אַרום ניו יאָרק פאַרבראַכט עטליכע וואָכען. ער איז דורכגעפאָרען די גאַנצע לענג פון דעם טייך, ביז אַלבאַני, און האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז ניט

*) האַדסאָנ׳ס סוף איז געווען אַ טראַגישער. אין 1610 האָט ער געמאַכט אַ צווייטען פּרואוו צו געפינען דעם וועג קיין אַזיען. דאָס מאָל האָט ער אַרומגערייזט אין די וואַסערען אַרום קענעדע, און האָט אַנטדעקט דעם האַדסאָן בעי. אין מיטען דער רייזע האָבען זיך די מאַטראָזען ווידער צובונטעוועט און האָבען אים און זיינעם אַ זון, צוזאַמען מיט עטליכע געטרייע מאַטראָזען, אַרויסגעפירט אויף אַ קליינעם רודער־שיפעל און זיי איבערגעלאָזט אין מיטען ים. מען האָט קיינמאָל פון זיי קיין שפור ניט געפונען.

דער וועג וועלכען ער זוכט. מיט די אינדיאנער אויף די ברעגען האט ער געהאט אלערליי ערפארונגען. אין איינינע געגענטען האבען זיי אים אויפגענומען פריינדליך; אין אנדערע פיינדליך. זיינע מאטראסען האבען באהאנדעלט די אינדיאנער ווי מען באהאנדעלט ווילדע חיות אין וואלד. פארענדיג צוריק האבען זיי זיך לוס־טיג געמאכט דערמיט וואס זיי האבען געשאסען אויף אינדיאנער וועלכע זיי האבען באגעגנט ארומפארענדיג אין קליינע שיפלאך. די קריסטליכע אנטדעקער פון דעם האדסאן האבען די ערשטע זאך אים באשפריצט מיט'ן בלוט פון די „געצענדינערישע איינגעבא־רענע“.

האדסאן האט קיין האלאנד צוריקגעבראכט א באגייסטערטע גרוס פון דעם לאנד ארום דעם ניי־אנטדעקטען טייך. ער האט דער־ציילט, אז די ערד איז דארטען פרוכטבאר, די איינגעבארענע פריינדליך און דאס לאנד זעט אויס פראכטפול שיין. באלד נאכ־דעם האבען האלענדישע סוחרים אנגעהויבען אהין צו פארען און גענומען פירען געשעפט. זיי האבען געבראכט מעסערס, העק און אנדערע נוצליכע געצייג און זיי אויסגעביטען אויף פעלען און פעל־צען. דער האנדעל האט זיך שנעל אנטוויקעלט.

וועגען גרינדען קאלאניעס אין אמעריקא האט מען דעמאלט אין האלאנד ניט געקלערט, צוליב עקאנאמישע און פאליטישע אומ־שטענדען. דער עקאנאמישער צושטאנד פון האלאנד איז דעמאלט געוועזען ניט קיין שלעכטער און עס וואלט געווען שווער צו געפינען מענשען וואס זאלען זיין וויליג אוועקצוואנדערען אין א ווילדען לאנד און זוכען דארטען א היים. האלאנד'ס פאליטישע באציאונ־גען מיט שפאניען זיינען אויך געווען א שטערונג צו קאלאניזאציע. צווישען די צוויי לענדער האט גראד דעמאלט עקזיסטירט א וואפען־שטילשטאנד נאך א לאנגער מלחמה. און שפאניען וואלט עס באטראכט פאר א פארלעצונג פון דעם וואפען־שטילשטאנד, ווען האלאנד וואלט געפרואווט פארנעמען לאנד אין אמעריקא. (שפא־ניען האט נאך דעמאלט געהאלטען, אז גאנץ אמעריקא איז איהר צוליב קאלומבוס'עס אנטדעקונג).

די האלענדישע רעגירונג האט בלויז דערמוטיגט די סוחרים

צו האַנדלען מיט אַמעריקאַ און די צאָל האָלענדישע שיפען וואָס האָבען באַזוכט די ניו יאָרקער ברעגען און געפירט סחורה הין און צוריק איז געוואַקסען פון יאָר צו יאָר. די הענדלער האָבען, פאַרשטייט זיך, דאָ געגרינדעט סטאַנציעס פאַר זייערע אַגענטען. איינע אַזאַ סטאַנציע איז געווען אין ניו יאָרק, אַ צווייטע אין אַלבאַני, אַ דריטע ביי די ברעגען פון דעם דעלאַווער טייך. אָבער דאָס זיינען ניט געווען קיין ישובים, קיין שטענדיגע קאָלאָניעס.

אין 1621 האָט זיך די לאַגע אין האָלאַנד געביטען. דער וואָפען־שטילשטאַנד מיט שפּאַניען איז געבראָכען געוואָרען און די מלחמה צווישען די צוויי לענדער האָט זיך ווידער אָנגעפאַנגען. די פּאָליטישע שטערונג צו קאָלאָניזאַציע איז אַלזאָ פאַרשוואונדען. די מלחמה האָט אויך געשאַפען אַן עלעמענט אין דער באַפעלקערונג וואָס איז גרייט געווען דאָס לאַנד צו פאַרלאָזען און פאַרען זוכען אַ היים אין אַ נייער וועלט.

האָלאַנד איז נאָך איר געלונגענער רעוואָלוציע געגען שפּאַניען אין צווייטען העלפט פון 16־טען יאָרהונדערט געוואָרען דער אַנטרינונגס־אָרט פאַר רעליגיעז פאַרפאָלגטע איבער גאַנץ אייראָפּאַ. מיר האָבען אין אַ פריערען קאַפּיטעל דערציילט וועגען פוריטאַנישע גרופּען וואָס זיינען אַנטלאָפען פון ענגלאַנד און האָבען זיך באַזעצט אין האָלאַנד. אין אַ סך גרעסערע צאָלען ווי די ענגלענדער זיינען קיין האָלאַנד געקומען פאַרפאָלגטע פראַנצויזען. זיי האָבען אין האָלאַנד געוואוינט אַ לייגגערע צייט אַזוי ווי די פוריטאַנער, דאָך האָבען זיי זיך געפילט ווי פרעמדע, ווי גרים.

אַזוי שנעל ווי די מלחמה מיט שפּאַניען איז באַנייט געוואָרען האָט זיך אין האָלאַנד געגרינדעט „די האָלענדישע וועסט אינדיען קאָמפּאַניע", וועלכע האָט פון דער רעגירונג געקראָגען אַ טשאַרטער צו באַפאַלען און פּלינדערען שפּאַנישע האַנדעלס־שיפען און צו גרינדען קאָלאָניעס און פירען האַנדעל אין אַמעריקאַ. אין דעם טשאַרטער איז דער קאָמפּאַניע געשטעלט געוואָרען בלויז איין באַדינג, אַז די באַאַמטע אין די קאָלאָניעס זאָלען מוזען גוטגעהייסען ווערען פון דער רעגירונג. אויסער אָט־דער באַגרענצונג האָט די קאָמפּאַני געהאַט אַבסאָלוטע פּאָליטישע און קאָמערציעלע מאַכט

אין דער אמעריקאנער טעריטאריע, וואס האלאנד האט איצטער גע'טענה'ט איז אירע, א דאנק האדסאנ'ס אנטדעקונגען.

די קאמפאניע האט געזוכט איר קאלאניסטען־מאטעריאל צווישען די דערמאנטע גרים, די אנגעלאפענע פראנצויזען, וועלכע האבען קיינמאל ניט געפילט אז האלאנד איז זייער היים, און וועלכע האבען זיך דארטען געפילט נאך אומבאקוועמער זינט די מלחמה האט אויסגעבראכען. (מיר האבען אין א פאריגען קאפיטעל געזען, אז ענליכעס האט פאסירט מיט די „פילגרימס" אין האלאנד אומגעפער אין דערזעלבער צייט.). אין 1623 האט די קאמפאניע אריבערגעפירט 30 פון די פאמיליעס אלס די ערשטע אמת'ע קאלאניסטען פון האלאנד אין אמעריקא. מאנכע פון זיי האבען זיך באזעצט אין ניו יארק (מאנהעטען אינזעל), אנדערע זיינען אוועק קיין אלבאני און אנדערע ווידער ערגעץ אין לאנג איילאנד.

גלייך פון אנפאנג האבען זיך די האלענדער באנומען צו די אינדיאנער ווי צו די געזעצליכע אייגענטימער פון דעם לאנד. זיי האבען ביי די אינדיאנער דאס ערד ניט צוגענומען, נאר אפגעקויפט. פרייזען וואס זיי האבען געצאלט זיינען טאקע געווען קאמיש־קליינע. אבער דאס איז דאך געווען ניט מעשה רויבער, נאר מעשה סוחר.

אין 1626 האט דער גאווערנאר פון דער קאמפאניע פאררופען צו זיך די הויפט־לייט פון די אינדיאנישע שבטים אויף דעם מאנהעטען אינזעל און מיט זיי אונטערהאנדעלט וועגען אפקויפען דאס גאנצע שטיק לאנד. דער געשעפט איז געשלאסען געווארען. די אינדיאנער האבען דעם אינזעל פארקויפט צו דער האלענדישער קאמפאניע פאר דער סומע פון 24 דאלאר. (דער דאלאר דעמאלט איז ווערט געווען א סך מער ווי איצטער. לויט דעם איצטיגען קורס האט די קאמפאניע פאר דעם אינזעל באצאלט 300 דאלאר).

זייער לאנגזאם איז דער וואוקס פון די קאלאניעס געווען. די קאמפאניע האט געבראכט צו פירען זייער א קליינע צאל מענשען, וואס האבען איינגעווילגט דא זיך אויף שטענדיג צו באזעצען. זי האט געהאפט, אז זי וועט פארדינגען צו די קאלאניסטען פארמס אויף דעם מאנהעטען אינזעל, אבער מער ווי עטליכע צענדליג פא־

מיליעס האבען ביי איר קיין שכנים אין אמעריקא ניט געוואלט ווערען. זי האט גענומען זוכען עצות ווי אזוי צוזוציען נייע קא־לאניסטען און איז ענדליך געפאלען אויף אזא מין פלאן.

זי האט אנגענומען א באשלוס, אז א מיטגליד פון דער קאמ־פאניע, וואס וועט אויף זיינע הוצאות ברענגען 50 דערוואקסענע מענשען און זיי אין פארלויף פון פינף יאר צייט באזעצען ביים ברעג פון א טייך, זאל דערפאר באקומען א שטרעקע לאנד טאקע דארטען גופא, 16 מייל די לענג און אזוי ברייט ווי ער וועט נאר אליין וועלען. זיין מאכט איבער דעם שטיק לאנד זאל זיין פאק־טיש אומבאגרענעצט. ער זאל איבער איר געוועלטיגען ווי א פריץ פון מיטעלאלטער איבער זיין הויף. די קאלאניסטען וואס וועלען אויף זיין הויף וואוינען זאלען זיין אינגאנצען אונטערווארפען צו זיין הערשאפט; און זיי זאלען צען יאר צייט ניט טארען זיין הויף פארלאזען. דערפאר זאלען זיי זיין פריי פון שטייערען און זאלען פון דעם בעל־הבית באקומען אלע נויטיגע מיטלען די ערד צו אנט־וויקלען. ער איז אבער בארעכטיגט צו א טייל פון די פראדוקטען און צו אנדערע צאלונגען.

אין האלאנד זיינען דעמאלט געווען א סך רייכע געשעפטס־לייט, אויפגעקומענע גבירים, וועלכע האבען געשטרעבט צו ווע־רען לאנד־באזיצער, ווייל אייגענטום פון ערד איז דעמאלט בא־טראכט געווארען אלס א צייכען פון אדעל. (דאס איז נאך איצטער דער פאל אין ענגלאנד.) אין האלאנד גופא איז פאר זיי שווער גע־ווען זייער אמביציע צו דערגרייכען. די אלטע פריצים האבען זייערע הויפען ניט געוואלט פארקויפען. האט די קאמפאני מיט איר אנבאט די דאזיגע רייכע לייט געגעבען א געלעגענהייט צו ווערען פריצים, אויב ניט אין האלאנד איז כאטש אין דער ווייטער אמעריקא.

איניגע קאפיטאליסטען האבען זיך אויף דעם אפגערופען. פון די ערשטע האט אבער בלויז איינער געהאט ערפאלג. וואן ראנסע־לער, א דימענט־הענדלער פון אמסטערדאם, האט אהער געבראכט א גרויסע גרופע קאלאניסטען און זיי באזעצט ביים האדסאן טייך אין דעם געגענד פון אלבאני. ער האט פון די אינדיאנער אפגע־

קויפט א שטח פון טויזענד קוואדראטנע מייל און פארוואנדעלט דאס לאנד אין א קעניגרייך, איבער וועלכען ער האט געוועלטיגט. (די ראנסעלער־פאמיליע איז ביז היינטיגען טאג איינע פון די אריסטאקראטישע אין ניו יארק.).

שפעטער האט די קאמפאניע דעם פלאן געענדערט. זי האט מעגליך געמאכט פאר מיטגלידער צו ברייגען קלענערע גרופען קאלאניסטען און צו קריגען אלס באלוינונג א קלענערע שטיק לאנד .אבער אפילו דאן האט דער פלאן ווייניג רעזולטאטען געבראכט.

די אלע מיטלען צו אנטוויקלען די קאלאניען ניי־נעטהערלאנד *) האבען ווייניג ערפאלג געהאט. די קאמפאניע פון איין זייט און די „פאטרונס" (די ערד־באזיצער, ווי די פעאדאלע פריצים אין מיטעלאלטער) פון דער צווייטער זייט, האבען געזוכט אליץ צו פארשלינגען. פאר ארימע קאלאניסטען זיינען דא קיין שום אויסזיכטען ניט געווען. די קאמפאניע איז געווען די גאנצע באלעבאסטע פון דעם לאנד. האט זי איבער דעם פעלץ־האנדעל גענומען א מאנאפאל פאר זיך. קיינער אויסער איר האט ניט געטארט האנדלען מיט פוטערווארג. זי האט אויך פאר זיך געהאלטען דעם גאנצען מאנהעטען אינזעל. די „פאטרונס" ווידער האבען פארנומען דאס בעסטע פארם־לאנד ביי די ברעגען פון די טייכען. פאר דעם ארימען אימיגראנט איז געבליבען איינע פון צוויי ברירות. ענטוועדער צו ארבייטען פאר דער קאמפאניע אדער פאר די „פאטרונס". און צוליב אזוינע אויסזיכטען האט זיך ניט געלוינט צו פארלאזען א היים אין האלאנד און אויסצוואנדערען איבער ים'ען אין א ווילדען לאנד.

סוחרים און לאנד־באזיצער זיינען, הייסט עס, געווען גענוג. געפעלט אבער האבען ארבייטער. די קאמפאניע האט געזוכט פאר־

*) די גאנצע געגענד ארום די צוויי טייכען, האדסאן און דעלאווער, איז באצייכענט געווארען אלס „ניי־נעטהערלענד", ווייל האלאנד האט זיך דעמאלט גערופען „נעטהערלאנד" (נידערלאנד). די קאלאניע אויף דעם מאנהעטען אינזעל, וואו עס שטעהט איצט די שטאט ניו יארק, האט דעמאלט געטראגען דעם נאמען „ניי אמסטערדאם".



אַ אינדיאַנישע דאָרף אין ווירדזשיניאַ. די דאָרף איז אַרומגעצאַמט מיט
א שטעכיגע וואנט אלס א שוץ געגען א שונא.

שיידענע עצות. אין 1626 האָט זי קיין „ניי אַמסטערדאַם“ געבראַכט אַ פּאָר צענדליג נעגער און זיי פאַרקויפט פאַר שקלאַפען. שפּעטער אַביסעל האָט זי זיך געווענדט מיט אַ בקשה צו דער האָלענדישער רעגירונג זי זאָל קיין „ניי נעטהערלאַנד“ שיקען אַלס ווייסע שקלאַפען — וואַגאַבונדען, אַרעסטאַנטען און בעטלער, אַזוי ווי ענגלאַנד פלעגט דעמאָלט אַזעלכע ווייסע שקלאַפען שיקען קיין ווירדזשיניאַ.

די האָלענדישע רעגירונג האָט די בקשה אָפּגעזאָגט. נעגער־שקלאַפעריי האָט זיך דאָ אויך ניט צוגעקלעפּט. האָט די קאָמפּאַניע באַשלאָסען אָפּצושאַפען די אַלע שטערונגען פאַר וועלכע זי איז פאַראַנטוואָרטליך געווען. אין 1638 האָט זי אַרויסגעגעבען די פאָלגענדע ערקלערונג: אַלע באַגרענצונגען זיינען אָפּגעשאַפט. דער האַנדעל איז פריי פאַר אַלעמען און יעדערער קען קויפען ערד און זיך באַזעצען וואו ער וויל. און אין דער קאָלאָניע מעגען קומען אַלע, ניט בלויז האָלענדער.

די קאָמפּאַניע האָט זיך אונטערגענומען צו ברייננגען קיין ניי נעטהערלאַנד אויף אירע הוצאות יעדען וואָס וויל דאָ אַ פאַרמער ווערען. זי האָט אים דאָ נאָך באַזאָרגט מיט אַ פאַרטיגער פאַרם: אַ שטיק לאַנד, אַ הויז, אַ שטאַל, פיר פערד, פיר קי, שעפּסען, חזירים און געציייג. די ערשטע זעקס יאָר האָט ער געדאַרפט צאָלען דער קאָמפּאַניע 200 דאָלאַר אַ יאָהר רענט און 80 פונט פּוטער. נאָך די זעקס יאָר האָט ער געמוזט דער קאָמפּאַניע אומקערען די פּי וואָס זי האָט אים אויסגעבאָרגט. אין אייניגע פעלען האָט די קאָמפּאַניע דעם אימיגראַנט באַזאָרגט אויך מיט קליידער און אפילו מיט באַרעם געלד. עס פאַרשטייט זיך, אַז שפּעטער האָט ער דאָס אַלץ געמוזט באַצאָלען.

מיט דעם דאָזיגען נייעם פּלאַן הויבט זיך אָן אַ נייער קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון ניו נעטהערלאַנד. גלייך ווי דער פּלאַן איז באַקאַנט געוואָרען האָט זיך אָנגעהויבען אַ גרויסע אימיגראַציע אַהער (גרויס פאַר יענער צייט, נאַטירליך). עס זיינען געקומען אימיגראַנטען ניט נאָר פון האָלאַנד, נאָר אויך פון פראַנקרייך, דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער. עס האָבען זיך אויך גענומען אַריבער־

קלייבען אהער א סך ענגלענדער פון די ענגלישע קאלאניעס, פון ווירדזשיניא, פון מאסאטשוזעטס.

ווען די קאלאניע האט זיך געהאלטען אין רעכטען פאנאנדער־בליען האט זיך באוויזען א נייע געפאר. פון אנהויב האט די סכנה ניט אויסגעזען צו זיין גרויס. אבער אין פארלויף פון אייניגע יאר איז זי אזוי ארויסגעוואקסען, אז זי האט שיער די קאלאניע אינ־גאנצען ניט פארניכטעט. די געפאר איז געווען — די ארומיגע אינדיאנישע שבטים.

די באציאונג צווישען די האלענדישע קאלאניסטען און די אינדיאנער איז יארען לאנג געווען א פריינדליכע. די ווייסע האבען מיט די אינדיאנער געהאנדעלט פרידליך און זיי באצאלט פאר דער ערד אויף וועלכער זיי האבען זיך באזעצט. ווען די צאל פון די קאלאניסטען איז אבער גרויס געווארען, האבען די אינדיאנער זיך גענומען פילען אומבאקוועם. זיי האבען זיך באקלאגט, אז די בהמות און די פערד און די חזירים פון די ווייסע שכנים צוטרע־טען זייערע פעלדער. זיי האבען געקוקט מיט פארדרוס אויף די נייע קאלאניעס וואס האבען זיך אפטער גענומען גרינדען אין סטעטען איילאנד, אין העקענסעק און אנדערע געגענטען ארום ניו אמ־סטערדאם.

די פיינדליכע שטימונג איז פארשארפט געווארען דורך אן ערנסטען פאליטישען פלאנטער. די אינדיאנישע שבטים, וואס האבען געוואוינט אויף דעם מאנהעטען אינזעל און ארומיגע פלעצער זיינען געווען אין שטענדיגען שרעק פאר די פיל שטארקערע אינדיאנישע שבטים, וועלכע האבען געוואוינט צו צפון־צו ארום אלבאני — די איראקוואס האבען זיי זיך גערופען. די האלענדישע קאמפאניע, וועלכע האט זיך אין די אינדיאנישע סכסוכים ניט געוואלט ארייננפלאנטערען, האט אנגענומען א געזעץ, וואס האט שטרענג פארבאטען אירע קאלאניסטען צו פארקויפען געווער צו די אינדיאנער פון די אלע פארשיידענע שבטים.

אין דער דרום־געגענט וואו די שוואכערע און די ארימערע אינדיאנער האבען געוואוינט, איז דאס געזעץ אפגעהיט געווארען; אבער אין דער צפון־געגענט, וואו די אינדיאנער זיינען געווען רייך

און מעכטיג און האבען פאר וואפען געקענט צאלען הויכע פרייזען, איז דאס געזעץ איגנארירט געווארען. די איראוויקאס האבען ביי די ווייסע באקומען צו קויפען אזוי פיל ביקסען און קוילען וויפיל זיי האבען נאר געוואלט. עס פארשטייט זיך, אז די אינדיאנער פון ארום מאנהעטען האבען געפילט, דאס די ווייסע העלפען זייערע בלוטיגע שונאים, זייערע אונטערדריקער.

דער ערשטער בלוטיגער צוזאמענשטויס צווישען די ווייסע און די אינדיאנער איז פארגעקומען אין 1641 אין סטעטען איילאנד. ביי דעם „פאטרון" פון דער קאלאניע האט אימיצער צוגעגנב'עט עטליכע חזירים. ער איז זיכער געווען, אז די אינדיאנער האבען עס געטאן (שפעטער איז עס פעסטגעשטעלט געווארען, אז דאס איז געווען די ארבייט פון ווייסע). דער „פאטרון" האט לאנג ניט געטראכט און איז באפאלען די אינדיאנער, דער'הרג'עט עטליכע פון זיי און אונטערגעצונדען זייערע פעלדער. זיי האבען אים באצאלט מיט דער זעלבער מטבעה — באפאלען זיין ישוב און אים כמעט אינגאנצען פארניכטעט.

קורץ נאכדעם האט פאסירט א צווייטער בלוטיגער פאל. אן אינדיאנישער בחור איז אריינגעקומען צו א שמיד אין מאנהעטען. בלומרשט עפעס קויפען, און האט אים ערמארדעט. געטאן האט עס דער אינדיאנער פון נקמה פאר די בלוט פון זיינעם א פעטער, וועלכער איז מיט 15 יאר פריער ערמארדעט געווארען פון א ווייסען. דער אינדיאנישער מערדער איז אנטלאפען און דער הויפט פון דעם אינדיאנישען שבט האט זיך אנטזאגט אים אויסצוליפערען אדער אים צו באשטראפען.

אן ענליכער פאל האט פאסירט אביסעל שפעטער. די פיינדליכע שטימונג צווישען די ווייסע און די אינדיאנער איז געוואקסען פון טאג צו טאג.

אין פעברואר 1643, האבען די איראקווא־אינדיאנער דערקלערט קריג די אינדיאנער פון דער דרום־געגענט. שטעלען זיך געגען די איראקוואס האבען די לעצטע ניט געוואגט. האבען זיי גענומען לויפען זיך באהאלטען אין די קאלאניעס פון זייערע ווייסע שכנים. איצטער איז פאר די ווייסע געווען די פראגע וואס צו טאן

— העלפען די איראָקוואָס און נעמען נקמה פאַר די דערמאָרדעטע מאָרדען, אָדער זען מאַכען אַ שלום צווישען די צוויי אינדיאַנישע פעלקער און דערמיט געווינען די פריינדשאַפט פון אַלע אינדיאַנישע שכנים. דער גאָווערנאָר האָט אויסגעקליבען די ערשטע ברירה. ער האָט געשיקט סאָלדאַטען צו קוילענען די אינדיאַנער וואָס האָבען זיך באַהאַלטען אין די ווייסע קאָלאָניעס. אין איין פּלאַץ האָבען זיי דער׳הרג׳עט 80 אינדיאַנער און אין אַ צווייטען 40.

פאַר דער בלוט־באָד האָבען די ווייסע טייער באַצאָלט. ווען די איראָקוואָס האָבען זיך צוריקגעצויגען האָבען די דרום־אינדיאַנער אָנגעפאַנגען אַ רייע פון פּאָגראָמען אויף די ווייסע קאָלאָניעס. זיי האָבען געברענט און געקוילעט וואו זיי האָבען נאָר געטראָפען. די ווייסע קאָלאָניעס אין העקענסעק און אַרום דזשורזי סיטי זיינען אינגאַנצען אָפּגעמעקט געוואָרען. פון די אַלע פאַרמס אין מאַנהעטען צווישען קאַנעל סטריט און דעם האַרלעם ריווער זיינען בלויז פינף פאַרבליבען. אין די פּאָגראָמען זיינען ערמאָרדעט געוואָרען ענן האַטשינסאָן און איר גאַנצע פאַמיליע.

די ווייסע האָבען ניט געשוויגען. זיי האָבען אָרגאַניזירט אַן אַרמיי און אין מערץ, 1644, זיינען זיי אין אַ מיטען נאַכט באַפאַלען די פעסטונג וואו די אינדיאַנישע אַרמיי פון 700 מאַן האָט זיך אויפגעהאַלטען. זיי האָבען די פעסטונג אונטערגעצונדען פון אַלע זייטען. פון די 700 זיינען ביז אין דער פרי געבליבען בלויז 7 לעבעדיגע.

דערמיט האָט זיך די מלחמה געענדיגט. די אינדיאַנער האָבען געבעטען מען זאָל מיט זיי שליסען פרידען און פרידען איז געשלאָסען געוואָרען.

פּאָליטיש איז די האָלענדישע קאָלאָניע אין ניו נעטהערלאַנד געווען ווייניגער דעמאָקראַטיש ווי די ענגלישע קאָלאָניעס אין ניו ענגלאַנד. די גאַנצע פּאָליטישע מאַכט איז געלעגען אין די הענט פון דעם גאָווערנאָר, וועלכער איז באַשטימט געוואָרען פון דער קאָמפּאַניע, און צום אומגליק זיינען כמעט אַלע גאָווערנאָרס געווען טיראַנען. די קאָלאָניסטען האָבען אייניגע מאָל אַפּעלירט צו דער רעגירונג אין האָלאַנד, וועלכע איז דעמאָלט געווען די פרייסטע

און פראָגרעסיווסטע אין אייראָפּאָ. אָבער די גאָווערנאָרס האָבען זיך מיט די באָפעלען פון יענער זייט ווייניג וואָס גערעכענט. ערשט אין מיטען פון די פופציגער יאָרען איז עס געלונגען צו וויר־קען אויף דעם גאָווערנאָר ער זאָל אָנערקענען רעליגיעזע פריי־הייט, ער זאָל ערלויבען די פאַרשיידענע רעליגיעזע סעקטען צו גרינדען זייערע אייגענע קירכען. פריער איז אָנערקענט גע־וואָרען בלויז די האָלענדישע רעפאָרם־קירכע, און אַלע אַנדערע סעקטעס זיינען פאַרפאָלגט געוואָרען כאָטש ניט אַזוי שטריינג און באַרבאַריש ווי אין דער פוריטאַנישער ניו ענגלאַנד.

אין יענער צייט זיינען אין ניו יאָרק אָנגעקומען די ערשטע אידען. זיי זיינען אַהער געקומען פון בראַזיליען, פון וואַנען זיי האָבען געמוזט אַנטלויפען. בראַזיליען איז דעמאָלט צוריק איינ־גענומען געוואָרען פון פאָרטוגאַל און אונטער פּאָרטוגאַל צו לעבען איז פאַר אידען פונקט אַזוי אוממעגליך געווען ווי אונטער שפּאַ־ניען. די ערשטע גרופּע אידישע אימיגראַנטען איז באַשטאַנען פון 23 פערזאָן. דער קבלת־פּנים, וואָס זיי האָבען דאָ באַקומען, איז געווען זייער אַ טרויעריגער. אַלץ וואָס זיי האָבען מיטגעבראַכט האָט דער שיף־קאַפּיטאַן ביי זיי צוגענומען און פאַרקויפט צו דעקען די רייזע־הוצאות. דער גאָווערנאָר האָט זיי פאַרפאָלגט און האָט געפּלאַנעוועט זיי אינגאַנצען אַרויסצוטרייבען. ענדליך איז אין 1655 זיי געלונגען צו באַקומען אַ ספּעציעלע ערלויבניש פון דער רעגירונג אין האָלאַנד דאָ צו וואוינען און צו האַנדלען.

מיט דער צייט איז ניו נעטהערלאַנד געוואָרען דער אַנטריי־נונגס־אָרט פאַר רעליגיעזע פאַרפאָלגטע, אַזוי ווי דאָס מוטערלאַנד האָלאַנד, איז עס געווען. עס זיינען אַהער געקומען די פאַרפאָלגטע רעליגיעזע סעקטעס פון ניו ענגלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליען, בעה־מען, און אַזוי ווייטער. אין די 50־ער יאָרען האָט ניו אַמסטער־דאַם געהאַט דעמזעלבען כאַראַקטער וואָס ניו יאָרק האָט איצטער— אַ שטאָט פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטען. מען האָט שוין דע־מאָלט דאָ גערעדט צוואַנציג פאַרשיידענע שפּראַכען.

די ענגלענדער אין ווירדזשיניאַ און אין ניו ענגלאַנד האָבען

די אלע יארען געקוקט קרום אויף די האלענדער, וועלכע האבען פארנומען די טעריטאריע וואס איז געלעגען צווישען זיי. א סך מאל זיינען פארגעקומען סכסוכים און אפילו צוזאמענשטויסען צווישען די האלענדער און ענגלענדער. מען האט זיך געקריגט איבער גרענעץ־פראגען. די האלענדער האבען געמאכט א פארזוך צו גרינדען האנדעלס־פאסטען אויף דעם קאנעקטיקוט־טייך, האבען די ענגלענדער פון פלימוטה זיי פון דארטען פארטריבען. שפעטער זיינען די ענגלענדער געקומען זיך צו באזעצען אין לאנג איילאנד, האבען די האלענדער זיי געצוואונגען אנצונעמען זייער הערשאפט. די ענגלענדער האבען אויך געמאכט א פארזוך אריינצודרינגען אין דעם נארדליכען טייל פון ניו יארק, וואו די האלענדער האבען אנטוויקעלט א רייכען פעל־האנדעל.

די ענגלישע קאלאניעס זיינען דא אימער געווען גרעסער און שטארקער ווי די האלענדישע. און עס וואלט די ענגלענדער ניט שווער אנגעקומען צו באזיגען די האלענדער. די פאליטישע לאגע אין אייראפא האט אבער געמאכט אוממעגליך א מלחמה צווישען די קאלאניסטען פון די צוויי פעלקער אין אמעריקא. האלאנד און ענגלאנד זיינען געווען פאראייניגט אין א קאמף געגען שפאניען. די אינטערעסען פון ביידע לענדער אין אייראפא האבען געפאדערט א פעסטע פריינדשאפט געגען דעם אלגעמיינעם שונא, און די קאלאניסטען דא האבען געוואוסט, אז זייערע פאטערלענדער אויף יענער זייט ים וועלען ניט דולדען קיין ערנסטע קריגערייען וואס זאל די פריינדשאפט שטערען. דערפאר האבען זיי געזוכט ווי עס איז דורכצוקומען צווישען זיך.

אין מיטען פון 17טען יארהונדערט האט זיך די לאגע אין אייראפא געענדערט. די מאכט פון שפאניען איז שוין דעמאלט אין גאנצען געווען געבראכען, און ענגלאנד האט גענומען קלערען וועגען ברעכען די ריזיגע האנדעלס־מאכט פון איר אלטער פריינדין — האלאנד. אין 1651 האט ענגלאנד אנגענומען א געזעץ, וואס האט פארבאטען אויסלענדישע שיפען צו פירען סחורה פון און אין ענגלישע קאלאניעס. די פריינדשאפט פון די צוויי לענדער איז פארוואנדעלט געווארען אין א ביטערער פיינדשאפט. באלד איז

צווישען זיי אויסגעבראָכען אַ גאַנצע רייהע מלחמות, וועלכע האָ־בען זיך געענדיגט מיט אַ פולשטענדיגען זיג פאַר ענגלאַנד.

איינע פון די רעזולטאַטען פון די מלחמות איז געווען, וואָס ענגלאַנד האָט פאַרכאַפּט די האָלענדישע קאָלאָניע אין אַמעריקאַ. דאָס האָט פּאַסירט אין 1664. דער ענגלישער קעניג האָט אין יע־נעם יאָר אַוועקגעשענקט די גאַנצע געגענט פון ניו נעטהערלאַנד צו זיין ברודער, דעם פירשט פון יאָרק. אַ פלאָטע פון פיר שיפען איז געשיקט געוואָרען די האָלענדישע הערשאַפט פון דאָנען צו פאַרטרייבען. און דאָס איז איהר אָנגעקומען אַ סך לייכטער ווי די ענגלענדער אליין האָבען גערעכענט. דער האָלענדישער גאָווערנאָר סטייוועסענט, וועלכער האָט דאָ דעמאָלט געהערשט, איז ווייניג באַליבט געווען ביי דער באַפעלקערונג. דערצו האָבען אין ניי נע־טהערלאַנד געוואוינט אַ סך ענגלענדער און אַ סך אימיגראַנטען פון גאָר אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען, וועמען עס האָט ווייניג־וואָס געאַרט צי דער גאָווערנאָר וועט זיין אַ האָלענדישער צי אַן ענגלי־שער. סטייוועסאַנט האָט ביז'ן לעצטען מאָמענט געזוכט צו ווירקען אויף דער באַפעלקערונג זי זאָל איהם העלפען באַשיצען דעם מאַנ־העטען אינזעל געגען די ענגלישע אָנגרייפער. אָבער קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופען. ער האָט קיין אַנדערע ברירה ניט געהאַט ווי אונטערצוגעבען זיך.

דער פירשט פון יאָרק איז געוואָרען דער בעל־הבית פון ניו נעטהערלאַנד, און ניו אַמסטערדאַם איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין ניו יאָרק.

13.

דעלעווער און ניו דזשוירזי

ניו נעטהערלאַנד, דאָס האָלענדישע קעניגרייך אין אַמעריקא, האָט זיך געצוויגען פון קאָנעקטיקוט ביז דעלעווער. אַ דאַנק האָד־סאָנ׳ס אַנטדעקונגען האָט האָלאַנד ערקלערט אַז די גאַנצע טערי־טאָריע פאַר אירער. פעסטע קאָלאָניעס האָט זי אָבער געגרינדעט בלויז אין ניו יאָרק; און בלויז איבער ניו יאָרק האָט זי ווירקליך געהערשט די קנאַפּע זעכציג יאָר, וואָס ענגלאַנד האָט איר ניט גע־שטערט. זי האָט פּרובירט אַריינדרינגען אין קאָנעקטיקוט, אָבער אָן ערפאָלג — די ענגלישע האָבען פּרובירט גרינדען קאָלאָניעס אין ניו דזשוירזי און דעלעווער, אָבער דאָס האָט זיך אויך ניט איינ־געגעבען: מאַנכע פון די קאָלאָניעס זיינען צעשטערט געוואָרען פון די אינדיאַנער און מאַנכע זיינען פון זיך אַליין צופאַלען גע־וואָרען.

אין 1638 האָט אַ שוועדישע האַנדעלס־קאָמפּאַניע פּלוצלונג געבראַכט אַ שיף מיט שוועדישע אימיגראַנטען און זיי באַזעצט ביי די ברעגען פון דעם דעלעווער טייך, וואו ווילמינגטאָן שטייט איצטער. דער האָלענדישער גאָווערנאָר אין ניו יאָרק האָט פּראָ־טעסטירט און געסטראַשעט, אָבער די שוועדען האָבען זיך ניט געקימערט. זיי האָבען געהאַנדעלט מיט די אינדיאַנער און אויפ־געבויט עטליכע שטעטלאַך. פאַר זייערע באַלעבאַטים האָבען זיי אַנערקענט די שוועדישע קאָמפּאַניע און די שוועדישע רעגירונג. זיי האָבען אפילו די גאַנצע דעלעווער געגענט אַ נאָמען געגעבען ניי־שוועדען.

ערשט אין 1655, — 17 יאָר שפּעטער, האָט דער האָלענדישער גאָווערנאָר זיך געפילט שטאַרק גענוג צו שיקען אַן עקספּעדיציע

געגען די שוועדישע „לאַנד רויבער". די גאַנצע אַרמיי איז באַשטאַנען פון עטליכע הונדערט סאָלדאַטען. דער שוועדישער גאַווערנאָר האָט זיך אַפילו ניט פאַרטיידיגט. ער האָט איבערגעגעבען די רעגירונג צו די האָלענדער און איז אַוועק. אין די קאָלאָניעס גופא האָבען די האָלענדער קיין שום שטערונג ניט געמאַכט. זיי האָבען דאָרטען אַליין איבערגעלאָזען ווי געווען.

ניו דזשוירזי איז געבליבען כמעט אינגאַנצען פוסט כל זמן זי איז געווען אַ טייל פון ניו נעטהערלאַנד. אין 1664 האָט דער פירשט פון יאָרק, דער נייער ענגלישער בעל הבית פון דעם געוועזענעם האָלענדישען קעניגרייך, איבערגעגעבען ניו דזשוירזי צו צוויי לאָרדען, קאַרטערע און באַירקלי, און זיי האָבען זיך גלייך אונטערגענומען דאָרטען צו גרינדען קאָלאָניעס. דעם ערשטען וויכטיגען ישוב האָבען זיי אַ נאָמען געגעבען עליזאַבעטה, נאָך לאָרד קאַרטערע'ס פרוי. זיי האָבען געבראַכט אימיגראַנטען ניט בלויז פון ענגלאַנד, נאָר אויך פון אַנדערע לענדער. זיי האָבען אויך איינגעלאַדען די אומצופרידענע אין די מאַסאַטשוזעטס קאָלאָניעס צו קומען אַהין. די רעגירונג וואָס זיי האָבען דאָרטען איינגעשטעלט איז באמת געווען אַ פיל מער דעמאָקראַטישע ווי אין מאַסאַטשוזעטס.

אין 1675 האָבען עטליכע רייכע מיטגלידער פון דער פאַרבאָלגטער רעליגיעזער „קוויקער"־סעקטע אָפּגעקויפט ביי לאָרד באַירקלי זיין חלק אין ניו דזשוירזי און האָבען דאָרטען באַזעצט זייערע אָרימע רעליגיאָנס־גענאָסען. ניו דזשוירזי איז איצטער געוועזען צושפּאַלטען אויף צוויי העלפט: דער מזרח טייל האָט באַלאַנגט צו לאָרד קאַרטערע און דאָרטען האָבען געוואוינט מייסטענס פּוריטאַנער, און דער מערב טייל האָט באַלאַנגט צו אַ גרופּע שותפים און דאָרטען האָבען געוואוינט מייסטענס „קוויקערס". רואיג איז דאָרטען קיינמאָל ניט געווען. די קאָלאָניסטען האָבען זיך שטענדיג אַרומגעריסען מיט די בעלי־בתים, וועלכע האָבען פון זיי געריסען הויכע רענט. דער גאַווערנאָר פון ניו יאָרק האָט געזוכט אַרויפצוצווינגען זיין הערשאַפט אויף ניו דזשוירזי, טראָץ דעם וואָס דעם גאַווערנאָר'ס איבערהאַר, דער פירשט פון יאָרק, האָט

אליין די טעריטאריע אוועקגעשענקט. דער ניו יארקער גאווערנאר האט ניט געקענט גלייכגילטיג צוקוקען ווי ביים ניו־דזשיורזי ברעג גרינדען זיך האפען־שטעט וועלכע שטעלען אין סכנה דעם האנדעל פון דעם ניו יארקער האפען. די קריגעריייען און רייסערייען זיינען קיינמאל ניט איינגעשטילט געווארען. אין די אכציגער יארען האבען די יורשים פון דעם צווייטען שותף, לארד קארטערע, זייער חלק אויך פארקויפט, און אויך צו א גרופע „קוויקערס". די נייע בעלי בתים האבען זיך מיט דער קאלאניע געמוטשעט נאך א פאר צענדליג יאר. אין אנפאנג פון 18טען יארהונדערט האבען זיך די איינגענטימער פון ביידע טיילען פון ניו דזשוירזי געווענדט צו דער רעגירונג פון ענגלאנד זי זאל די קאלאניע ביי זיי צונעהמען און די רעגירונג האט זייער פארלאנג באוויליגט. ניו דזשוירזי איז געשטעלט געווארען דירעקט אונטער דער הערשאפט פון דער ענג־לישער רעגירונג.

.14

די קוויקערס גרינדען פּענסילוויניאַ

איידער מיר טרעטען צו צו דער געשיכטע פון דער גרינדונג פון דער פּענסילווייניאַ קאָלאָניע, מוזען מיר זיך באַקענען מיט דער געשיכטע פון דער רעליגיעזער סעקטע „קוויקערס". די מיט־גלידער פון דער סעקטע האָבען געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער קאָלאָניע, און זיי האָבען זי געבויט אין דעם גייסט פון זייערע רעליגיעזע פּרינציפּען.

דער אויפשטאַנד געגען דעם פּאַפּסט און דעם קאַטוילציזם, וועלכער איז אין דער געשיכטע פון איירָאָפּאַ באַקאַנט אונטער'ן נאָמען די „רעפאָרמאַציאָנס־באַוועגונג", האָט געשאַפען אַ גאַנצע רייע פון נייע רעליגיעזע סעקטען. אין פאַרלויף פון די פיל יאָר־הונדערטען זיינען אויף דער קאַטוילישער קירכע אנגעוואַקסען בערג מיט מנהגים, צערעמאָניעס, אַבערגלויבענס און פאַלשקייטען, וועלכע זיינען פון די פּאַפּסטען און גלחים פאַרהייליגט געוואָרען. אייניגע פון די רעוואָלוציאָנערע סעקטעס האָבען זיך באַנוגענט מיט אָפּשאַפען די מער שרייענדיגע, די מער בולטע פון די טומאות. אַנדערע זיינען געגאַנגען ווייטער און טיפער אין דער ריינ־גונגס־אַרבייט; און אַנדערע ווידער — נאָך ווייטער און נאָך טיפער. די רעכטע סעקטען האָבען פאַרדאַמט די לינקע אַלס אַפּיקורסים און די לינקע סעקטען האָבען פאַרדאַמט די רעכטע אַלס היפּאָקריטען און „פּאַפּיסטען". וואָס לינקער אַ סעקטע איז געגאַנגען, אַלץ קלע־נער איז געווען די צאָל פון אירע מיטגלידער און אַלץ גרעסער איז געווען איר געפאַר פאַרפאָלגט צו ווערען.

די עקסטרעם־לינקע סעקטע אין ענגלאַנד האָט זיך אָרגאַ־ניזירט אין מיטען פון 17טען יאָרהונדערט. זי האָט זיך אַ נאָמען

געגעבען „די סאסייעטי אוו פרענדס" (די געזעלשאפט פון פריינט). די „רעכטע" געגנער אירע האבען איר געגעבען דעם צונעמעניש „קוויקערס", ווייל ביים תפילה טאן אין קירכע פלעגען זיך די מיטגלידער פון דער סעקטע שאקלען, טרייסלען (דאס ווארט „קוויק" אין ענגליש באטייט שאקלען, טרייסלען). מיט דער צייט איז דער שפאטישער זין פון דעם צונעמעניש פארגעסען געווארען און די מיטגלידער פון דער סעקטע פילען זיך ניט מער באליידיגט ווען מען באצייכענט זיי מיט דעם ווארט, כאטש צווישען זיך רו־פען זיי זיך נאך אלץ „פרענדס".

דער גרונט־פרינציפ פון די קוויקערס איז באשטאנען אין פאלגענדע: יעדער מענש טראגט אין זיך א געטליכען שיין, און דורך דעם שיין קען ער זיך באהעפטען מיט גאט. אלע מענשען זיינען אלזא גלייכע יחסנים אין גאט'ס אויגען. ניטא קיין אתה בחרתנו'ניקעס, קיין אויסגעווילטע. די קוויקערס האבען אפ־געשאפט גלחים און אנדערע הייליגע אין זייערע קירכעס. אלע מיט־גלידער זיינען ביי זיי געווען גלייך; זיי פלעגען זיך אפילו ניט „איחצען", אלטע און יונגע, באקאנטע און פרעמדע, פלעגען רופען איינער דעם אנדערען „דו". זיי האבען געגלויבט, אז דער „געט־ליכער שיין" געפינט זיך אין די הערצער פון ניט־קריסטען אזוי גוט ווי פון קריסטען. ביי זיי איז א איד אדער אפילו א געצענדי־נער געווען אזוי מסוגל צוצוקומען צו גאט ווי זיי אליין.

כדי צו באהעפטען זיך מיט גאט האבען זיי געגלויבט, איז דא בלויז איין וועג — דורך פארטיפען זיך אין געטליכע מחשבות. זיי האבען אפגעשאפט אלע רעליגיעזע צערעמאניעס, אלע רעליגיעזע צייכענס, סימבאלען, אלע רעליגיעזע מנהגים. אין זייערע קירכעס פלעגט מען ניט זינגען קיין תפלות, ניט האלטען קיין דרשות, אלע פלעגען זיצען שטיל אויף זייערע פלעצער און זיך „דבק'ען", זיך פארטיפען אין גאט. צייטענווייז פלעגט אויף איינעם פון דעם עולם פלוצלונג אנפאלען א מין „רוח נבואה", א געטליכער גייסט, און ער פלעגט זיך אויפשטעלען און אויסדריקען זיינע געפילען צו די איבעריגע. און אט אזעלכע זיינען געווען די איינציגע פרע־דיגער ביי די קוויקערס.

דאס דענקען פון גאט, דאס באהעפטען זיך מיט גאט איז ביי זיי געווען די הויפט־אויפגאבע אין לעבען. זיי האבען דעריבער זיך אפגעקערט פון אלץ וואס האט דעם מענשען געשטערט אין פאר־טיפען זיך אין זיך, פון אלץ וואס האט דעם מענשען צופיל אויפ־גערעגט, אים די געדאנקען געטומעלט. זיי האבען פארדאמט אלע פארגעניגענס אלץ א שטערונג צו דעם „לעבען אין זיך". זיי האבען ניט געלייענט קיין ביכער, זיינען ניט געגאנגען אין טעאטער, ניט געשריבען, ניט געשפילט קיין מוזיק, ניט געטאנצט. מאדעס אין קליידער איז ביי זיי געווען טריף. זיי האבען זיך געקליידט אזוי איינפאך, אז אן זייערע בגדים האט מען דערקענט, אז זיי זיינען „קוויקערס".

דינען אין מיליטער, טראגען וואפען און גיין אין מלחמה איז ביי זיי פארעכענט געווארען אלס די ערגסטע זינד. זיי האבען אין אלגעמיין וויינינג רעספעקט געהאט פאר דעם שטאט, פאר דער רעגירונג, און פלעגען זיך ניט באטיילינען אין פאליטיק. זיך שווע־רען אפילו אויף אן אמת האט א קוויקער ניט געטארט. מענשען מוזען גלויבען איינער דעם אנדערען אויפ'ןווארט, האבען זיי גע־לערענט.

איבעראל וואו די קוויקערס האבען זיך באוויזען זיינען זיי שרעקליך פארפאלגט געווארען. אין ענגלאנד זיינען הונדערטער פון זיי געשטארבען אין די געפענגנישען. די רייכערע אנהייגער זייערע פלעגען באשטראפט ווערען מיט 20 פונט א מאנאט פאר ניט גיין אין א געזעצליך־אנערקענטע קירכע. פאר יענער צייט איז אזא געלד־שטראף געווען אומערטרעגליך אפילו פאר פארמעגליכע פאמיליעס.

אין די פופציגער יארען זיינען איינצעלנע און קליינע גרופען קוויקערס אנגעקומען קיין מאסאטשוזעטס, מיט דער האפנונג, אז צווישען די פוריטאנער, וועלכע האבען אין ענגלאנד אליין גע־פריידיגט רעליגיעזע טאלעראנץ, וועט מען זיי ניט טשעפען. אבער זייער אנטוישונג איז געווען א ביטערע. די פארפאלגונגען געגען די קוויקערס אין די מאסאטשוזעטסער קאלאניעס זיינען צווי־שען די סאמע שווארצסטע פלעקען אויף דער געשיכטע פון די פו־

ריטאנער אין אמעריקא. מען האט זיי דארטען געיאגט, געשמיסען, געברענט דאס לייב מיט הייסע אייזענס, אפגעשניטען די אויערען און געהאנגען. א צעטעל פון די קוויקער־מארטירער אין די מא־סאטשוזעטסטער קאלאניעס צווישען די יארען 1645־1659 אנט־האלט די פאלגענדע ציפערען: 40 געשמיסען, 64 אריינגעזעצט אין טורמע; איבער 40 ארויסגעטריבען; 3 אפגעשניטען די אויערען; 4 געהאנגען.

דער פאלגענדער פאל גיט א באגריף פון דער גרויזאמקייט, מיט וועלכער די פרומע גלחים פון מאסאטשוזעטס האבען דורכ־געפירט זייערע רדיפות געגען די קוויקערס. א געריכט האט פאר־משפט 6 קוויקערס זיי זאלען גלייך די קאלאניע פארלאזען. עס איז אויך אויף זיי ארויפגעלייגט געווארען א געלט־שטראף פאר ניט גיין אין קירכע. אזוי ווי די פאראורטיילטע האבען די שטראף ניט געקענט באצאלען, האט דאס געריכט גענומען צעפאנגען זייערע קינדער און באשלאסען זיי צו שיקען אין ווירדזשיניא און זיי דאר־טען פארקויפען פאר שקלאפען. צום גליק האבען זיך אלע שיפס־קאפיטאנען אנטזאגט די ברוטאלע שליחות דורכצופירען.

די פארפאלגטע און ארויסגעטריבענע קוויקערס זיינען אם מייסטענס אנטלאפען קיין רהאוד איילאנד, וואו ראדזשער וויל־יאמס האט זיי פריינדליך אויפגענומען. די פוריטאנישע גלחים פון מאסאטשוזעטס האבען אין אנפאנג פרובירט אויסצושטרעקען זייער גרויזאמע האנט קיין רהאוד איילאנד. זיי האבען געשיקט א נאטע צו דער רעגירונג פון רהאוד איילאנד זי זאל ניט וואגען די קוויקערס ארייננצולאזען. זיי האבען איר אפילו געסטראשעט מיט מלחמה און מיט אן עקאנאמישען באיקאט אויב זי וועט וואגען דעם באפעל ניט צו פאלגען. רהאוד איילאנד האט אבער אויף די סטראשונקעס געענטפערט מיט א פעסטען טאן, און מא־סאטשוזעטס האט דעם ענטפער שטילערהייט אראפגעשלונגען.

די צוויי הויפט־פירער פון די קוויקערס אין ענגלאנד זיינען געווען דזשארדזש פאקס און וויליאם פען. פאקס איז געווען דער נביא און דער מארטירער פון דער סעקטע. ער האט פארמאגט

מער געפיל און טעמפעראמענט ווי וויסען און פארשטאנד. מיט זיינע פייערדיגע רעדעס און מיט זיין אפפערווילינקייט האט ער באגייסטערט טויזענטע מענשען. ער פלעגט ארומוואנדערען אי־בער׳ן לאנד, שלאפען אין די וועלדער און אין שטאלען און אפט פארברייננגען וואכען און מאנאטען אונטער גראטעס אין געפענג־ניש. זיינע קליידער זייגען געמאכט געווען פון לעדער.

א גאנץ אנדער סארט מענש איז געווען וויליאם פען. ער איז געבארען געווארען און דערצויגען געווארען אין א רייכער, אריסטאקראטישער הויז. זיין פאטער איז געווען אן אדמיראל אין דער ענגלישער פלאטע און האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין פייאיגקייט אין מלחמות און מיט זיין טרייקייט צום קעניג. וויליאם איז דערצויגען געווארען לויט זיין שטאנד. ער איז געגאנגען אין אוניווערזיטעט, האט זיך גע׳חבר׳ט מיט די סאמע העכסטע אריסטאקראטען און איז געווען אן ארייגגייער אין קעניגליכען הויף.

אבער שוין אלס יונגערמאן האט ער זיך אנגעפאנגען צו אינ־טערעסירען מיט די נייע רעליגיעזע באוועגונגען און ארויסגעוויזען א נייגונג צו די עקסטרעם־לינקע סעקטען. זיין פאטער האט אנ־געווענדט פארשיידענע מיטלען אים „פון דער געפאר צו ראטע־ווען". ער האט אים אויף א שטיק צייט אוועקגעשיקט קיין פאריז מיט דער האפנונג, אז דאס לוסטיגע לעבען אין דער הויכער פא־ריזער געזעלשאפט וועט אים בעסער געפעלען ווי די גרויע, כמורנע פירונגען פון די פאנאטישע מוסר־זאגער. פון אנפאנג איז דער יונגער פען טאקע אריינגעצויגען געווארען אין דער הולטאיסט־ווא פון פאריז. אים איז עס אבער באלד דערעסען געווארען און ער איז צוריקגעקומען קיין ענגלאנד א מער באגייסטערטער פאר רעליגיעזע רעפארמען ווי פריער. ער איז געווארען אן איבערגע־בענער קוויקער.

וויליאם פענ׳ס הויפט־טעטיגקייט פאר זיינע רעליגיעזע ברי־דער איז געווען אליין פאליטיקער און אליין דענקער. זייענדיג א קרוב למלכות האט ער באנוצט זיין פאליטישען איינפלוס צו העל־פען די קוויקערס אין פאל פון פארפאלגונגען און פון אומגינ־

סטיגע געזעצען. ער האט אויך געשריבען א סך ביכער און פאמ־פלעטען פון א פילאזאפישען און פאלעמישען כאראקטער, אין וועלכע ער האט געזוכט דעם „קוויקעריזם" צו באגרינדען און אים צו פארענטפערען פאר די מער דענקענדע און פאר די געלע־רענטע. ער איז געווארען דער הויפט־טעארעטיקער און דער וויכ־טיגסטער פארטיידיגער פון זיין סעקטע דורך דעם געשריבענעם ווארט.

אין די זיבעציגער יארען איז די לאגע פון די קוויקערס אין ענגלאנד פיל פארערגערט געווארען. איבער'ן לאנד האבען זיך גענומען טראגען וואלקענס פון א נייער רעוואלוציע. עס האט זיך גערודערט מיט „פארשווערונגען און מיט געפארען" און אין אזא צייט זיינען די אפגעזונדערטע שוואכע גרופען שטענדיג די ערשטע כפרה. כאטש די „קוויקערס" האבען זיך אין פאליטיק ניט גע־מישט האט מען אויף זיי אויסגעטראכט אלערליי בלבולים, אז זיי זיינען פארמישט אין פאליטישע פארשווערונגען. זיי איז אין ענגלאנד פון טאג צו טאג ערגער געווארען.

די רייכע און אריסטאקראטישע מיטגלידער פון דער סעקטע האבען גענומען טראכטען וועגען זוכען א היים פאר זייערע פאר־פאלגטע ברידער אין אמעריקא. דעם ערשטען רעזולטאט האבען מיר שוין באשריבען אין א פאריגען קאפיטעל. א גרופע רייכע קוויקערס האבען אפגעקויפט א שטיק לאנד אין ניו דזשוירזי און דארטען געגרינדעט קוויקערס־קאלאניעס. דארטען איז אבער גע־ווען א סך שטערונגען צוליב די פריערדיגע קאלאניסטען און צו־ליב די שטענדיגע סכסוכים מיט דעם גאווערנאר פון ניו יארק, וועלכער האט געזוכט צו הערשען איבער ניו דזשוירזי.

וויליאם פענן האט דעריבער באשלאסען צו גרינדען א נייע קוויקער־קאלאניע אויף א נייעם פלאץ, איבער וועלכען ער זאל זיין דער אבסאלוטער בעל־הבית. דער קעניג פון ענגלאנד איז שולדיג געווען פענן'ס פאטער 90 טויזענט דאלאר. דעם חוב האט וויליאם פענן גע'ירש'נט נאך זיין פאטער'ס טויט. האט ער זיך געווענדט צום קעניג, ער זאל אים דעם חוב אפצאלען מיט א שטיק לאנד אין אמעריקא. דער קעניג האט איינגעוויליגט. ער האט אים

וויליאַם פען, דער גרינדער פון דער פענסילווייניאַ קאָלאָניע.

אפּגעגעבען די טעריטאָריע צו דרום־צו פון ניו יאָרק און איר א נאָמען געגעבען פּענסילווייניא (פּענ'ס וואַלד). אַזוי ווי אין דער גאַנצער טעריטאָריע איז ניט געווען קיין אויסגאַנג צום ים, האָט זיך פּען געווענדעט צום פירשט פון יאָרק ער זאָל אים אוועק־שענקען דאָס שטיק לאַנד ארום דעם דעלעווער טייך, וועלכער ציט זיך פון פּענסילווייניא צום אטלאַנטישען ים. דער פירשט האָט אים די מתנה געגעבען און דעלעווער איז געוואָרען א טייל פון דער פּענסילווייניא־קאָלאָניע.

גלייך ווי פּען האָט באַקומען די פּענסילווייניא־טעריטאָריע, אין 1681, האָט ער געגרינדעט דאָרטען א קאָלאָניע מיט'ן נאָמען פילאַדעלפיא (ברודער ליבע). ער האָט די קאָלאָניסטען פאַרזי־כערט, אַז די קאָלאָניע וועט פאַרוואַלטעט ווערען לויט די „גע־רעכטע פּרינציפּען" פון די קוויקערס. ער האָט גאַראַנטירט אַלע אימיגראַנטען אבסאָלוטע רעליגיעזע פרייהייט. קיין טויט־שטראָף אויסער פאַר מאָרד און פאַרראַט. יעדער פאַרברעכער וועט גע'משפט ווערען פון א דזשורי. אינדיאַנער און ווייסע וועלען באַ־האַנדעלט ווערען גלייך. די דזשורי וואָס וועט משפט'ן אַן אינדיאַ־נער וועט באַשטיין פון א העלפט ווייסע און א העלפט אינדיאַנער.

די קאָנסטיטוציע, וואָס פּען האָט פאַרפאַסט פאַר זיין קאָ־לאָניע איז אין פאַרגלייך מיט די קאָנסטיטוציעס פון די אַנדערע קאָלאָניעס געווען ליבעראַל. די לאַנד־באַזיצער האָבען געהאַט דאָס רעכט צו וויילען פאָרשטייער צו א פּאַרלאַמענט, וועלכער האָט האָט געמאַכט די געזעצען. פּען אַליין אָדער זיינער א פאָרשטייער איז געווען דער גאָווערנאָר און ער האָט ניט געהאַט דאָס רעכט די געזעצען צוריקצואווייזען.

עס פאַרשטייט זיך, אַז פּענ'ס אונטערנעמונג איז ניט געווען בלויז פאַר אידעאַליסטישע צוועקען. ער האָט טאַקע געזוכט צו העלפען זיינע רעליגיאָנס־גענאָסען, אָבער ער האָט אין דערזעלבער צייט אַן זיינע מאַטעריעלע אינטערעסען אויך ניט פאַרגעסען. די טעריטאָריע איז געווען זיין אייגענטום, און די קאָלאָניסטען האָ־בען אים געמוזט באַצאָלען פאַר'ן רעכט זיך אויף איר צו באַזע־צען, און דערנאָך האָבען זיי אים געמוזט צאָלען יערליכע רענט.

פענן'ס ליבעראלער גייסט האט זיך ארויסגעוויזען אם קלאר־סטען אין זיינע באציאונגען מיט די אינדיאנער. ער האט זיי אי־מער באהאנדעלט ווי זיין גלייכען, ווי זיינע אייגענע ברידער. קורץ נאך זיין אנקומען אהער האט ער איינגעלאדען די פארשטייער פון די אינדיאנישע שבטים אין פענסילוויניא און האט זיך מיט זיי וועגען אלץ דורכגערעדט. ער האט זיי דערקלערט, אז ער האט צו זיי די בעסטע, די ווארימסטע געפילען, אז ער וויל מיט זיי האנדלען פונקט ווי מיט ווייסע. ער וועט ביי זיי גארניט נעמען מיט געוואלד. פאר דער ערד אפילו האט ער זיי אנגעבאטען א פרייז. זיינע רייד האבען אויף די אינדיאנער געמאכט א גוטען איינדרוק און זיי האבען מיט אים געשלאסען א פרידענס־אפמאך. וועלכען ביידע צדדים האבען אימער געהאלטען. פענסילוויניא איז געווען די איינציגע קאלאניע, וואו די ווייסע און די אינדיא־נער האבען אימער געלעבט בשלום, וואו די ווייסע האבען זיך גע־גען די אינדיאנישע שבטים קיינמאל ניט געדארפט באוואפנען אפילו.

אבער אויך אין דער באציאונג צו די אינדיאנער איז פענן ניט געווען דורכאוים אן אידעאליסט. אין פראקטישע אנגעלעגענ־הייטען האט ער געהאנדעלט ווי עס האט זיך אם בעסטען געלוינט פאר זיינע אינטערעסען. אט צום ביישפיל האט ער מיט די אינ־דיאנער געהאט אפגעמאכט אז פאר א געוויסען פרייז זאל ער פון זיי באקומען אזא מאס לאנד „וויפיל א מענש קען דורכגיין אין איין טאג צייט". ניט אלע מענשען קענען אבער גיין מיט דער זעלבער שנעלקייט. האט פענן געהאט „ספעציעלע גייער", וועלכע ער האט באנוצט פאר די צוועקען. די מעטאדע איז ניט געווען קיין שטריינג־ערליכע. פאר א פרומען קוויקער, וואס טראכט נאר פון גאט, האט אזא האנדלונג אודאי ניט געפאסט. אבער געשעפט איז געשעפט.

אין 1683 איז אין פענסילוויניא אנגעקומען א קליינע גרופע פון דייטשע אימיגראנטען. זיי האבען זיך באזעצט נעבען פילא־דעלפיא און געגרינדעט די שטעטעל דשזוירמענטאון. די דאזיגע דייטשע קאלאניסטען האבען געהערט צו א רעליגיעזער סעקטע

מיט'ן נאמען „מענאניטען", וועלכע האבען געגלויבט אין דיזעלבע פרינציפּען ווי די קוויקערס אין ענגלאנד און וועלכע האבען אין דייטשלאנד געליטען פּונקט אזוי ווי די קוויקערס אין ענגלאנד. דאס איז געווען דער אנפאנג פון א דייטשער אימיגראציע קיין פענסילווייניא, וועלכע איז געוואקסען פון יאר צו יאר. זיי האבען געגרינדעט דארטען זייערע אייגענע ישובים און זיך ניט אויסגע־מישט מיט די ענגלישע שכנים. זיי האבען זיך געהאלטען ביי דער דייטשער שפּראך און ביי די דייטשע מנהגים. ביז היינטיגען טאג זיינען אין פענסילווייניא פאראן גאנצע שטעטלאך, וואס לעבען נאך אין דעם גייסט פון זייערע אורעלטערען פון אט יענע דייטשע אימיגראנטען. זיי זיינען באקאנט אונטערן נאמען „פענסילווייניא דאטש".

פענן האט פון זיין קאלאניע געמאכט א סך געלט. אבער ער האט פון איר געהאט א היבש ביסעל צרות אויך. די קאלא־ניסטען האבען זיך אפט געבונטעוועט נעגען אים: זיי האבען אים ניט געוואלט צאלען קיין אומזיסטע רענט. דערצו האט ער גע־האט שטענדיגע סכסוכים מיט די בעלי בתים פון דער קאלאניע מערילענד איבער די גרעניצען. די גרויסע איבערקערעניש אין דער פאליטיק אין ענגלאנד, די רעוואלוציע וואס דארטען איז פאר־געקומען אין 1688 האט זיך אויך אפּגערופען אויף פענן'ס אינטע־רעסען. דאך ווען ער איז געשטארבען אין 1712 האט ער איבער־געלאזט א גרויסען פארמעגען. די פענן־פאמיליע האט איבער פענ־סילווייניא געהערשט ביז דער רעוואלוציע אין 1776.

.15

קאַטאָליקען גרינדען מערילענד

דאַס שטיק לאַנד, וואָס רופט זיך איצט מערילענד, האָט דער ענגלישער קעניג אָוועקגעשיינקט אין דעם יאַר 1632 צו זיינעם א ליבלינג, לאָרד באַלטימאָר. וועגען דעם כאַראַקטער פון דעם דאָזיגען לאָרד זיינען צווישען די בעסטע היסטאָריקער דאַ מיינונגס־פאַרשיידענהייטען. איינע שילדערען אים אַלס אַן אידעאַליסט און אַנדערע אַלס היפּאָקריט. ווער פון זיי עס איז גערעכט, איז שווער צו אַנטשיידען. אַז ער איז געווען אַ פּראַקטישער מענש און האָט פאַרשטאַנען ווי זיינע פּראַקטישע צילען צו דערגרייכען, אויף דעם זיינען אַלע איינשטימיג. זיין זון סעסיליוס, וועלכער האָט דעם דעם טיטעל לאָרד גע'ירשנ'ט, איז געווען גערא̇טען אין אים.

לאָרד באַלטימאָר איז געווען אַ קאַטאָליק. כל זמן ער האָט פאַרנומען אַ הויכען אַמט אין קעניגליכען פּאַלאַץ, האָט ער דעם פאַקט פאַרבאָרגען. אַזוי שנעל אָבער ווי ער איז דורך געוויסע פּאָליטישע אינטריגעס פון זיין אַמט אַרויסגעשטויסען געוואָרען, האָט ער דעם סוד אויסגעזאָגט, און האָט געזוכט צו שאַפען דעם איינדרוק, אַז זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען האָבען עס אומ־מעגליך געמאַכט פאַר אים ווייטער צו פאַרבלייבען אין קעניג'ס דינסט. (אין יענער צייט זיינען קאַטאָליקען פאַרפאָלגט געוואָרען אין ענגלאַנד).

דער קעניג האָט זיין אַלטען איבערגעבענעם פריינד ניט פאַר־געסען. ער האָט אים אַנגעבאָטען אַ שטיק לאַנד אין אַמעריקאַ מיט די רעכט דאָרטען צו גרינדען פּאַקטיש אַן אייגען קעניגרייך. פריער האָט ער פאַר אים די מתנה באַשטימט אין ניו פאַונדלענד, קענעדע. לאָרד באַלטימאָר האָט אָבער דעם קלימאַט דאָרטען ניט געקענט

פארטראגען. האט אים דער קעניג ערלויבט אויסצוקלייבען א שטיק לאנד אין א ווארימערער געגענט. און דער גורל איז געפאלען אויף מערילענד.

לויט דעם טשארטער זיינען לארד באלטימאר און זיינע יורשים באשטימט געווארען ניט בלויז אלס די אייגענטימער, נאר אלס די אבסאלוטע הערשער אין מערילענד. די ערד איז געווען זיינע. ער האט איבער דער קאלאניע געהאט די אבסאלוטע מיליטערישע מאכט. ער האט דארטען געמעגט זאמלען שטייערען, געמעגט פאנאנדערטיילען טיטולען, גרינדען געריכטען, מאכען געזעצען מיט דער צושטימונג פון בירגער־ראט. די ענגלישע רעגירונג האט קיין רעכט ניט געהאט ארויפצולייגען שטייערען אויף די איינוואוינער פון מערילענד. דער קעניג האט בלויז געפאדערט, אז לארד באלטימאר זאל אים יעדען יאר שיקען צוויי פיילען (פון א פיילענבויגען) אלס צייכען פון זיין פערזענליכער ,אונטערטעניגקייט צום קעניג'ס הערשאפט.

די באלטימארס האבען די גרינדונג פון דער קאלאניע אונטערגענומען אלס א געשעפט. אין 1634 האבען זיי אהער געבראכט צוויי שיפען מיט א דריי הונדערט אימיגראנטען, און האבען געגרינדעט די ערשטע קאלאניע אין סט. מערי'ס, אויף דעם טייך פאטאמעק. כאטש זיי, די באלטימארס, זיינען געווען קאטאליקען, זיינען די מערסטע פון די קאלאניסטען געווען פראטעסטאנטען. גרינדען א ריין־קאטוילישע קאלאניע האבען די באלטימארס ניט געוואגט. זיי האבען מורא געהאט פאר דעם ענגלישען פארלאמענט, וואו די שנאה צו און די מורא פאר דער קאטוילישער מאכט איז געווען זייער שטארק.

דאך איז מערילענד גלייך פון איר גרינדונג באטראכט געווארען אלס די היים פון די פארפאלגטע קאטאליקען. די הערשאפט פון די באלטימארס האט געווירקט אויף אזוי פיל אז די קאטאליקען האבען דארטען געהאט די זעלבע רעכטע ווי די פראטעסטאנטען. אין ערגעץ ניט אין ענגלאנד און ערגעץ ניט אין די ענגלישע קאלאניעס אין אמעריקא איז עס געווען אזוי. מערילענד איז געווארען הער איינציגער פלאץ, וואו אלע קריסטליכע סעקטען

האבען געהאט גלייכע אנערקענונג. אפילו קוויקערס זיינען דער־טען ניט פארפאלגט געווארען.

מיט דער צייט איז מערילענד געווארען אן אנטרינונגס־ארט פאר פארשיידענע רעליגיעזע פארפאלגטע. פון ווירדזשיניא זיינען קיין מערילענד עקומען פארפאלגטע פוריטאנער. פון מאסאטשו־זעטס זיינען געקומען פארפאלגטע געגנער פון פוריטאנער. דערצו איז טאקע מערילענד געווען ערפאלגרייך מאטעריעל. די קאלא־ניסטען האבען פון אנפאנג אן געלעבט בשלום מיט די אינדיא־נער און האבען מיט זיי אנטוויקעלט א גוטען האנדעל. די ערד איז געווען פרוכטבאר און די קאלאניסטען האבען געפירט געשעפט מיט די ניט־אנטוויקעלטע קאלאניעס צו דרום און צו צפון־צו.

א שטורמישע צייט האט די קאלאניע איבערגעלעבט אין די פערציגער און פופציגער יארען. דאס האט זי געהאט צו פארדאנ־קען די אומרוען אין ענגלאנד. ווען אין ענגלאנד איז פארגעקומען די פוריטאנישע רעוואלוציע האט זיך לארד באלטימאר דערשרא־קען. ער האט מורא געהאט, אז די נייע הערשער פון ענגלאנד, די פוריטאנישע פאנאטיקער, וועלען ניט וועלען דולדען, אז אן ענג־לישע קאלאניע אין אמעריקא זאל קאנטראלירט ווערען פון קא־טאליקען. האט ער זיך באצייטענס באווארענט. די ערשטע זאך האט ער באשטימט א פראטעסטאנט אלס גאווערנאר פון דער קאלאניע. דאן האט ער אין דעם פארלאמענט פון דער קאלאניע דורכגעפירט א געזעץ, אז אלע קריסטליכע סעקטען מוזען דאר־טען האבען גלייכע רעכט. דאס געזעץ איז אין דער געשיכטע באַ־קאנט מיט'ן נאמען „דער טאלעראנץ אקט". ביז היינטיגען טאג שטאלצירט מיט אים מערילענד סטייט. מערילענד איז ווירקליך געווען דער ערשטער פלאץ אין אמעריקא, וואו רעליגיעזע פריי־הייט פאר קריסטען איז גאראנטירט געווארען דורך א געזעץ. צו־פיל שבח אבער טאר מען מערילענד און לארד באלטימאר דערפאר ניט געבען. נאך אלעמען, איז דער געזעץ ניט געמאכט געווארען אויס פרינציפ, אויס אנערקענונג פון א שיינעם אידעאל. ער איז געמאכט געווארען אלס א פארטיידיגונגס־מיטעל געגען א געפאר, וואס האט געסטראשעט פון דער ווייטענס. די הערשענדע קאטא־

ליקען האָבען געמאַכט רעליגיעזע טאָלעראַנץ פאַר אַ געזעץ אום זיך צו באַשיצען געגען דער מאַכט פון די פוריטאַנער.

און אין קורצען נאָכדעם האָט זיך טאַקע ארויסגעוויזען, אַז דער שרעק פון די קאַטאָליקען איז ניט געווען קיין אומזיסטע. אין 1650 האָבען די פוריטאַנער אין מערילענד פאַרכאַפּט די רעגירונגס־מאַכט און גענומען פאַרפאָלגען די קאַטאָליקען. די פוריטאַנער זיינען געווען זיכער, אַז זיי וועלען באַקומען די פולע שטיצע פון דער פוריטאַנישער דיקטאַטור אין ענגלאַנד. די באָלטימאָרס זיינען אָבער געווען בעסערע דיפּלאָמאַטען און פּאָליטיקער און זיי איז געלונגען מיט דער צייט זייער הערשאַפט צוריקצוקריגען, און דאָס טאָלעראַנץ־געזעץ איז ווידער אַריין אין קראַפט.

די מערילענד קאָלאָניע איז אַריבער בירושה פון עלטערען צו קינדער אין דער באָלטימאָר־פאַמיליע. די מאַכט אָבער איבער דער קאָלאָניע האָט די פאַמיליע ביסלאַכוויין פאַרלאָרען. די קאָלאָניס־טען האָבען ניט געוואָלט דולדען די הערשאַפט פון אַ פּריוואַט־פאַמיליע. דערצו האָט זיך די פּאָליטישע אָרדנונג אין ענגלאַנד געביטען און די נייע פּאָליטישע הערשער, די קאַפּיטאַליסטישע קלאַ־סען, האָבען ניט געוואָלט ערלויבען קיינע שטערונגען אין זייערע עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען מיט די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס. די באָלטימאָרס האָבען זיך געמוזט באַנוגענען מיט געוויסע צאָלונגען וואָס זיי האָבען פון די קאָלאָניסטען באַקומען.

16.

נאָרט און סאוט קאַראָליינאַ

די קאלאניעס אין נארטה און סאוטה קאראליינא זיינען געגרינדעט געווארען פון אומצופרידענע און אנטלאפענע פון די קאלאניעס אין דער נארטה. דאס לאנד האט באלאנגט צו א גרופע אריסטאקראטען, וועלכע האבען עס באקומען אלס מתנה פון דעם ענגלישען קעניג אין דעם יאר 1663. די בעלי בתים האבען געפלאנעוועט דארטען אויפצובויען א קעניגרייך פאר זיך. מיט דער הילף פון דעם גרויסען ענגלישען פילאזאף לאק האבען זיי צוגעגרייט א רעגירונגס־פארם פאר די קאלאניעס נאך איידער די קאלאניסטען זיינען אהין געקומען. לויט דער דאזיגער קאנסטיטוציע האט אין די קאראליינאס געדארפט עקזיסטירען א מין פעאדאלע ארדנונג מיט פירשטען, גראפען, באראנען, מיט קליינע און גרויסע פריצים און מיט האלבע און גאנצע שקלאפען. די אריסטאקראטישע בעלי בתים זיינען אבער נעבאך ביטער אנטוישט געווארען. ניט נאר איז זייער פריצישער פלאן ניט פארווירקליכט געווארען. זיי האבען די קאלאניעס אפילו ניט געקענט קאנטראלירען. א יאר זעכציג האבען זיי זיך געמוטשעט און דערנאך האבען זיי די קאלאניעס צוריק פארקויפט צו דער ענגלישער רעגירונג.

אין די קאראליינאס זיינען געקומען זיך באזעצען בלויז אזוינע מענשען וועלכע האבען צוליב פארשיידענע סבות ניט געקענט וואוינען אין די אנטוויקעלטע, רואיגע קאלאניעס אין דער נארטה: אנטלאפענע פארברעכער, באנקראטירטע געשעפטלייט, אוואנטוריסטען, פארפאלגטע צוליב רעליגיעזע איבערצייגונגען אדער צוליב פאליטישע אנשויאונגען. און די דאזיגע לייט האבען ניט געוואלט דולדען קיין יאך פון הערשער און פון געזעץ און עס האט

געדויערט אַ לאַנגע צייט איידער מען האָט זיי געמאַכט פאַר „ציוויליזירטע מענשען".

די געשיכטע פון די קאָלאָניעס אין די ערשטע עטליכע צענדליג יאָר איז פול מיט אויפשטאַנדען און קאַמפען. די קאָלאָניסטען האָבען אָפט רעוואָלטירט געגען די גאָווערנאָרס וואָס זיינען אַהין געשיקט געוואָרען פון די בעלי בתים. זיי האָבען זיך אָנטזאָגט צו צאָלען די בעלי בתים רענט פאַר דאָס לאַנד. זיי האָבען זיך אַנטזאָגט אָפּצוהיטען די האַפען־געזעצען וואָס האָבען קאָנטראָלירט דעם אימפּאָרט און עקספּאָרט פון סחורה. אין סאוטה קאַראָליינאַ איז דער ברעג געווען פול מיט ים־רויבער און די קאָראַגעקומען שטענדיגע רייסעריען צווישען די פאַרשיידענע גרופען אין די קאָלאָניעס גופא: די מיטגלידער פון דער ענגלישער קירכע האָבען ניט געוואָלט ליידען, אַז די קוויקערס זאָלען האָבען פּאָליטישע רעכט. די איינוואוינער פון די גרויסע ישובים האָבען ניט געוואָלט דערלאָזען, אַז די איינוואוינער פון די קלענערע זאָלען האָבען גלייכע רעכט מיט זיי.

און צו די אַלע אינווייניגסטע רייסערייען זיינען צוגעקומען די גרענעץ־געפאַרען. די שפּאַניער אין דער סאוטה און די אינדיאַנער אין דער וועסט האָבען שטענדיג געהאַלטען די קאָלאָניסטען אין שרעק. אין 1711 איז אויסגעבראָכען אַן אָפענע מלחמה צווישען די קאָלאָניסטען און די פאַראייניגטע אינדיאַנישע שבטים. די מלחמה האָט אָנגעהאַלטען עטליכע יאָר און די קאָלאָניעס אין נאָרטה קאַראָליינאַ זיינען שיער אינגאַנצען ניט פאַרוויסט געוואָרען.

ערשט נאָך דעם ווי די ענגלישע רעגירונג האָט די צוויי קאָלאָניעס איבערגענומען און זיי געשטעלט דירעקט אונטער איר קאָנטראָל, האָט דאָרטען אָנגעפאַנגען ווערען רואיגער.

.17

דזשאָרדזשיאַ, אַ קאָלאָניע געגרינדעט פון פילאַנטראָפּען

דזשארדזשיא, די לעצטע פון די דרייצען קאָלאָניעס, איז גע־גרינדעט געווארען נאכדעם ווי אַלע איבעריגע זיינען שוין געווען איינגעפונדעוועט און גוט אַנטוויקעלט. אירע גרינדער האָבען גע־האַט אַ דאָפּעלטען מאָטיוו — אַ פילאַנטראָפּישען און אַ פּאָליטי־שען. די דאָזיגע קאָלאָניע האָט געזאָלט זיין די רעטונג פאַר בעלי חובות, וועלכע קענען ניט באַצאָלען זייערע שולדען, און זי האָט געזאָלט דינען אַלס אַ שוץ געגען די שפּאַנישע קאָלאָניסטען צו דרום־צו, אין פלאָרידאַ.

געמאַכט האָט זיך עס אַזוי, אַז גראַדע איין מענש איז געווען פאַראינטערעסירט אין די ביידע זאַכען. זיין נאָמען איז געווען דזשיימס עדוואַרד אָגעלטאָרפּ. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דעם פּאַרלאַמענט אין ענגלאַנד. דאָרטען האָט ער ביי פאַר־שיידענע געלעגענהייטען ארויסגעוויזען זיין שנאה צו שפּאַניען. ער האָט געהערט צו יענעם פליגעל אין דעם פּאַרלאַמענט, וועלכער איז געשטאַנען פאַר אַן אַגרעסיווער פּאָליטיק בנוגע צו שפּאַניען. די ענגלישע קאָלאָניסטען אין די קאָלאָניעס האָבען דעמאָלט געהאַט אָפטע צוזאַמענשטויסען מיט די שפּאַניער אין פלאָרידאַ (די שפּאַ־ניער האָבען גע׳טענה׳ט, אַז די קאַראָליינאַ טעריטאָריע געהערט צו זיי). אָגעלטאָרפּ האָט שטענדיג געפאָדערט אין פּאַרלאַמענט, אַז די ענגלישע רעגירונג זאָל עפּעס טאָן צו העלפען די קאָלאָניסטען געגען שפּאַניען, ענגלאַנד זאָל מיט מאַכט באַשיצען דעם גרענעץ.

אין דער זעלבער צייט איז אָגעלטאָרפּ געווען פאָרזיצער פון אַ פּאַרלאַמענט־קאָמיטע צו אונטערזוכען די לאַגע פון ארעסטירטע אַנזעצער. דער געזעץ אין ענגלאַנד איז דעמאָלט געווען גרויזאַם

געגען אַזוינע „פּאַרברעכער". דער וואָס האָט ניט געקאָנט באַצאָלען אַ חוב פלעגט פאַרשיקט ווערען אין געפענגניש אויף אַ לאַנגען טערמין און דאָרטען פלעגט ער באַהאַנדלט ווערען שרעקליך ברו־טאַל. דער מיין דערביי איז געווען, אַז וואָס מער מען וועט דעם אומגליקליכען מוטשען, אַלץ שנעלער וועלען זיינע קרובים און פריינט אויף אים רחמנות האָבען און באַצאָלען פאַר אים זיינע שולדען. אָגלעטאָרפּ האָט דורך זיין אונטערזוכונג זיך באַקענט מיט די שוידערליכקייטען, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרען געגען אַזעל־כע „פאַרברעכער", און ער האָט באַשלאָסען צו געפינען פאַר זיי אַ רעטונג.

ער האָט אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן, צו אָרגאַניזירען אַ געזעל־שאַפט פון פילאַנטראָפּישע מענשען אַריבערצופירען די אַרעסטיר־טע בעלי חובות קיין אַמעריקא און דאָרטען זיי געבען אַ מעגליכ־קייט „אָנצופאַנגען פון דאָס ניי". פאַר אַ פּלאַץ פאַר דער קאָלאָניע, האָט ער אויסגעקליבען די טעריטאָריע פון דזשאָרדזשיאַ מיט דעם געדאַנק אַז די קאָלאָניסטען וועלען אויך דינען אַלס אַ שוץ געגען די שפּאַניער, זיי ניט לאָזען אַריינדרינגען איבער דער גרענעץ פון פלאָרידאַ.

דער פּלאַן איז געפעלען געוואָרען דער רעגירונג ניט אַזוי צו־ליב דעם ערשטען, דעם פילאַנטראָפּישען ציל, ווי צוליב דעם צוויי־טען, דעם פּאָליטישען. אַ סך אָנגעזעהענע מענשען פון אַדעל און גלחים האָבען איינגעוויליגט צו שטיצען די אונטערנעמונג. אין 1732 האָבען זיי באַקומען אַ טשאַרטער „צו גרינדען די קאָלאָניע דזשאָרדזשיאַ". די געזעלשאַפט איז באַשטימט געוואָרען אין טשאַר־טער פאַר דער אַבסאָלוטער הערשערין איבער דער קאָלאָניע. זי האָט זיך אויך געמוזט פאַרפליכטען צוצושטעלען יערליכע באַריכטען וועגען דער פאַרוואַלטונג פון דער קאָלאָניע. דער גאָווערנאָר, וואָס די געזעלשאַפט האָט באַשטימט פאַר דער קאָלאָניע, האָט געמוזט קריגען די גוטהייסונג פון דער ענגלישער רעגירונג. דער טשאַר־טער איז געווען בלויז אויף אַ טערמין פון 21 יאָר. נאָכדעם האָט די קאָלאָניע זיך געדאַרפט שטעלען דירעקט אונטער דער הערשאַפט פון דער רעגירונג אין ענגלאַנד.

די פארוואלטער פון דער געזעלשאפט האבען זיך פון אנהויב אן געשטעלט צו דער קאלאניע אין דער באציאונג פון שטרענגע עלטערען צו שלעכטע קינדער. קיין דעה אין דער רעגירונג האבען זיי די קאלאניסטען ניט געגעבען. זיי האבען באשטימט, אז יעדער קאלאניסט זאל קריגען ניט מער ווי א געוויסע שטיק לאנד און אז ער זאל זיין חלק קיינמאל ניט טארען פארקויפען און אז נאכ'ן טויט מוז דאס שטיק לאנד איבערגיין בירושה נאר צו זיינע זין. זיי האבען אין דער קאלאניע פארבאטען נעגער־שקלאפעריי און דעם אריינפיר פון שנאפס.

די אלע געזעצען זיינען געמאכט געווארען ניט צוליב אידעאַ־ליסטישע אורזאכען נאר צוליב ריין פראקטישע. די פארוואלטער האבען אין זינען געהאט דעם צווייטען צוועק פון דער קאלאניע, אז זי דארף דינען אלס א מיליטערישע פאזיציע געגען שפאניען. עס איז דעריבער וויכטיג געווען, אז די קאלאניסטען זאלען ניט האבען די מעגליכקייט צו ווערען צו רייך און אז זיי זאלען ניט הוליען צופיל. די נעגער־שקלאפעריי אין די קאראליינאס איז גע־ווען א שטענדיגע געפאר פאר ענגלאנד'ס הערשאפט אין אמעריקא. די נעגער פלעגען זיך פון צייט צו צייט צעבונטעווען אדער זיי פלעגען אנטלויפען צו די שפאניער און צו די אינדיאנער און זיך אנבאטען אלס סאלדאטען צו קעמפען געגען די ענגלענדער. עס איז דעריבער וויכטיג געווען, אז די געפאר זאל אויסגעמידען ווערען אין דער דזשארדזשיא־קאלאניע, וואו עס וואלט געקענט ברענגען די ערגסטע רעזולטאטען. די נעגער אין דזשארדזשיא וואלטען זיך לייכט געקענט ארייננכאפען צו די שפאניער און זיי העלפען אין פאל פון א מלחמה מיט די דזשארדזשיע'ר קאלאניסטען.

אין 1733 איז אגלטארפ אנגעקומען קיין דזשארדזשיא מיט דעם ערשטען טראנספארט אימיגראנטען, אז ערד פון הונדערט מענער, פרויען און קינדער. ער האט די ערשטע זאך זיך געשטעלט אין פארבינדונג מיט די אינדיאנער פון דער געגענט און ביי זיי אפגעקויפט א שטיק ערד. די קאלאניסטען האבען זיך באזעצט אויף דעם פלאץ וואו די שטאט סאוואנא שטייט איצטער. דעם נעקס־טען יאר איז אין דזשארדזשיא אנגעקומען א שיף מיט דייטשע

אימיגראַנטען. שפּעטער זיינען געקומען אימיגראַנטען פון אירלאַנד און פון סקאָטלאַנד. די פּאַרוואַלטער האָבען זיי פריינטליך אויפ־גענומען און נאָך באַזאָרגט זיי מיט פאַרמס און מיט מיטלען די פאַרמס צו אַנטוויקלען.

רייבונגען מיט די שפּאַניער אין פלאָרידאַ האָבען זיך אָנגע־הויבען כמעט גלייך ווי די ערשטע קאָלאָניסטען האָבען זיך באַזעצט אין דזשאָרדזשיאַ. אָגלעטראָפּ האָט אָרגאַניזירט אַ מיליץ און האָט אימפּאָרטירט וואָפען פון ענגלאַנד. עס זיינען פאָרגעקומען אייניגע ערנסטע צוזאַמענשטויסען. די שפּאַניער האָבען געמאַכט אַ פּאַרזוך אָנצופאַלען אויף די ענגלענדער און די ענגלענדער האָבען אָפּגע־ענטפערט מיט אַן עקספּעדיציע קיין פלאָרידאַ. די אַלע פּאַרזוכען איינער דעם אַנדערען אַרויסצוטרייבען האָבען זיך אָבער ניט איינ־געגעבען. ענדליך זיינען ביידע צדדים געקומען צו דער איבערציי־גונג, אַז עס וועט געזינטער זיין פאַר זיי צו לאָזען איינע די אַנדערע צורוה. די שפּאַניער זיינען געבליבען אין פלאָרידאַ און די ענגלענדער זיינען געבליבען אין דזשאָרדזשיאַ.

באַלד נאָכדעם האָבען זיך אין דער קאָלאָניע אָנגעהויבען נייע אומרוהען. די קאָלאָניסטען האָבען זיך גענומען וועהרען געגען די באַגרענצונגען, וואָס די פּאַרוואַלטער האָבען אויף זיי אַרויפגע־לייגט. איבערהויפּט די רייכערע האָבען זיך מתקנא געווען אַז די אַריסטאָקראַטען אין סאַוטה קאַראָליינאַ. זיי האָבען אויך געוואָלט האָבען די מעגליכקייט צו האַלטען נעגער־שקלאַפען און אַנצוזאַמ־לען גרויסע פּאַרמעגענס און לעבען אין לוקסוס. זיי האָבען געפּאָ־דערט, אַז דאָס געזעץ געגען נעגער־שקלאַפעריי זאָל אָפּגעשאַפט ווע־רען. אַ סך האָבען פּראָטעסטירט געגען דעם פּאַרבאָט אויף שנאַפּס, און אַנדערע האָבען ניט געוואָלט ליידען די באַגרענצונגען אויף דעם האַנדעל מיט לאַנד. עס איז כדאי צו באַמערקען, אַז איינער פון די אָנפיהרער אין דער פאָדערונג אַז נעגער־שקלאַפעריי זאָל ער־לויבט זיין, איז געווען דער פּראָמינענטסטער גלח פון דער קאָלאָניע, דער מיסיאָנער וועהייטפילד, וועלכער איז אַהער געקומען צו באַקעהרען די אינדיאַנער צו דעם קריסטליכען גלויבען.

די קאָלאָניסטען האָבען געשיקט פּעטיציעס צו דער ענגלישער

רעגירונג. די פארוואלטער האבען א לאנגע צייט געקעמפט, אבער ענדליך האבען זיי זיך אונטערגעגעבען. די אלע פארבאטען זיינען אפגעשאפט געווארען און דזשארדזשיא האט גענומען אימפארטירען נעגער און שנאפס און גענומען געהן אויפ'ן זעלבען וועג ווי איהרע שוועסטער־קאלאניעס צו צפון־צו. אין א קורצער צייט שפעטער האבען די טראסטים צוריקגעגעבען זייער טשארטער צו דער רעגירונג און דזשארדזשיא איז געווארען א רעגירונגס־קאלאניע.

איין גוטע זאך האט זיך אבער יע אפגעשטעלט פון דער הערשאפט פון די פארוואלטער — רעליגיעזע טאלעראנץ. יעדע רעליגיעזע סעקטע (אויסער די קאטוילישע) האט געהאט דאס רעכט צו גרינדען א קירכע און צו דינען גאט לויט איהר ווילען. אפילו אידען האבען געהאט אן אייגענע שוהל אין סאוואנא.

ביז נאך דער רעוואלוציע איז דזשארדזשיא פארבליבען די קלענסטע און די שוואכסטע צווישען אלע קאלאניעס. אין 1760 האט איהר באפעלקערונג געצעהלט ניט מעהר ווי צעהן טויזענד. צווישען זיי זיינען געווען דריי טויזענד נעגער־שקלאפען.

די קאָלאָניעס אין אַכצענטען יאָרהונדערט

דזשיימס עדוואַרד אָגלטאָרפּ, דער גרינדער פון דער קאָלאָניע דזשאָרדזשיאַ.

.18

שקלאַפּען און אַרבּעטער אין די קאָלאָניעס

אין אַנפאַנג פון 18טען יאָהרהונדערט זיינען די קאָלאָניעס אין אַמעריקאַ שוין אַרויס פון די קינדער־יאָהרען און איבערגע־קומען די קינדער־קראַנקהייטען. יעדע פון זיי איז געווען פעסט איינגעפונדעוועט, מיט אַן אייגענער, באַשטימטער פיזיאָגנאָמיע. דער גאַנג פון דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג איז שוין דעמאָלט פאַר יעדען פון זיי געווען קלאָר אָנגעצייכענט. עס האָבען זיך שוין געגומען מערקען די רייבונגען, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע, צווי־שען די קאָלאָניעס און דעם פאָטערלאַנד, ענגלאַנד — אָט יענע רייבונגען, וועלכע האָבען אין עטליכע צענדליג יאָהר שפּעטער געפיהרט צו דער רעוואָלוציע.

אין יאָר 1700 איז די באַפעלקערונג פון די אַלע קאָלאָניעס גע־ווען אַן ערך פון 200 טויזענד. די גרעסטע צווישען זיי, ווירד־זשיניאַ, האָט געצעהלט ביי 70 טויזענד נפשות. נאָך איהר איז געקומען מאַסאַטשוזעטס, וועלכע האָט געצעהלט אַן ערך פון 50 טויזענד. די פיר קאָלאָניעס, ניו יאָרק, פּענסילווייניאַ, ניו דזשויר־זי און דעלעווער, האָבען אַלע צוזאַמען געהאַט ניט מעהר מענשען ווי מאַסאַטשוזעטס אַליין.

אַ גאַנצע רייהע אורזאַכען, היסטאָרישע, עקאָנאָמישע און נאַטירליכע, האָבען צוטיילט די קאָלאָניעס אין דריי באַזונדערע גרופּען. אַרום ווירדזשיניאַ האָבען זיך גרופּירט מערילענד, נאָרט און סאַוט קאַראָליינאַ און שפּעטער דזשאָרדזשיאַ. זיי זיינען באַ־צייכענט געוואָרען מיט'ן נאָמען „די סאַוט". אַרום מאַסאַטשוזעטס האָבען זיך גרופּירט ניו העמפּשיר, קאָנעקטיקוט און רהאָד איילענד; און זיי זיינען באַצייכענט געוואָרען מיט'ן נאָמען „ניו ענגלאַנד".

צווישען די צוויי גרופען זיינען געלעגען ניו יארק, פענסילווייניא. דעלעווער און ניו דזשוירזי; און ווייל זיי האבען פארנומען א מיטעל־פלאץ, האט מען די דאזיגע גרופע גערופען „די מידעל (מיטעל) קאלאניעס".

אין א סך הינזיכטען זיינען, פארשטעהט זיך, די אלע קא־לאניעס געווען עהנליך. עס האבען עקזיסטירט געמיינשאפט־ליכע אינטערעסען, געמיינשאפטליכע פראבלעמען. אבער אין א סך אנדערע הינזיכטען זיינען זיי געווען אזוי פארשיידען איינע פון די אנדערע ווי גאנץ באזונדערע וועלטען.

אין ניו ענגלאנד איז די באפעלקערונג געווען כמעט א ריין־ענגלישע. דערצו האט זיך די אימיגראציע דארטען נאכ'ן יאהר 1640 כמעט אפגעשטעלט. און דערפאר קען מען אייגענטליך זא־גען, אז אין אנפאנג פון 18טען יאהרהונדערט איז שוין ניו ענג־לאנד געווען עכט־אמעריקאניש — א צווייטער און דריטער דור פון היגע געבוירענע. אין די סאוט איז די באפעלקערונג שוין ניט געווען אזוי ריין־ענגליש און ניט אזוי ווייט אמערקאניש. קיין ווירדזשיניא האט זיך די אימיגראציע קיינמאל ניט אפגעשטעלט. און אין די איבעריגע קאלאנעס פון דער גרופע זיינען געווען א סך פראנצויזען און דייטשען. אין די „מידעל קאלאניעס" איז די באפעלקערונג געווען א געמישטע. אין ניו יארק האבען געוואוינט מעהר האלענדער ווי ענגלענדער. אין דעלעווער זיינען געווען א גרויסע צאהל שוועדען און האלענדער. דאס איז אויך געווען דער פאל אין ניו דזשוירזי און פענסילווייניא. אין דער לעצטער קאלאניע האבען זיך גלייך פון אנפאנג באזעצט א סך דייטשען און א טייל פון זיי האבען זיך שפעטער אריינגעקליבען אין ניו דזשוירזי.

ווייט פארשיידען איינע פון די אנדערע זיינען די דריי גרו־פען געווען אין זייער אינדוסטריעלען לעבען. כאטש די הויפט־באשעפטיגונג אין אלע קאלאניעס איז געווען די זעלבע: אגרי־קולטור.

אין די סאוט האט זיך גלייך פון אנפאנג אנטוויקעלט די סיס־טעם פון גרויסע פלאנטאציעס, גרויסע פארמס, נאכ'ן מוסטער

פון די מיטעלאַלטערליכע פּריצישע הויפען. אין מערילענד און אין ווירדזשיניא זיינען די פּלאַנטאַציעס פאַרזייט געווען דורכאויס מיט טאַבאַק; אין נאָרט קאַראָליינא האָבען זיי פּראָדוצירט אַ חוץ טאַבּאַק אויך רייז און באַוועל; אין סאַוט קאַראָליינא איז דער הויפּט פּאַרם־פּראָדוקט געווען רייז. די קאָלאָניעס האָבען זייערע עסענוואַרג, זייערע קליידער און זייערע געצייג און כלים געמוזט אימפּאָרטירען ענטוועדער פון די קאָלאָניעס אין די נאָרט אָדער פון אייראָפּאַ.

אין ניו ענגלאַנד איז די אינדוסטריעלע סיסטעם געווען אַ גאַנץ אַנדערע. גרויסע לאַנד־אייגענטימער זיינען דאָרטען געווען זעהר ווייניג. די ריזיגע מאַיאָריטעט איז באַשטאַנען פון קליינע פּאַרמערס, און געזייט האָט מען דאָרטען תבואה. ביי די ברעגען פון ים האָבען געוואוינט פישער און אַרום די האַפענס האָט זיך אין די גאָר ערשטע יאָהרען אַנטוויקעלט אַ גרויסע שיף־אינדוס־טריע. די ניו ענגלענדער האָבען די שיפען אַי אַליין געבויט, אַי זיי אַליין באַנוצט פאַר האַנדעלס־צוועקען. די קליינע פּאַרמס זיינען געווען שטענדיג גרופּירט אַרום אַ שטעטעל און די שטעט־לאַך זיינען באַשטאַנען פון סוחרים און פאַבריקאַנטען. די ניו ענגלאַנד קאָלאָניעס האָבען זיך געקענט כמעט אינגאַנצען אַליין דערנערען.

די מיטעלסטע קאָלאָניעס זיינען געווען דער צענטער פון מסחר. אין ניו יאָרק איז דער הויפּט האַנדעל געווען פוטער־וואַרג. פּענסילווייניא האָט געהאַנדעלט מיט פּאַרם פּראָדוקטען. די דייטשען אין פּענסילווייניא האָבען געבויט פאַבריקען פאַר פּאַ־פּיר, גלאָז און זאַקען. וואָס אַנבעלאַנגט אַגריקולטור, זיינען אין די קאָלאָניעס געווען ביידע סאָרטען: אַי גרויסע פּלאַנטאַציעס, אַי קליינע פּאַרמס. די גרויסע פּלאַנטאַציעס האָבען זיך געפונען הויפּטזעכליך אין ניו יאָרק אַרום דעם האָדסאָן טייך. עס פאַר־שטעהט זיך, אַז טראָץ דעם ווייט־פאַרשפּרייטען און גוט־אַנט־וויקעלטען האַנדעל אין די קאָלאָניעס האָט זיך די גרויסע מאַיאָ־ריטעט פון דער באַפעלקערונג אָפּגעגעבען מיט באַאַרבייטען די ערד.

אין יעדער קאלאניע איז די באפעלקערונג געווען איינגע־טיילט אין פיר קלאסען: די רייכע אריסטאקראטיע, די קליינע בעלי בתים, די „ארימע ווייסע", און דינער און שקלאפען. עס איז אבער געווען א חילוק אין דער גרויס פון די קלאסען אין די פארשיידענע קאלאניעס. אין סאוט קאראליינא, צום ביישפיל, זיינען די צוויי מיטעלע קלאסען — די קליינע בעלי בתים און די ארימע ווייסע — געווען אן אומבאדייטענדע צאהל. דארטען האבען פאקטיש עקזיסטירט בלויז צוויי קלאסען — רייכע אריסטא־קראטען און שקלאפען. אין ווירדזשיניא זיינען אלע פיר קלאסען געווען גוט פארטראטען. אין ניו ענגלאנד איז דער קלאס פון די קליינע בעלי בתים געווען דער גרעסטער, און דער שקלאפען־קלאס זעהר קליין. אן ענגליכע לאגע האט עקזיסטירט אין די מיטעלע קאלאניעס, באטש דארטען זיינען געווען א סך מעהר דינער ווי אין ניו ענגלאנד. דער רייכער און הערשענדער אריסטאקראט אין ניו ענגלאנד איז געווען פון א גאנץ אנדער סארט ווי דער רייכער און הערשענדער אריסטאקראט אין די מיטעל־קאלאניעס.

די „ווייסע שקלאפען" אין די קאלאניעס

ווער זיינען דאס געווען די ווייסע דינער און די שווארצע שקלאפען? פון וואנען האבען זיי זיך גענומען און אונטער וואס פאר א באדינגונגען האבען זיי אין די קאלאניעס געארבייט און געלעבט?

פריהער וועגען די ווייסע דינער.

די שווערסטע פראבלעם פאר די קאלאניסטען אין אמעריקא איז שטענדיג געווען, וואו און ווי אזוי צו קריגען ארבייטער. אין ניו ענגלאנד, וואו די קאלאניסטען האבען זיך די ערשטע צייט באנוגענט מיט קליינע שטיקלאך ערד אדער מיט פיש־פאנג, איז די פראבלעם ניט געווען אזא שווערע. אין דער סאוט אבער, וואו די פלאנטאציעס האבען געהאלטען הונדערטער אקער די גרויס און וואו די ארבייט אויף די פעלדער איז געווען אומגעהייער שווער, איז די ארבייטער־פראגע געווען א פראגע פון לעבען און

טויט. און שפעטער, ווען אין ניו ענגלאנד און אין די מיטעלע קאלאניעס האבען זיך אנטוויקעלט פאבריקען און א גרויסער עקס־פארט און אימפארט־האנדעל און עס איז אנטשטאנען א קלאס פון רייכע לייט מיט גרויסע הויפען, אין וועלכע עס האבען זיך געפאדערט ארבייטער און דינער, איז פאר זיי די פראגע אויך אויפגעשוואומען אין א שארפער פארמע. וואו נעהמט מען אר־בייטער, וואו נעהמט מען משרתים?

די קאלאניסטען האבען געמאכט א פראבע מיט די אינדיא־נער. פרייוויליג האבען די איינגעבוירענע האלב־ווילדע ניט גע־וואלט זיך אפזאגען פון זייער פרייען לעבען און אויף זיך נעהמען דעם יאך פון ארבייט און פון א ווייסען בעל הבית. פלעגען די קאלאניסטען זיי מיט געוואלד פאר שקלאפען מאכען. און אין די אפטע מלחמות צווישען די קאלאניסטען און די אינדיאנישע שבטים פלעגען פילע אינדיאנער ארייןפאלען אלס קריגס־געפאנ־גענע, און די אומגליקליכע פלעגען פארקויפט ווערען אלס שקלאפען אויף אייביג. די קאלאניסטען האבען אבער פון זיי קיין גרויס נחת ניט געהאט. זיי זיינען ניט געגאנגען אין שפאן, זיי האבען זיך ניט געלאזט באהערשען. די וואס מען האט שוין איינגעהאלטען אין צוים, האט מען אויך לאנג ניט געקענט באנוצען. די געצוואונגענע דינסט האט געווירקט שלעכט אויף זייער געזונט. זיי פלעגען קראנק ווערען און שטארבען.

עס איז קיין אנדער אויסוועג ניט געבליבען ווי צו ברייגנען שקלאפען פון אויסלאנד. און באלד איז דאס טאקע געשעהן. עס האבען גענומען אנקומען ווייסע שקלאפען פון איירא פא און שווארצע שקלאפען פון אפריקא.

די אימפארטירטע ווייסע ארבייטער האט מען גערופען מיט'ן נאמען דינער. אבער פאקטיש זיינען זיי געווען פונקט אזוינע שקלאפען ווי די שווארצע. דער אונטערשייד איז נאר געווען דער: א שווארצער שקלאף פלעגט דא פארקויפט ווערען אויף אייביג. ער האט געהערט צו זיין בעל הבית כל זמן ער האט געלעבט און זיינע קינדער זיינען אויך פארבליבען אייביגע שקלא־

פען. דער ווייסער שקלאף אבער האט גערינט א באשטימטע צאהל יאהרען און זיינע קינדער זיינען געווען פרייע מענשען.

די הויפט־קוועלען פון די ווייסע שקלאפען זיינען געווען די פאלגענדע פיר: 1) „פרייוויליגע", די וואס פלעגען זיך אליין פארקויפען; 2) ארעסטאנטען; 3) בעטלער און וואגאבונדען; 4) געכאפטע מענשען.

די „פרייוויליגע"

די אזוי גערופענע „פרייוויליגע", דאס הייסט, די וועלכע פלעגען זיך אליין צום דינסט פארקויפען, זיינען געקומען מייסטענטיילס פון ענגלאנד און פון דייטשלאנד. די בעסטע מערק פאר דער דאזיגער סחורה זיינען געווען ווירדזשינא, פענסילווייניא און ניו יארק. די ניו ענגלאנד קאלאניעס פלעגען אויך אנבאטען גוטע פרייזען און מיט פרייד קויפען וויפיל זיי האבען נאר געקענט קריגען. אין די קאלאניעס פון דער וויטער סאוט זיינען געווען ווייניג פון די סארט שקלאפען, ווייל דארטען האט מען זיך באנוצט כמעט אויסשליסליך מיט נעגער.

די „פרייוויליגע" זיינען געווען ארימע לייט, פאר וועמען אמעריקא איז געווען די לעצטע האפנונג. געלט אויף רייזע־הוצאות האבען זיי ניט געהאט. פלעגען זיי זיך פארקויפען צו א שיפס־קאפיטאן אויף עטליכע יאהר. דער קאפיטאן פלעגט זיי אין אמעריקא פארקויפען אויף דעם זעלבען טערמין און אפנעהמען די געלט. דער פרייז פאר א „שיפס־קארטע" פאר אזוינע פאסאזשירען איז געווען שקלאפעריי אויף א טערמין פון פיר ביז פינף יאהר.

שיפס־קאפיטאנען פלעגען צונויפקלייבען צו עטליכע הונדערט אזוינע פאסאזשירען מיט אמאל. אט די קונדען זיינען פאר זיי בעסער געווען ווי די וועלכע פלעגען צאהלען מיט בארע געלט. אין דער האפען־שטאט, וואו די שיף האט זיך אפגעשטעלט, פלעגען זיך שוין פארזאמלען די פארמער און די בעלי בתים, וועלכע האבען זיך גענויטיגט אין שקלאפען. און דער קאפיטאן פלעגט די

סחורה זיינע פארקויפען אויפ'ן מארק. אפט פלעגט פאסירען, אז איין בעל הבית פלעגט אפקויפען דעם פאטער פון א שקלאפען־פאמיליע, א צווייטער פלעגט אפקויפען די מוטער און א דריטער דאס קינד. די פארבליבענע סחורה, פאר וועמען עס זיינען קיין בעלנים ניט געווען, פלעגט דער קאפיטאן פארקויפען צו א ספעקולאנט. און יענער פלעגט זיי צונויפשמידען אין קייטען און ארומפעדלען מיט זיי צווישען די ווייטע פארווארפענע שטעטלאך און דערפלאך.

צווישען די אומגליקליכסטע קרבנות פון דער דאזיגער סיסטעם זיינען געווען די דייטשען פון די פראווינצען לעבען פראנצויזישען גרעניץ. די מלחמות צווישען דייטשלאנד און פראנקרייך האבען יענע געגענטען כמעט אינגאנצען חרוב געמאכט און די פארארימטע מאסען האבען זיך גערן אנגעכאפט אן א געלעגנהייט צו פארען ערגעץ אנדערש. די רייכע קאלאניסטען פון פענסילווייניא און פון ניו יארק, וועלכע האבען זיך שטארק גענויטיגט אין ארבייטער, האבען געשיקט אהין ספעציעלע אגענטען צו פאנאנדערפויקען די גליקען פון אמעריקא. די אגענטען זיינען באקאנט געווארען איבער דייטשלאנד אונטער'ן נאמען „די נייעלענדער“. זיי פלעגען קומען אויסגעפוצטע אין שעהנע קליידער און אין בליאקענדיגע צירונג און פלעגען דערצעהלען די אויסגעהונגערטע אפגעריסענע מאסען, אז אין אמעריקא ווערט יעדערער רייך. זיי פלעגען פאנאנדערטיילען פאמפלעטען, וואו די אמעריקאנער גליקען זיינען געשילדערט געווען מיט כפל שמונה'דיגע ליגענס. זיי פלעגען ברייננגען געפעלשטע בריף פון קרובים וואס זיינען שוין פריהער אוועק קיין אמעריקא. די דאזיגע אגענטען פלעגען פאר יעדען „ווייסען שקלאף“ וואס זיי איז געלונגען אפצושיקען קיין אמעריקא באקומען דריי פלארינס און אין אמעריקא פלעגט דער אומגליקליכער פארקויפט ווערען פאר א פרייז פון 60 ביז 80 פלארינס.

דער שטראם פון דער דייטשער שקלאפען־אימיגראציע האט אנגעהאלטען צענדליגע יאהרען. די שקלאפען־אימיגראנטען פלעגען זיך אפשטעלען אין לאנדאן און דארטעןווארטען אויף שיפען

קיין אמעריקא. אין יאהר 1709 איז לאנדאן געווען פול מיט די דאזיגע אימיגראנטען. עס איז איינפאך ניט געווען וואו זיי אהינצוטאן און די רעגירונג איז געצוואונגען געווען צו באווילּיגען פאר זיי א סומע געלט.

אויף די שיפען פלעגט מען זיי אנפאקען אזוי ווי הערינג אין א פאס. צוליב דער ענגשאפט, די שלעכטע עסענווארג און די שמוץ פלעגען זיך אנטוויקלען אלערליי מגפות און א סך מאל האט פאסירט אז מעהר ווי א העלפט איז אויסגעשטארבען אויפ'ן וועג.

אזא באהאנדלונג האבען אייגענטליך באקומען אלע אימיגראנטען פון דעם סארט. די באגאזש וואס די אימיגראנטען פלעגען מיטפיהרען פלעגען די שיפס־באאמטע בא'גנב'ענען. דאס איז געווען איינע פון די מיטלען ארויפצוצווינגען לייגערע שקלאפעריי־טערמינען, ווייל וואס ארימער דער פאסאזשיר איז געווען, אלץ מעהר האט ער געמוזט אנקומען צום שיפס־קאפיטאן און אלץ מעהר האט ער געמוזט מקריב זיין זיין פרייהייט.

אט זיינען איניגע אפיציעלע ציפערען פון די טויטענפעלען אויף די שיפען, וועלכע האבען געפירט די שקלאפען־אימיגראנטען קיין אמעריקא:

אין 1730 איז א שיף ארויסגעפארען פון ענגלאנד מיט 150 אימיגראנטען. געבראכט אין אמעריקאנער האפען האט זי בלויז 13. אין 1745 איז א שיף ארויסגעפארען מיט 400 דייטשע אימיגראנטען; דערלעבט צו זעהן אמעריקא האבען בלויז 50 פון זיי. אויף א דריטער שיף, וועלכע האט געפירט 1500, זיינען אויפ'ן וועג אויסגעשטארבען 1100. קינדער פלעגען זעלטען קומען צופארען לעבעדיגע.

עס פארשטעהט זיך, אז אזעלכע פעלען זיינען געווען אויסערגעוויינליכע. פון די אויסנאהמען קען מען זיך אבער מאכען א באגריף וואס אויף דער דורכשניטליכער שיף האט פאסירט.

די אומגליקליכע פלעגען זיך אזוי שרעקליך אנמוטשען אונטערוועגס, אז זיי פלעגען עס באטראכטען פאר דעם גרעסטען גליק דא פארקויפט צו ווערען אין שקלאפעריי. זיי פלעגען זיך בעטען מען זאל זיי וואס גיכער פארקויפען, אבי פטור צו ווערען

פון דער פאַרפּעסטעטער שיף און די גרויזאַמע קאַפּיטאַנען און מאַטראָזען.

פאַרברעכער, בעטלער און וואַגאַבונדען

פאַר דעם צווייטען און דריטען קוואַל פון ווייסע שקלאַפּען, די פאַרברעכער און די בעטלער, האָבען די קאָלאָניעס געהאַט דער ענגלישער רעגירונג צו פאַרדאַנקען. די ערשטע צייט האָבען די קאָלאָניעס זיך געשראָקען פאַר אַזוינע אימיגראַנטען און איינינע פון זיי האָבען אַפילו געמאַכט געזעצען צו פאַרבאָטען דעם אריינפיר פון אַרעסטאַנטען. אָבער די ענגלישע רעגירונג האָט די געזעצע בטל געמאַכט. מיט דער צייט האָבען די קאָלאָניסטען זיך איבער־צייגט, אַז אַ געוועזענער אַרעסטאַנט אָדער אַ געוועזענער בעטלער קען אויך פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ געהאָרכזאַמען שקלאַף און זיי האָבען אויפגעהערט צו פּראָטעסטירען.

די ענגלישע רעגירונג האָט געהאַט אַ דאָפּעלטען אַבזיכט אין שיקען אַרעסטאַנטען און בעטלער קיין אַמעריקאַ. ערשטענס, איז זי פּטור געוואָרען פון די ניט געווינשטע עלעמענטען און האָט איינגעשפּאָרט דאָס געלט זיי אויסצוהאַלטען, און צווייטענס, האָט עס געגעבען רעגירונגס־מענשען אַ געלעגענהייט צו מאַכען געלט.

אין 1717 האָט דער ענגלישער פּאַרלאַמענט דורכגעפירט אַ געזעץ, אַז דאָס געריכט מעג, אנשטאָט פאַרשיקען אַ פאַרברעכער אין געפענגעניש, אים פאַרשיקען אין אַ קאָלאָניע. פאַר די ריכטער איז דאָס געזעץ געווען אַ קוואַל פון כאַבאַר. זיי פלעגען פאַר דעם מינדסטען פאַרברעכען באַפוילען דעם באַשולדיגטען צו „פאָהרען" קיין אַמעריקאַ. די ריכטער פלעגען אַראַנזשירען מיט אַגענטען צו טאָן די אויסליפערונגס־אַרבייט. אַלס באַלוינונג האָבען די אַגענטען געהאַט דאָס רעכט דעם אַרעסטירטען צו פאַרקויפען אויף אַ טער־מין פון 7 ביז 14 יאָהר. עס פאַרשטעהט זיך, אַז דער ריכטער און די אַנדערע וויכטיגע רעגירונגס־מענשען האָבען פון די אַגענטען באַקומען זייער חלק פון דעם פאַרקויף־פּרייז. צווישען די פאַרברע־כענס, פאַר וועלכע מען פלעגט פאַרשיקען קיין אַמעריקאַ און פאַר־

קויפען און ווייסער שקלאפעריי, איז געווען: הייראטען אהן א קירכע־צערעמאניע!

די גרעסטע צאל פון אט דעם קלאס שקלאפען זיינען פאר־קויפט געווארען אין דער מערילענד־קאלאניע. אין פארלויף פון די קנאפע זעכציג יאהר, פון 1717 ביז 1775, זיינען קיין מערי־לענד געבראכט געווארען ניט ווייניגער ווי פופציג טויזענד ארעס־טאנטען. פיל פון זיי זיינען באשעפטיגט געווארען ביי בויען וועג־גען און האקען וועלדער. זיי זיינען באהאנדעלט געווארען ווי ארעס־טאנטען דא אויך. באטש לויט'ן געזעץ האבען זיי דא געדארפט באטראכט ווערען פונקט ווי די אנדערע דינער. ביי דער ארבייט אין די וועלדער פלעגען זיי טראגען אייזענס אויף די פיס, כדי זיי זאלען ניט קענען אנטלויפען.

דער האנדעל מיט געכאפטע מענשען

כאפען מענשען און זיי פארקויפען פאר ווייסע שקלאפען אין די אמעריקאנער קאלאניעס איז געווען א „בליהענדער גע־שעפט" אין ענגלאנד. דער ערשטער טראנספארט פון דעם סארט איז אנגעקומען קיין ווירדזשיניא אין 1619. ער האט אנטהאלטען אן ערך פון הונדערט קינדער. אין 1627 זיינען אין דער זעלבער קאלאניע געבראכט געווארען אן ערך פון 1500 קינדער, אלע גע־כאפטע. די קאלאניסטען האבען די סחורה גערען געקויפט און פלעגען שיקען קיין לאנדאן באשטעלונגען אויף נאך „עלענדע בחורים און מיידלאך".

די קרבנות זיינען מייסטענטייל געווען קליינע ניט־דערוואק־סענע קינדער פון ארימע עלטערען אין די ענגלישע האפען־שטעט. די כאפער זיינען באצייכענט געווארען מיט'ן צונאמען „גייסטער". ווייל זיי פלעגען קומען פלוצלונג און פארשווינדען פלוצלונג. די שרעק פאר די טייוואלים איז אזוי גרוים געווען, אז די מאמעס פלעגען ניט ארויסלאזען זייערע קינדער אין גאס. דער ערגסטער סטראשונאק פאר א שלעכט קינד פלעגט זיין „א גייסט וועט דיר צוכאפען".

די „גייסטער" פלעגען אפט אויך קריגען סחורה אין רייכערע

פאַמיליעס. מען פלעגט זיי דינגען צו כאַפּען קרובים, פון וועלכע יורשים האָבען וואָס גיכער געוואָלט פּטור ווערען, אָדער אָפּ־צוראַמען פון וועג קאָנקורענטען אין ליבע אָדער אין געשעפט.

וואָס ווייטער האָט זיך דער סאָרט האַנדעל אַלץ מעהר אַנט־וויקעלט. אין דעם יאָהר 1670 זיינען געבראַכט געוואָרען אין אַמע־ריקא ניט וועניגער ווי צעהן טויזענט געכאַפּטע קינדער און פאַר־קויפט געוואָרען דאָ אין שקלאַפעריי. אין 1671 האָט איינער פון אָט די סוחרים זיך מודה געווען, אַז 12 יאָהר נאָכאַנאַנד האָט ער אַליין אויסגעליפערט קיין אַמעריקא 500 גע'גנב'עטע מענשען אַ יאָר. אַ צווייטער „כאַפּער" האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט אין איין יאָהר אַנגע־גנב'עט און אויסגעליפערט 840 מענשען.

די רעגירונג האָט געוואוסט פון דעם, און האָט כלומרשט „אנגענומען מיטלען". עס איז אפילו דורכגעפירט געוואָרען אַ געזעץ צו באַשטראָפען מיט טויט יעדען, וואָס פאַרנאַרט אָדער נעמט מיט גוואַלד ארויף מענשען אויף אַ שיף. אבער דאָס געזעץ איז געבליבען אַ טויטער בוכשטאַב. די ריכטער פלעגען די פאַר־ברעכער באַשטראָפען מיט עטליכע שילינג אָדער עטליכע פענים. אָט איז אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל, וועלכען די היסטאָריקער האָ־בען געפונען פאַרצייכענט אין די אָפיציעלע פּראָטאָקאָלען פון אַ לאָנדאָנער געריכט פון יענער צייט: אַ מאַן און אַ פרוי זיינען ארעס־טירט געוואָרען פאַר צו'גנב'ענען די 16־יאָהריגע מיידעל עליס דיקענס. זיי זיינען געפונען געוואָרען שולדיג און דער ריכטער האָט זיי ביידען באַשטראָפט מיט 24 פענים. מען דאַרף דערביי געדענ־קען, אַז אין 17־טען יאָהרהונדערט, אין דער זעלבער צייט ווען דער פאַל האָט פּאַסירט, איז די שטראָף פאַר פּשוט'ער גנבה גע־ווען טויט. דאָס הייסט, אַז דיזעלבע פאַרעל וועלכע איז באַשטראָפט געוואָרען מיט 24 פענים פאַר גנב'ענען אַן אָרימע מיידעל, וואָל־טען באַשטראָפט געוואָרען מיט טויט פאַר גנב'ענען אייגענטום.

די לאַגע פון די ווייסע שקלאַפּען

די מערמינען פון שקלאַפעריי זיינען געווען פאַרשיידען. די „פּריווויליגע" פלעגען געוועהנליך זיך פאַרקויפען אויף פיר אָדער

פינף יאָהר; די אַרעסטאַנטען און בעטלער פלעגען פאַרקויפט ווער־רען אויף 7 און 14 יאָהר; די גע'גנב'עטע קינדער פלעגען מוזען דינען ביז 24 יאָהר אָדער 30 יאָהר. כל זמן זיי זיינען געווען אין דינסט זיינען זיי באַטראַכט געוואָרען פאַר'ן אייגענטום פון זייער בעל־הבית. אין מאַנכע קאָלאָניעס פלעגען די בעלי־בתים זיי צווינ־גען צו אַרבייטען שווערער ווי די שוואַרצע שקלאַפען. דער חשבון איז געווען דער: אַ שוואַרצער שקלאַף דינט באַך דעם גאַנצען לעבען, דאַרף מען היטען זיין געזונד, ער זאָל ניט צוזאַמענברעכען אָדער קראַנק ווערען. דער ווייסער שקלאַף דינט דאָך בלויז איינינע יאָהר. דאַרף מען זעהן פון איהם אין דער קורצער צייט אַרויס־קוועטשען אַזוי פיל אַרבייט ווי מעגליך. אויב ער וועט שפּעטער קראַנק ווערען אָדער שוואַך ווערען וועט זיך קהל פאַר איהם זאָרגען.

אַ ווייסער שקלאַף האָט ניט געקענט הייראַטען אָהן דער צו־שטימונג פון זיין בעל־הבית. גרויזאַמע געזעצען זיינען געמאַכט געוואָרען געגען פרויען־שקלאַפען פאַר האָבען אומגעזעצליכע קינ־דער. מען פלעגט זיי צובינדען צו סלופּעס און שמייסען אויפ'ן נאַ־קעטען לייב. דערצו פלעגט זייער טערמין פון דינסט פאַרלענגערט ווערען. די קינדער פלעגען פאַרקויפט ווערען פאַר שקלאַפען ביז'ן עלטער פון 30 יאָהר. היסטאָריקער זיינען מיט דער מיינונג, אַז בעלי־בתים פלעגען פאַרפיהרען זייערע דינסטען אַלס אַ מיטעל צו האַלטען זיי לענגער אין שקלאַפעריי.

אין די קאָלאָניעס אין די סאָוט זיינען די ווייסע שקלאַפען באַהאַנדעלט געוואָרען שוידערליך. אין ווירדזשיניא, צום ביישפּיל, איז געווען אַ געזעץ, אַז פאַר נאַשען מעהל אָדער אַנדערע עסענ־וואַרג פון קיך קומט אָפּצושניידען די אויערען. פאַר באַגעהן אָט דעם „פאַרברעכען" אַ צווייטען מאָל איז די שטראָף געווען אַ יאָהר געפענגעניש, און פאַר אַ דריטען מאָל — דריי יאָהר געפענגעניש.

שמייסען איבער'ן נאַקעטען לייב אין דער עפענטליכקייט איז געווען די געוועהנליכסטע שטראָף פאַר ווייסע שקלאַפען. פאַר באַד־ברעכענס, פאַר וועלכע דער פרייער מענש פלעגט באַצאָלען אַ געלט־שטראָף, פלעגט דער שקלאַף קריגען שמיץ. וואָס ערנסטער דער פאַרברעכען, אַלץ גרעסער די צאָל פון די שמיץ. אויב די צאָל

שמיץ איז געווען צו גרויס פֿאַר איין מאָל, פֿלעגט מען עס צוטיילען אויף עטליכע טעג אָדער וואָכן.

די שווערע אַרבייט און די גרויזאַמע שטראָפֿן און די באַר־באַרישע באַהאַנדלונג האָבן געפֿירט דערצו, אַז פֿיל פֿון די ווייסע שקלאַפֿן פֿלעגן אַנטלויפֿן אין מיטן טערמין. פֿאַר די קאָלאָ־ניסטן איז דאָס געווען דאָס שווערסטע פּראָבלעם. אין די סאַוט פֿלעגן די אַנטלאָפֿענע זיך באַהאַלטן ביי די אינדיאַנער אין די אַרומיגע געגענדן; אין די נאָרט פֿלעגן זיי לויפֿן פֿון איין קאָ־לאָניע אין דער צווייטער אָדער זיי פֿלעגן זיך אַריינכאַפּן צו די פֿראַנצויזן אין קענעדע.

אַלערליי מיטלען האָבן די רעגירונגען פֿון די קאָלאָניעס אָנ־געווענט די מגפֿה פֿון אַנטלויפֿן אויסצוראָטן. דער געוויינלעכער מיטל איז געווען שווערע שטראָפֿן. די ווייסע שקלאַפֿן האָבן ניט געטאָרט פֿאַרלאָזן די פֿאַרם פֿון זייער בעל־הבית אָהן אַ גע־שריבענער ערלויבניש. אין מערילענד האָט אַ שטיק צייט עקזיס־טירט אַ געזעץ, וואָס האָט באַשטראָפֿט מיט טויט אַ ווייסן אָדער שוואַרצן שקלאַף וואָס האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך צו אַנטלויפֿן. אין די אַנדערע קאָלאָניעס איז די שטראָף געווען, ערשטענס, אַ פֿאַרציע שמיץ און צווייטענס, אַ פֿאַרלענגערטער דינסט־טערמין. פֿאַר יעדן טאָג וואָס דער אַנטלאָפֿענער האָט געפֿעלט האָט ער גע־מוזט אָפּדינען צוויי טעג נאָכדעם ווי זיין געוויינלעכער טערמין האָט זיך געענדיגט. אין פּענסילוויניאַ האָט ער געמוזט אָפּדינען פֿאַר יעדן טאָג פֿינף טעג.

די גרויזאַמע שטראָפֿן האָבן אָבער ניט געהאָלפֿן. די עפּי־דעמיע פֿון אַנטלויפֿן האָט זיך מער און מער פֿאַרשפּרייט. די פּאָליציי אין די שטעטלאַך און דערפֿער פֿלעגן אַרעסטירן יעדן פֿרעמדן דורכגייער וואָס איז געווען אָרים געקליידט, אויפֿ'ן חשד אַז ער איז אַן אַנטלאָפֿענער שקלאַף. זיי פֿלעגן אים איינשפּאַרן אין טורמע און פּאָבליקירן אין די ציי‌טונגען אַז זיין בעל־הבית זאָל זיך אָפּרופֿן. אויב קיינער האָט ניט געענטפֿערט אויף דער אָנאָנסע, פֿלעגט דער געפֿאַנגענער פֿאַרקויפֿט ווערן אין אויקציאָן צו דעקן די הוצאות פֿון זיין אַרעסט!

די לאגע פון די אומגליקליכע איז געווארען טרויעריגער און טרויעריגער. ענדליך זיינען די רעגירונגען פון די קאלאניעס גע־צוואונגען געווען עפעס צו טאן. און געזעצען זיינען פארפאסט געווארען צו צווינגען די בעלי־בתים זייערע ווייסע שקלאפען צו באהאנדלען מענשליכער. אין איינינע קאלאניעס האט די רעגירונג יעדען אויסגעדינטען ווייסען שקלאף געגעבען א שטיק ערד פאר א פארם. צווישען די ווייסע שקלאפען האבען זיך געפונען פיל ערדלע און אינטעליגענטע מענשען, מאנכע זאגאר געבילדעטע. אין דער סאוט זיינען די ווייסע שקלאפען באשעפטיגט געווארען אלס לעהרער פאר די קינדער אין די רייכע פאמיליעס. מאנכע פון די פראמינענטסטע פערזאנען אין דער אמעריקאנער געשיכטע זיינען געווען אייניקלאך פון ווייסע שקלאפען. אין איינעם פון די בעסטע ביאגראפישע ווערק איבער אייברעהעם לינקאלן ווערט בא־וויזען, אז זיין עלטער־עלטער זיידע איז געבראכט געווארען קיין אמעריקא אין דעם יאהר 1637 און איז דא פארקויפט געווארען אלס ווייסער שקלאף.

נעגער-שקלאפעריי

די ערשטע קערענדלעך פון נעגער־שקלאפעריי זיינען אין די קאלאניעס פארזייט געווארען זעהר פרי. אין 1619, ווען די ערשטע קאלאניע האט זיך נאך געהאלטען אין מוטשען אין דזשיימסטאון, ווירדזשיניא, האט א האלענדישע שיף אהין געבראכט צוואנציג נעגערען און די קאלאניסטען האבען זיי גערען אפגעקויפט. איידער די קערענדלאך האבען זיך פעסט איינגעווארצעלט און זיך פאנאנ־דערגעבליט האט געדויערט א לאנגע צייט. אין 1650 זיינען אין אלע קאלאניעס געווען ניט מעהר ווי עטליכע הונדערט שווארצע שקלאפען. דער האנדעל מיט די „שווארצע סחורה“ האט גענומען זיך פארשפרייטען אין דער צווייטער העלפט פון 17־טען יאהר־הונדערט. אין 1700 האט שוין ווירדזשיניא אליין געהאט 6 טויזענד נעגער־שקלאפען; און אין 1760 האבען די שווארצע גע־בילדעט א העלפט פון דער באפעלקערונג אין דער סאוט.

דער ערשטער גרויסער שטופ צו נעגערשקלאפעריי איז גע־

קומען פון דער ענגלישער רעגירונג. אין 16־טען יאָרהונדערט איז דער האַנדעל מיט שקלאַפּען געלעגען הויפּטזעכליך אין די הענט פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל. אין 17־טען יאָהרהונדערט זיינען האָלאַנד און ענגלאַנד אריין אין דעם געשעפט. אין 1668 איז אין לאָנדאָן אָרגאַניזירט געוואָרען די „ראָיאַל אַפריקען קאָמפּאַניע" (די קעניגליכע אַפריקאַנישע קאָמפּאַניע), וועלכע האָט זיך גע־שטעלט אַלס איהר ציל צו קריגען אַ מאָנאָפּאָל אויף דעם האַנדעל מיט נעגער־שקלאַפּען. אַן דער שפּיץ פון דער קאָמפּאַניע איז גע־שטאַנען דעם קעניג׳ס ברודער און די שותפים זיינען געווען די הויף־אַריסטאָקראַטען. אין אייראָפּאַ איז שוין דעמאָלט פאַר נעגער־שקלאַפּען קיין מאַרק ניט געווען. די קאָמפּאַניע האָט איהר גאַנצע האָפנונג געלעגט אויף די קאָלאָניעס.

די קאָלאָניעס האָבען זיך אָבער דעמאָלט נאָך אין שקלאַפּען ניט גענויטיגט און זיי האָבען ניט געוואָלט ליידען וואָס מען ברענגט זיי די סחורה צו פיהרען. די פּוריטאַנער פון מאַסאַטשוזעטס האָבען אפילו דעם ערשטען טראַנספּאָרט אויף זייערע אייגענע הוצאות צוריקגעשיקט. ווירדזשיניאַ האָט געמאַכט געזעצען צו באַשרענקען דעם האַנדעל. אָבער די ענגלישע רעגירונג, איבער וועלכע די אייז־גענטימער פון דער קאָמפּאַניע האָבען אַ גרויסען איינפלוס געהאַט, האָט פאַרבאָטען די קאָלאָניסטען צו מאַכען וועלכע עס איז שטע־רונגען צום שקלאַפּען־האַנדעל. אין עטליכע צעהנדליג יאָהר אַרום האָט זיך די לאַגע אין די קאָלאָניעס אויף אַזוי פיל געענדערט, אַז אפילו די פרומע פּוריטאַנער זיינען אריין אין דעם געשעפט מיט זייער גאַנצער ענערגיע.

די נאָכפראַגע אויף שוואַרצע שקלאַפּען איז געוואַקסען צו־זאַמען מיט דעם וואוקס פון די גרויסע פּלאַנטאַציעס אין דער סאַוט. וואָס גרעסער די פּלאַנטאַציעס זיינען געוואָרען, אַלץ מעהר אַרבייטער זיינען נויטיג געווען צו זיי צו באַאַרבייטען. ווייסע אַר־בייטער איז ניט געווען גענוג. און דערצו איז די אַרבייט דאָרטען געווען פון אַזאַ כאַראַקטער, אַז אַ שוואַרצער האָט זי געטאָן בעסער ווי אַ ווייסער. די רייכע לאַנד־אייגענטימער פון דער סאַוט האָבען גענומען פאָדערען מען זאָל זיי ברענגען וואָס מעהר נעגער־שקלאַפּען.

אין די ניו ענגלאנד קאלאניעס איז די לאגע געווען אן אנ־דערע. דארטען איז דאס לאנד צוטיילט געווען אין קליינע פארמס און די פארמער מיט זייערע פאמיליעס האבען אליין די גאנצע ארבייט געטאן. די רייכע אריסטאקראטען האבען יא געקויפט נע־גער־שקלאפען, אבער זיי האבען זיי דער עיקר באנוצט פאר הויז־ארבייטער, אלס דינער און דינסטען. אין די מיטעלע קאלאניעס זיינען געווען מעהר נעגער־שקלאפען ווי אין ניו ענגלאנד, אבער ווענינער ווי אין דער סאוט. די גרעסטע צאל שקלאפען האבען זיך געפונען אויף די גרויסע פלאנטאציעס אין ניו יארק, און די קלענ־סטע צאל אין פענסילוויניא, וואו עס איז שטענדיג געווען אן איבערפלוס פון „ווייסע שקלאפען" פון די דייטשע פראווינצען.

אין מיטען פון 18־טען יאהרהונדערט איז די צאל פון נעגער־שקלאפען אין ניו יארק געווען 10 פראצענט פון דער גאנצער באַ־פעלקערונג; אין מערילענד — 25 פראצענט; אין ווירדזשיניא — 40 פראצענט און אין סאוט קאראליינא — 60 פראצענט.

די ערשטע צייט זיינען די נעגער באהאנדעלט געווארען ניט שלעכט. וואס גרעסער זייער צאל איז געווארען, אלץ שטרענגערע און גרויזאמערע געזעצען זיינען געגען זיי געמאכט געווארען. די בעלי־בתים האבען מורא געהאט, אז זיי וועלען זיך צובונטעווען און אנטלויפען. האבען זיי זיך באנוצט מיט דעם אייזערנעם בייטש פון געזעץ, כדי אין זיי די לעצטע ביסעל מוט צו טויטען.

ניט אין אלע קאלאניעס זיינען די געזעצען געווען גלייך. אם שרעקליכסטען זיינען די נעגער באהאנדעלט געווארען אין סאוטה קאראליינא. ערשטענס, דערפאר ווייל דארטען איז זייער צאל געווען גרעסער ווי די צאל פון די ווייסע. און, צווייטענס, איז די קאלאניע געלעגען ביים גרענעץ און עס איז לייכטער געווען פאר די נעגער צו אנטלויפען. דאס געזעץ אין דער קאלאניע האט פארבאטען די נעגער זיך צו לערנען שרייבען. זיי האבען ניט גע־טארט שפאצירען אין גרופען פון מעהר ווי זיבען פארשוין. פאר ערמארדען א נעגער איז די שטראף דארטען געווען 700 ענגלישע פונטען. א נעגער האט ניט געטארט ארויסגיין פון זיין פלאנטאציע אהן אן ערלויבניש. ער האט ניט געטארט טראגען מיט זיך אפילו א

קאטאן מאָטהער, דער פּראָמינענטסטער גלח פון ניו ענגלאַנד אין אָנפאַנג
פון 18טען יאָרהונדערט.

שטעקען. פאַר מאַכען אַ פאַרזוך צו אַנטלויפען פלעגט מען אים שמייסען און אַרומשמידען אַן אייזערנעם קאָלנער אויפ'ן האַלז. יעדערער וואָס האָט באַנגענט אַן אַנטלאָפענעם שקלאַף האָט אַ רעכט געהאַט אים צו דערשיסען; און די רעגירונג פלעגט נאָך באַצאָלען דעם בעל־הבית דעם פּרייז פון דעם דערמאָרדעטען. אַ שקלאַף וואָס האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו אַנטלויפען פלעגט מען מסרס זיין.

די שקלאַפען זיינען באַהאַנדעלט געוואָרען ווי חיות און זיי האָבען געלעבט ווי חיות. זיי האָבען זעלטען ווען געהייראַט. אין סאַוטה קאַראָליינאַ פלעגט מען זיי אַזוי טרייבען ביי דער אַרבייט, אַז זיי פלעגען שטאַרבען יונגערהייט. די בעלי־בתים האָבען גע־האַט אַ חשבון, אַז עס לוינט זיך בעסער אַרויסצוציאָגען די נשמה פון דעם שקלאַף בשעת ער איז יונג איידער אים לאָזען ווערען אַלט און שוואַך.

אין די אַנדערע קאָלאָניעס איז דעם נעגער'ס לאַגע געווען אַ סך לייכטער. מילדער ווי איבעראַל איז ער באַהאַנדעלט געוואָרען אין ניו ענגלאַנד. אין ניו יאָרק איז זיין לאַגע אויך געווען בעסער ווי אין דער סאַוט.

אין 18טען יאָרהונדערט האָבען דעם האַנדעל מיט די נעגער אי־בערגענומען ביז אַ גרויסען גראַד די רייכע געשעפטסלייט אין ניו ענגלאַנד. די פרומע פוריטאַנער האָבען אַליין כמעט קיין שקלאַפען ניט גענוצט; דערפאַר אָבער האָבען זיי קאָנטראָלירט דאָס גע־שעפט. זיי האָבען געקויפט און פאַרקויפט די מענשליכע פלייש און בלוט און איבערגעלאָזען פאַר זייערע קריסטליכע ברידער אין דער סאַוט זיי זאָלען די פלייש און בלוט עסען און טרינקען. זיי פלעגען דעם האַנדעל אָנפירען אויפ'ן פאָלגענדען אופן:

זיי פלעגען אָנלאָדען שיפען מיט תבואות, פיש, פאַבריצירטע סחורות און זיי אָוועקפירען אויף די אינזלען, וועלכע ליגען צווי־שען נאָרט און סאַוט אַמעריקאַ. די סחורות פלעגען זיי דאָרטען אויסבייטען אויף צוקער און צוקער־פּראָדוקטען, און צוריקפאָרען אַהיים. פון די צוקער־פּראָדוקטען פלעגען די ברויזען אין ניו ענג־לאַנד מאַכען שנאַפּס. די שנאַפּס פלעגען זיי ווידער אָנלאָדען אויף

שיפען און אװעקפארען דערמיט קיין אפריקא, און דארטען דאס אויסבייטען אויף געפאנגענע נעגער. און די נעגער פלעגען זיי ברענגען אין דער סאוט און זיי פארקויפען אין שקלאפעריי. מאנכע פון די רייכסטע און אריסטאקראטישסטע פאמיליעם פון ניו־ענגלאנד האבען געמאכט זייער פארמעגען פון דעם שנאפס־און נעגער־האנדעל.

.19

די לאַנד-אַריסטאָקראַטיע אין די קאָלאָניעס

די ערשטע ווייסע בעלי בתים איבער'ן לאַנד (די ערד, די וואַסערען און די נאַטירליכע אוצרות) אין אַמעריקא זיינען געווען די קאָמפּאַניעס און די יחידים, וועמען דער ענגלישער קעניג און די הערשער פון אַנדערע אייראָפּייאישע לענדער האָבען עס אָוועקגעשיינקט. אין ענגלאַנד, אין האָלאַנד און אין שוועדען האָבען זיך אָרגאַניזירט האַנדעלס־קאָמפּאַניעס צו גרינדען קאָלאָניעס אין אַמעריקא און זיי האָבען פון זייערע רעגירונגען באַקומען „טשאַרטערס" אויף גרויסע שטרעקעס לאַנד. מיר האָבען אין די פריערגע קאַפּיטלען דערציילט ווי אַזוי די קאָמפּאַניעס האָבען אַהער געבראַכט קאָלאָניסטען און זיי באַזעצט אין פאַרשיידענע געגענטען ביי די ברעגען פון די איצטיגע פאַראייניגטע שטאַטען, פון מיין ביז ווירדזשיניאַ. אין די שפּעטערע יאָרען האָט דער ענגלישער קעניג אָוועקגעשענקט שטיקער לאַנד צו זיינע פּערזענליכע פריינד, צו פאַראַרימטע אַריסטאָקראַטען אָדער צו גוטע ברידער, וועלכע האָבען אים געבאָרגט געלט אָדער געגעבען מיליטערישע שטיצע געגען די רעוואָלוציאָנערען אין די אומרואיגע טעג אין מיטען פון 17טען יאָרהונדערט.

אין ענגלאַנד, ווי אין די אַנדערע אייראָפּייאישע לענדער, האָט די ערד אין יענער צייט געהערט צו אַ קליין הייפעלע אַריסטאָקראַטען. די גרויסע מאַסע פּויערים, וועלכע האָבען די ערד געאַקערט און געזייט, זיינען געווען „טענענטס" ביי די רייכע לאַנד־אייגענטימער, און דערפאַר איז קיין וואונדער ניט, וואָס די ערשטע בעלי בתים, די אַריסטאָקראַטען וועלכע האָבען אין זייערע הענט אריינגעקראָגען די ערד פון אַמעריקא, האָבען געמאַכט אַ פּאַרזוך די־

זעלבע סיסטעם איינצופירען דא. זיי האבען אויך געפלאנעוועט צו בלייבען די אייביגע „לענדלארדס", ברענגען אהער קאלאניסטען און זיי באזעצען אויף דער ערד אלס אייביגע „טענענטס".

דער פארזוך האט זיך איינגעגעבען בלויז טיילוויז. בלויז אין געוויסע קאלאניעס איז געלונגען צו אנטוויקלען א לאנד־ארים־טאקראטיע. און אפילו דארטען זיינען די גרויסע לענדלארדס, די גרויסע ערד־אייגענטימער, געווען ניט די ערשטע בעלי בתים, ניט די וועלכע האבען די ערשטע פון די קעניגע באקומען דאס לאנד אלס פרעזענטען, נאר גאנץ אנדערע. די ערשטע בעלי בתים האבען זיך צופרידען געשטעלט מיט פארקויפען זייער ערד צו דער נייער אריסטאקראטיע אדער צו קליינע פארמער. עס פארשטייט זיך, אז זיי האבען דערפון געמאכט גרויסע פארמעגענס.

גרויסע לאנד־אריסטאקראטיען האבען זיך אנטוויקעלט אין ניו־יארק, מערילענד, ווירדזשיניא און סאוט קאראליינא. די ערשטע בעלי בתים פון די קאלאניעס האבען אלע אנגעווענדט דאסזעלבע מיטעל צו ערמוטיגען קאלאניזאציע; און דאס מיטעל האט מיט־געבראכט די אנטוויקלונג פון דעם קלאס פון גרויסע לאנד־באזי־צער. דאס מיטעל איז געווען פאלגענדעס: זיי האבען אנגעבאטען גרויסע שטרעקעס לאנד צו יעדען וואס וועט אהער ברענגען איי־נעם אדער מער קאלאניסטען. דער חשבון זייערער איז געווען, אז עס לוינט זיך אוועקצוגעבען ערד כדי איינצושפארען די הוצאות פון אריבערפירען אהער מענשען. וואס מער מענשען עס וועלען דא זיין, אלץ טייערער וועט דאס איבעריגע לאנד ווערען.

אין ניו יארק האט די האלענדישע קאמפאניע, די ערשטע צו ווער עמען די קאלאניעס האבען באלאנגט, געמאכט אזא אנבאט: יע־דער מיטגליד פון דער קאמפאניע, וואס וועט אהער ברענגען 50 פערזאן, וועט דערפאר האבען א גוט פון 16 מייל די לענג ביים האד־סאן טייך. און שפעטער זיינען געמאכט געווארען אזוינע געזע־צען, וועלכע האבען די אייגענטימער פון די גיטער געגעבען כמעט קעניגליכע מאכט איבער די „טענענטס" וואס האבען זיך דארטען באזעצט. אט דורך דער סיסטעם האט זיך אין ניו יארק אנטווי־קעלט אן אמת'ער פריצים־קלאס. די גיטער אויפ'ן האדסאן טייך

האָבן אָנגעהאַלטן פון 50 טויזענט ביז אַ מיליאָן אַקער לאַנד.

דער ערשטער אייגנטימער פון מערילענד, לאָרד באַלטימאָר, וועלכער האָט דאָס שטיק לאַנד באַקומען אַלס מתנה פון קאַרל דעם ערשטן, קעניג פון ענגלאַנד, האָט אַן ענליכע מעטאָדע אָנגעווענדט, און דער רעזולטאַט איז געווען אַן ענליכער. יעדער וואָס האָט געבראַכט אין דער קאָלאָניע פינף דינער האָט באַקומען צוויי טויזענט אַקער לאַנד. ער האָט נאָר געדאַרפט צאָלן דעם לאָרד באַלטימאָר 400 פונט ווייץ אַ יאָר און שטייערן. פאַר ברענגען ווייניקער ווי פינף דינער האָט מען באַקומען 100 אַקער לאַנד און מען האָט געדאַרפט צאָלן 20 פונט ווייץ יערליך אין שטייערן. דער אָנבאָט האָט געווירקט, אַז דער האַנדעל אין „ווייסע שקלאַפן“ זאָל זיך אין דער קאָלאָניע שטאַרק אַנטוויקלען. עס האָבן זיך געגרינדעט קאָמפּאַניעס, וועלכע פלעגן ברענגען צופירן גאַנצע טראַנספּאָרטן מיט ווייסע שקלאַפן און זיי פאַרקויפן צו די קאָלאָניסטן. אויסער די ריוחים וואָס זיי האָבן געמאַכט פון דער לעבעדיגער סחורה, פלעגן זיי נאָך באַקומען גרויסע שטרעקעס לאַנד פאַר ברענגען מענשן אין דער קאָלאָניע.

אין ווירדזשיניאַ און אין די קאַראָליינאַס איז אָנגעווענדט געוואָרן אַביסעל אַן אַנדער סיסטעם. די בעלי בתים, צו וועמען די קאָלאָניעס האָבן באַלאַנגט, האָבן געגעבן 100 אַקער לאַנד צו יעדן וואָס האָט אַהין געבראַכט אַן אַרבייטער. פאַר די פאַרמער האָט זיך געלוינט אויסצוגעבן געלט און קויפן אַרבייטער, ווייל זיי האָבן דערפאַר געקראָגן אַ מתנה גרויסע שטיקער לאַנד.

דאָס מיטעל פון פאַרגרעסערן די באַפעלקערונג פון די קאָלאָניעס איז אָנגעווענדט געוואָרן אַ פאַרהעלטניסמעסיג קורצע צייט. דער פונדאַמענט איז אָבער געלעגט געוואָרן. אין די קאָלאָניעס איז געשאַפן געוואָרן אַ קלאַס פון גרויסע לאַנד־באַזיצער, וועלכע זיינען געוואָרן אַלץ רייכער און רייכער מיט דעם נאַטירליכן וואוקס פון דער באַפעלקערונג און דער אַנטוויקלונג פון אינדוסטריע און האַנדעל.

אין די ניו ענגלאַנד קאָלאָניעס און אין פענסילווייניאַ האָבן די ערשטע אייגנטימער פאַרקויפט דאָס לאַנד צו קליינע פאַר־

מער. די פענן־פאמיליע, צו וועמען פעניסלווייניא האט באלאנגט, האט פארדינט א ריזיגע סומע געלט פון דעם האנדעל. וויליאם פענן, דער גרינדער פון דער קאלאניע און דער ערשטער בעל הבית אירער, איז געווען א כיטרער געשעפטס־מאן. ער האט אנגעווענדעט אלערליי שווינדלערישע מעטאדען אריינצונארען איז זיין קאלאניע אימיגראנטען פון ענגלאנד און פון דייטשלאנד. און דאס האט אויפגעהויבען דעם ווערט פון זיין לאנד. ער איז געווען דער פעהיג־סטער לאנד־ספעקולאנט אין זיין צייט.

אין ניו ענגלאנד האבען די קאמפאניעס צוטיילט ערד צווי־שען קאלאניסטען כמעט פאר אומזיסט. דער דורכשניטליכער קא־לאניסט האט באקומען הונדערט אקער לאנד.

ווען דער קעניג פון ענגלאנד האט אין די שפעטערע יארען אוועקגענומען די טשארטערס פון די האנדעלס־קאמפאניעס און פון די פריוואט־אייגענטימער און האט די קאלאניעס געשטעלט אונטער זיין אייגענער קאנטראל, איז דער האנדעל מיט די פאר־בליבענע, לעדיגע לאנד פארטגעזעצט געווארען. די ניט־פארקויפ־טע, ניט באזעצטע לאנד האט איצטער באלאנגט צו דעם ענגלישען קעניג, און דאס רעכט עס צו פארקויפען האבען געהאט די גאווער־נארס, וועלכע האבען פארטראטען דעם קעניג אין די קאלאניעס. די גאווערנארס האבען אבער געטראכט מער וועגען זייערע אייגענע קעשענעס ווי וועגען זייערע פליכטען צו דעם קעניג. די שווינד־לען און די קארופציע פון די גאווערנארס אין פארבינדונג מיט דעם לאנד־האנדעל זיינען שולדיג געווען פאר א גרויסען טייל פון דער שנאה וואס האט זיך אנטוויקעלט צווישען די אמעריקאנער מאסען געגען דער ענגלישער הערשאפט. די גאווערנארס האבען געשונדען די הויט פון די ארימע, וועלכע האבען זיך געוואלט צו־שלאגען צו אן אייגען שטיקעל ערד. געהאלפען די גאווערנארס אין די לאנד־גנבות, אין די רויבערישע „ריעל עסטייט ביזנעס“ האבען די רייכע און פראמינענטע קאלאניסטען. מיר וועלען שפעטער זען, אז מאנכע פון די בכבוד׳יגסטע, „העכסט פאטריאטישע“ פערזאנען אין דער געשיכטע פון אמעריקע זיינען געווען די הויפט שותפים אין די סקאנדיאליעזע געשעפטען.

די אַלטע פעאָדאַלע געזעצן וועגן ירושות זיינען אין דער סאוט און אין ניו יאָרק אָפּגעהיט געוואָרן נאָך שטרענגער ווי אין ענגלאַנד. די געזעצן האָבן געלויטעט, אַז יעדער גוט מוז איבער־גיין בירושה צום עלטסטען זון און אַז דער יורש טאָר דעם גוט ניט צוטיילן און ניט פאַרקויפן. ער מוז אים גאַנץ האַלטן פאַר זיין עלטסטען זון. אין ניו ענגלאַנד און אין פענסילוויינא האָט דער עלטסטער געקראָגן צוויי דריטעל פון דער ירושה און דאָס איבעריגע איז צוטיילט געוואָרן אויף גלייך צווישן די אינגערע קינדער. די ירושה־געזעצן זיינען געבליבן אין מאַכט ביז נאָך דער רעוואָלוציע, דאָס הייסט ביז׳ן סוף פון 18טען יאָרהונדערט.

די ליניע צווישן דער אַריסטאָקראַטיע און די איבעריגע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט איז אין די קאָלאָניעס געווען שאַרף געצויגען. די פּאָליטישע מאַכט איז געלעגן אין די הענט פון דער אַריסטאָקראַטיע. אין דעם עפענטליכען געזעלשאַפטליכען לעבען איז די אַריסטאָקראַטיע אָנערקענט געוואָרן אַלס די פירעריז, די הערשעריז, די העכערע, די אויסגעוויילטע. אין די קירכעס איז פאַר די אַריסטאָקראַטען געווען באַזונדערע פּלעצער, זיי זאָלען זיך חס ושלום ניט מישען מיט די „נידעריגערע" מענשען. דאָס־זעלבע אין די אוניווערזיטעטען און קאָלעדזשעס. די אַריסטאָקראַ־טישע קינדער זיינען געזעסען אויף באַזונדערע בענקלאַך, אָפּגע־רוקט פון די איבעריגע. די אָרימערע קלאַסען האָבען זיך ניט גע־טאָרט קליידען אַזוי ווי די אַריסטאָקראַטען. בלויז די אַריסטאָקראַ־טישע הערען האָבען געמעגט אָנטייען גאָלדענע און זילבערנע שטריי־פען אויף זייערע הויזען און רעק און בלויז די אַריסטאָקראַטישע דאַמען האָבען געמעגט טראָגען זיידענס, סאַמעט און צירונג.

די אַריסטאָקראַטיע פון דער סאוט און פון ניו יאָרק איז גע־ווען אַ פּריצישע. יעדער אַריסטאָקראַט האָט געהאַט זיין הויף. אין מיטען איז געשטאַנען זיין פּאַלאַץ און אַרום און אַרום אויף מייר־לען ווייט זיינען געווען צעוואָרפען די הייזלאַך, וואו זיינע אַרביי־טער און שקלאַפען האָבען געוואוינט. דער אַריסטאָקראַט אַליין האָט קיין שום באַשעפטיגונג ניט געהאַט. אויף די שקלאַפען און אויף דער פּלאַנטאַציע פּלעגען אַכטונג געבען אויפזייער, „פאַר־

לייט". זיין גאַנצע צייט פלעגט דער אַריסטאָקראַט ווידמען אויף „געניסען פון לעבען". ער פלעגט פאַרען אויף יאַגד, טרינקען, געמבלען און הוליען. אַזוי ווי די פּלאַנטאַציעס זיינען געווען זייער ווייט איינע פון די אַנדערע, פלעגען די אַריסטאָקראַטען אומפאַרען איינע צו די אַנדערע צו־גאַסט. די אָפּגעזונדערטקייט פון די פּלאַנטאַציעס האָט אויך מיטגעבראַכט, אַז ביי די אַריסטאָקראַטען זאָל זיך אַנטוויקלען דאָס געפיל און דער מנהג פון הכנסת־אורחים. אַז אַריסטאָקראַט איז געוען געווען אַריינצונעמען צו זיך אַ דורכגייער אָדער אַ דורכפאָרער און אים פאַרהאַלטען ביי זיך אַ לאַנגע צייט. ער פלעגט אַפילו שיקען אין די קרעטשמעס פון די דערביייאיגע שטעטלאַך מען זאָל אים פון דאָרטען ברענגען דורכפאָרער. אַ נייער מענש איז געווען אַ גאַנצער יום־טוב. ביז היינטיגען טאָג באַרימען זיך די קינדער פון דער אַלטער אַריסטאָקראַטיע פון דער אַמאָליגער סאַוט מיט דער גאַסטפריינדליכקייט פון זייערע עלטערען.

די פאַרגעניגענס, אין וועלכע די אַריסטאָקראַטען האָבען פאַרבראַכט זייער צייט, זיינען געווען פון וואולגאַרסטען סאָרט. זיי פלעגען אַראַנזשירען געשלעגען צווישען העהנער און פלעגען מיט ווילדער באַגייסטערונג צוזען ווי איין האָן דראַפּעט אויס די אויגען ביים אַנדערען. זיי פלעגען אויך מאַכען „חזירים רייסעס" — מען פלעגט אַנשמירען די עקען פון עטליכע חזירים מיט פעטס און זיי לאָזען לויפען איבער אַ ווייטער שטרעקע. די יונגע לייט פלעגען זיי נאָכיאָגען און פּרואוען זיי כאַפּען ביי די עקען. עס פלעגען געמאַכט ווערען „עס רייסעס" — מענער און פרויען פלעגען וועלען איבעריאָגען איינער דעם צווייטען אין עסען. דער גרעסטער עסער איז געווען דער העלד.

די מענער פלעגען אַזוי פיל הולטאַיעווען און טרינקען, אַז זיי פלעגען שטאַרבען יונג. אין סאַוט קאַראָליינאַ איבערהויפּט פלעגען די מייסטע פרויען אין דער אַריסטאָקראַטיע הייראַטען צו צוויי און דריי מאָל.

די אַריסטאָקראַטיע אין ניו יאָרק איז געווען פון דעם זעלבען פריצישען סאָרט ווי פון דער סאַוט. גאַנץ אַנדערש איז אָבער דער

פאַל געווען אין ניו ענגלאַנד. דאָרטען איז אויך געווען אַ אַריס־טאָקראַטישער קלאַס, אָבער ער איז ניט באַשטאַנען פון לאַנד־פריצים. ווי מיר האָבען שוין פריער אָנגעוויזען, זיינען אין ניו־ענגלאַנד איבערהויפּט ניט געווען קיין גרויסע לאַנד־באַזיצער. די אַריסטאָקראַטען פון די קאָלאָניעס זיינען געווען די גלחים, די רייכע הענדלער און פאַבריקאַנטען, די געלערנטע און די פּראָפעסיאָנעלע לייטע — אַ אַריסטאָקראַטיע פון געלט און גייסט. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז זי איז געווען מער טאָלעראַנט, אַז זי האָט זיך ניט געהאַלטען אַזוי הויך ווי דער פריצישער קלאַס פון דעם סאַוט. פאַרקערט, טאַקע דערפאַר ווייל אין איר איז געווען פאַר־אייניגט מאַטעריעלע מאַכט מיט גייסטיגער אַנטוויקלונג האָט זי מיט מער פאַראַכטונג אַראָפּגעקוקט אויף די נידעריגערע קלאַסען. די פרומע גלחים און די רייכע הענדלער האָבען געמאַכט שטרענגע געזעצען געגען די נידעריגערע קלאַסען — געזעצען געגען פאַר־שווענדען געלט, געגען לוקסוס, געגען פאַרגעניגענס, געגען אויס־געלאַסענקייט. אַ מיטגליד פון די „נידעריגע" קלאַסען פלעגט שווער באַשטראָפט ווערען פאַר אַזויגע „עבירות" ווי רויכערען אין דער עפענטליכקייט, זיך אָנ'שיכור'ן, זיך לאָזען וואַקסען די האָר צו לאַנג. די אַריסטאָקראַטען אָבער האָבען געמעגט טאָן פיל ער־גערע זאַכען פראַנק און פריי.

די אַריסטאָקראַטיע פון דער סאַוט האָט זיך אונטערשיידט אין נאָך אַ זייער וויכטיגען פונקט פון דער אַריסטאָקראַטיע אין ניו ענגלאַנד. אין דער סאַוט האָבען די אַריסטאָקראַטען זיך זייער ווייניג געקימערט פאַר בילדונג, פאַר גייסטיגער אַנטוויקלונג. זיי פלעגען די בילדונג פון זייערע קינדער אָנפאַרטרויען צו די „ווייסע שקלאַפען" אויף זייערע פּלאַנטאַציעס, צווישען וועלכע עס פלעגען זיך אָפט געפינען געלערנטע יונגע לייט. מאַנכעס מאָל פלעגט אַ אַריסטאָקראַט אוועקשיקען זיין דערוואַקסענעם זון קיין ענגלאַנד, ער זאָל דאָרטען פאַרברענגען עטליכע יאָר אין אַ שול אָדער אַן אוני־ווערזיטעט. ווען דער זון פלעגט קומען צוריק אַהיים, פלעגט זיך די בילדונג ביי אים שנעל אויסוועפּען אין דעם וואולגאַרען, הויל־טאַיסקען לעבען וואָס ער האָט דאָ געפירט.

אין ניו ענגלאנד איז שוין געווען גאנץ אנדערש. ביי דער דארטיגער אריסטאקראטיע האט בילדונג פארנומען דעם וויכטיג־סטען ארט. אמת, די בילדונג איז געווען הויפטזעכליך א רעליגיעזע, אבער דאך א בילדונג. דער ערשטער קאלעדזש אין אמעריקא איז געווען הארווארד, וועלכער איז געגרינדעט געווארען אין קעמ־ברידזש, נעבען באסטאן, אין 1636, ווען די מאסאטשוזעטס קאלא־ניע איז געווען ניט מער ווי צען יאר אלט. דער איצטיגער יעיל קאלעדזש איז געגרינדעט געווארען אין ניו הייווען אין 1701.

אן דער סאוטה האבען די אריסטאקראטישע הערשער שטאל־צירט דערמיט וואס אין זייערע קאלאניעס זיינען ניטא קיין שולען פאר קינדער. ביי דער ענדע פון 17טען יארהונדערט האט דער גא־ווערנאר פון ווירדזשיניא געדאנקט גאט וואס אין דער גאנצער קא־לאניע איז קיין איין שול ניטא. אין ניו ענגלאנד זיינען אין מיטען פון דעם 17טען יארהונדערט שוין דורכגעפירט געווארען געזעצען, אז עלטערען מוזען שיקען זייערע קינדער אין שול. אין מיטען פון 18טען יארהונדערט האבען זיך אין גאנץ ניו ענגלאנד כמעט ניט געפונען אזוינע, וואס האבען ניט געקענט לעזען און שרייבען.

.20

דער מיטעל־קלאַס, די סוחרים און די פּראָפעסיעס אין די קאָלאָניעס

שווער און גרוי איז געווען דאָס לעבען פון דעם גרויסען מי־טעל־קלאַס אין די קאָלאָניעס — די קליינע פאַרמערס און די האַנד־ווערקער. אין דער סאוט האָבען די קליינע פאַרמער געוואוינט אין „הינטערלאַנד״, ווייט פאַרוואָרפען אין די וועלדער, וואו די געפאַר פון די ווילדע חיות און די אויפגערעגטע אינדיאַנער האָט שטענ־דיג געלויערט איבער זיי. יעדע פאַרם איז געווען ווייט אָפּגערוקט פון די איבעריגע. די פאַרמער האָבען זיך זעלטען געזען איינע מיט די אַנדערע. זייער לעבען איז געווען שרעקליך איינזאַם, אומעטיג, לאַנגווייליג. הויפּטזעכליך איז עס אַזוי געווען אין נאָרט קאַראָ־ליינאַ. אַ לאַנגע צייט זיינען דאָרטען אַפילו קיין גלחים ניט גע־ווען — פון אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע קלאַסען איז שוין אָפּגערעדט — קיין לערער, קיין דאָקטוירים, קיין שרייבער. די מענשען האָבען זיך געהאָדעוועט אַזוי ווי די ווילדע אין די אַרומיגע וועלדער.

אין ניו ענגלאַנד איז שוין די לאַגע פיל בעסער געווען. דאָר־טען האָבען די מיטעל־קלאַסיגע פאַרמער וועניגסטענס געוואוסט פון אַ געזעלשאַפטליכען און פון אַ גייסטיגען לעבען. אמת, דאָס לעבען איז געווען געפּענטעט, פול מיט דערנער אויף שריט און טריט. אָבער אַלץ בעסער ווי אין די סאוט. עס האָט וועניגסטענס באַזאָרגט דעם מאַרך מיט שפּייז. דער פאַרמער אין ניו ענגלאַנד האָט געהאַט אַנדערע, העכערע אינטערעסען ווי די שווערע פּראַצע אין פעלד, ווי דאָס שטענדיגע ראַנגלען זיך מיט דער שטיינערנער ערד און די גרויזאַמע וועטערען.

און דער סוף איז טאקע געווען, אז אין משך פון די שפעטערע יארען איז דער מיטעל־קלאס אין די סאוט אראפגעזונקען, בשעת דער מיטעל־קלאס אין ניו ענגלאנד האט זיך אנטוויקעלט. אין דער סאוט זיינען מיט דער צייט פארבליבען צוויי ווירקענדע קלאסען: די הערשענדע אריסטאקראטיע און די שקלאפענדע נעגער און ווייסע דינער. די פרייע און אומאפהענגיגע ווייסע זיינען פארוואנדעלט געווארען אין „ארימע ווייסע שמוץ" — א פארגרעבטע, דעגענערירטע, פוילע און צעפוילטע מאסע.

אין ניו ענגלאנד האט דער קליינער פארמער געארבייט שווער און געלעבט זייער איינפאך. ער האט געאקערט און געזייט און די פרוי האט געשפונען און געוועבט. די שטוב איז געווען געבויט פון קלעצער און ברעטער, אן שום באקוועמליכקייטען. ער האט קיינמאל פון קיין לוקסוס ניט געוואוסט און איז מיט פארגעניגענס געווען זייער ווייניג באקאנט.

ער האט אבער געוואוינט ניט ווייט פון א שטעטל (טאון). ער האט געהערט צו א קהלה. אט די סיסטעם פון גרופירען די פארמס ארום א שטעטל האט געגעבען דער געזעלשאפט פון ניו ענגלאנד איר כאראקטער און אנגעצייכענט איר אנטוויקלונגס־גאנג. אין דעם שטעטל זיינען געווען אלטע וויכטיגע אינסטיטוציעס: די קירכע, די קינדער־שול, די קרעטשמע און די פעסטונג. יעדער ניו ענגלענדער האט געהערט צו די אלע אינסטיטוציעס. אין דער קירכע האט ער געהאנדעלט מיט גאט, אין דער קרעטשמע מיט לייט, אין דער פעסטונג מיט'ן שונא. אין די גרעסערע שטעטלאך איז אויך געווען די „טאון האוז", דער פאליטישער צענטער, וואו אלע בעלי בתים פלעגען זיך פארזאמלען צו באשפרעכען כלל־זאכען, פאליטישע און סאציאלע אנגעלעגענהייטען.

אין 17טען יארהונדערט איז די קירכע געווען די הערשענדע מאכט אין די ניו ענגלאנד קאלאניעס. די גלחים זיינען געווען דארטען מעכטיגער ווי די רעגירונגס־באאמטע. די רייכע אריסטאקראטיע איז, פארשטייט זיך, געווען מיט דער קירכע ענג פארבונדען. פיל פון די פראמינענטע גלחים האבען געהערט צו די אריסטאקראטישע פאמיליעס. די קירכע־הערשאפט האט געלעגט איר שטעמ־

פּעל אויף דער נשמה פון דער ניו ענגלאַנד־באַפעלקערונג און ביז היינטיגען טאָג זייגען די סימנים פון דעם שטעמפּעל נאָך גוט קענטיג.

די פרומקייט פון אַ ניו ענגלאַנד שטעטל דערמאָנט זייער שטאַרק אַן דער פרומקייט אין אַ קליינעם אידישען שטעטל פון ליטא און פוילען מיט פופציג יאָר צוריק. פיל פון די מנהגים זיינען אַפּילו ענליך געווען. דער „הייליגער זונטאָג" פלעגט זיך דאָרטען אָנפאַנגען פון שבת ביינאַכט און פלעגט אָנהאַלטען ביז זונטאָג ביינאַכט. אַלע ארבייטען זיינען דעם מעת־לעת געווען פאַרבאָטען. מען האָט ניט געטאָרט פאָרען אָדער טראָגען אַ פּאַק אָדער האַנדלען. דער פּאָליסמאַן פון שטעטל פלעגט ארומגיין זען, אַז די קרעטשמעס זאָלען זיין געשלאָסען. יעדער האָט געמוזט קומען אין קירכע. פאַר פאַרפעלען צוויי זונטאָגען פלעגט מען ארעסטירען און געבען שמיץ אין מיטען מאַרק. שמייכלען אין קירכע איז געווען אַ שווערער פאַרברעכען. גיין שפּאַצירען זונטאָג האָט מען ניט געטאָרט. דעם טאָג האָט יעדער געמוזט ווידמען צו תפילות, לייענען די ביבעל און הערען דעם גלח׳ס דרשות.

די גלחים פלעגען דרש׳נען הויפּטזעכליך וועגען זינד און וועגען שטראָף. זיי פלעגען שילדערען דעם גיהנם מיט אַלע זיינע שרעקען, אַזוי ווי די אַמאָליגע מגידים ביי אידען פלעגען עס טאָן. ווען עס פלעגט זיך מאַכען אַן אומגליק אין דער קאָלאָניע, פלעגען די גלחים זוכען צו באַווייזען, אַז דאָס האָט גאָט געשטראָפט פאַר אַ געוויסער עבירה. אַט, צום ביישפּיל, איז אין באָסטאָן געווען אַ גרויסע שרפה אין יאָר 1711. האָט דער גלח פון שטאָט, דער באַרימטער קאָטאָן מאַטהער, זונטאָג נאָכ׳ן אומגליק באַוויזען מיט אַלערליי ראיות, אַז גאָט האָט די שטראָף אויף דער שטאָט אַראָפּגעשיקט דערפאַר וואָס פיל פון די איינוואוינער האָבען פאַרפעלט צו קומען אין קירכע הערען זיינע דאָנערשטאָגע דרשות!

די גלחים האָבען געהאַלטען אין איין זוכען זינד און אין איין „פאַרצאַמען" דעם וועג צו זינד. זיי האָבען פאַרבאָטען אַלע פאַרגעניגענס, אַלע לוקסוסען. זונטאָג איבערהויפּט האָט מען ניט געטאָרט טרינקען אָדער זינגען אָדער שפּילען זיך. אין קירכע האָבען

די פרויען געמוזט זיצען אפגעשיידט פון די מענער: אויף איין זייט מענער, אויף דער אנדערער זייט פרויען.

די כשוף טראגעדיע אין סיילעם, מאסאטשוזעטס

אין יאר 1681 האבען די אנגעזעהנסטע גלחים אין און ארום באסטאן אונטערנומען א קאאפעראטיווע ארבייט: „צו זאמלען פאקטען און פאסירונגען, אין וועלכע גאט באווייזט זיין צארן געגען זינדיגע“. יעדערער פון די גלחים האט זיך געשטעלט אלס אויפגאבע אויסצופארשען אין זיין געמיינדע וועגען אזוינע געשעהענישען ווי כשוף־מאכעריי, דיבוקים, גלגולים, און אזוי ווייטער. און בעריכטען וועגען זיי צו די איבעריגע. אין עטליכע יאר ארום האט דער גרויסער באסטאנער גלח אינקריז מארטהער, דער פרעזידענט פון הארווארד אוניווערזיטעט, אפגעדרוקט א בוך וועגען גלגולים און כשוף געשטיצט אויף די „געזאמעלטע פאקטען“. אויף זיין זון, קאטאן מאטהער, וועלכער איז אויך געווען א גלח, האט דאס דאזיגע בוך אזוי שטארקט געווירקט, אז ער האט אויף זיך גענומען די היילינגע אויפגאבע צו באקעמפען דעם „טייפעל און זיינע העלפער, די מכשפות און די גלגולים“ אין ניו ענגלאנד.

אט די „קריגס־דערקלערונג“ פון דעם גלח געגען דעם טייפעל האט עטליכע יאר שפעטער געבראכט איינע פון די בלוטיגסטע און פינסטערסטע טראגעדיעס אין דער געשיכטע פון די קאלאניעס. די גלחים האבען געפאלגט קאטאן מאטהער׳ס ביישפיל און האבען גע׳דרשנ׳ט וועגען מכשפות און גלגולים. זיי האבען דערצעהלט דעם עולם ווי אזוי די מכשפות בלאזען אריין גלגולים אין קליינע קינדער און אין דערוואקסענע מענשען. די דרשות האבען געהערט נערוועזע פרויען און שוואכזיניגע קינדער, און באלד האבען זיך גענומען הערען שרעקליכע מעשות אין די קאלאניעס.

אנגעפאנגען האט זי די כישוף־טראגעדיע אין 1688 מיט דעם פאלגענדען פאל: אין באסטאן האט זיך א דרייצען יעריגע מיידעלע, די טאכטער פון א מולער, דזשאן גודווין, צוקריגט מיט אן איירישער פרוי, א וועשערין. די מיידעלע האט זי באשולדיגט, אז זי האט גע׳גנב׳עט וועש. די מוטער האט זיך אריינגעמישט און

האָט די וועשערין זייער געזידעלט. אין מיטען דערינען האָט די מיידעלע גענומען מאַכען ווילדע העויות און זיך צושריען, אַז די וועשערין האָט זי פאַר׳כישופ׳ט. דריי אַנדערע קינדער, איינע פון אַ יאָר פינף, זיינען איר געקומען צו הילף און אויך גענומען מאַכען משוגענע שטיק. זיי האָבען זיך אַ ווײַלע געמאַכט פאַר טויב, אַ ווײַלע פאַר בלינד, אַ ווײַלע פאַר שטום. זיי האָבען געבילט ווי הינט, און געמיאוקעט ווי קעץ.

מען האָט די קינדער געבראַכט צו קאָטאָן מאַטהער און ער האָט זיך גענומען אַרויסטרייבען דעם גלגול פון זיי. די וועשערין האָט מען פאַרשטייט זיך, גלייך פאַרשפּאַרט. זי האָט ניט געוואוסט ווי זיך צו פאַרטיידיגען. פּלוצלונג האָט זיך געמאָלדען אַ פרוי אַלס עדות. זי האָט דערציילט, אַז מיט זעקס יאָר צוריק האָט אַן אַנדער פרוי איר דערציילט, אַז זי האָט געזען ווי די וועשערין איז אַריינגעקראָכען אין אַ קוימען (געגלויבט האָט מען אין יענער צייט, אַז מכשפות קריכען דורך די קוימענס). די וועשערין איז פאַר׳משפּט געוואָרען צום טויט און מען האָט זי אויפגעהאַנגען.

די מיידעלע וואָס האָט פאַראורזאַכט די גאַנצע טראַגעדיע איז, ווייזט אויס, געווען אַ כיטרע חברה׳טע. זי האָט איר ראָלע געשפּילט וואונדערבאַר. דער גלח, קאָטאָן מאַטער, האָט זי גענומען צו זיך אַהיים און געזוכט דורך תפילות און דורך סגולות פון איר דעם גלגול אַרויסצוטרייבען. האָט זי דאָרטען געשפּילט טעאַטער. געשפּילט אַזוי, אַז דעם גלח זאָל געפעלען. זי האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז דער גלגול אין איר איז אין טויט שרעק פאַר׳ן גלח׳ס תפילות, אַז דער גלגול, הייסט עס, ווייס אַז דער גלח איז אַ געטליבער מענש און אַז געגען זיינע תפילות קען די טומאה ניט ביישטיין. דאָס איז דעם גלח שטאַרק געפעלען געווען. ווען ער פלעגט נעמען מתפּלל זיין פלעגט די מיידעל נעמען שרייען, זינגען, פּייפען און זיך וואַרפען אויף איהם שלאָגען, אָבער אירע פויסטען פלעגען בלייבען הענגען אין דער לופטען; זיי האָבען, הייסט עס, צום היילינגען מאַן ניט געקענט צוקומען, זיין געטליכקייט האָט אים באַשיצט.

דער גלח האָט וועגען דעם פאַל אָנגעשריבען אַ גאַנצע אַפּהאַנד־

לונג. דאס ווערק איז שטארק פארשפרייט געווארען אין מאסא־טשוזעטס. דער עולם האט די מערקווירדיגע געשיכטע געלעזען מיט טיפען אינטערעס און דער גלויבען אין מכשפות האט זי פיל פאר־שטארקט.

אין דריי יאר שפעטער האט זיך די כשוף־משוגעת ערשט רעכט פאנאנדערגעשפילט. צוויי פרויען, מארטא קארי און רעבע־קא נאורס, זיינען באשולדיגט געווארען אלס מכשפות. ביידע זיי־נען זיי געווען אנגעזעענע פערזאנען. ביי אלעמען זיינען זיי געווען באקאנט פאר גוטע און פרומע. פרוי נאורס איז שוין געווען 70 יאר אלט. מען האט זיי איינגעשפארט אין געפענגנים. דער גלח פון זייער קירכע האט זונטאג געהאלטען א דרשה געגען זיי. א שוועסטער פון רעבעקא נאורס האט אלס פראטעסט פארלאזען די קירכע, איז זי גלייך אויך באשולדיגט געווארען אלס מכשפה און איז איינגעשפארט געווארען מיט די אנדערע צוויי. קורץ נאכדעם איז נאך א פרוי, מיט'ן נאמען עליזאבעט פראקטאר, ארעסטירט געווארען. די אלע אומגליקליכע זיינען באשולדיגט געווארען פון היסטערישע אדער בייזווילליגע קינדער.

מען האט איצט גענומען ארעסטירען רעכטס און לינקס, מע־נער אזוי גוט ווי פרויען. איינער פון די באשולדיגטע איז געווען פיליפ ענגליש, דער רייכסטער סוחר פון סיילעם. א מיידעלע האט באשולדיגט א גלח, אז ער איז א מכשף און אז ער האט ערמאר־דעט זיינע צוויי ערשטע פרויען. דער גלח איז אויך ארעסטירט געווארען. אין א קורצע צייט זיינען איינגעשפארט געווארען ארום הונדערט מענשען.

דער גאווערנאר האט באשטימט א ספעציעלען געריכט זיי צו משפט'ן. אויף דער שפיצע פון דעם געריכט איז געשטאנען אן ענגהארציגער, שמאלקעפיגער פאנאטיקער מיט'ן נאמען סטאונ־טען. די ערשטע איז גע'משפט געווארען אן אלטע פרוי, ברידזשעט בישאפ. געגען איר איז אויסגעגראבען געווארען א באשולדיגונג פון 20 יאר פריער, אז דעמאלט האט זי אימיצען פאר'כשופ'ט. זי איז געפונען געווארען שולדיג און איז פאר'משפט געווארען צום טויט. אין אכט טעג ארום האט מען זי אויפגעהאנגען. דער פרא־



אַ בילד פון בראָוד סטריט, ניו יאָרק, אין יאָר 1740.

צעס פון רעבעקאַ נאורס איז ספּעציעל אינטערעסאַנט. זי האָט גע־האַט אַזאַ גוטען נאָמען אין שטעטל, אַז די דזשורי האָט פריער אַריינגעבראַכט דעם ווערדיקט „אומשולדיג". אָבער סטאָונטאָן האָט זיך אַנטזאָגט דעם ווערדיקט אַנצונעמען און באַפוילען די דזשורי זיך צוריקצוציען און זיך נאָכאַמאָל מישב זיין. דערביי האָט ער פאַלש אויסגעטייטשט אַן אומשולדיגע באַמערקונג וועלכע די פרוי האָט ביים פּראָצעס געמאַכט. דער צווייטער ווערדיקט איז שוין געווען „שולדיג". דער גאָווערנאָר האָט איר געוואָלט באַגנאַדיגען, אָבער די גלחים האָבען עס ניט ערלויבט. פאַר דער הינריכטונג האָט מען איר געבראַכט אין קירכע, וואו די גלחים האָבען זי אַריינ־געלייגט אין חרם.

אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט זיינען אַרום 200 מענשען אָנגעקלאָגט געוואָרען אַלס מכשפים און מכשפות. 29 פון זיי זיינען הינגעריכטעט געוואָרען. 150 זיינען פאַראורטיילט געוואָרען צו גע־פענגניש. צווישען די הינגעריכטעטע איז געווען אַ פּראָמינענטער גלח, וועלכער האָט געהאַט דעם מוט אַרויסצוטרעטען מיט אַ פּראָ־טעסט געגען דער בלוט־פאַרגיסונג. ער האָט אָפּגעלייקענט, אַז עס זיינען גאָר דאָ מכשפות אויף דער וועלט, און פאַר דער דאָזיגער אפּיקורסות האָט מען אים אויפגעהאַנגען.

די ווילדע משוגעת האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַנאַנדערגעפלאַ־קערט, אַז זי האָט לאַנג ניט געקענט אָנהאַלטען. יעדער איינער האָט באַשולדיגט דעם צווייטען. יעדער איינער האָט געזען אין זיין שכן, אין זיין קרוב, אין זיין בעסטען פריינד אַ מכשוף אָדער אַ באַהאַל־טענע מכשפה. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די שוויגער פון אַ ריכטער פון דעם ספּעציעלען געריכט פאַר מכשפות איז באַשול־דיגט געוואָרען, אַז זי איז אַליין אַ מכשפה. אָט די נייע שרעק, אַז יעדערער קען אַריינפאַלען אין דער נעץ, האָט געעפענט די אוי־גען פון המון און פון זייערע פירער, און די שטימונג האָט זיך גע־נומען שנעל בייטען. די אַרעסטירטע זיינען באַפרייט געוואָרען. דער געריכט איז אָפּגעשאַפט געוואָרען און די פאַנאַטישע גלחים זיינען פאַרדאַמט געוואָרען.

מיטגלידער פון די דזשורים האָבען געמאַכט אַן עפענטליכע

ערקלערונג, אז זיי האבען אומשולדיגע מענשען פאר'משפט און דאס זיי בעטען גאט ער זאל זיי מוחל זיין. אלס תשובה האט מען גוזר תענית געווען. מען האט געפאסט, אז גאט זאל מוחל זיין אויב אז אומשולדיגער מענש איז פאר'משפט געווארען אין די כשוף פראצעסען. די שולד פאר דער גאנצער טראגעדיע איז ארויפגעווארפען געווארען אויפ'ן שטן און זיין חברותא.

דער האנדעלס־קלאס האט אין דער סאוט כמעט גארניט עקזיסטירט. דארטען איז ביז אין מיטען פון 18טען יארהונדערט קיין שטעט ניט געווען. אין ווירדזשיניא איז יעדע פלאנטאציע געלעגען ביי א טייך און די ענגלישע שיפען פלעגען אהין צושווימען, ברענגען די נויטיגע סחורות און אוועקפירען עקספארטען פון טאבאק. דער אייגענטימער פון יעדער פלאנטאציע האט אליין פארקויפט זיין טאבאק און אליין געקויפט אלץ וואס ער האט פאר זיין פלאנטאציע געברויכט. אין מערילענד פלעגען זיך איבער דער קאלאניע ארומשלעפען פעדלער מיט פעק אויף וועגלאך אדער אויף די פלייצעס, און זיי זיינען געווען די איינציגע סוחרים. די וויכטיגסטע שטאט פון מערילענד, באלטימאר, האט זיך געגרינדעט ערשט אין 1729, און אין 1774 איז איר גאנצע באפעלקערונג באשטאנען פון 17 טויזענט מענשען. אט אין דעם יאר, ווען ניו יארק, באסטאן און פילאדעלפיא, זיינען שוין געווען גרויסע האנדעלס־שטעט. איז באלטימאר געווען א דארף, אן באלייכטונג אין די גאסען, אן טראטוארען. אין פרילינג און אין הערבסט איז אוממעגליך געווען דורכצוגיין א גאס צוליב די בלאטעס.

אין די מיטעלע קאלאניעס איז שוין דער האנדעלס־קלאס געווען גוט אנטוויקעלט. אין מיטען פון 18טען יארהונדערט האט פילאדעלפיא געפירט האנדעל ניט בלויז מיט ענגלאנד, נאר אויך מיט שפאניען און פארטוגאל און מיט די אינזלען צווישען נארט און סאוט אמעריקא. דער אויסלענדישער האנדעל פון דער קאלאניע האט דעמאלט שוין אנגעטראפען פינף מיליאן דאלאר א יאר. א גרויסען האנדעל מיט אויסלאנד האט אויך געפירט ניו יארק.

די ניו־ענגלאנד קאלאניסטען זיינען באטראכט געווען אלס די קליגסטע און ביטרעסטע געשעפטסלייט. זיי האבען געפירט קליי־

נעם האַנדעל אין זייערע שטעט און שטעטלאַך. יעדער פאַרמער פלעגט קומען אין שטאָט אַריין קויפן און פאַרקויפן. זיי האָבן אויך געפירט האַנדעל מיט די קאָלאָניעס אין דער סאַוט און מיט די לענדער אויף יענער זייט ים. די שיפן פון ניו ענגלאַנד זיינען געשוואומען אויף אַלע ימ'ען און זיך אָפגעשטעלט אין אַלע האַפנס.

דער וויכטיגסטער פּראָפעסיאָנעלער קלאַס אין די קאָלאָניעס זיינען געווען די גלחים. די קירכע איז אין יענער צייט געווען אַ רעגירונגס־אינסטיטוציע. די קאָלאָניסטן האָבן געמוזט צאָלן אַ ספּעציעלן שטייער פאַר דער קירכע, און די רעליגיעזע סעקטעס וואָס זיינען ניט געווען אָנערקענט פון דער רעגירונג זיינען אויף אַ שטרענגען אָדער מילדערן אופן פאַרפאָלגט געוואָרן.

וואָס פאַר אַ סאָרט מענשען זיינען געווען אָט די הייליגע גלחים אין די קאָלאָניעס? ווי אין אַלע אַנדערע פּרטים אַזוי איז אויך אין דעם פּרט די לאַגע געווען פאַרשיידען אין די פאַרשיי־דענע קאָלאָניעס.

אין דער סאַוט זיינען די גלחים געווען אויסגעלאַסענע הול־טאַיעס. אַן אָנשטענדיגער גלח איז דאָרטן געווען אַן אויסנאַם. דער דורכשניטליכער „הייליגער" פלעגט פאַרברענגען זיין צייט אין טרינקען, שפּילען קאָרטען און אין פאָרען אויף יאַגד. אַ היסטאָרי־קער גיט אָן די פאָלגענדע פעלען אַלס ביישפּיל פון זייער אויפ־פירונג און פון זייער מאָראַלישען צושטאַנד: איין גלח האָט דאָ געהייראַט מיט אַ רייכער אַלמנה, כאָטש אַלע האָבן געוואוסט, אַז ער האָט אַ פרוי אין ענגלאַנד; אַ צווייטער איז אַרעסטירט גע־וואָרען פאַר שיכור'ן ערב קריסטמעס; אַ דריטער פלעגט זיך יע־דען זונטאָג אַזוי אָנשיכור'ן ביי דעם רייכען פאַרמער אין הויז, אַז מען פלעגט אים מוזען צובינדען צו זיין קאַרעטע און אים אָפּ־פירען אהיים. אַ פעדלער פלעגט מורא האָבען צו געבען אַ גלח סחורה אויף באָרג.

אין מערילענד האָט די אָרימע באַפעלקערונג באַטראַכט דעם גלח פאַר אַן איינפאַכען פּאַראַזיט. צאָלען אים האָבען זיי געמוזט, ווייל אַזוי האָט געפאָדערט דאָס געזעץ. אָבער דערפאַר פלעגען זיי זוכען דעם גלח אָפּצונאַרען ווען נאָר מעגליך. דער גלח האָט גע־

וואוסט דערפון און פלעגט זיך היטען. ער פלעגט קיינמאל ניט דערענדיגען קיין חתונה־צערעמאניע סיידען מען פלעגט אים פריער באצאלען. אין די קאלאניאלע צייטען פלעגט מען מיט'ן ווארט „מע־רילענדער גלח" באצייכענען שווינדלער און אויסוואורפען.

אין די מיטעלע קאלאניעס און נאך מער אין ניו ענגלאנד, איז שוין דער גלח געווען פון א גאנץ אנדער סארט מענש. ער איז דארטען רעספעקטירט און געערט געווארען פון דער באפעלקערונג און האט ווירקליך אויסגעאיבט א טיפען מאראלען איינפלוס. אין ניו ענגלאנד זיינען די גלחים געווען ניט בלויז די גייסטיגע פירער נאר אויך די פאליטישע הערשער. זיי זיינען געווען ווירקליך גע־לערנטע מענשען, און האבען פארבראכט זייער צייט אין שרייבען. פרעדיגען, לערנען און פירען. דאס וואס זייער לערע איז געווען א פינסטערע, א פאנאטישע, האט ניט צו טאן מיט דעם עניין. פאר דעם זיינען פאראנטווארטליך געווען די צייט און די אומשטענדען.

אויך אין דער צווייטער וויכטיגער פראפעסיע, מעדיצין, האט געהערשט א גרויסער אונטערשייד צווישען דער סאוט און די אנ־דערע קאלאניעס. אין דער סאוט איז די מעדיצינישע פראפעסיע געווען שרעקליך געזונקען. אין ווירדזשיניא זיינען געמאכט געווא־רען געזעצען צו באשיצען די באפעלקערונג געגען די דאקטוירים. די מערסטע דאקטוירים דארטען זיינען געווען איינפאכע שווינד־לער, און זיי פלעגען פאדערען אזוינע הויכע פרייזען, אז דער דורכ־שניטליכער קאלאניסט איז ניט געווען אימשטאנד זיי צו רופען. אויסגעשטודירטע דאקטוירים זיינען אין דער גאנצער קאלאניע גע־ווען עטליכע געצעלטע און זיי פלעגען נאטירליך זיין פארנומען ביי די אריסטאקראטען.

אין די מיטעלע קאלאניעס און אין ניו ענגלאנד איז עס גאנץ אנדערש געווען. אין גאנץ פילאדעלפיא זיינען געווען פיליכט צוויי אדער דריי שווינדלער־דאקטוירים. אלע איבעריגע זיינען געווען אויסגעשטודירטע. ניו יארק איז געווען די איינציגע אויסנאמע אין דער נארט. צוליב ספעציעלע אומשטענדען איז די שטאט געווען א נעסט פון שווינדלער־דאקטוירים ביז'ן מיטען פון דעם 18טען יאר־

הונדערט. דאַן איז געמאַכט געוואָרען אַ שטרענג געזעץ צו פאַר־באָטען די פּראַקטיק פון מעדיצין אַז אַ ערלויבניש.

דער בעסטער צושטאַנד האָט עקזיסטירט אין די ניו ענגלאַנד קאָלאָניעס. דאָרטען איז די מעדיצינישע פּראָפעסיע אימער הויך געשטאַנען. דאָס ערשטע וויסענשאַפטליכע ווערק איבער מעדיצין וואָס איז געדרוקט געוואָרען אין אַמעריקאַ איז ערשינען אין מאַסאַ־טשוזעטס אין 1677. דאָס ווערק האָט געהייסען: „ווי אַזוי צו באַ־גיין זיך מיט פּאָקען". עס איז אינטערעסאַנט, אַז אין 1720 איז שוין צווישען די געלערטע אין באָסטאָן פאָרגעקומען אַ דיסקוסיע וועגען שטעלען פּאָקען, און אַז דער פּראָמינענטסטער גלח אין שטאָט, דער בארימטער קאָטאָן מאַטהער, איז אַרויסגעטראָטען דערפאַר, אַז שטעלען פּאָקען איז וויסענשאַפטליך באַגרינדעט. די געגנער האָבען גע'טענה'ט, אַז פּאָקען שטעלען מוז באַקעמפט ווערען אי פון אַ רעליגיעזען, אי פון אַן עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט: רעליגיעז, דער־פאַר וואָס דאָס איז אַ פאַרזוך צו פאַרלויפען גאָט דעם וועג, און עקאָנאָמיש דערפאַר, וואָס דאָס קאָסט זייער טייער. די אָפּאָזיציע האָט אָנגעהאַלטען פיל יאָרען. אין 1774 האָט אַ המון אונטערגע־צונדען אַ שפּיטאָל אין מאַסאַטשוזעטס דערפאַר, וואָס מען האָט דאָרטען געשטעלט פּאָקען. אין דער אָפּאָזיציע זיינען אָבער שול־דיג געווען אומוויסענדע פאַנאַטיקער צווישען די גלחים און די פּאָ־ליטיקאַנטען. די דאָקטוירים האָבען גלייך פון אָנפאַנג אָנערקענט דעם וויסענשאַפטליכען ווערט דערפון און מיט אַלע כחות געזוכט צו איבערצייגען דעם גרויסען עולם אין דעם.

.21

שטימרעכט אין די קאָלאָניעס

די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס זיינען געווען פּאָליטיש מעהר דעמאָקראַטיש ווי די לענדער אין אייראָפּא. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז אין די קאָלאָניעס האָט געהערשט אמת׳ע דעמאָקראַטיע. דאָס רעכט צו שטימען ביי די וואַהלען איז געווען אַזוי באַגרעניצט, אַז בלויז אַ קליין הייפעלע פון דער באַפעלקערונג האָט זיך מיט אים געקאָנט באַנוצען. ניט אין אַלע קאָלאָניעס זיינען די געזעצען געווען דיזעלבע. אין מאַנכע זיינען זיי געווען מעהר ליבעראַל ווי אין אַנדערע. אפילו די ליבעראַלסטע קאָלאָניע איז געווען פאַרזיכ־טיג, אַז דער גרויסער עולם זאָל צום שטים־קעסטעל ניט קענען צוקומען.

ווי מיר וועלען באַלד זען, זיינען די געזעצען וועגען שטים־רעכט אין די קאָלאָניעס געוואָרען אימער שטריינגער. מיט דעם וואוקס פון דער באַפעלקערונג איז ביי די הערשענדע קלאַסען גע־וואַקסען די מורא פאַר די מאַסען, און דערפאַר זיינען אימער מעהר באַגרענצונגען איינגעפירט געוואָרען. די שטריינגסטע געזעצען האָ־בען עקזיסטירט פאַר דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע. — גראָד דעמאָלט, ווען די לופט איז פול געווען מיט די ערהאָבענסטע סענ־טימענטען וועגען די „רעכט פון מענשען“, וועגען פרייהייט און גלייכהייט. איינער פון די הויפּט כחות וואָס האָבען געצווינגען די גרויסע מאַסען צו דער רעוואָלוציע איז געווען זייער גלויבען, אַז די רעוואָלוציע וועט זיי געבען פּאָליטישע פרייהייט און גלייכהייט. פאַר די גרויסע מאַסען איז די רעוואָלוציע געווען ניט בלויז געגען ענגלאַנד, נאָר אויך געגען די רייכע און אַריסטאָקראַטישע קלאַסען אין אַמעריקא גופא. פיל פון די רייכע האָבען עס פאַרשטאַנען און האָבען דערפאַר די רעוואָלוציע פאַרדאַמט און באַקעמפט.

די צאָל איינוואוינער וועלכע האָבען זיך באַטייליגט אין די וואַלען פאַר דער רעוואָלוציע איז געווען פון 2 ביז 8 פּראָצענט. ניט אַלע וואָס האָבען אַ רעכט צו שטימען באַנוצען זיך מיט דאָס רעכט. דער גרעסטער פּראָצענט פון די וואָס האָבען דאָס רעכט געהאַט אין די ליבעראַלסטע קאָלאָניעס האָט געגרייכט ניט מעהר ווי 16. אָט זיינען איינינגע אָפיציעלע ציפערען:

צווישען די יאָרען 1744 און 1772 האָבען 9 פּראָצענט פון דער וויסער באַפעלקערונג זיך באַטייליגט אין די וואַלען. אין דער שטאָט ניו יאָרק האָבען 8 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג זיך באַטייליגט אין די וואַלען פון די יאָרען 1735, 1761 און 1769; אין פּענסילווייניאַ האָבען געשטימט צוויי פּראָצענט פון די שטאָטישע איינוואוינער און אַכט פּראָצענט פון די דאָרפישע איינוואוינער. אין די ניו־ענגלאַנד קאָלאָניעס איז די צאָל פון „וואוטערס" געווען פּראָפּאָרציאָנעל קלענער ווי אין די מיטעלע און זידליכע קאָלאָניעס.

אין מאַסאַטשוזעטס האָט געשטימט איינער פון 50; אין קאָ־נעקטיקוט אומגעפער דאָס זעלבע.

דאָס רעכט צו שטימען האָבען נאַטירליך געהאַט פיל מעהר מענשען. אַ סך האָבען זיך אין די וואַלען ניט באַטייליגט, כאָטש זיי האָבען געהאַט דאָס רעכט דערצו. אין רהאָד איילאַנד האָבען 9 פּראָצענט פון די איינוואוינער געהאַט שטימרעכט. אין וויר־דזשיניאַ און אין ניו יאָרק האָבען אַרום צען פּראָצענט געמעגט שטימען, און אין מאַסאַטשוסעטס און קאָנעקטיקוט אַרום 16 פּראָ־צענט.

די באַגרענצונגען זיינען געמאַכט געוואָרען אויף צוויי גרונ־דען: רעליגיע און אייגענטום. כדי צו האָבען שטימרעכט, האָט דער איינוואוינער געמוזט געהערען צו אַ געוויסער רעליגיעזער סעקטע און האָט געמוזט באַזיצען אייגענטום פון אַ געוויסען סאָרט און פון אַ געוויסען ווערט. ניט אין אַלע קאָלאָניעס זיינען די אָרדנונגען געווען דיזעלבע. מאַנכע זיינען געווען ליבעראַלער ווי אַנדערע. ניט אין אַלע צייטען זיינען די געזעצען געווען דיזעלבע. זיי זיינען אַ־מער געענדערט געוואָרען, אָבער די ענדערונגען זיינען געווענליך געווען צום ערגערען, ניט צום בעסערען.

את זיינען איניגע ביישפּילען פון רעליגיעזע באגרענצונגען:

צווישען די יארען 1630 און 1664 האט יעדער שטים־בארעכ־טיגטער איינוואוינער אין מאססאטשוזעטס געמוזט געהערען צו דער פּוריטאנישער קירכע. נאך 1664 האט די ענגלישע רעגירונג גע־צוואונגען די קאלאניע צו געבען בירגער־רעכט צו אנדערע איינ־וואוינער. האט די קאלאניע דורכגעפירט א געזעץ, אז יעדערער וואס וויל ווערען א בירגער, מוז צושטעלען א רעקאמענדאציע פון די גלחים אין דער שטעטעל וואו ער וואוינט, אז ער איז אן אנ־הענגער פון זיין קירכע.

אין 18טען יארהונדערט האבען קוויקערס ניט געטארט שטימען אין די אלע ניו־ענגלאנד קאלאניעס אויסער רהאד־איילאנד. אין ווירדזשיניא האבען אויך קוויקערס קיין שטימרעכט ניט גע־האט.

קאטאליקען און אידען זיינען פּאליטיש פארפאלגט געווארען כמעט אין אלע קאלאניעס. אין 1682 האט די ערשטע אסעמבלי אין פּענסילווייניא דורכגעפירט א געזעץ, אז פּאליטישע רעכט הא־בען בלויז יענע איינוואוינער, וואס גלויבען, אז יעזוס איז געווען גאט'ס זון — דער משיח פון דער וועלט. צווישען די יארען 1716 און 1719 האט סאוט קאראליינא געפאדערט פון אירע שטים־בארעכ־טיגטע איינוואוינער, אז זיי זאלען זיין קריסטען. נאך 1719 האט דאס געזעץ שוין געפאדערט, אז זיי זאלען זיין פּראטעסטאנטען. אין ניו יארק איז אין 1737 אנגענומען געווארען א געזעץ, אז אידען טארען ניט האבען קיין שטימרעכט. אין 1719 האט רהאד איילאנד געמאכט א געזעץ, אז ניט אידען און ניט קאטאליקען מעגען שטי־מען.

את זיינען איניגע ביישפּילען פון אייגענטום־באגרענצונגען:

אין 16טען יארהונדערט זיינען די אייגענטום־באגרענצונגען געווען לייכטע. אין מאנכע קאלאניעס האבען זיי גארניט עקזיס־טירט. אין 18טען יארהונדערט האט שוין יעדע קאלאניע געהאט א שטרענג געזעץ, אז בלויז פארמעגליכע איינוואוינער מעגען שטימען. מיר קענען ניט אויסרעכענען אלע פארשיידענע געזעצען אין די

פאַרשיידענע קאָלאָניעס אין די פאַרשיידענע צייטען וואָס זיינען וועגען דעם געמאַכט געוואָרען. מיר וועלען דאָ געבען איניגע ביי־שפּילען:

אין סאוט קאראליינא האָט דער שטים־באַרעכטיגטער געמוזט באַזיצען 10 פונט. אזוי האָט געפאָדערט דאָס געזעץ אין 1692. אין 1716 איז דאָס געזעץ געענדערט געוואָרען, אז ער זאָל מוזען באַזי־צען 30 פונט. אין קאָנעקטיקוט האָט דאָס געזעץ פון 1757 געפאָ־דערט אַ שטים־באַרעכטיגטער זאָל פאַרמעגען 30 פונט. אין ניו יאָרק האָט דאָס געזעץ פון 1683 געפאָדערט, אז שטימען זאָלען מעגען בלויז אזוינע בירגער, וואָס פאַרדינען 40 שילינג אַ יאָר. אַ ענליך געזעץ איז אָנגענומען געוואָרען אין ניו־העמפּשיר אין 1699. אין זעלבען יאָר האָט ניו יאָרק איר געזעץ געענדערט. עס האָבען שוין איצט געמעגט שטימען בלויז אזוינע איינוואוינער, וועלכע האָבען געהאַט לאַנד אין ווערט פון 40 פונט. נאָך 1728 האָט ניו־העמפּשיר געפאָדערט פון אירע שטים־באַרעכטיגטע זיי זאָלען באַווייזען, אז זיי פאַרמעגען לאַנד אין ווערט פון 50 פונט. רהאָד איילאַנד האָט אין 1723 דורכגעפירט אַ געזעץ, אז שטימען מעגען בלויז אזוינע איינוואוינער, וועלכע באַזיצען לאַנד אין ווערט פון 100 פונט און האָבען אַ הכנסה פון 40 שילינג אַ יאָר.

פאַר דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע האָבען אַלע קאָלאָ־ניעס צווישען ניו־דזשוירזי און דזשאָרדזשיא געגעבען שטימרעכט בלויז צו אזוינע בירגער, וואָס האָבען געהאַט אַ געוויסע צאָל אַקער לאַנד (די איינציגע אויסנאַם איז געווען סאוט קאראליינא). אין 6 פון די קאָלאָניעס האָבען זיי געמוזט באַזיצען אַמווייניגסטענס 50 אַקער לאַנד. אין די אַנדערע האָבען זיי געמוזט האָבען ענטוועדער לאַנד פון אַ געוויסער סומע, אָדער זיי האָבען געמוזט האָבען אַ הכנסה פון אַ געוויסער סומע. אין מאַסאַטשוזעטס, דעלעווער און מערילענד האָבען שטים־באַרעכטיגטע געמוזט פאַרדינען 40 פונט אַ יאָר. אין פּענסילווייניא האָבען זיי געמוזט באַזיצען 50 אַקער לאַנד, אָדער פאַרדינען 50 פונט אַ יאָר. אין סאוט קאראליינא איז די פאָדערונג געווען, אז זיי זאָלען צאָלען 20 שילינג אַ יאָר שטייער פאַר'ן רעכט צו שטימען.

די אלע באגרענצונגען זיינען געווען אייגענטליך פונ'ם זעלבען סארט. די וואס האבען געהאט א געוויסע צאל אקער לאנד, אדער א געוויסע הכנסה, אדער געצאלט א געוויסען שטייער, האבען גע־הערט צו דעם רייכערען קלאס. ווען געלט איז ביליגער געווארען, אדער לאנד איז ביליגער געווארען, זיינען די געזעצען געענדערט געווארען, און די נייע פאדערונגען האבען פארזיכערט, אז דאס שטימרעכט זאל בלייבען ביים קליינעם הייפעלע רייכע.

.22

פאַרברעכענס, שטראָפען און פריזאָנס אין די קאָלאָניעס

מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק, איז די באַציאונג פון דער געזעלשאַפט צו פאַרברעכער געווען אַ פאַרברעכערישע. די אַמעריקאַנער קאָלאָניסטען האָבען די געזעצען וועגען פאַרברעכער געבראַכט פון אייראָפּאַ און דאַ זיי נאָך פאַרשטאַרקט. די ליסטען פון קרימינעלע פאַרברעכענס האָבען זיי דאַ פאַרגרעסערט און די שטראָפען גרויזאַמער געמאַכט.

די האַרבסטע געזעצען זיינען איינגעפירט געוואָרען אין די ניו ענגלאַנד קאָלאָניעס. דאָרטען זיינען די פאָלגענדע פאַרברעכענס באַשטראָפט געוואָרען מיט טויט: פאַר אונטערצינדען, גאָטלעסטערען, אַנגרייפען אַ פרוי, זנות, באַליידיגען עלטערען, גנב'ענען צום צווייטען מאָל. אין פענסילווייניאַ האָט מען אויפגעהאַנגען פאַר גנב'ענען פערד, איינברעכען אין אַ הויז און פאַר מאַכען פאַלשע געלט. אין ווירדזשיניאַ זיינען געווען 27 פאַרברעכענס פאַר וועלכע עס האָט געקומט טויט־שטראָף. אין ניו יאָרק איז די ליסטע פון אַזוינע פאַרברעכענס באַשטאַנען פון 16.

אַט זיינען די פאַרשיידענע סאָרטען שטראָפען, וועלכע זיינען אין די קאָלאָניעס איינגעפירט געוואָרען פאַר שווערע און לייכטע פאַרברעכענס: הייננגען, פאַרברענען לעבעדיגערהייט, דורכבורען דעם צונג מיט הייסע אייזענס, צושלאָגען איין אויער צו אַ ברעט און אָפּשניידען דעם צווייטען אויער, אויסברענען אַ בוכשטאַב אין באַק און אין שטערן, שמייסען אויפ'ן נאַקעטען לייב, איינשליסען די הענט און די פיס אין קלעצער.

אין ניו העמשיר פלעגט מען פאר דעם ערשטען מאל גנב'ענען אויסברענען דעם בוכשטאב „בי" („בורגלער") אויף דער רעכטער האנט; פאר א צווייטען מאל גנב'ענען פלעגט מען אויסברענען דעם זעלבען בוכשטאב אויף דער לינקער האנט. אויב די גנבה איז באגאנגען געווארען אום זונטאג, פלעגט מען די בוכשטאבען אויס־ברענען אין מיטען שטערען. עס פארשטייט זיך, אז דאס איז גע־ווען א צוגאב צו די שמיץ און צום טערמין אין געפענגניש.

אין מאסאטשוזעטס האט מען א פעלשער אויסגעברענט דעם בוכשטאב „פ" אין שטערען, און א גנב האט מען אויף ביידע באַ־קען אויסגעברענט דעם בוכשטאב „ב". א פעלשער האט מען אין די קאלאניעס אויך אפגעשניטען אן אויער, געגעבען פופציג שמיץ און אים געהאלטען א שטונדע אונטער דער תליה מיט דער שטריק אויפ'ן האלז.

אין קאנעקטיקוט האט מען פאר שווערען פאלש א רייכען באַ־שטראפט מיט געלט, און אז ארימען האט מען צוגעשלאגען ביידע אויערען צום וואנט און אים געלאזען דארטען א שעה צייט. אין קאראליינא האט מען נאך דער שעה ביידע אויערען אפגעשניטען. אין מערילענד האט מען יעדען פארברעכער אויסגעברענט א בוכ־שטאב ערגעץ אויפ'ן האנט, א בוכשטאב וואס האט באצייכענט דעם פארברעכען. א וואגאבונד, א טרעמפ, האט מען אויפ'ן פלייצע אויסגעברענט דעם בוכשטאב „ר" (דער „ר" איז געשטאנען פאר'ן ווארט „ראוג", וועלכער באדייטעט א שארלאטאן, אן אויס־ווארף).

די הערשער און בעלי־בתים אין די קאלאניעס האבען גע־גלויבט, אז איינע פון די הויפט צילען פון שטראף איז אנצוסטראַ־שען, אנצוווארפען א מורא אויף די עהרליכע מענשען זיי זאלען חס ושלום פון וועג ניט אראפ, דערפאר האבען זיי די פארברעכער געבראנדמארקט, אז מען זאל אויף אייביג פון זיי וויסען און דער־פאר האבען זיי אויך די שטראף דורכגעפירט אין דער ברייטער עפענטליכקייט און ערמוטיגט דעם עולם ער זאל קומען אין גרויסען מאסען די „צערעמאניעס" בייצואווינען. דער שמיים־פלאץ איז געווען אין מיטען שטאט. די קלעצער אויף איינשליסען די הענט און

די פּים פֿון פֿאַרברעכער זיינען געשטאַנען אויף די פּלעצער וואו דער עולם איז געגאַנגען שפּאַצירען, און וואו גרויסע צאָלען מענשען פֿלעגען זיך פֿאַרזאַמלען. די פֿאַרבייגייער פֿלעגען זיך אָפּשטעלען און שפּייען און וואַרפֿען פֿאַרפֿוילטע זאַכען אויף די געשמידטע פֿאַרברעכער. די תּליה איז געשטאַנען אויך אין רעכטען מיטען פֿון שטאָדט און גרויסע מאַסען פֿלעגען קומען בייוואוינען יעדע הינ־ריכטונג. (אין ניו יאָרק איז דער שמיים־פּלאַץ געווען אויפ'ן קאָר־נער פֿון בראָדוויי און מעידען לעין).

אין ניו־ענגלאַנד איז יעדע הינריכטונג פֿאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ מין יום־טוב. דעם זונטאַג פֿאַר דער הינריכטונג, האָט מען דעם פֿאַר'משפּט'ען געבראַכט אין דער קירכע ווען דער גאַנצער עולם איז דאָרטען געווען פֿאַרזאַמעלט צו תּפֿלה. דער גלח האָט דאָן געהאַלטען אַ צוויי־שטונדיגע דרשה וועגען דעם פֿאַרברעכער און זיין פֿאַרברעכען, האָט דעם פֿאַר'משפּט'ען דערציילט וועגען זיין שטראָף אויף דער וועלט און זיין שטראָף אויף יענער וועלט. די הינריכטונג גופֿא איז אויך געווען אַ מין רעליגיעזע צערעמאָניע. די תּפֿילות פֿון די גלחים ביי דער תּליה האָבען פֿאַרנומען אַ לאַנגע צייט און דער גרויסער פֿאַרזאַמעלטער עולם איז געשטאַנען אין גרויס אומגעדולד און געוואַרט ביז די שטריק האָט זיך פֿאַרצויגען אויף דעם האַלז פֿון דעם קרבן.

די געפֿענגנישען זיינען באַשטאַנען פֿון נאַסע, פֿינסטערע, שמאַלע, שמוציגע קעמערלאַך. דער באַרימטער היסטאָריקער מעק־מעסטער גיט די פֿאָלגענדע שילדערונג וועגען די געפֿענגענישען אין ניו־ענגלאַנד:

„אין דעם גילגייט פּריזאָן (אין קאָנעקטיקוט) איז געווען אַ הייל אין דער ערד. אין שמאָלע צימערלאַך פֿלעגען דאָרטען אַלע מאָל זיין פֿון 30 ביז 100 אַרעסטאַנטען, זייערע פּיס צוגעשמידט צו אייזערנע שטאַנגען און זייערע העלזער צוגעשמידט צו די באַל־קענס אין סופֿיט. שטאַרק פֿינסטער. געדיכט פֿון שמוץ, לייז און ווערים. פֿון סופֿיט האָט אימער געקאַפּעט וואַסער און פֿון די ווענט האָט גערונען. שטיקער ערד פֿלעגען אָפֿט אַראָפּפֿאַלען פֿון אויבען און פֿון די זייטען. פֿון דער נאַסקייט און שמוץ פֿלעגען די קליי־

דער צופוילט ווערען אויף די ארעסטאנטען, און זייערע קערפערס פלעגען פארפייניגט ווערען פון וועהטאג. אין די געפענגנישען פון מאסאטשוזעטס זיינען די צעלען געווען אזוי שמאל, אז די ארעסטאנטען האבען געמוזט שלאפען אין האמאקס איינע איבער די אנדערע. אין פילאדעלפיא זיינען די געפענגנישען געווען אזוי געבויט, אז יעדער ארעסטאנט האט ביינאכט געהאט אויסגעמאסטען א פלאץ פון 6 פוס די לייננ און 2 פוס די ברייט אויף צו שלאפען.

„אין אזוינע לעכער און היילען פלעגט מען עם אריינפאקען אלערליי פארברעכער, יונגע און אלטע, מענער און פרויען צוזאמען. עס איז קיין וואונדער ניט וואס די געפענגנישען זיינען פארוואנדעלט געווארען אין שולען פון דעגענערירטע זינד און צענטערס פון די עקעלהאפטסטע קראנקהייטען. פראסטיטוטקעס פלעגען פראקטיצירען זייער פראפעסיע אין דער אנוועזענהייט פון אנשטענדיגע מענער און פרויען וואס זיינען מיט די ערגסטע פארברעכער איינגעשפארט געווארען פאר אזוינע פארברעכענס ווי ניט באצאלען א חוב, אדער פאר אנטזאגען זיך צו ארבייטען פאר א נישטיגען לוין.

„פלעגט אימיצער אין תפיסה קראנק ווערען איז אים קיינער ניט געקומען צו הילף. קיין בעטען זיינען אין די צעלען ניט געווען. פיל ארעסטאנטען פלעגען דארטען אפזיצען יארען לאנג און זיך קיינמאל ניט וואשען. זייערע האר פלעגט וואקסען ווילד. זייערע לייבער פלעגען באדעקט ווערען מיט קרעץ און געשווירען. עס פלעגט פון זיי שרעקליך שטינקען. די קליידער פלעגען אויף זיי צופוילט ווערען.“

אזא צושטאנד אין די אמעריקאנער תפיסות, האט אנגעהאלטען ביז'ן מיטען פון 19טען יארהונדערט.

די גרעסטע צאל פארברעכער, וועלכע האבען געפוילט אין די תפיסות זיינען געווען בעלי־חובות. דאס געזעץ מיט צוויי־דריי הונדערט יאר צוריק איז געווען שרעקליך שטרענג מיט די וואס האבען ניט באצאלט זייערע שולדען. דער דערמאנטער היסטאריקער מעקמעסטער שרייבט וועגען דעם דאס פאלגענדע:

„אין אט דעם קלאס פון פארברעכער זיינען, פארשטייט זיך, אריין הויפטזעכליך ארבייטער און דינער און זיי האבען אין דער רעגירונג קיין פארטיידיגער ניט געהאט. אין יענער צייט האט געקענט פאסירען, אז אן ארבייטער וועלכער איז פון א סקעפאלד (רישטונעק) אראפגעפאלען אדער איז אין בעט קראנק געלעגען, זאל אנגעקלאגט ווערען פון א קרעמער ביי וועמען ער האט אויף בארג גענומען און זאל דערפאר אפגעפירט ווערען אין געפענגניש גלייך ווי ער האט געקענט זיך שטעלען אויף די פיס.“

דער ארעסטירטער בעל חוב איז אין איין הינזיכט באהאנדעלט געווארען נאך ערגער ווי א מערדער אדער רויבער. די לעצטע פלעגען אין תפיסה באזארגט ווערען מיט שפייז כאטש די נשמה צו דערהאלטען. דער בעל חוב אבער האט געמוזט זיך אליין קויפען עסען. אליין האט ער אבער קיין געלט ניט געהאט, האט ער געמוזט זיך דערנערען פון דעם וואס זיינע פריינד אדער צדקה־אנשטאלטען פלעגען אים צושיקען.

די צאל פון ארעסטאנטען איז די תפיסות פאר „בעלי חובות“ האט זי געווענדט לויט די עקאנאמישע אומשטענדען: אין גוטע צייטען פלעגט די צאל פאלען און אין שלעכטע צייטען, ווען ארבייטער האבען ניט געהאט וואו צו פארדינען, איז די צאל געוואקסען. אין יאר 1816 זיינען אין די ניו יארקער תפיסות געווען 1984 אזוינע ארעסטאנטען. 129 פון זיי זיינען געזעסען פאר חובות פון ווייניגער ווי 50 דאלאר יעדער; און 729 — פאר חובות ווייניגער ווי 25 דאלאר יעדער. אן ארעסטאנט אין ווערמאנט איז פארמשפט געווארען פאר ניט האבען באצאלט א חוב פון 4 סענט. אין באסטאן זיינען צווישען די יארען 1820 און 1822 ארעסטירט געווארען 3492 פאר חובות. איינע פון די ארעסטאנטען איז געווען א מוטער פון צוויי קינדער, וועלכע האט ניט געקענט באצאלען א חוב פון 3 דאלאר און 60 סענט. איין ארעסטאנט איז אפגעזעסען 30 יאר פאר ניט קאנען באצאלען א חוב. אין פילאדעלפיא זיינען אין 1828 געזעסען איינגעשפארט 1085 אזוינע „פארברעכער“. אין 1831 איז צווישען די ארעסטאנטען געווען איינער וועלכער איז

שולדיג געווען 2 סענט און א צווייטער, וועמענס חובות עס האבען אנגעטראגען 72 סענט.*).

ארימקייט איז געווען א פארברעכען אין די קאלאניעס. אין פענסילווייניא פלעגט א בעטלער מוזען טראגען א לאטע אויף זיין אקסעל. אין ניו יארק פלעגען בעטלער פארקויפט ווערען אין אויקציאן אלס ווייסע־שקלאפען אויף א געוויסע צאל יארען. די קינדער זייערע פלעגט מען פארקויפען צו א בעל־הבית, ער זאל זיי לערנען א מלאכה. און די קינדער זיינען פארשקלאפט געווען ביז עטליכע און צוואנציג יאר. עהנליכע געזעצען האבען עקזיסטירט אין מאסאטשוזעטס.

דאס געזעץ האט די ארבייטער, אפילו די פרייע, באהאנדעלט ווי א נידריגערע ראסע. אין 1633 איז אין מאסאטשוזעטס דורכגעפירט געווארען א געזעץ, אז פאד־ארבייטער טארען ניט קריגען מער ווי צוויי שילינג א טאג. דער לוין פון פראסטערע ארבייטער איז באשטימט געווארען פון א קאמיטע פון דריי — פון דעם שעריף און צוויי בעלי־בתים. דער ארבייטער וואס האט גענומען העכערע שכירות און דער בעל הבית וואס האט געצאלט העכערע שכירות האבען לויט'ן געזעץ געדארפט ביידע באשטראפט ווערען. אין א יאר שפעטער איז אין די קאלאניעס געווען א גרויסע נאכפראגע אויף ארבייטער, און בעלי בתים האבען קאנקורירט פאר ארבייטער און אנגעבאטען העכערע שכירות ווי דאס געזעץ האט באשטימט. האבען די געזעץ־מאכער באלד דורכגעפירט א נייע געזעץ: פאר צאלען צו הויכע שכירות זאל דער בעל הבית קיין שטראף ניט באקומען; דער ארבייטער זאל יא באשטראפט ווערען פאר נעמען צו הויכע שכירות.

יעדעס שטעטל אין מאסאטשוזעטס האט רעגולירט דורכ'ן געזעץ די שכירות פון די ארבעטער. אין דארטשעסטער, צום ביישפיל איז אין יאר 1641 דורכגעפירט געווארען א געזעץ, אז די

*) דא איז ווערט צו באמערקען, אז די גרויזאמע געזעצען וועגען אזוינע בעלי־חובות זיינען אפגעשאפט געווארען א דאנק דער אגיטאציע פון דעם ארבייטער־קלאס. די ערשטע האט דעם שריט געמאכט קאנעקטיקוט אין יאר 1837 און די אנדערע סטייטס האבען שנעל דעם ביישפיל נאכגעפאלגט.

די „טאון הויז“ אין באָסטאָן, וואו די בירגער פלעגען אָפּהאַלטען אַסיפות
צו באַשפּרעכען שטאָט אַנגעלעגענהייטען. זי איז אויפגעבויט
געוואָרען אין 1657.

ארבייטער מוזען אין צייט פון די מאנאטען מערץ און אויגוסט ארבייטען פאר 28 פענס א טאג; פון אויגוסט ביז אקטאבער, פאר 15 פענס; פון אקטאבער ביז דעצעמבער, פאר 12 פענס, און פון דעצעמבער ביז מערץ פאר 15 פענס.

אין 1641 איז אין פלימוטה אנגענומען געווארען א געזעץ, אז ארימע לייט וואס קומען אן צו צדקה מוזען שיקען זייערע קינדער ארבייטען. אין באסטאן האבען ארימע לייט געמוזט פארקויפען זייערע קינדער אלס ווייסע שקלאפען. אויב זיי האבען עס אליין ניט געטאן האבען עס די שטאט־באאמטע געטאן. אין קאנעקטי־קוט פלעגען די שטאט־באאמטע אפט כאפען ארימע קינדער אין די גאסען און זיי פארקויפען אלס ווייסע־שקלאפען. אינגלאך פלעגען פארקויפט ווערען אויף א טערמין ביז 21 יאר, און מיידלאך — ביז 18 יאר.

דאס געזעץ אין די קאלאניס האט אויך פיל געשטערט די אנטוויקלונג פון דער פרעסע. די רעגירונגען האבען מורא געהאט פאר'ן פרייען ווארט און האבען שטרענג צענזורירט אלץ וואס איז געדרוקט געווארען. די ערשטע דרוק־מאשין איז געבראכט געווא־רען פון ענגלאנד קיין מאסאטשוזעטס אין יאר 1639. זי איז גע־שטאנען אונטער'ן אויפזיכט פון דעם אפיציעלען צענזאר און ער האט פארבאטען צו דרוקען אויף איר אנדערע זאכען ווי רעליגיעזע שריפטען. די ערשטע צייטונג איז ערשינען אין מאסאטשוזעטס מיט פערציג יאר שפעטער. די צענזור האט זי אבער באלד אונ־טערדריקט דערפאר וואס זי האט געוואגט צו באשפרעכען א פא־ליטישע פראגע. אין 1704 איז געמאכט געווארען א צווייטער פרואוו. עס האט דעמאלט אנגעהויבען צו ערשיינען „דער באסטאנער נייעס־בריף". די צייטונג האט די צענזור ניט געמשעפעט. דערפאר אבער האבען די לעזער אין איר קיין אינטערעס ניט געהאט און זי האט לאנג ניט געקענט עקזיסטירען. ערשט אין מיטען פון 18טען יאר־הונדערט האבען געמומען ערשיינען צייטונגען וועלכע האבען פאר־דינט דעם נאמען. אין 1771 זיינען אין אלע קאלאניעס געווען 25 צייטשריפטען: אין באסטאן 5, אין פילאדעלפיא, 3 — צוויי אויף ענגליש און איינע אויף דייטש.

ביז 1755 האט יעדע צייטונג אין מאסאטשוזעטס געמוזט האַבען אַן ערלויבניש פון דער רעגירונג. אין די איבעריגע קאָלאָניעס האבען עקזיסטירט שטרענגע געזעצען צו באשטראפען צייטונגס־ארויסגעבען פאר באליידיגען די רעגירונג. אין 1721 איז דער רע־דאקטאר פון א צייטונג אין פילאדעלפיא אריינגעזעצט געוואָרען אין געפענגניש פאר א פאליטישען ארטיקעל. אין 1735 איז פיטער צענגער, א צייטונגס־ארויסגעבער פון ניו יארק ארעסטירט געוואָרען פאר קריטיקירען די רעגירונג. די אדוואקאטען, וועלכע האבען אים אין געריכט פארטיידיגט האבען פארלארען זייער רעכט צו פראקטיצירען זייער פראפעסיע. צענגער האט אבער גע־בראכט אן אדוואקאט פון פילאדעלפיא און ער האט דעם פראצעס געוואונען. אין דער געשיכטע פון דער ניו יארקער קאלאניע ווערט צענגער'ס פראצעס פארצייכענט אלס א היסטארישע געשעעניש. זיין זיג איז פון די גרויסע מאסען אין די קאלאניעס געפייערט געוואָרען אלס א טריומף פאר פראגרעס.

די ריכטער זיינען אין די קאלאניעס באשטימט געוואָרען פון דעם גאווערנאר און זיי האבען נאטירליך געדינט די אינטערעסען פון די מאכט־האבער, די אריסטאקראטען. אין ניו יארק ספּעציעל איז דאס געזעץ געווען זייער גרויזאם. אייניגע ריכטער האבען אפילו ניט געקענט לייענען און שרייבען. די אדוואקאטען זיינען אויך געווען פיל מער געשיקט אין באשווינדלען זייערע קליענטען ווי אין דער וויסענשאפט פון געזעץ. די לאגע איז געווען פיל בע־סער אין ניו ענגלאנד. דארטען זיינען די ריכטער אויך געווען גע־טריי צו דעם הערשענדען קלאס, אבער זיי האבען גוט געוואוסט די געזעץ־ביכער און האבען זיך פיל גערעכענט מיט די ביבלישע געזעצען.

.23

צוויי אויפשטאַנדען — אין ווירדזשיניאַ און אין ניו יאָרק

ביז דעם יאָר 1660 האָט זיך די ענגלישע רעגירונג אין די אַנ־געלעגענהייטען פון די קאָלאָניעס כמעט גאָר ניט געמישט. די קאָ־לאָניעס זיינען פאַרוואַלטעט געוואָרען פון די קאָמפּאַניעס און פון די איינצעלנע פּערזאָנען וועלכע האָבען זיי געגרינדעט. צווישען די קאָלאָניסטען און די בעלי בתים פלעגען טאַקע פּאַרקומען אָפטע צוזאַמענשטויסען און ביידע צדדים פלעגען זיך ווענדען צו דער רעגירונג אין לאָנדאָן מיט קלאָגען און מיט בקשות, אָבער אויס־געפירט האָט איבער דער צד, וועלכער האָט אַרויסגעוויזען מער מוט און מער קראַפט. די אַנטשיידונגען און באַפעלען פון דער ענגלישער רעגירונג האָבען אין אַמעריקאַ אַ קליינע ממשות געהאַט.

מיט דעם יאָר 1660 פאַנגט זיך אָן אַ נייער קאַפּיטעל אין די באַציהונגען צווישען דער ענגלישער רעגירונג, אָדער ענגלאַנד אין אַלגעמיין, און די קאָלאָניעס אין אַמעריקאַ.

אין יענעם יאָר איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרען די מאָ־נאַרכיע אין ענגלאַנד. די נייע רעגירונג האָט גלייך גענומען שריט צו ברייגנען די רעגירונגען פון די קאָלאָניעס אונטער דער שטרענ־גער אויפזיכט פון דער ענגלישער רעגירונג. די קאָלאָניעס האָבען געקעמפט געגען דעם. פון מאַסאַטשוזעטס איז דער טשאַרטער, וועלכער האָט איר געגעבען דאָס רעכט זיך אַליין צו רעגירען, צו־גענומען געוואָרען אין 1685. ניו יאָרק איז געוואָרען אַ קרוין־קאָלאָ־ניע אין זעלבען יאָר. (אין 1685 איז דער קעניג טשאַרלס געשטאָר־בען און זיין ברודער דזשיימס, דער בעל הבית פון ניו יאָרק האָט

פאַרנומען דעם טראָן). אין 1702 האָבן די אייגנטימער פון ניו־דזשוירזי איר איבערגעגעבן צום ענגלישן קעניג; דאָסזעלבע האָבן געטאָן די אייגנטימער פון די קאַראָליינאַס אין 1728. די איינציגע צוויי קאָלאָניעס וואָס ס'איז זיי געלונגען אויפצוהאַלטען זייער אומאָפּהענגיגע פּאָליטישע אָרדנונג זיינען געווען קאָנעקטיקוט און רהאָד איילאַנד. דער קעניג האָט געמאַכט אייניגע פּאָרזוכען אויך זיי צו פאַרוואַנדלען אין קרוין־קאָלאָניעס, אָבער צוליב געוויסע אומשטענדען האָט זיך אים דאָס ניט איינגעגעבן.

אין 18טען יאָרהונדערט זיינען, אַלזאָ, די 13 קאָלאָניעס געווען פּאָליטיש צוטיילט אין דריי גרופּען: די ערשטע און וויכטיגסטע גרופּע איז באַשטאַנען פון „קרוין קאָלאָניעס“, דאָס הייסט, קאָלאָניעס, וועלכע האָבן באַלאַנגט דירעקט צום קעניג. אין דער גרופּע זיינען איינגעשלאָסען געווען די פאָלגענדע אַכט קאָלאָניעס: ווירדזשיניאַ, נאָרטה קאַראָליינאַ, סאָוטה קאַראָליינאַ, דזשאָרדזשיאַ, ניו יאָרק, ניו דזשוירזי, מאַסאַטשוזעטס און ניו העמשיר. די צווייטע גרופּע קאָלאָניעס האָבן באַלאַנגט צו פּריוואַטע בעלי בתים. אין איר זיינען איינגעשלאָסען געווען דריי קאָלאָניעס: פּענסילווייניאַ און דעלעווער, וועלכע האָבן געהערט צו דער פּען־פאַמיליע; און מערילענד וועלכע האָט געהערט צו דער באַלטימאָר־פאַמיליע. די דריטע גרופּע צו וועלכע עס האָבן געהערט די צוויי קאָלאָניעס קאָנעקטיקוט און רהאָד איילענד איז געווען אַן אומאָפּהענגיגע. די צוויי קאָלאָניעס האָבן איבער זיך קיין בעלי בתים ניט געהאַט.

יעדע קאָלאָניע האָט געהאַט איר אייגענע רעגירונג. די פאָרמע פון די דרייצען רעגירונגען איז געווען דיזעלבע. זי איז באַשטאַנען פון אַ גאָווערנאָר, אַ קאָונסיל און אַן אַסעמבלי. אין די קרוין־קאָלאָניעס האָט דער קעניג באַשטימט דעם גאָווערנאָר און די מיטגלידער פון דעם קאָונסיל. (אין מאַסאַטשוזעטס איז אַ נייער קאָונסיל ערוויילט געוואָרען ביי אַ פאַראייניגטער זיצונג פון דעם אַלטען קאָונסיל און דער אַסעמבלי.). אין די אייגנטימער־קאָלאָניעס זיינען דער גאָווערנאָר און דער קאָונסיל באַשטימט געוואָרען פון דעם אייגנטימער. די אַסעמבלי איז אין אַט די קאָלאָניעס אויסגעקליבען געוואָרען פון די קאָלאָניסטען. אין די צוויי אומאָפּהענגיגע

קאלאנעס זיינען אויך דער גאווערנאר און דער קאונסיל געוויילט געווארען פון פאלק.

די מאכט פון דעם גאווערנאר איז געווען אן אומגעהייער גרויסע. ער האט איינגעפירט אין קראפט אלע געזעצען; ער האט מיט דער צושטימונג פון קאונסיל אנגעשטעלט מיליטערישע און ציווילע באאמטע. ער האט געזעצט ריכטער און איז אליין געווען דער הויפט ריכטער צו וועמען מען האט אפעלירט פון די נידעריגערע געריכטען. ער האט געקאנט באגנאדיגען פארברעכער, צוריקווייזען געזעצען וואס די אסעמבלי האט אנגענומען. ער איז געווען דער הויפט קאמאנדיר פון דער ארמיי און האט געקענט ארויסרופען די ארמיי און די מיליץ ווען ער האט עס געפונען פאר נויטיג.

די גאווערנארס האבען נאטירליך פארטראטען די אינטערעסען פון דעם קעניג אדער פון די אייגענטימער. און די קאונסילס האבען אימער געשטיצט די גאווערנארס, ווייל זיי פלעגען דאך אויך באשטימט ווערען פון דעם קעניג און די אייגענטימער. די אסעמבליס האבען אבער פארטראטען די אינטערעסען פון די קאלאניסטען, ווייל זיי זיינען דאך פון די קאלאניסטען ערוויילט געווארען.

דא מוז אבער גלייך געזאגט ווערען, אז די אינטערעסען פון די ארימע קלאסען, די דינער, די ארבייטער, אדער די ארימע פארמער, זיינען פון קיינעם נים פארטראטען געווארען. פשוט דערפאר, ווייל זיי האבען קיין שטימרעכט נים געהאט און האבען אין דער אסעמבלי קיין פארטרעטער נים געשיקט. די געזעצען וועגען שטימרעכט זיינען געווען פארשידענע אין די פארשידענע קאלאניעס אבער אין דעם פונקט זיינען זיי אלע גלייך געווען, אז בלויז פארמעגליכע זאלען מעגען גיין צום שטים קאסטען.

די ארימע זיינען, אלזא, פון דער רעגירונג געווען אינגאנצען אויסגעשלאסען. דער פאליטישער קאמף אין יעדער קאלאניע איז אבער געווען א ביטערער און אן ערנסטער. אויף איין זייט איז געשטאנען דער גאווערנאר און דער קאונסיל, וועלכע האבען פארטראטען דער ענגלישער רעגירונג און וועלכע זיינען געשטיצט גע־

ווארען פון דער רייכער אריסטאקראטיע אין די קאלאניעס, און אויף דער צווייטער זייט איז געשטאנען די אסעמבלי, וועלכע האט פארטראטען דעם מיטעל־קלאס, די קליינע פארמער, די פארמעגליכע סוחרים און די פאבריקאנטען.

מיט זייער ווייניג אויסנאמען זיינען די גאווערנארס אין די קאלאניעס געווען קארופטע טיראנען. זיי האבען זייער אמט באטראכט אלס א מיטעל צו מאכען געלט. און זיי האבען זיך פאר קיין זאך ניט אפגעשטעלט זייער ציל צו דערגרייכען. זיי פלעגען נעמען כאבאר פאר אנשטעלען אויף רעגירונגס־שטעלען, זיי פלעגען נעמען כאבאר פאר פארקויפען לאנד צו ספעקולאנטען, זיי פלעגען זאגאר זיך לאזען אונטערקויפען פון ים־רויבער און שמוגלער וועלכע פלעגען זייער אומגעזעצליכע סחורה פראנק און פריי פארקויפען אויפ'ן מארק. אין די אלע פארברעכערישע האנדלונגען זיינען זיי געשטאנען פארבונדען מיט די רייכע אריסטאקראטען. אויסער דעם פלעגען זיי אליין אנפירען גרויסע געשעפטען: גאווערנאר באירקלי פון ווירדזיניא איז געווען דער גרעסטער הענדלער פון פוטערווארג אין די קאלאניעס; גאווערנאר פלעטשער פון ניו יארק איז געשטאנען אין פארבינדונג מיט די ים־רויבער און שמוגלער פון האפען; גאווערנאר ענדריוס פון ניו דזשיורזי און פון מאסאטשוזעטס האט פארקויפט טויזענטער קהל'שע אקער לאנד צו זיינע אריסטאקראטישע פריינד.

די טיראניי, שווינדלען און קארופציע פון די גאווערנארס האבען פאראורזאכט אפטע בונטען אין די קאלאניעס. איינינע גאווערנארס האבען געמוזט אנטלויפען כדי זייער לעבען צו ראטעווען. אין די מערסטע פאלען זיינען אבער די אויפשטאנדען דערטרונקען געווארען אין בלוט. די צוויי ערנסטע בונטען, וועלכע האבען געטראגען דעם כאראקטער פון רעוואלוציע זיינען פארגעקומען אין ווירדזשיניא און אין ניו יארק. דער ערשטער אין 1676 און דער צווייטער אין 1691.

דער ווירדזשיניער אויפשטאנד איז אין דער געשיכטע באקאנט אונטער'ן נאמען „דהי בייקאן רעבעליאן".

דער גאווערנאר פון ווירדזשיניא איז דעמאלט געווען דער דער־

מאנטער טיראן און געלט־מאכער באירקלי. ער איז קיין ווירדזשי־
ניא געשיקט געווארען אין 1642 אלס באלוינונג פאר זיין באגייס־
טערטער איבערגעבענקייט צו דעם ענגלישען קעניג טשארלס דער
ערשטער. אין די פיל יארען פון זיין גאווערנאר־אמט האט ער זיך
דערווארבען די ביטערע פיינטשאפט פון די ארימע און מיטעל־
קלאס פארמער. ער האט זיך ארומגערינגעלט מיט די רייכע אריס־
טאקראטען, האט זיי געגעבען פיל שטעלעס אין דער רעגירונג, און
האט פון זייערטוועגען דורכגעפירט טיראנישע געזעצען וועגען ווייי־
סע און שווארצע שקלאפען. דורך דער זעלבער מעטאדע פון כא־
באר האט ער אויף זיין זייט איבערגעוואונען א מאיאריטעט פון
דער אסעמבלי. ער האט זיי ערלויבט צו באשטימען פאר זיך גע־
וויסע געהאלטען און זיי צוגעשארט אנדערע געלעגענהייטען צו
מאכען געלט אויפ'ן חשבון פון פאלק. מורא האבענדיג, אז ביי נייע
וואלען וועלען געוויילט ווערען אנדערע אסעמבלי־לייט, וועלכע
וועלען אים באקעמפען, האט ער ניט צוגעלאזען קיין נייע וואלען.
פון 1662 ביז דעם אויפשטאנד זיינען קיין וואלען ניט פארגעקומען.

דער האס פון פאלק צו באירקלי'ן איז געוואקסען פון יאר צו
יאר. עס איז בלויז נויטיג געווען, אז אין דעם פולווער־פאס פון
האס זאל אריינפאלען א פונק און די עקספלאזיאן זאל פארקומען.
און דער פונק איז ענדליך אריינגעפאלען אין 1676.

אממייסטען האבען פון באירקלי'ס אדמיניסטראציע געליטען
די ארימע פארמער אין די פארווארפענע געגענטען, אין די וויימע
וועלדער ביים גרעניץ פון די קאלאניעס. זיי פלעגען אפט באפאלען
ווערען פון די אינדיאנער און באירקלי האט זיך אנטזאגט זיי צו
באשיצען. ער איז געווען דער גרעסטער סוחר אין פוטערוואַרג און
זיין געשעפט האט געפאדערט ער זאל שטיין אין פריינטליכע בא־
ציאונגען מיט די אינדיאנער „טשיפס", ווייל ביי זיי האט ער גע־
קויפט די פוטערוואַרג. אין די 70־ער יארען האבען די אינדיאנער
געמאכט עטליכע אנפאלען אויף די „גרעניץ פארמס" און ווי אי־
מער האט זיך באירקלי וועגען דעם ניט וויסענדיג געמאכט.

איינער פון די גרעניץ־פארמער, וועלכער האט געליטען פון די
אינדיאנער פאגראמען איז גראד געווען אן אריסטאקראט און האט

זאָגאַר געהאַט אַ פּלאַץ אין דעם אַריסטאָקראַטישען קאָונסיל. זיין נאָמען איז געווען נאַטעניעל בייקאָן, אַן אייניקעל פון דעם באַרימטען ענגלישען געלערטען לאָרד בייקאָן. ער איז געווען נאָך זייער יונג, אינגאַנצען 28 יאָר אַלט, פול מיט מוט, ענערגיע און אַנטשלאָסענקייט. נאָך דער פּאַסירונג אויף זיין פאַרם, האָט ער אויפגעפאָדערט גאָווערנאָר באַירקלי ער זאָל אים געבען די ערלויבניש צו גיין מיט אַן אַרמיי פאַרטרייבען די אינדיאַנער. באַירקלי האָט די ביטע צוריקגעוויזען. דאַן האָט בייקאָן אַליין אָרגאַניזירט אַן אַרמיי פון די אָרימע פאַרמער און צושלאָגען די אינדיאַנער. ווען ער איז צוריקגעקומען אין דער הויפּטשטאָט דזשיימסטאַון האָט אים באַירקלי געלאָזט אַרעסטירען. די שטימונג אין די קאָלאָניעס איז אָבער געווען אַזאַ, אַז ניט נאָר איז בייקאָן באַפרייט געוואָרען, נאָר דער גאָווערנאָר האָט אויך איינגעוויליגט עס זאָלען פאָרקומען נייע וואַלען.

ביי די וואַלען האָט בייקאָנ׳ס פּאַרטיי געהאַט אַ גרויסען זיג. בייקאָן אַליין איז אויסגעקליבען געוואָרען צו דער אַסעמבלי איינשטימיג. די נייע אַסעמבלי האָט אָפּגעשאַפט פיל פון די טיראַנישע געזעצען פון דער פריערדיגער הערשאַפט. באַירקלי און די אַריסטאָקראַטען האָבען זיך דערשראָקען און האָבען שטילערהייט גענומען אָרגאַניזירען אַן אַרמיי. בייקאָן איז באַצייטענס אַנטלאָפען צו זיינע נאָכפאָלגער אין די גרעניץ-טיילען פון דער קאָלאָניע. דאָרטען האָט ער צונויפגעקליבען זיינע מענשען. אין זיין אַרמיי זיינען אויך אַריינגעטראָטען פיל אָרימע אַרבייטער און געוועזענע שקלאַפען. מיט זיי איז בייקאָן באַפאַלען דזשיימסטאַון, די הויפּטשטאָט פון דער קאָלאָניע, וואו באַירקלי האָט געהערשט. באַירקלי און זיינע אַריסטאָקראַטען זיינען אַנטלאָפען און בייקאָן האָט די שטאָט אונטערגעצונדען און זי אינגאַנצען פאַרברענט.

דער אויפשטאַנד איז איצטער געוואָרען אַן אָפענע רעוואָלוציע. די מיטעל-קלאַס פאַרמער וועלכע האָבען פון אָנפאַנג בייקאָנ׳ן געשטיצט האָבען זיך איצטער דערשראָקען און זיינען אַריבער צו דער אַריסטאָקראַטיע. זיי האָבען זיך דערשראָקען פאַר בייקאָנ׳ס ראַדיקאַלע געדאַנקען, פאַר זיינע פאַרשפּרעכונגען צוצונעמען דאָס לאַנד

פון די רייכע און עם פארטיילען צווישען די ארימע. די אויסזיכטען זיינען געווען זייער גינסטיג פאר בייקאנ'ס ערפאלג. האט זיך אריינגעמישט דער שיקזאל און געגעבען דעם אויפשטאנד א טויט־קלאפ. בייקאן איז קראנק געווארען און געשטארבען. ווער עס זאל איבערנעמען זיין פירערשאפט איז ניט געווען. די ארמיי וועלכע ער האט ארגאניזירט איז צופאלען, און באירקלי מיט די אריסטאקראטען האבען צוריק פארכאפט די מאכט.

דער טיראנישער גאווערנאר האט זיך איצט ארויסגעוויזען אין זיין שווארצסטען קאליר. יעדער רעוואלוציאנער וואס איז אין זיינע הענט אריינגעפאלען איז אין א פראצעס היינגעריכט געווארען. ער האט געמארדעט אזוי פיל, אז די אסעמבלי האט זיך ביי אים געבעטען ער זאל אויפהערען. ווען דער קעניג אין ענגלאנד האט זיך פון די תליות דערוואוסט האט ער אויסגעשריען: „דער אלטער נאר האט היינגעריכט מער מענשען אין דעם פוסטען לאנד ווי איך האב היינגעריכט פאר מיין פאטער'ס מארד". הונדערטער פון די רעוואלוציאנערען זיינען אנטלאפען אין די ווילדערנישען זיך צו ראטעווען, האט דער מערדערישער גאווערנאר ארויסגעטריבען זייערע פרויען און קינדער פון די פארמס און די ערד קאנפיסקירט. ער האט ניט געקאנט אנזעטיגען זיין נקמה־געפיל.

די „בייקאן רעבעליאן" איז דער ערשטער ערנסטער אויפשטאנד פון די ארימע געגען זייערע רייכע אונטערדריקער, וואס איז אין אמעריקא פארגעקומען.

דער צווייטער וויכטיגער אויפשטאנד איז פארגעקומען מיט צוועלף יאר שפעטער אין דער ניו יארקער קאלאניע. ניו יארק האט אויך יארען לאנג געליטען פון טיראנישע און געלט־גייציגע גאווערנארס, וועלכע זיינען געשטיצט געווען פון די רייכע לאנד־אריסטאקראטען. א לאנגע צייט איז דארטען אפילו קיין פאלקס אסעמבלי אין דער רעגירונג ניט געווען. דער גאווערנאר האט געהערשט ווי א מאנארך. די קלענערע הענדלער האבען געליטען שטארק דערפון, וואס ים־רויבער האבען פראנק און פריי פארקויפט זייערע גערויבטע סחורה אויפ'ן מארק אין ניו יארק, ווייל דער גאווערנאר פלעגט ביי זיי נעמען לאפפע־געלט. די גאווערנארס האבען

אויך געזוכט צו באשרענקען די רעליגיעזע פרייהייט. די רייכע לאנד־אייגענטימער האבען זיך אנטזאגט צו פארקויפען ערד און די ארימע זיינען געצוואונגען געווארען ביי זיי צו וואוינען אלס „טענענטס״, און זיי איבערגעבען דעם גרעסטען טייל פון זייער פראצע אלס רענט.

צווישען די רייכערע איינוואוינער אין מאנהעטען, וועלכע האבען געהאסט דעם גאווערנאר און די אריסטאקראטען און סימפאטיזירט מיט די ארימע איז געווען א דייטשער אימיגראנט מיט׳ן נאמען דזשייקאב לייסלער. ער איז אליין געבארען און געהאדעוועט געווארען ביי ארימע עלטערען, נאר ער האט געהייראט מיט א רייכער פרוי. אין ניו יארק האט ער געהאט א ברויז און געהאנדעלט מיט אימפארטירטע וויין און שנאפס.

אין 1688 איז אין ענגלאנד ווידער פארגעקומען אן איבערקערעניש אין דער רעגירונג. דער קעניג דזשיימס דער צווייטער איז געצוואונגען געווען צו אנטלויפען און דער האלענדישער פרינץ האט פארנומען דעם טראן. די איבערקערעניש האט געגעבען די קאלאניסטען אין אמעריקא די געלעגענהייט זיך אפצורעכענען מיט די טיראנישע גאווערנארס. אין מאסאטשוזעטס האבען די קאלאניסטען, גלייך ווי זיי האבען זיך די נייעס דערוואוסט, ארייגעזעצט זייער טיראנישען גאווערנאר אנדריוס אין געפענגניש. ווען די נייעס איז אנגעקומען אין ניו יארק האבען זיך די אומצופרידענע ארגאניזירט, איבערגענומען די פעסטונג און פראקלאמירט לייסלער׳ן אלס הויפט קאמאנדיר. ביי די וואלען וואס זיינען אין קורצען אפגעהאלטען געווארען איז די אריסטאקראטישע פארטיי געשלאגען געווארען און דזשייקאב לייסלער איז פארבליבען אין זיין אמט.

דריי יאר האט לייסלער׳ס פארטיי געהערשט. די רייכע אריסטאקראטען האבען געמאכט אלערליי פארשווערונגען אים אומצווארפען, אבער זיי האט זיך עס ניט איינגעגעבען. זיי איז אבער געלונגען צו געווינען דעם נייעם ענגלישען קעניג אויף זייער זייט, און אזוי שנעל ווי ענגלאנד איז רואיג געווארען האט דער קעניג אריבערגעשיקט א נייעם גאווערנאר קיין ניו יארק ער זאל דא

„מאַכען אָרדענונג“. עס פאַרשטייט זיך, אַז דער גאָווערנאָר איז געווען פון זעלבען הדר ווי די פאָריגע. ער האָט די ערשטע זאַך גע־לאָזט ארעסטירען לייסלער׳ס גאַנצע רעגירונג. פאַר ריכטער האָט ער נעזעצט אריסטאָקראַטען וואָס זיינען באַוואוסט געווען, אַלס לייסלער׳ס ביטערסטע שונאים. ווען לייסלער און זיין איידים מיל־באָרן זיינען געבראַכט געוואָרען פאַר געריכט האָבען זיי זיך אַנט־זאָגט זיך צו פאַרטיידיגען. די ריכטער האָבען די צוויי רעוואָלו־ציאָנערען פאַר׳משפט צום טויט, און דער נייער גאָווערנאָר האָט שיכור׳ערהייט דעם אורטייל אונטערגעשריבען. דעם 16טען מאַי, 1691, זיינען די ביידע אויפגעהאַנגען געוואָרען אויף דעם פּלאַץ וואו די „וואָיבלד“ בילדינג שטייט איצט.

די הינריכטונג פון לייסלער׳ן האָט די באַוועגונג, וועלכע ער האָט אַנגעפירט, ניט דערשטיקט. יאָרען לאַנג נאָכדעם האָט די לייסלער־פּאַרטיי געפירט דעם קאַמף געגען די אריסטאָקראַטען און אין די וואַלען פון 1699 האָט זי ענדליך געוואונען אַ גרויסע מאַיאָ־ריטעט אין דער אַסעמבלי. דער דאַמאָלסטיגער גאָווערנאָר, וועל־כער איז ווירקליך געווען אַ ליבעראַלער מענש, האָט אָפען ער־קלערט, אַז לייסלער און מילבאָרן זיינען „דערמאָרדעט געוואָרען“ פון דער רעגירונג. ער האָט באַפוילען, אַז לייסלער׳ס פאַרמעגען וועלכע איז נאָך זיין הינריכטונג קאָנפיסקירט געוואָרען זאָל אומ־געקערט ווערען צו זיינע יורשים. די קערפּער פון די צוויי מאַרטי־רער זיינען ארויסגענומען געוואָרען פון די קברים און באַערדיגט געוואָרען מיט גרויס פּאַראַד.

24.

די באַציאונג צווישען די קאָלאָניסטען און די אינדיאַנער

די באַפעלקערונג פון אַמעריקאַ, ווען די אייראָפּייער האָבען אָהין אָנגעהויבען אייטצואוואַנדערען מיט דריי־פיר הונדערט יאָר צוריק, איז באַשטאַנען פון אַן ערך אַ האַלבען מיליאָן ווילדע און האַלב־ווילדע מענשען. „אינדיאַנער“ — האָבען די ווייסע אייראָ־פּייער זיי גערופען. איצט איז פון אַט יענע איינגעבאָרענע כמעט קיין זכר ניטאָ. זיי זיינען פאַרשוואונדען, ניט ווייל זיי האָבען זיך מיט די ווייסע אויסגעמישט; נאָר ווייל זיי זיינען פון די ווייסע איינפאַך אויסגע׳הרג׳עט געוואָרען. ווי דער היסטאָריקער עדעמס דריקט זיך אויס: „די באַציאונגען צווישען די ווייסע און די אינ־דיאַנער זיינען כמעט אין אַלע קאָלאָניעס געווען דיזעלבע. פריער האָבען די ווייסע מיט זיי געהאַנדעלט, דערנאָך מיט זיי מלחמה געהאַלטען, צייטענווייז צו זיי געפּריידיגט קריסטענטום און ענד־ליך זיי אויסגעראָטען“.

אין די אַלטע שריפטען פון די היסטאָריקער און גלחים אין 17־טען יאָהרהונדערט ווערען די אינדיאַנער געשילדערט אַלס ווילדע בעסטיעס, אָהן אַ ברעקעל מענשליכען געפיהל, אָהן אַ פונק פון מאָראַל, אָהן אַ שפּור פון גייסטיגקייט. אין די שפּעטערע יאָהרען, ווען די אינדיאַנער האָבען אויפגעהערט צו זיין אַ סכנה, זיינען זיי שוין פון מאַנכע שרייבער אידעאַליזירט געוואָרען. גע־שילדערט געוואָרען אַלס נאָבעלע, נאַאיווע און העלדישע מענשען. עס פאַרשטעהט זיך, אַז ביידע מיינונגען זיינען איבערטריבען. דער אינדיאַנער האָט געהאַט זיינע מעלות און זיינע חסרונות. אין

איינציגע פּרטים איז ער געווען בעסער ווי דער ווייסער און אין אַנ־דערע ערגער.

די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג פון די אינדיאַנער איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע, ווי אונזערע. אַ צאָל פאַמיליעס האָבען געוואוינט צוזאַמען אין אַ מין קאָמונע. געהייסען האָט עס, אַז די פאַמיליעס שטאַמען אַלע אָפּ פון איין פאָטער אָדער פון איין מוטער און זיי־נען דערפאַר איין משפחה. די מיטגלידער פון דער גרופּע, אָדער שטאַם, האָבען איינע מיט די אַנדערע ניט געטאָרט הייראַטען. זיי האָבען אַלע אָפּגעהיט די זעלבע רעליגיעזע מנהגים און צערעמאָ־ניעס. זיי האָבען געהאַט איין בית־עולם, און זיינען געווען פאַר־פליכטעט איינע די אַנדערע צו פאַרטיידיגען געגען אַ פרעמדען. אַלע מיטגלידער פון דער גרופּע, אי די מענער אי די פרויען, האָבען געהאַט גלייכע פּאָליטישע רעכט. זיי האָבען געוועהלט איינעם פון זיך אַלס „הויפּט" („סייקעם" האָט מען אים גערופען), ער זאָל אכטונג געבען אויף דער אָרדנונג אין דער גרופּע גופא. פאַר קריגס־צוועקען פלעגען זיי אויסקלייבען אַ הויפּטלינג. די ערד האָט געהערט צו דער גאַנצער גרופּע. די אינדיאַנער האָבען גאָרניט באַגריפען ווי אַזוי דאָס לאַנד קען באַלאַנגען צו אַן איינצעלנעם, אָדער ווי אַזוי איז דאָס מעגליך דאָס לאַנד צו פאַרקויפען אָדער אוועקצושענקען. פּריוואַט אייגענטום האָבען זיי אָנערקענט בלויז אין אַזוינע זאַכען, וואָס דער איינצעלנער מוז האָבען פאַר זיין באַל־דיגען פּערזענליכען געברויך, ווי, צום ביישפּיל, קליידער אָדער וואָפען.

עטליכע גרופּען צוזאַמען זיינען געווען פאַראייניגט אין אַ שבט. און אָפט פלעגען זיך עטליכע שבטים פאַראייניגען אין אַ פאַרבאַנד. געלעבט האָבען די גרופּען הויפּטזעכליך פון יאַגד, כאָטש זיי האָבען אויך באַארבייט די ערד און געזייט געוויסע תבואות. די שבטים צווישען זיך האָבען זעלטען געלעבט אין פרידען. דער „נאַטירליכער צושטאַנד" איז געווען קריג און בלויז צייטענווייז פלעגט צווישען איין שבט און דעם צווייטען געשלאָסען ווערען אַ פרידענס־אָפּמאַך. דער שטאַרקערער שבט פלעגט אַרויפצווינגען זיין הערשאַפט אויפ'ן שוואַכערען און פון אים אַרויספּרעסען צינ־

זען. דאס הייסט אבער ניט, אז די שבטים האבען געהאט א מיליטער־סיסטעם און אז זיי האבען געפירט קריג מיט א סיסטעם. פונקט פארקערט, מען האט קיינעם ניט געצוואונגען צו געהן אין קריג. מען האט זאגאר ניט געוואוסט פון אזא זאך ווי געצוואונגענע מיליטער־דינסט. יעדער איינער אין שבט האט געהאט דאס רעכט צו ארגאניזירען אן עקספעדיציע צו באפאלען אן אנדער שבט. אין די עקספעדיציעס האבען זיך געקענט אנשליסען די וואס האבען געוואלט. די איבעריגע זיינען געבליבען אין דער היים.

די ארבייט אין דער פאמיליע איז געווען גלייך איינגעטיילט צווישען דעם מאן און דער פרוי. זי פלעגט אקערען און זייען די פעלדער און ער פלעגט פארען פאנגען חיות און כאפען פיש. זי פלעגט האדעווען די קינדער און ער פלעגט מאכען די וואפען און בויען שיפלאך. זי האט געהאט גלייכע רעכט, א גלייכע דעה אין געזעלשאפטליכע ענינים; אפילו דאס רעכט געוועהלט צו ווערען אלס „הויפט". ביי מאנכע שבטים איז די שטראף פאר ערמארדען א פרוי געווען צוויי מאל אזוי שווער, ווי די שטראף פאר דערמארדען א מאן. און היסטאריקער ווייזען אן אויף דעם מערקווירדיגען פאקט, אז די אינדיאנער זיינען קיינמאל ניט באשולדיגט געווארען אין אנגרייפען א ווייסע פרוי, וועלכע איז אריינגעפאלען אלס קריגס־געפאנגענע אין זייערע הענט, אין דער צייט וואס געגען די ווייסע זיינען אזוינע באשולדיגונגען געמאכט געווארען זעהר אפט.

פון דעם ערשטען טאג, וואס די ווייסע האבען זיך באוויזען ביי די ברעגען פון אמעריקא, האבען די אינדיאנער אויף זיי געקוקט מיט חשד און די נאענטע באקאנטשאפט אין די האנדעל־פארבינדונגען האבען דעם געפיהל פון חשד פארוואנדעלט אין מורא און האס. די אינדיאנער האבען געזעהן ווי די צאל פון די ווייסע וואקסט און ווי זיי פארשפרייטען זיך אלץ ווייטער און ווייטער און פארנעמען אלץ מעהר און מעהר פון זייער לאנד. זיי האבען אויך געפילט, אז וואס גרעסער אין צאל די ווייסע ווערען, אלץ גרעסער וואקס זייער חוצפה און זייער טיראניי געגען די אינדיאנער. ווען פון צייט צו צייט פלעגט אין דער אדער יענער

קאָלאָניע זיך באַוויזן אַ מוטיגער פירער צווישן די אינדיאַנער, וועלכער פלעגט פּרובירן די סכנה אינגאַנצן אויסצוראָטן. דאָס פלעגט אויסברעכן אַ בלוטיגער קריג. וועלכער פלעגט זיך אָנ־פאַנגען מיט פּאָגראָמען אויף די קאָלאָניסטן, מיט פּלוצלונגע אָנ־פאַלן אויף ווייסע ישובים, מיט מאָרדן און שרפות, און וועלכער פלעגט זיך ענדיגן מיט דער אויסראָטונג פון אינדיאַנישן שבט. וואָס האָט אונטערנומען דעם קרייץ־צוג געגען די ווייסע.

די שרעקליכסטע מלחמות צווישן די ווייסע און די אינדיאַ־נער זיינען פאָרגעקומען אין די ניו־ענגלאַנד קאָלאָניעס דערפאַר, וואָס דאָרטן זיינען די קריוודעס פון די אינדיאַנער געווען שווע־רערע און שאַרפערע. אין וואָס זיינען די קריוודעס באַשטאַנען?

די ווייסע קאָלאָניסטן האָבן אַוועקגענומען די ערד פון די אינדיאַנער. די ערשטע צייט האָבן די ווייסע זיך באַנוצט מיט „געזעצליכע מיטלען". זיי האָבן דאָס לאַנד געקויפט ביי די הויפּט־לייט פון די שבטים. דער באַגריף וועגן לאַנד־אייגנטום איז ביי די אינדיאַנער געווען אַזוי פאַרשידן ווי ביי די איינגעוואַנדערטע אייראָפּעער, אַז דער האַנדעל האָט געפירט צו ערנסטע מיספאַר־שטענדענישן. דער געדאַנק פון פּריוואַט אייגנטום אין לאַנד איז די אינדיאַנער געווען אינגאַנצן פרעמד. ווען אַ הויפּטמאַן פון אַ שבט האָט זיך אונטערגעשריבן אויף אַ קאָנטראַקט, אַז ער פאַר־קויפט אַ שטיק ערד צו די ווייסע, האָט ער ניט באַגריפן וואָס ער טוט. ער האָט געמיינט, אַז דערמיט גיט ער די ווייסע בלויז דאָס רעכט צו באַנוצן זיך מיט דער שטיק ערד אויפ'ן זעלבן אופן, ווי די אינדיאַנער. דאַן ווען די ווייסע האָבן די שטיקער אָפּגעקויפטע ערד אַרומגעצאַמט און צוגענומען אינגאַנצן פאַר זיך, האָבן די אינדיאַנער געפילט, אַז זיי ווערן באַראַבעוועט. דערצו זיינען די פּרייזן, וואָס די ווייסע האָבן פאַר דער ערד געצאָלט, געווען לעכערליכע: אַ האַק, אַ מעסער, אַ זאַק אָדער אַן ענליכער חפץ.

וואָס מעהר קאָלאָניסטן עס זיינען אָנגעקומען, אַלץ גרע־סער איז געוואָרן דער געיעג נאָך ערד און די ווייסע האָבן אָנגעפאַנגען צו באַנוצן זיכערערע און שנעלערע מיטלען די ערד

פון די אינדיאנער אוועקצונעמען. זיי האבען קאנפיסקירט אינ־דיאנישע ערד יעדען מאל, ווען אן איינצעלנער אינדיאנער אדער אן אינדיאנישער שבט האט זיך געגען זיי פארזינדיגט. און די „זינד“ פון די אינדיאנער זיינען געווען אהן א שיעור, ווייל די ווייסע האבען פון זיי געפאדערט זיי זאלען אפהיטען אלע ווייסע געזעצען, אפילו די, מיט וועלכע די אינדיאנער זיינען גאר ניט באקאנט געווען. עס פלעגט פאסירען, אז א קאלאניע פלעגט בכיון פארפירען א קריג מיט אן אינדיאנישען שבט כדי זי זאל דערנאך „אלס שטראף“ קענען קאנפיסקירען די ערד פון דעם שבט.

אויף אזא אופן זיינען די ווייסע אריינגעדרונגען אלץ ווייטער און ווייטער אין דער אינדיאנישער טעריטאריע. די אינדיאנער אין ניו־ענגלאנד האבען זיך גענומען פיהלען ווי פרעמדע, ווי גע־טריבענע אין זייער אייגענעם פאטערלאנד. אין פארלויף פון 50 יאהר, פון 1620 ביז 1670, איז די צאל פון די ווייסע קאלאניסטען אין ניו־ענגלאנד געוואקסען ביז 52 טויזענד. אינדיאנער זיינען דארטען געווען ארום און ניט מעהר ווי א 13 טויזענד.

אין די ערשטע יאהרען פון די קאלאניעס האבען די ווייסע געזוכט מיט אלע כוחות צו געווינען די פריינדשאפט פון די אינ־דיאנער, און די אינדיאנער האבען זיך זעהר גוט אפגערופען. ווען ניט די פריינדליכע הילף און שטיצע פון די אינדיאנער, וואלטען די קאלאניעס די שרעקליכע הונגער־צייט ניט איבערגעלעבט. די אינדיאנער האבען געגלויבט אין די פריינדליכע פארזיכערונגען און אין די יושר'דיגע אפמאכען פון די ווייסע איינוואוינער.

שפעטער אבער האט זיך דער צושטאנד אינגאנצען געענ־דערט. די ווייסע, פיהלענדיג אז זיי זיינען מעהר אין צאל און בע־סער באוואפענט ווי די אינדיאנער, האבען אויף זייערע אמאליגע פריינט גענומען קוקען מיט האס און פאראכטונג. די פרומע גלחים האבען זיי פארדאמט אלס געצענדינער און דעם „טייפעל'ס קינ־דער“. די רעגירונג האט געמאכט ספעציעלע געזעצען געגען זיי. אט איז א ביישפיל פון דער גערעכטיגקייט, וואס איז געווארען צו־געטיילט פון דער רעגירונג צו אינדיאנער. א געזעץ איז דורכגע־פירט געווארען, אז אן אינדיאנער, וועלכער וועט געפונען ווערען



נאַטהאַניעל בייקאָן און זיינע אָנהענגער מאַרשירענדיג דורך דער אונטערגעצונדענער שטאָט דזשיימסטאון.

אַ שיכור׳ער, דאַרף באַשטראָפט ווערען מיט צוועלף טעג צוואַנגס־אַרבייט; זעקס טעג דאַרף ער אַרבייטען פאַר דער רעגירונג און זעקס טעג פאַר דעם, וואָס האָט אים פאַר דער רעגירונג פאַר׳מסר׳ט. מען קען זיך לייכט פאָרשטעלען, ווי אַזוי דאָס געזעץ איז מיסברויכט געוואָרען פון די קאָלאָניסטען. ווען איינעם האָט געפעהלט אַן אַרבייטער אויף אַ געוויסער צייט, האָט ער אויפגעזוכט אַן אינדיאַנער, אים טראַקטירט מיט אַ פאָר שנעפּסלאַך און דאַן אים פאַר׳מסר׳ט פאַר דער רעגירונג. פאַר די פאָר גלעזלאַך בראַנפען האָט ער געהאַט אַן אומזיסטען שקלאַף אַ גאַנצע וואָך צייט. היסטאָריקער באַהויפּטען, אַז די רעגירונג פון דער מאַסאַטשוזעטס קאָלאָניע האָט דאָס דאָזיגע מיטעל אָנגעווענדט כדי צו קריגען פרייע אַרבייטער צו בויען וועגען און צו טאָן אַנדערע שווערע אַרבייט אויפ׳ן לאַנד.

אינדיאַנער האָבען אויך געמוזט פאָלגען די רעליגיעזע געזעצען. זיי האָבען ניט געטאָרט פאַרשוועכען דעם הייליגען זונטאָג און געמוזט קומען הערען די דרשות פון גלחים. די שטראָף פאַר ניט פאָלגען די געזעצען איז געווען שמיץ אויפ׳ן נאַקעטען לייב.

דער אינדיאַנער איז זעהר אַ שטאָלצער און אַ געפילפולער. די קאָלאָניסטען האָבען אים דערנידעריגט און באַליידיגט, אפילו ווען עס איז קיין אורזאַך ניט געווען. זעהר אָפט פלעגט די רעגירונג שיקען אַ באַפעהל צו אַן אינדיאַנישען הויפּטמאַן, ער זאָל זיך מעלדען פאַר אַן אונטערזוכונגס־קאָמיטע און ענטפערען אויף געוויסע באַשולדיגונגען. און ווען דער הויפּטמאַן פלעגט זיך אָנטזאָגען צו קומען, פלעגט די רעגירונג שיקען סאָלדאַטען אים צו כאַפּען און ברייננגען מיט געוואַלד צו שלעפּען. די באַשולדיגונגען פלעגען געווען געוועהנליך זיין, אַז דער הויפּטמאַן פלאַנעוועט צו מאַכען פּאָגראָמען אויף די קאָלאָניסטען. און אויב עס איז נאָר אויף דעם געווען דער מינדסטער באַווייז, פלעגט די קאָלאָניאַלע רעגירונג קאָנפיסקירען אַלע ביקסען און אַנדערע געוועהר פון דעם שבט. פאַר די אינדיאַנער איז די געוועהר געווען נויטיג ניט בלויז פאַר קריג, נאָר אויך פאַר געיעג. אָהן ביקסען, אָהן געוועהר האָט דער שבט ניט געקאָנט קריגען קיין לעבענס־מיטעל. די שטראָף, אַלזאָ,

איז געווען פיל ערנסטער, ווי בלויז דער אוועקנעמען פון אייגענ־
טום. ער פלעגט די באשטראפטע איבערלאזען אין הונגער־געפאהר.

און אין פאל דעם באשולדיגטען הויפטמאן איז געלונגען זיך
אינגאנצען ריינצוואשען, האט ער אויך ניט גלאט אפגעשניטען.
דאס געריכט האט אים געהאלטען פאראנטווארטליך פאר דעם
בלבול, וואס איז געגען אים געמאכט געווארען און ער האט געמוזט
באצאלען די הוצאות פון זיין פראצעס. אזוי ווי קיין געלט האבען
די אינדיאנער ניט געהאט, פלעגט ער מוזען זיך אויסקויפען מיט
א שטיק ערד. די בלבולים געגען די הויפט־לייט זיינען אנגעווענדט
געווארען אלס נאך א מיטעל צוצונעמען פון די אינדיאנער די ערד
פון אונטער זייערע פיס.

די גרויסע מאסען פון דער ווייסער באפעלקערונג האבען באַ־
האנדעלט דעם אינדיאנער אין דעם טאג־טעגליכען לעבען נאך
ערגער ווי דער נעגער ווערט איצט באהאנדעלט אין דער סאוט.
ווען אינדיאנער האבען געוואוינט בשכנות מיט ווייסע, זיינען זיי
ניט זיכער געווען מיט זייער אייגענטום. די ווייסע פלעגען לאזען
זייערע בהמות, פערד און חזירים צו צוטרעטען די גערטנער און
פעלדער פון די אינדיאנער. די אינדיאנער פלעגען זיך ווענען דעם
קלאגען צו דער רעגירונג, און אין מאנכע פלעצער זיינען בלומרשט
אנגענומען געווארען מיטלען צו פארטיידיגען זיי, אבער די רעזול־
טאטען זיינען זעלטען געווען צופרידענשטעלענדיג.

זאגאר יענע אינדיאנער, וועלכע האבען אנגענומען דעם קרים־
טענטום און זיינען אריינגענומען געווארען אין דער קריסטליכער
קירכע, זיינען ניט בעסער באהאנדעלט געווארען. די הייליגע גלחים
פון דער פוריטאנער קירכע האבען געצוואונגען די אינדיאנער צו
קומען הערען זייערע דרשות און אפצוהיטען רעליגיעזע דינים.
אבער ווען דער אינדיאנער האט איינגעוויליגט צו ווערען א קריסט,
האבען אים דיזעלבע גלחים אפגעשטויסען. פאר די גע׳שמד׳טע
אינדיאנער זיינען געבויט געווארען ספעציעלע ישובים. זיי זיינען
פון אלעמען באהאנדעלט געווארען ווי אויסוואורפען. מיט די אינ־
דיאנער האבען זיי ניט געקענט וואוינען, ווייל יענע האבען זיי

באַטראַכט פאַר פאַררעטער, און די ווייסע האָבען זיי צו זיך ניט געוואָלט אריינגעמען.

אַט אַזוינע באַציהונגען האָבען עקזיסטירט צווישען די ניט־ציוויליזירטע איינגעבאָרענע און די ציוויליזירטע איינגעוואַנדערטע אין דער צווייטער העלפט פון 17־טען יאָהרהונדערט. דער בלוטיגער צוזאַמענשטויס צווישען דעם אינדיאַנער פיקוואַ־שבט מיט די קאָלאָניסטען אין 1637, האָט זיך געענדיגט מיט אַ פול־שטענדיגער נידערלאַגע פאַר די אינדיאַנער. דער גאַנצער פיקוואַ־שבט איז פאַרניכטעט געוואָרען. פון דעמאָלט אָן האָבען די ווייסע געפילט זיכער נאָך אַזאַ דערפאַרונג וועלען די אינדיאַנער מיט זיי מעהר ניט וואַגען צו פאַרטשעפּען. ביסלאַכווייז איז אָבער דער אַלטער דור אויסגעשטאָרבען, און ביי די יונגע לייט פון דעם נייעם דור און זייערע יונגע הויפּט־לייט האָט זיך גענומען אָנזאַמלען אַ נייער קוואַל פון צאָרן און האַס. זיי האָבען אין די ווייסע געזעהן אַן אָנשיקעניש, אַ קללה, פון וועלכע זיי מוזען זיך באַפרייען. זיי האָבען גענומען פיהלען, אַז אויב זיי וועלען ווייטער שווייגען, וועט דער שטראָם פון די ווייסע זיי אינגאַנצען פאַרפּלייצען.

אין 1675 האָבען זיי געמאַכט דעם לעצטען פאַרצווייפעלטען פאַרזוך די ווייסע פון זייער פאַטערלאַנד צו פאַרטרייבען, זיי פון דאַנען אויסצוראָטען. דער פאַרזוך איז געווען אַ משוגע־נער. 13 טויזענד האַלב־ווילדע געגען 52 טויזענד ציוויליזירטע! דער אויפ־שטאַנד פון די אינדיאַנער איז אין טייכען בלוט דערטרונקען גע־וואָרען; אָבער די ווייסע האָבען אַ שרעקליכען פּרייז באַצאָלט. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, האָט זיך קיינער פון די ווייסע ניט פאָרגעשטעלט דעם שרעקליכע חורבן, וואָס זי וועט אין די קאָלאָניעס אָנמאַכען.

.25

קעניג פיליפ׳ס מלחמה

די ערשטע גרויסע מלחמה צווישען די אינדיאנער און די קא־לאניסטען אין ניו־ענגלאנד איז פארגעקומען אין דעם יאר 1637. דעמאלט זיינען די אינדיאנער געווען פיל שטארקער, ווי די ווייסע — מער אין צאל און אין בעסערע פאזיציעס, אבער טאקע דערפאר זיינען די קריוודעס פון די אינדיאנער דעמאלט ניט געווען אזוינע ערנסטע. זיינען פיל פון די אינדיאנישע שבטים געווען נייטראל און אנדערע האבען אפילו געהאלפען די קאלאניסטען. דאס האט מעגליך געמאכט, פאר די ווייסע די מלחמה שנעל צו געווינען. און דעם זיג זייערען האבען זיי פארזיגעלט מיט אזא ברוטאליטעט, מיט אזא שרעקליכקייט, אז עס האט געדויערט א לאנגע צייט, איידער די אינדיאנער האבען געוואגט צו נעמען טראכטען וועגען א צווייטען אויפשטאנד.

די צווייטע און די בלוטיגסטע מלחמה האט אויסגעבראכען אין 1675. אין איר זיינען די וויכטיגסטע שבטים פון ניו־ענגלאנד געווען פאראייניגט. די מלחמה האט אנגעהאלטען עטליכע יאר. געזיגט דאס מאל האבען די ווייסע דערפאר. וואס זיי זיינען געווען פיל מאל אזוי גרויס אין צאל און רייכער אינדוסטריעל און בעסער באוואפענט.

די מלחמה ווערט באצייכענט מיט׳ן נאמען „קעניג פיליפ׳ס קריג“. פיליפ איז געווען דער הויפט פון דעם אינדיאנישען שבט וואמפאנאאג — א שבט, וועלכער איז אימער געווען פריינדליך צו די קאלאניסטען. פיליפ׳ס פאטער האט ניט איינמאל געראטעוועט די קאלאניסטען פון פארשיידענע געפארען. די באהאנדלונג אבער,

וואס פיליפ האט פון די ווייסע געקראגן, האט פארוואנדעלט אט־דעם פריינדליכסטען שבט אין דעם פיינדליכסטען. פיליפ האט גע־ירשנ'ט זיין אמט אין דעם יאר 1661, פון זיין עלטערען ברודער. וועלכער איז נאך אן אומזיסטען ארעסט פון די ווייסע געשטארבען פון הארץ־ווייטאג און אויפרעגונג. קורץ נאכדעם האבען זיך גענומען הערען קלאנגען אין די קאלאניעס, אז פיליפ גרייט זיך צו קריג. די הערשער פון די קאלאניעס האבען באשלאסען פיליפ'ן צו באשטראפען, צונעמען ביי אים זיין געווער און קאנפיסקירען שטיקער לאנד. יעדען מאל, וואס ער איז געבראכט געווארען פאר דעם געריכט אין די קאלאניעם, איז אים געלונגען צו באווייזען, אז די קלאנגען זיינען פאלשע.

ווען ער האט באמת אנגעפאנגען צו מאכען זיינע הכנות איז אוממעגליך צו באשטימען. עס איז איבערהויפט ניט זיכער, צי ער האט די מלחמה גאר געפלאנעוועט. עס זיינען דא מיינונגען פון היסטאריקער, אז דער קאמף האט אויסגעבראכען פון זיך אליין, און אז פיליפ איז שפעטער געווארען די פראמינענטסטע פיגור דורך זיין אומערמידליכער טעטיגקייט אריינצוציען וואס מער שבטים אין דעם קאמף.

אנגעפאנגען האט זיך די מלחמה דורך א מארד און א דרייפאכער הינריכטונג. דעם מארד האבען באגאנגען די אינדיאנער. זייער קרבן איז געווען דזשאן סאלאמאן, פיליפ'ס סעקרעטער, א געטויפטער אינדיאנער. סאלאמאן האט פאר'מסר'ט פיליפ'ן פאר די ווייסע, אז ער מאכט קאנספיראציעס געגען די קאלאניסטען. פאר דער מסירה האבען די אינדיאנער אים אין געהיים גע'הרג'עט. די ווייסע האבען ארעסטירט דריי אנגעזעענע אינדיאנער, זיי גע'משפט פאר'ן מארד און זיי הינגעריכטעט.

די הינריכטונג איז געווען דער פונק, וואס האט אנגעצונדען די פולווער. אין א קורצער צייט ארום האבען די אינדיאנער אנגעהויבען צו באפאלען פארמס און שטעטלאך און מאכען פאגראמען אויף זיי. פון פארשיידענע ווינקלען ביים גרענעץ האבען זיך גענומען טראגען נייעס וועגען הריגות און שרפות.

די פרומע גלחים און די פרומע באאמטע פון די קאלאניעס הא־

בען ניט פארשטאנען די באדייטונג פון די בלוטיגע נייסען. זיי האבען זיך ניט געקענט פארשטעלען, אז די אינדיאנער זאלען וואגען זיך צו שטעלען געגען זיי. די פרומאקעס זיינען נאך א בעראטונג געקומען צום שלום, אז דאס האט גאט אראפגעשיקט א שטראף אויף די קאלאניסטען, דערפאר וואס זיי, די קאלאניסטען, זיינען די לעצטע צייט געווארען צו טאלעראנט צו די קוויקערס און דערפאר וואס די מענער אין די קאלאניעס האבען גענומען טראגען פארוקען און די פרויען האבען גענומען שערען און גרייזלען די האר.

עס האט אבער לאנג ניט געדויערט און די פרומע הערשער האבען זייער מיינונג געענדערט. זיי האבען באקומען ידיעות, אז די אינדיאנער זיינען גאנץ ערנסט מיט זייער אויפשטאנד, אז זיי מיינען ווירקליך די ווייסע אין גאנצען אויסצוראטען. און די קאלאניסטען האבען זיך גענומען צו ארגאניזירען ארמייען און צו פירען קריג. די קוויקערס און די פארוקען און די געקרויזטע האר האבען זיי אפגעלעגט אויף א רוהיגערע צייט.

די מלחמה האט זיך געקאנט ענדיגען מיט א שנעלען זיג פאר די ווייסע, ווען ניט א גאנצע רייע מיט שטערונגען. ערשטענס, האבען די קאלאניסטען קיין חשק ניט געהאט צו ריזיקירען מיט זייערע לעבענס און גיין אין דער ארמיי. מען האט זיי געמוזט מיט געוואלד טרייבען. א שטיק צייט האט מאסאטשוזעטס באשטראפט מיט'ן טויט די יעניגע, וואס האבען זיך אנטזאגט צו דינען. צווייטענס, איז די אייפערזוכט צווישען די קאלאניעס געווען זייער שארף. יעדע קאלאניע האט געוואלט האבען דעם כבוד, אז איר גענעראל זאל פירען די ארמיי. דאס האט געשטערט צו א פאראייניגטען פלאן און צו א פאראייניגונג פון כחות. דריטענס, האבען די ווייסע אזוי גרויזאם באהאנדעלט די פרידליכע אינדיאנער, אפילו די גע'שמד'טע, אז אנשטאט דעם, די פרידליכע אינדיאנער זאלען זיי העלפען זיינען זיי אריין אין די רייען פון שונאים. פערטענס, האבען די ווייסע א לאנגע צייט ניט פארשטאנען, אדער ניט געוואלט פארשטיין די ערנסטקייט פון דעם אויפשטאנד.

דער ווינטער פון 1675 איז געווען א שרעקליכער פאר די קאלאניסטען. די אינדיאנער זיינען ווי סטאדעס וועלף געלאפען פון

איין ישוב צום צווייטען. זיי פלעגען אנפאלען פלוצלונג, אין מי־טען נאכט, מאכען א שחיטה אין איין הויז אדער אין עטליכע, אפ־האקען די קעפ פון זייערע קרבנות, אונטערצינדען די שטיבער, די פערד, בהמות און אנדערע חיות אויסשעכטען, און דאן פארשווינ־דען. די ווייסע פלעגען שיקען נאך זיי אן עקספעדיציע אין איין ארט און זיי פלעגען פלוצלונג אויסוואקסען אין א צווייטען ארט, מיילען ווייט פון דארטען. קיין שטעטעל איז ניט געווען זיכער מיט'ן מארגען. איידער מען איז געגאנגען שלאפען האט מען זיך געזעגענט מיט'ן לעבען.

וואס לענגער די מלחמה האט אנגעהאלטען, אלץ גרויזאמער איז זי געווארען, פון ביידע זייטען. די אינדיאנער און די ווייסע האבען איינע די אנדערע באטראכט ווי ווילדע חיות און האבען איינע געגען די אנדערע באנוצט די גרויזאמסטע, די בארבאריש־סטע קריגס מעטאדען. מיר ווילען דא געבען א שילדערונג פון צוויי שלאכטען, איינע אין וועלכער די גרויזאמקייט פון די אינדיאנער שפיגעלט זיך אפ; און איינע אין וועלכער די גרויזאמקייט פון די ווייסע שפיגעלט זיך אפ.

ביים מעריב־גרעניץ פון מאסאטשוזעטס, 50 מייל פון באס־טאן, איז געלעגען די קליינע שטעטעל לענסטער. יארען לאנג הא־בען די ווייסע און די אינדיאנער דארטען געלעבט בשלום. די ווייר סע באפעלקערונג איז באשטאנען פון א פופציג־זעכציג פאמיליעס, אן ערך פון 300 נפשות.

אין מאנאט פעברואר 1676 האבען די ווייסע גענומען בא־מערקען, אז די אינדיאנער האלטען אפ געהיימע פארזאמלונגען און ארגאניזירען זיך. האבען זיי באשלאסען צו שיקען קיין באסטאן נאך הילף און האבען אלס שליח אויסגעקליבען זייער גלח, רעוו־רענד ראולענדסאן. פאר זיין אוועקפאר האט דער גלח באפעסטיגט זיין וואוינונג און אנגעשטעלט וועכטער צו היטען זיין פרוי און קינדער.

אין מיטען דער נאכט פון דעם 10טען פעברואר האבען 15 הונדערט אינדיאנער ארומגערינגעלט די שטעטעל און זי אונטער־געצונדען. די פלאמען האבען ארויסגעטריבען אלע ווייסע פון זייערע

הייזער און פיל פון זיי זיינען דערשאסען געווארען, זוכענדיג א רעטונגס פלאץ. די וואס האבען די קוילען פון די אינדיאנער אויס־געמידען, האבען זיך באפעסטיגט אין עטליכע הייזער. אין רעוו־רענד ראולענדסאנ'ס הויז האבען זיך פארזאמעלט 51 פערזאן. די „פעסטונג" איז באטראכט געווארען אלס די שטארקסטע אין דער שטעטעל.

צוויי שטונדען האט די מלחמה ארום דער הויז אנגעהאלטען. ענדליך איז די אינדיאנער געלונגען זי אונטערצוציגדען. די פלא־מען האבען ארויסגעטריבען די אומגליקליכע אין דרויסען, וואו די אינדיאנער האבען אויף זיי געווארט מיט העק און מיט מעסערס. די מענער זיינען אלע אויסגעשאכטען געווארען. צוואנציג פרויען און קינדער זיינען גענומען געווארען אלס געפאנגענע. מרס. ראו־לענדסאן האט געהאט דריי קינדער, צוויי האבען זיך אנגעהאלטען אן איר קלייד. דאס דריטע, א קראנקע מיידעלע פון א יאר זעקס, איז געווען ביי איר אויף די הענט. איר שוועסטער מיט עטליכע קליינע קינדער זיינען דארטען אויך געווען.

אין דער שיסעריי האט איין קול געטראפען מרס. ראולענד־סאן אין א זייט און א צווייטע, איר קראנקע קינד אין בויך. איר שוועסטער'ס א אינגעלע איז נעבען איר געפאלען מיט א צושמע־טערטער פוס. אן אינדיאנער האט אים דאן דערענדיגט מיט א האק אין קאפ. די מוטער זיינע האט געמאכט א פארזוך אים צו ראטעווען און האט דערפאר באצאלט מיט איר לעבען.

מרס. ראולענדסאן און אירע צוויי קינדער זיינען פארקויפט געווארען אלס שקלאפען. יעדער צו אן אנדערען בעל־הבית. די שרעקליכע צרות, וואס זי איז אויסגעשטאנען די צייט וואס זי איז געווען אין געפאנגענשאפט האט זי שפעטער באשריבען מיט אלע איינצעלהייטען. ביז היינטיגען טאג ווערט איר שילדערונג באנוצט אין די ביכער פון געשיכטע אין די אמעריקאנער שולען, אלס א באווייז פון דער גרויזאמקייט פון די אינדיאנער, כאטש די ווייסע האבען די געפאנגענע אינדיאנער ניט באהאנדעלט א האר בעסער.

די צווייטע שלאכט, אין וועלכער די ווייסע זיינען ארוים די זיגער און אין וועלכער זיי האבען זייער אכזריות באוויזען, איז

פארגעקומען מיט איינינע מאנאטען פריער, אין דעצעמבער 1675. די שלאכט איז געווען פיליכט די גרעסטע און שרעקליכסטע אין דער מלחמה.

די אינדיאנער, פון דריי ביז פיר טויזענט אין צאל, זיינען געווען באפעסטיגט אין א זומפ, ניט ווייט פון פראווידענס. אין מיטען פון דעם זומפ איז געווען עטליכע אקער טרוקענע ערד. דארטען האבען די אינדיאנער אויפגעשטעלט פינף הונדערט גרויסע הייזער, געבראכט אהין זייערע פרויען און קינדער, אנגעגרייט פראוויאנט און גערעכענט צו פארבלייבען ביז איבער'ן ווינטער.

די ווייסע האבען נאך א לאנגער בעראטונג באשלאסען דעם לאגער צו אטאקירען. פאר דעם צוועק האבען זיי ארגאניזירט אן ארמיי פון טויזענט געקליבענע סאלדאטען און זי געשטעלט אונטער דער קאמאנדע פון די בעסטע אפיצירען.

די שלאכט האט זיך אנגעפאנגען אין א קאלטען פארנאכט. די ווייסע האבען דורכגעזעצט א וועג אין דעם באפעסטיגטען זומפ, און דאן האט זיך די שחיטה אנגעפאנגען. מיר ציטירען דא פון דעם היסטאריקער עבאט, וועלכער האט זעלטען א גוט ווארט פאר די אינדיאנער און א שלעכט ווארט גענען די ווייסע. ער שרייבט אט דאס:

„די אינדיאנישע מענער, פרויען און קינדער זיינען געלאפען פון איין הויז אין דער צווייטער, אבער אויפ'ן וועג זיינען זיי געשאסען געווארען אן רחמנות. די פארצווייפעלטע קאלאניסטען האבען באטראכט די קינדער פון די אינדיאנער אלס יונגע שלאנגען, ביי וועמען מען מוז דעם מארך צושמעטערען. די אינדיאנישע פרויען האבען זיי געשאסען מיט דעם זעלבען געוויסען ווי זיי וואלטען דערשיסען א בעריכע אדער א וואלפיכע. דער געשריי פון די פרויען און קינדער האט זיך אויסגעמישט מיט דעם קנאקען פון די ביקסען. פיר שטונדען האט די שחיטה אנגעהאלטען. דער שניי, וואס האט די ערד באדעקט, איז רויט געווארען פון בלוט.

„דאן האבען די ווייסע אונטערגעצונדען די הייזער. קיין שפראך קאן ניט שילדערען די סצענע. אלטע מענער, פרויען און קינדער (די צאל ווייסט קיינער ניט) זיינען אומגעקומען אין די פלאמען.

די מענער, וואס האבען זיך ארויסגעראטעוועט און האבען גע־פרואווט אנטלויפען, זיינען נידערגעשאסען געווארען. אין פאר־לויף פון איין שטונדע צייט איז פון אלע הייזער געבליבען א בארג אש.״

אין דער שחיטה זיינען אומגעקומען אן ערך פון טויזענט אינ־דיאנער. די ווייסע האבען פארלוירען 70 טויטע און 150 פארוואונ־דעטע.

אין דעם זידליכען טייל פון ניו ענגלאנד האט די מלחמה אנ־געהאלטען א יאר צוויי. קעניג פיליפ איז געפאלען אויפ'ן שלאכט־פעלד אין מאנאט אויגוסט 1676, און מיט זיין טויט איז פאר די אינדיאנער אלץ געווען פארביי. אין דעם נארדליכען טייל פון ניו־ענגלאנד, אין מעין און אין ניו העמפשיר, וואו די קאלאניסטען זיינען געווען ווייניג אין צאל און ווייט אפגעזונדערט איינע פון די אנדערע, האבען די אינדיאנער א לאנגע צייט דערנאך פארלענ־גערט זייער „גערילא־קריג" און געברענט און געקוילעט אן אן אפ־האלט. די שרעקליכסטע מלחמה טראגעדיעס האבען זיך אפגע־שפילט אין מעין נאכדעם ווי די מלחמה איז אפיציעל שוין גע־ווען פאראיבער.

די פארלוסטען, וואס די קאלאניסטען האבען אין דער מלחמה געליטען, זיינען פאר יענער צייט און אונטער יענע אומשטענדען געווען אומגעהויער גרויס. די מעין קאלאניע האט זיך ניט דער־האלט פון דעם חורבן ביז פופציג יאר שפעטער. אין מאסאטשו־זעטס זיינען 16 שטעטלאך אין גאנצען אפגעווישט געווארען. אין רהאד איילאנד זיינען פארניכטעט געווארען פיר שטעטלאך. די מלחמה הוצאות פון די אלע קאלאניעס האבען אנגעטראפען די סו־מע פון צוויי מיליאן דאלאר. פון יעדע זעבצען מענער פון מילי־טערישען עלטער, איז איינער דער'הרג'עט געווארען. אויסער דעם זיינען פיל געפאנגען געווארען.

די אינדיאנער שבטים, וועלכע האבען זיך אין דער מלחמה באטייליגט, זיינען כמעט אינגאנצען פארניכטעט געווארען. די ווייסע האבען ניט באטראכט די אינדיאנישע סאלדאטען ווי קריגס־שונאים, נאר ווי פארברעכער. די געפאנגענע האבען זיי ענטוועפ־

דער הינגעריכט ,אדער פארקויפט אין שקלאפעריי אויף די ווייטע אינזלען, אין וועסט־אינדיע. צווישען די אומגליקליכע זיינען געווען די פרוי און דער ניין יאריגער זון פון קעניג פיליפ. וועגען דעם קליינעם אינגעלע איז אין דער מאסאטשוזעטס קאלאניע אנגעגאנגען אן ערנסטער סכסוך. די גלחים האבען גע'פסקנ'ט, אז אים מוז מען הינריכטען. די עפענטליכע מיינונג איז אבער געווען געגען אזא בארבאריי, — צו טויטען א יונג קינד דערפאר, וואס זיין פאטער האט געפירט מלחמה! עס איז געבליבען, אז ער זאל צוזאמען מיט זיין מוטער פארשיקט ווערען אויף די ווייטע אינזלען און דארטען פארקויפט ווערען אלס שקלאף.

די מלחמה צווישען די אינדיאנער און די קאלאניסטען איז ניו־ענגלאנד האט געהאט אן אפקלאנג אין די קאלאניעס פון דער סאוט. איבערהויפט האבען געליטען די קאלאניסטעןביים גרענעץ אין ווירדזשיניא, אויף וועמען די אינדיאנער האבען געמאכט פאגראמען. דער גאווערנאר פון ווירדזשיניא, וועלכער האט מיט די דארטיגע אינדיאנער געפירט א גרויסען האנדעל אין פוטערווארג, האט זיך אנטזאגט צו שיקען אן ארמיי די אינדיאנער צו פארטרייבען. און דאס איז געווען איינע פון די הויפט אורזאכען פון דער „בייקאן רעבעליאן“.

.26

די פראַנצויזען אין קענעדע און אויף דעם מיסיסיפּי טייך

צווישען די עטליכע אייראָפּייאישע לענדער, וועלכע האָבען געפּרואווט אריינצושטעלען אַ פוס אין דעם נאָרט אַמעריקאַנישען וועלט־טייל און זיך געסטאַרעט ניט צו דערלאָזען, אַז ענגלאַנד זאָל דאָרטען פאַרנעמען אַלץ, איז די וויכטיגסטע געווען פראַנקרייך. שפּאַניען האָט פאַרנומען דעם זידליכען טייל פון דעם קאָנטינענט; האָלאַנד האָט זיך אריינגעכאַפּט אין ניו יאָרק; שוועדען האָט זיך אריינגע׳גנב׳עט אין דעלעווער. זיי זיינען אָבער אַלע געווען שוואַכער ווי ענגלאַנד. און ניט די ענגלישע רעגירונג און ניט די ענגלישע קאָלאָניסטען האָבען זיך פאַר די דאָזיגע אריינדרינגער שטאַרק געשראָקען. אין דער גינסטיגער צייט האָט מען זיך מיט זיי ספּראַווען. אַנדערש איז עס אָבער געווען מיט פראַנקרייך. אין 17טען יאָרהונדערט איז זי געווען די שטאַרקסטע מדינה אין אייראָפּאַ. איר באַפעלקערונג איז געווען פיר מאָל אַזוי די גרויס ווי ענגלאַנד׳ס באַפעלקערונג. זי איז געווען מיליטעריש שטאַרק און אינדוסטריעל רייכער. בלויז אין האַנדעל האָבען ענגלאַנד און האָלאַנד זי איבערשטיגען. איר קאָנקורענץ געגען ענגלאַנד אויף דער אַמעריקאַנער טעריטאָריע איז דעריבער פון אָנפאַנג אָן באַטראַכט געוואָרען אַלס געפעהרליך. און ביז׳ן סוף פון 17טען יאָרהונדערט איז עס ווירקליך אוממעגליך געווען צו באַשטימען אויף זיכער ווער עס וועט אין דעם קאַמף ענדליך געווינען, וועלכע פון די צוויי לענדער וועט בלייבען די בעל הבית׳טע איבער אַמעריקע. און פון סוף 17טען יאָרהונדערט ביז׳ן מיטען 18טען יאָרהונדערט איז די פראַגע אויס־

געפאַכטען געוואָרען אויפ'ן שלאַכטפעלד אין אַ רייע פון בלוטיגע מלחמות, אין וועלכע ענגלאַנד איז אַרויס די פּאָלשטענדיגע זיגעריז.

דעם געיעג צו פארכאפען אמעריקע האבען פראנקרייך און ענגלאַנד אנגעהויבען צו דערזעלבער צייט. די ערשטע שטענדיגע קאָלאָניע האבען די ענגלענדער געגרינדעט אין דזשיימסטאון, ווירדזשיניאַ, אין דעם יאָר 1607; און די ערשטע שטענדיגע קאָלאָניע האבען די פראנצויזען געגרינדעט אין קוויבעק, קענעדע, אין דעם יאָר 1609. די גרינדער פון די פראנצויזישע קאָלאָניעס אין קענעדע זיינען אויך געווען פון זעלבען סאָרט ווי די גרינדער פון די ענגלישע קאָלאָניעס אין ווירדזשיניאַ און ניו ענגלאַנד — האנדעלס געזעלשאַפטען, וועלכע האבען פון זייער רעגירונג באקומען „טשאַרטערס", מיט דעם רעכט צו פארנעמען דאָס לאַנד, דאָרטען פירען האנדעל און גרינדען ישובים.

אָבער דער הויפּט־ציל פון די פראנצויזישע קאָלאָניסטען אין קענעדע איז געווען אַן אנדערער ווי פון די ענגלישע קאָלאָניסטען. די פראנצויזען זיינען אהער געקומען האנדלען, די ענגלענדער זיינען דאָ געקומען זיך באַזעצען, און דערפאַר האבען די פראנצויזען דאָ געבויט בלויז האנדעלס־פּאָסטען, צוואָרפענע איבער ווייטע שטרעקעס לאַנד; בשעת די ענגלענדער האבען דאָ געבויט דערפער, שטעטלאַך און שטעט, פארהעלטנישמעסיג נאָענט איינע נעבען די אנדערע.

די פראנצויזען האבען זייערע ערשטע קאָלאָניעס געגרינדעט אויף דעם אַטלאַנטישען ברעג, ניט ווייט פון מעין, און אויף דעם סענט לאָורענס טייך. די ערשטע גרופּע קאָלאָניעס איז געלעגען נאָענט צו ניו ענגלאַנד; די צווייטע גרופּע איז געווען ניט ווייט פון ניו יאָרק. די קאָלאָניעס ביים ים האבען אָבער קיין פאָרטשריט ניט געמאַכט. זיי האבען זיך אָפּגעגעבען הויפּטזעכליך מיט פאַנגען פיש און מיט אַקערען די ערד. די קאָלאָניסטען פון ניו ענגלאַנד פלעגען אויף זיי אָפט אַנפאַלען און מאַכען אויף זיי פּאָגראָמען. די קאָלאָניעס אויף דעם סענט לאָורענס טייך האבען אָבער שנעל אנטוויקעלט אַ גרויסען, רייכען האנדעל מיט די אינדיאַנער. און פון דאָרטען זיינען עס אַרויסגעשיקט געוואָרען די האנדעלס־עקספּעדי־

ציעס אין דער ווייטער וועסט און אויף די טייכען און וואסערען וואס פליסען ארונטער אין דעם מיטעלסטען טייל פון די איצטיגע פאראייניגטע שטאטען. די גרינדונג פון פיל וויכטיגע אמעריקאנער שטעט און די אויספארשונג פון פיל וויכטיגע אמעריקאנער טייבען האבען מיר צו פארדאנקען אט יענע פראנצויזען. זיי האבען עס אלס האנדעלס־פאסטען געגרינדעט אונזערע איצטיגע דעטראיט, סט. לואיס, ניו ארלינס, און א סך קלענערע שטעט; זיי האבען עס אויסגעפארשט דעם גרויסען מיסיסיפי טייך און די אלע וויכטיגע צווייגען זיינע: די טייכען וויסקאנסין, אילינאי, וואבאש, אהייא און אנדערע.

בדי צו פארשטיין די געשיכטע פון דער האנדעלס־קאנקורענץ און דעם שפעטערדיגען מיליטערישען קאמף צווישען די פראנצויזישע און ענגלישע קאלאניסטען איז וויכטיג צו וויסען די באציהונגען צווישען די צוויי גרופעס קאלאניסטען און די ארומיגע אינדיאנישע שבטים. די אינדיאנער האבען אין דעם קאמף צווישען די פראנצויזען און די ענגלענדער אין אמעריקא געשפילט די אנטשיידענדיגע ראלע.

אין 17טען יארהונדערט האבען אין דער נארדליכע טייל פון דעם איצטיגען ניו יארק סטייט (ארום די ברעגען פון לעיק אנטעריא) געוואוינט א גרופע פון פינף אינדיאנישע שבטים, וועלכע זיינען געווען פאראייניגט אונטער דעם נאמען „איראקווא“ אדער „די פינף נאציעס“. די גרופע איז פאררעכענט געווען אלס די ברוטאלסטע און די מעכטיגסטע צווישען די אינדיאנער, און זיי האבען געפירט מלחמה געגען די שבטים אין קענעדע און אין דער וועסט. פאר אן אנפאל פון די „איראקווא“ האט יעדער אינדיאנישער שבט געציטערט. פיל שבטים האבען זיי געצאלט צינזען, אנדערע ווידער האבען שטענדיג געהאלטען אין איין אנטלויפען, אין איין באהאלטען זיך פון זיי.

די ערשטע פראנצויזען וואס האבען זיך באזעצט אין קענעדע האבען נאטירליך פון דעם צושטאנד ניט געוואוסט. די אינדיאנישע שבטים ארום קוויבעק און מאנטרעאל האבען אין די ווייסע גלייך געזעהן א מעגליכע הילף געגען זייער בלוטיגען שונא, און

זיי האבען זיך מיט דער הילף באנוצט. אין 1609, ווייניגער ווי א יאר נאך דעם אנקומען פון די פראנצויזען, האבען די ארומיגע אינדיאנער איינגערעדט די פראנצויזען צו שיקען צוזאמען מיט זיי אן עקספעדיציע אויסצופארשען די וואסערען צו דרום־צו. דער פראנצויזישער רייזענדער און אויספארשער, שעמפליין, וועלכער האט די קאלאניע געגרינדעט, האט זיך אין דעם פארשלאג אנגע־כאפט. שעמפליין האט מיטגענומען פיר קאלאניסטען און זיי האבען אװעקגעמארשירט מיט די אינדיאנער. זיי האבען אריבערגע־שוואומען דעם רישעליו טייך און דעם שעמפליין טייך און זיינען אריינגעדרונגען אין דעם לאנד פון די „איראקווא". דארטען איז פארגעקומען א צוזאמענשטויס. די ביקסען און די פולווער פון די פראנצויזען האבען פאראורזאכט א פאניק צווישען די מעכטיגע „איראקווא", וועלכע זיינען מיט די וואפען נאך ניט באקאנט געווען.

די דאזיגע שלאכט איז געווען דער אנפאנג פון א לאנגער טי־פער פריינדשאפט צווישען די פראנצויזען און זייערע שכנות'דיגע אינדיאנער אין קענעדע, און פון א לאנגער ביטערער שנאה צווי־שען די פראנצויזען און די מעכטיגע אידיאנישע שבטים אין ניו יארק.

עס איז אבער געווען א טעות, ווי מאנכע היסטאריקער שריי־בען, אז אט דער צוזאמענשטויס איז שולדיג געווען פאר דער פיינדשאפט וואס די „איראקווא" האבען 150 יאר געטראגען געגען די פראנצויזען אין קענעדע. די אינדיאנער וואלטען דעם אנפאל אויף זיי פארגעסען אדער מוחל געווען. די אמת'ע אור־זאכע פון דער שנאה, אן אורזאכע וועלכע האט זיך אויף איין מי־נוט ניט געלאזט פארגעסען, איז געווען א ריין־עקאנאמישע. די האנדעלס־אינטערעסען פון די „איראקווא"־אינדיאנער זיינען שטענ־דיג געגאנגען להיפך צו די האנדעלס־אינטערעסען פון די פראנצוי־זען אין קענעדע. און ווי ניט ציוויליזירט און הינטערשטעליג די אינדיאנער זיינען דעמאלט ניט געווען, געשעפט אבער האבען זיי פארשטאנען. איינער פון זייערע „טשיפס" האט זיך ביי א קאנפע־רענץ איינמאל אויסגעדריקט אט אזוי: „ביי אונז איז האנדעל און פרידען איינע און דיזעלבע זאך".

אין וואס איז באשטאנען דער געגענזאץ און די געשעפטס־אינטערעסען?

דער הויפט־האנדעל צווישען די ווייסע און די אינדיאנער איז באשטאנען אין אויסבייטען פוטערוואַרג אויף פאבריצירטע חפצים. די אינדיאנער פלעגען פאנגען די חיות אין וואלד, אפשינדען די פעל, און די ווייסע פלעגען די פעל ביי זיי אויסבייטען אויף קאלדרעס, קעסלען, ביקסען, פולווער, העמדער, שנאפס און אזוי ווייטער. אין 17טען יארהונדערט איז אויף דער טעריטאריע פון די „איראקווא"־אינדיאנער שוין כמעט קיין ווילדע חיות ניט געווען. איבערהויפט איז דארטען שווער געווען צו פאנגען ביבער און ביבער־פעל איז דעמאלט פאררעכענט געווען פאר די טייערסטע. ניט האבענדיג אליין קיין סחורה צו פארקויפען, זיינען די „איראקווא"־אינדיאנער געווארען פארמיטלער. זיי זיינען געפארען צו די ווייטערע שבטים אין די וועסט, אויפקויפען דארטען די פעלען און זיי ברענגען צו זייערע ווייסע שכנים, צו די האלענדער און די ענגלענדער אין ניו יארק. די האלענדער און די ענגלענדער האט זיך געלוינט צו האבען די פארמיטלער, ווייל זיי האבען אליין ניט געהאט קיין חשק צו פארען אין די ווייטע מקומות און צו וואנדערען צווישען די פארווארפענע אינדיאנער שבטים.

די פראנצויזען פון קענעדע האבען אט די מעקלעריי פון די „איראקווא"־אינדיאנער געזוכט אוועקצונעמען. זיי זיינען אויך געפארען צו די שבטים אין די וועסט און ביי זיי געקויפט די סחורה. די פראנצויזען האבען דאס געמוזט טאן, ווייל דאס איז געווען זייער איינציגער מיטעל צו קאנקורירען מיט די ענגלענדער. די ענגלישע און האלענדישע קאלאניסטען האבען די פאבריצירטע סחורות פאר'ן אינדיאנישען האנדעל אימפארטירט פון ענגלאנד, וואו די סחורות זיינען געווען ביליגער ווי אין פראנקרייך. די פראנצויזישע קאלאניסטען האבען דעריבער ניט געקענט צאלען אזוינע הויכע פרייזען ווי די ענגלענדער. די פראנצויזען האבען דעריבער געמוזט שיקען זייערע אגענטען צו די אינדיאנישע שבטים, דארטען זיך באזעצען און דורך פערזענליכער פריינדשאפט,



אַ הויז אין ניו יאָרק אין 1675.

פערזענליכער באַרירונג און איינפלוס ווירקען אַז די אינדיאַנער זאָלען האַנדלען מיט זיי און ניט מיט די ענגלענדער.

און אַזוי איז עס געשען, אַז די אינדיאַנישע שבטים האָבען זיך איינגעטיילט אין צוויי גרופּען: די מעכטיגע „איראָקוואָ“, וועלכע האָבען געוואוינט ניט ווייט פון אַלבאַני, זיינען געווען צו־געבונדען צו די ענגלענדער, און די שבטים אין קענעדע זיינען גע־ווען איבערגעבען צו די פראַנצויזען.

די פריינדשאַפט פון די קענעדער שבטים צו די פראַנצויזען איז געשטיצט געווען ניט בלויז אויף מסחור. דער פראַנצויזישער האַנדעלס־אַגענט, וועלכער האָט זיך באַזעצט צווישען די אינדיאַ־נער, איז ווירקליך צוגעבונדען געוואָרען צו זיי און זיי צו אים. זעהר אָפט פלעגט ער הייראַטען אַן אינדיאַנישע פרוי און פאַראייניגט ווערען מיט דער אינדיאַנישער משפחה. דער פראַנצויזישער אוואַנ־טוריסט, וועלכער פלעגט אוועקוואַנדערען צווישען די אינדיאַנער, האָט ליב געהאַט דעם פרייען, ווילדען לעבען, די ווילדע נאַטור, די געפאַרען און די שרעקען פון די טיפע וועלדער. פיל פון זיי האָ־בען פאַרלאָזען זייערע היימען אין דער אַלטער וועלט אָדער אין די קענעדער שטעט און אוועקגעוואַנדערט אין די וועלדער צו די אינ־דיאַנער.

נאָך אַ וויכטיגער פאַקטאָר אין דער פריינדשאַפט צווישען די פראַנצויזען און די אינדיאַנער איז געווען דער קאַטוילישער מי־סיאָנער. די מערסטע פון זיי זיינען געווען יעזואיטען. זיי זיינען אַהער געקומען אין די הונדערטער און פלעגען זיך באַזעצען צווי־שען די אינדיאַנער, זיך אויסלערנען זייער שפּראַך און וואוינען און לעבען מיט זיי יאָרען־לאַנג. די יעזואיטען פלעגען זיך ניט באַנו־גענען מיט פּרעדיגען קריסטענטום צו די אינדיאַנער. זיי פלעגען אויך זוכען איינצופלאַנצען אין זיי פריינדשאַפט צו די פראַנצוי־זען און שנאה צו די ענגלענדער. דער יעזואיט איז געווען ניט נאָר דער פאַרטרעטער פון דער קירכע צווישען די אינדיאַנער, נאָר אויך דער פאַרטרעטער פון דעם קעניג און פון די רייכע געשעפטסלייט. ער איז אויך געווען אַ רייזענדער און אַן אויספאָרשער. די בעסטע באַשרייבונגען פון דעם לעבען פון די אינדיאַנער און פון די פאַ־

סירונגען פון יענער צייט זיינען די ארבייט פון די יעזואיטישע מי־סיאנערען. מאנכע פון די וויכטיגסטע לאנד־ און וואסער־אויס־פארשונגען זיינען אויך געמאכט געווארען פון די „היילינגע" פון דער קאטוילישער קירכע.

די אגענטען אין די ווייטע אינדיאנישע ישובים פלעגען דעם גאנצען ווינטער איינהאנדלען די סחורה. זיי פלעגען איינריידען די אינדיאנער זיי זאלען מיט זיי פארען צום גרויסען מארק אין מאנ־טרעאל. ווען דער פרילינג פלעגט אנקומען, פלעגען זיי אוועקשווי־מען אויף די טייכען און טייכלאך, וועלכע פירען קיין מאנטרעאל. הונדערטע אזוינע שיפלאך, געפאקט מיט פוטערווארג, פלעגען זו־מער־צייט אנקומען אין דער שטאט. דארטען האט מען די אינ־דיאנישע געסט אויפגענומען מיט גרויס פאראד. דער גאווערנאר פון דער קאלאניע פלעגט פאר זיי מאכען א גרויסען קבלת־פנים. ער פלעגט אליין קומען, און פאר זיי האלטען א רעדע וועגען טריי־הייט און פריינטשאפט. די סוחרים פון מאנטרעאל פלעגען פאר דעם מארק אנגרייטען ספעציעלע סחורות פאר דעם אינדיאנישען געשמאק: מעסערס, העק, קעסלען, נאדלען, שפיגעלאך, גלעקלאך, קאמען, ביקסען און נאך הונדערטע ארטיקלען. שנאפס האט אויך ניט געפעלט. פון צען טעג ביז צוויי וואכען פלעגט דער מארק אנ־האלטען. די אינדיאנער האבען געהאט איין סחורה—פוטערווארג, און דאס האבען זיי אויסגעביטען אויף די הונדערטע פארשיידענע ווארעס פון די ווייסע. ווען די אינדיאנער האבען דאס גאנצע פו־טערווארג פארקויפט, פלעגען זיי מיט די ווייסע אגענטען צוריק אוועקפארען פון וואנען זיי זיינען געקומען.

מאנטרעאל איז געווען דער וויכטיגסטער מארק, אבער ניט דער איינציגער. און פיל אנדערע, קלענערע שטעט פלעגען אפגע־האלטען ווערען אזעלכע יארידען. די שטעט האבען אויף דעם עק־זיסטירט.

און דערפאר איז עס געווען פון דער העכסטער וויכטיגקייט, אז אין דעם האנדעל זאל קיין שטערונג ניט פארקומען. עס איז געווען וויכטיג פאר די פראנצויזישע קאלאניסטען, אז די ארומיגע אינדיאנער און די ווייטערע שבטים, מיט וועמען זיי האבען דעם

האנדעל געפירט. זאלען ניט געשטערט ווערען פון מלחמות און פון אטאקעס פון די „איראקוואָ" און אז זיי זאלען ניט ווערען צו פריינדליך מיט די ענגלענדער, וועלכע האבען תמיד געזוכט דעם האנדעל אפצוקירעווען צו זיך.

די צרות וואס די פראנצויזען און זייערע אינדיאנישע פריינד האבען זיך אנגעליטען פון די „איראקוואָ" האבען זיי קיין רו ניט געגעבען. אין 1648 האבען די „איראקוואָ" פארניכטעט דעם גאנ־צען אינדיאנישען שבט יוראָן, וועלכער האט געוואוינט ניט ווייט פון דעם סט. לאורענס טייך. די אוראנס זיינען געווען זייער גע־טריי צו די פראנצויזען און די פאסירונג האט אויף זיי אנגעוואר־פען א שרעק. די איראקוואָ האבען זיך באריממט, אז איצטער ווע־לען זיי זיך א נעם טאן צו די פראנצויזען און זיי ביז איינעם אויסקוילען. צום גליק האבען זיך די איראקוואָ קורץ נאכדעם ארייגעפלאנטערט אין א קריג מיט אן אינדיאנישען שבט צו דרום־צו. ערשט אין צען יאר ארום האבען זיי אנגעפאנגען זייערע פאר־שפראכענע אטאקעס. די צוויי יאר 1658 און 1659 זיינען פאר די פראנצויזען געווען זייער טרויעריגע. די אינדיאנער האבען אויף זיי געמאכט פאגראמען, געברענט און געמארדעט אין די דערפער ארום מאנטרעאל. די שטאט גופא איז געשטאנען אין סכנה פאר־ניכטעט צו ווערען.

די פאגראמען זיינען באנייט געווארען אין 1663 און 1664. די קאלאניסטען האבען איינגעזען, אז אליין וועלען זיי זיך מיט די איראקוואָ ניט ספראווען. האבען זיי זיך געווענדעט צום קעניג אין פראנקרייך ער זאל שיקען מיליטער זיי צו באשיצען. דעם נעקסטען יאר איז אנגעקומען א רעגימענט פון צוויי הונדערט סאלדאטען. מיט דער הילף פון די קאלאניסטען זיינען זיי באפאלען אינדיאני־שע ישובים און דארטען אנגעמאכט א חורבן. די מלחמה האט זיך געענדיגט מיט א שלום־אפמאך, וועלכער האט אנגעהאלטען אן ערך פון צען יאר.

אט אזוי איז עס געגאנגען כסדר. אלע עטליכע יאר פלעגט אויסברעכען א קריג צווישען די איראקוואָ און די פראנצויזען. די קאלאניסטען פלעגען ארויסרופען הילף פון יענער זייט ים, זיך

אפרעכענען מיט די שונאים און שליסען אויף א צייט פרידען. קיין שטענדיגער שלום האט ניט געקענט זיין, ווייל די עקאנאמישע אינ־טערעסען האבען עס אוממעגליך געמאכט. די איראקווא האבען אין די פראנצויזען געזען א קאנקורענט צו זייערע געשעפטען און די פראנצויזען האבען אין די איראקווא געזען א הילף צו זייער קאנקורענטען, די ענגלישע און האלענדישע קאלאניסטען פון ניו יארק. די ענגלענדער פלעגען העצען די איראקווא געגען די פראנ־צויזען און פלעגען זיי באזארגען מיט וואפען צו מאכען די פאגרא־מען אויף די פראנצויזען. די פראנצויזען האבען עס געוואוסט און פלעגען גאנץ אפט אין זייערע אנפאלען אויף די אינדיאנער אויך אפשטאטען א וויזיט אין די ענגלישע קאלאניעס און דארטען אי־בערלאזען סימנים.

אזוי האט זיך עס געצויגען צענדליגע יארען, ביז וואנען עס האט אויסגעבראכען דער אפענער קאמף צווישען די ענגלענדער און די פראנצויזען — דער קאמף וואס האט געדארפט אנטשיידען ווער זאל בלייבען די בעלי בתים פון אמעריקא — ענגלאנד און אירע קאלאניסטען אדער פראנקרייך און אירע קאלאניסטען. אין די מלחמות, וועלכע האבען זיך אנגעהויבען אין 1689 און אנגעהאלטען ביז 1763 האבען די אינדיאנער אויך א וויכטיגע ראלע געשפילט, אבער זייער ראלע איז געווען בלויז אלס געהילף צו די עכטע אר־מייען פון ביידע לענדער.

די צאל פון פראנצויזישע קאלאניסטען אין קענעדע איז פון אנ־פאנג ביז׳ן סוף געווען זייער קליין אין פארגלייך מיט דער צאל פון די ענגלישע קאלאניסטען צו דרום־צו. די פראנצויזען זיינען אהער געקומען רייך ווערען. זיי האבען געהאנדעלט אדער פאר־נומען גרויסע שטרעקעס ערד און געזוכט דא איינצופירען א פעא־דאליסטישע ארדנונג. אין דער רעגירונג פון דער קאלאניע האבען די קאלאניסטען די מינדסטע דעה ניט געהאט, אפילו די רייכע ניט. דער קעניג האט אהער געשיקט זיינע פארטרעטער און זיי הא־בען געהאט די אבסאלוטע מאכט. א געוואלדיגע דעה האבען דא אויך געהאט די גלחים. א שטיק צייט האט מען אין דער קאלאניע קיין אנדערע ווי קאטאליקען ניט אריינגעלאזען.

די גרעסטע צאָל פֿון די קאָלאָניסטען האָט זיך נאַטירליך אָפּגעגעבן מיט ערד־אַרבייט. פֿיל פֿון זיי האָבען געהאַט אייגענע פֿאַרמס, אָבער אַ גרויסע צאָל האָט געדונגען ערד בּיי די גרויסע פּריצים, וועלכע האָבען פֿון קעניג געקראָגען געשיינקט טויזענטער און טויזענטער אַקערס פֿון פּרוכבּאַרסטען לאַנד. די וואָס האָבען געהאַט אונטערנעמונגס־גייסט און געוואַגטקייט האָבען זיך אָפּגעגעבן מיט האַנדלען מיט די אינדיאַנער. קיין אינדוסטריען אָבער זיינען פֿון קיינעם ניט אויפֿגעבויט געוואָרען, כאָטש דאָס לאַנד איז געווען רייך אין רויע מאַטעריאַלען.

.27

ווי אַזוי ענגלאַנד האָט רעגירט די קאָלאָניעס

ביז דעם יאָר 1660 האָט זיך די ענגלישע רעגירונג ווייניג אינ־טערעסירט מיט די קאָלאָניעס אין אַמעריקא. ערשטענס, איז די צייט אין ענגלאַנד געווען זייער אַן אומרואיגע. אין די צוואַנציגער און דרייסיגער יאָרען פון 17טען יאָרהונדערט איז די לופט פול גע־ווען מיט רעוואָלוציע; אין די פערציגער יאָרען האָט די רעוואָלוציע ענדליך אויסגעבראָכען; אין די פופציגער יאָרען האָט זיך די זיג־רייכע רעוואָלוציע געמוזט פאַרטיידיגען געגען קאָנטער־רעוואָלו־ציעס. עס איז דעריבער דער הערשענדער מאַכט פון ענגלאַנד די גאַנצע צייט אין זינען ניט געלעגען וואָס עס קומט פאָר אויף דער אַנדערער זייט ים. צווייטענס, זיינען די קאָלאָניעס דעמאָלט נאָך געווען יונג און שוואַך און אָרים, און ניט די רעגירונג און ניט די האַנדעלס־קלאַסען פון ענגלאַנד האָבען ערוואַרט צו ציען ריוחים פון די קאָלאָניסטען.

מיט דעם יאָר 1660 פאַנגט זיך אַן אַ נייער קאַפּיטעל אין די באַציהונגען צווישען ענגלאַנד און די קאָלאָניעס. די קעניגליכע מאַכט וועלכע איז אין 1642 פאַרטריבען געוואָרען האָט זיך איצט צוריקגעקערט. קאַרל דער צווייטער, וועמעס פאָטער, קאַרל דעם ערשטען, די רעוואָלוציאָנערען האָבען אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ, איז צוריקגעקומען פון גלות און האָט פאַרנומען דעם טראָן. צוזאַמען מיט איהם האָט זיך פון גלות צוריקגעקערט די גאַנצע לאַנד־אַריס־טאָקראַטיע. זיי זיינען צוריקגעקומען אָרים און אויסגעהונגערט. די האַנדעלסקלאַסען האָבען, פאַרקערט, אין די רעוואָלוציאָנערע יאָרען אָנגעזאַמעלט אַ גרויסען קאַפּיטאַל. האָבען אַלזאָ דיביידע קלאַסען, די פּאַראַזיטע אַריסטאָקראַטיע און די רייך־געוואָרענע סוחרים,

איצט גענומען טראכטען ווי אזוי אויסצונוצען די קאלאניעס אין אמעריקא פאר זייערע צוועקען.

מיר האבען שוין אין די פאריגע קאפיטלען דערציילט וועגען די ערשטע שריט וואס זיינען אין דער ריכטונג גענומען געווארען. אין די אינטערעסען פון די האנדעלס־קלאסען זיינען עס דורכגע־פירט געווארען די שטרענגע האנדעלס־געזעצען פון די יארען 1660 און 1663, וועלכע האבען געצילט צו געבען די ענגלישע שיף־קאפ־טאנים און די ענגלישע סוחרים א מאנאפאל אויף דעם קאלאניא־לען האנדעל. דורך די דאזיגע געזעצען האט דער קעניג אויך בא־קומען גרויסע צינזען פאר זיך: הויפטזעכליך פון דער טאבאק אינדוסטריע פון ווירדזשיניא און מערילאנד. אביסעל שפעטער האט דער קעניג באנוצט זיין טעריטאריע אין אמעריקא צו העלפען זיינע אריסטאקראטישע פריינד. ער האט זיי אוועקגעשענקט גרויסע שטרעקעס לאנד זיי זאלען דארט גרינדען קאלאניעס און די פאר־דינסטען נעמען פאר זיך. אין 1663 האט ער אוועקגעשענקט קארא־ליינא צו אכט פון זיינע נאענטסטע און איבערגעבענסטע הויף־פריינד. אין 1664 האט ער אוועקגעשענקט ניו יארק צו זיין ברודער דזשיימס, און אין 1665 האט דזשיימס, מיט דער צושטימונג פון דעם קעניג, אוועקגעשענקט ניו דזשוירזי צו צוויי הויף־אריסטא־קראטען. אין 1681 האט דער קעניג אוועקגעגעבען פענסילווייניא צו וויליאם פען, דעם זון פון זיינעם א געטרייען אדמיראל.

אי די רעגירונג, אי די אריסטאקראטיע, אי די סוחרים האבען איצטער אנגעפאנגען צו באטראכטען די אמעריקאנער קאלאניעס אלס א קוואל פון פרנסה. אט די אלע מאכטהאבער האבען זיך איצ־טער פאראייניגט אין דער פאליטיק פון אויסנוצען די קאלאניעס פאר זייערע אינטערעסען. די באציאונגען זיינען געווארען די זעל־בע ווי צווישען אויסבויטער און אויסגעבויטעטע. האנט און האנט מיט דער האנדעלס־און אינדוסטריעלער אונטערדריקונג איז נא־טירליכערווייז געגאנגען די פאליטישע אונטערדריקונג. די קאלא־ניסטען האבען זיך געווערט. פון אנפאנג איז די ענגלישע רעגירונג געגאנגען לאנגזאם, געהאנדעלט מילד. וואס ווייטער איז זי אבער געווארען דרינגענדער און ערנסטער. דער וואוקס און די אנטוויק־

לונג פון די קאלאניעס האט פארגרעסערט די מעגליכקייטען פאר ריוחים און פאנאנדערגעבלאזען די אפעטיטען פון די ענגלישע סוחרים. דער קאמף צווישען דעם פאטערלאנד און די קאלאניעס איז פון יאר צו יאר שארפער געווארען, ביז ער האט דערגרייכט דעם קריזיס: די רעוואלוציע, דער קאמף פאר אומאפהענגיגקייט.

די קאלאניע קאנעקטיקוט האט די ערשטע דערפילט די ענדערונג. זי האט זיך געגרינדעט אן א שום טשארטער, אן ערלויבעניש פון דער ענגלישער רעגירונג. כל זמן זי האט געוואוסט, אז די ענגלישע רעגירונג איז איינגאנצען פארטאן אין אייראפעאישע אנגעלעגענהייטען, האט איהר דאס ניט געארט. איצטער אבער, אז זי האט דערפילט, אז ענגלאנד הויבט זיך אן פאראינטערעסירען מער מיט אמעריקא האט זי גענומען וועגען דעם עפעס טאן. אין 1661 האט קאנעקטיקוט אריבערגעשיקט קיין ענגלאנד איר גאווערנאר דזשאן ווינטראפ, ער זאל זען אויסווירקען א טשארטער ביים קעניג. דער שליח האט געוואוסט די לאגע פון דעם קעניגליכען הויף און ער האט מיטגענומען אנשטאט ארגומענטען א בייטעל מיט געלט — 2500 דאלאר. זיין פייאיגקייט האט ער ארויסגעוויזען הויפטזעכליך אין דער פאנאנדערטיילונג פון דער כאבאר. ער האט געוואוסט וועמען מען דארף שמירען מער און וועמען ווייניגער. און די פייאיגקייט האט געקרוינט זיין שליחות מיט ערפאלג. ער האט באקומען א טשארטער מיט וועלכען ער האט געמעגט שטאלצירען. די פאליטישע מאכט פון דער קאלאניע איז דורך דעם טשארטער איבערגעגעבען געווארען צו א גרופע בירגער אין דער קאלאניע. זיי האבען אויך באקומען דאס רעכט זיך צו טיילען מיט זייער פאליטישער מאכט מיט אנדערע איינוואוינער פון דער קאלאניע. די דאזיגע בירגער האבען אויסגעוויילט דעם גאווערנאר און זיין געהילף און אויך די מיטגלידער פון דער אסעמבלי. דער גאווערנאר האט געהאט זייער ווייניג מאכט. די אסעמבלי האט געמאכט אלע געזעצען איבער וועלכע דער ענגלישער קעניג האט קיין שליטה ניט געהאט. ער האט זיי ניט געקענט וועטאאירען. אין אט די צוויי הינזיכטען — וואס דער גאווערנאר איז געוויילט געווארען פון די בירגער און וואס דער קעניג האט ניט געהאט קיין דעה איבער

די געזעצען — איז די קאָלאָניע קאָנעקטיקוט געווען פרייער ווי אַלע אַנדערע קאָלאָניעס.

דער טשאַרטער האָט אויך באַשטימט די טעריטאָריאַלע גרע־ניצען פון דער קאָלאָניע. אין די גרעניצען איז איינגעשלאָסען גע־וואָרען ניו הייווען, וועלכע איז ביז דעמאָלט געווען אַ קאָלאָניע פאַר זיך. די הערשענדע קלאַסען אין ניו הייווען האָבען זייער ניט געוואָלט, אַז זייער קאָלאָניע זאָל פאַרשלונגען ווערען פון קאָנעק־טיקוט. פאַר זיי איז קאָנעקטיקוט געווען אַ לאַנד פון אַפּיקורסים, ווייל די קירכע דאָרטען האָט ניט געהאַט אַזאַ פּאָליטישע מאַכט ווי אין ניו הייווען און אין מאַסאַטשוזעטס. זיי האָבען זיך אָבער ניט געקענט העלפען און האָבען געמוזט פאָלגען דעם באַפעל פון ענגלישען קעניג. פון 1661 אַן ווערט ניו הייווען צונויפגעשמאָלצען מיט קאָנעקטיקוט.

אין 1663 האָט די ראָוד איילאַנד קאָלאָניע, וועלכע האָט אויך קיינמאָל פון דער ענגלישער רעגירונג קיין טשאַרטער ניט באַקו־מען, נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון קאָנעקטיקוט. זי האָט געשיקט אַ שליח קיין לאָנדאָן, דזשאָן קלאַרק, און ער האָט באַקומען פאַר ראָוד איילאַנד דעם זעלבען סאָרט טשאַרטער ווי קאָנעקטיקוט האָט באַקומען. אין איין פּונקט בלויז האָבען זיך די צוויי טשאַרטערס אונטערשיידט: אין דעם ראָוד איילאַנדער טשאַרטער איז איינ־געשריבען געוואָרען, אַז אירע איינוואוינער מוזען האָבען רעלי־גיעזע פרייהייט, ווען אַפילו די דאָזיגע פרייהייט וועט זיין געגען די געזעצען פון ענגלאַנד.

די צוויי קאָלאָניעס זיינען אַ דאַנק די טשאַרטערס געווען פּאָ־ליטיש פרייער ווי די אַלע איבעריגע קאָלאָניעס. אַפילו נאָך דער רעוואָלוציע, ווען די קאָלאָניעס האָבען זיך פון ענגלאַנד אָפּגערי־סען און יעדע קאָלאָניע האָט געענדערט איר רעגירונגס־פאָרמע, האָבען קאָנעקטיקוט און ראָוד איילאַנד ניט געפונען פאַר נויטיג דעם ביישפּיל נאָכצוטאָן. אין קאָנעקטיקוט איז דער טשאַרטער פאַרבליבען די קאָנסטיטוציע פון דעם סטייט ביז דעם יאָר 1818, און אין ראָוד איילאַנד איז דער טשאַרטער פאַרבליבען די קאָנ־סטיטוציע פון דעם סטייט אַזש ביז 1842.

די מאסאטשוזעטס קאלאניע האט אויך געמאכט א פארזוך צו געווינען די פריינדשאפט פון דעם נייעם קעניג. קורץ נאכדעם ווי קארל דער צווייטער איז אויפ'ן טראן ארויף האט די מאסאטשו־סעטסטער רעגירונג אים געשיקט א באגריסונג מיט א בקשה ער זאל ניט שטערען אירע פאליטישע איינריכטונגען. דער קעניג איז געניינט געווען זיך צופרידענצושטעלען מיט דער אנערקענונג וואס מאסאטשוזעטס האט אים געגעבען, ווייל די קאלאניע איז געווען ווייך און מעכטיג און האט געהאט א רעפוטאציע פאר א בעל חוצפה. ניט איין מאל פריער האט מאסאטשוזעטס געסטראשעט, אז אויב ענגלאנד וועט איר צופיל דאקוטשען וועט זי זיך פון איר אינגאנצען אפרייסען.

באלד האבען אבער אנגעפאנגען אנצוקומען פון אמעריקא גאנצע בערג מיט קלאגען געגען דער פוריטאניסטישער הערשאפט אין מאסאטשוזעטס. אין דער קאלאניע האבען שוין דעמאלט גע־וואוינט א גרויסע צאל ניט־פוריטאנער, קריסטען פון פארשיידענע אנדערע סעקטען. מאנכע פון זיי זיינען געווען זייער רייך און האָ־בען געהאט איינפלוסרייכע פריינט אין ענגלאנד. זיי האבען זיך באקלאגט, אז די רעגירונג פון מאסאטשוסעטס גיט זיי ניט קיין שטימרעכט בלויז דערפאר, וואס זיי זיינען ניט קיין מיטגלידער פון דער פוריטאנישער קירכע. זיי האבען אויך אויסגעזעצט געגען דעם וואס מען צווינגט זיי צו פאלגען די פאנאטיש־רעליגיעזע דינים פון די פוריטאנישע גלחים און צו צאלען צינזען פאר דער פוריטאנישער קירך. די קוויקערס האבען אריינגעשיקט קלאגען, אז זיי ווערען שרעקליך פארפאלגט. עס זיינען אויך אנגעקומען קלא־גען פון די אייגענטימער פון די צוויי קאלאניעס, ניו העמשיר און מעין, אז מאסאטשוזעטס זוכט די דאזיגע קאלאניעס פון זיי אוועקצורויבען.

די ענגלישע רעגירונג האט די אלע קלאגעס אויסגעהערט און געשיקט א באפעל צו מאסאטשוזעטס, אז זי זאל די איבלען אפ־שאפען. מאסאטשוזעטס האט פארשפראכען צו פאלגען.

א פאר יאר זיינען פארבייגעלאפען און אלץ איז געבליבען ביים אלטען. צו די אלע אויסגערעכנטע קלאגען איז צוגעקומען נאך

איינע. א פיל ערנסטערע. די אנקלעגער זיינען געווען די סוחרים פון ענגלאנד גופא. זיי האבען דערקלערט, אז מאסאטשוזעטס פאלגט ניט די האנדעלס־געזעצען, אז זי פירט ארויס סחורה פון פרעמדע לענדער און אז זי ערלויבט פרעמדע שיפען, הויפטזעכליך האלענדישע, ארייצופירען און ארויסצופירען סחורה פון אירע האפענס. די דאזיגע קלאגעס האבען פיל בייגעטראגען דערצו, אז דער קעניג זאל באשליסען אוועקצונעמען ניו יארק פון די האלענדער. עס איז קלאר געווארען פאר די ענגלישע סוחרים, אז כל זמן האלאנד וועט קאנטראלירען די האפענס פון ניו יארק וועט עס אוממעגליך זיין פאר ענגלאנד איינצוהיטען אירע קאלאניעס זיי זאלען ניט האנדלען מיט פרעמדע שיפען. די עקספעדיציע איינצונעמען ניו יארק איז ארויסגעשיקט געווארען אונטער דער קאמאנדע פון קאלאנעל ריטשארד ניקאלס, און דער זעלבער ניקאלס איז פון דער רעגירונג באאויפטראגט געווארען, אז נאכדעם ווי ער וועט ענדיגען זיין אויפגאבע אין ניו יארק, זאל ער אפפארען קיין מאסאטשוזעטס און דארט מאכען אן אונטערזוכונג וועגען די קלאגעס געגען דער קאלאניע.

ניקאלס האט אין ניו יארק געהאט מער ערפאלג ווי אין מאסאטשוזעטס. ניו יארק האט ער איינגענומען אפילו אן א שלאכט. די פוריטאנישע רעגירער פון מאסאטשוזעטס האבען זיך אבער אנטזאגט אים צו אנערקענען. זיי האבען אפילו פארבאטען די איינוואוינער צו דערשיינען פאר ניקאלס'עס אונטערזוכונגס־קאמיטע. ניקאלס האט נעבאך געמוזט די קאלאניע פארלאזען אן אנטוישטער.

די ענגלישע רעגירונג האט זיך ניט געקענט באשליסען וואס צו טאן. זי האט מורא געהאט מאסאטשוזעטס אויפצורייצען. נאך א צענדליג יאר זיינען אזוי פארבייגעלאפען. אין דער צייט האבען פאסירט איינציגע זייער וויכטיגע זאכען אי אין ענגלאנד, אי אין אמעריקא. און די דאזיגע נייע געשעענישען האבען מיטגעבראכט אז די ענגלישע רעגירונג זאל ענדליך באשליסען צו האנדלען מיט א פעסטער האנט.

אין ענגלאנד איז אין דער צייט די מאכט פון דעם קעניג פיל פארשטארקט געווארען. עס איז אויך קלאר געווארען, אז ענגלאנד'ס צוקונפט וועט זיין מיט'ן ים, אז זי מוז שטרעבען צו באהערשען דעם ים. אין פארלויף פון די דאזיגע צען יאר האט זי באזיגט איר גרעסטען ים קאנקורענט, האלאנד. זי האט אנגעפאנגען צו טראכטען וועגען אפראמען איר צווייטען קאנקורענט, פראנקרייך. אין אמעריקא איז אין פארלויף פון דערזעלבער עפאכע פארגעקומען די גרויסע מלחמה מיט די אינדיאנער, קעניג פיליפ'ס מלחמה, און די פראנצויזען אין קענעדע האבען גענומען פרעסען אלץ נענטער און נענטער צו די ענגלישע קאלאניעס.

די אלע געשעענישען האבען געווירקט, אז ענגלאנד זאל באשליסען צו פארבייטען איר מילדע פאליטיק מיט די ניו ענגלאנד קאלאניעס אויף א שטרענגער, אייזערנער פאליטיק. די מלחמה מיט די אינדיאנער האט פיל אפגעשוואכט די ניו ענגלאנד קאלאניעס. זיי האבען דורך איר פארלוירען פיל בלוט און געלט. איצטער האט ענגלאנד שוין ניט געדארפט מורא האבען פאר אן אויפשטאנד פון דער חוצפה'דיגער מאסאטשוזעטס. די קאלאניע האט פשוט דערויף מער קיין כח ניט געהאט. אנשטאט אירע אייגענע קאלאניעס, האט ענגלאנד זיך איצט גענומען שרעקען פאר די פראנצויזען אין קענעדע. ענגלאנד האט געפילט, אז אויב אירע קאלאניעס אין ניו ענגלאנד און אין ניו יארק וועלען ניט צונויפגעבונדען ווערען אין א פעסטער דיסציפלין און אונטער א שטרענגער אויפזיכט, וועט עס געלינגען די פראנצויזען צו ווערען מיט דער צייט די הערשער איבער אמעריקא. די איבערטרעטונגען פון די האנדעלס־געזעצען זיינען אויך פון יאר צו יאר געווארען שעדליכער פאר ענגלאנד'ס ים־האנדעל. די קאלאניסטען פון מאסאטשוזעטס און פון די אנדערע ניו ענגלאנד קאלאניעס האבען זיך שוין ניט באנוגעט מיט ערלויבען פרעמדע סוחרים און פרעמדע שיפען זיך צו באטייליגען אין זייער האנדעל. זיי האבען נאך געהאלפען די פרעמדע סוחרים אוועקצונעמען ביי די ענגלישע סוחרים דעם האנדעל מיט די ענגלישע אינזלען צווישען נארד און סאוט אמעריקא, די וועסט אינדיעס. שיפען פון ניו ענגלאנד פלעגען ארויסשמוגלען

סחורה פון יענע אינזלען, עס אוועקפירען קיין האלאנד, פראנקרייך און אנדערע לענדער, און פון יענע לענדער צוריק אריינשמוגלען סחורה אין די אינזלען. איין אפיציעלע אנקלאגע געגען ניו ענגלאנד אויף וועלכע עס האבען זיך אונטערגעשריבען 28 ענגלישע סוחרים זאגט, אז ניו ענגלאנד פירט אן האנדעל צווישען איראפא און פארשיידענע ענגלישע קאלאניעס און אז דורך דעם ווערען זיי, די ענגלענדער אינגאנצען רואינירט.

די ענגלישע רעגירונג האט באשלאסען צו שיקען אירען א פארשטייער קיין מאסאטשוזעטס אויפצופאדערען די דאזיגע רעגירונג צו שיקען פארטרעטער קיין לאנדאן צו ענטפערען אויף די אלע באשולדיגונגען. דער ענגלישער פארשטייער איז געווען עדמאנד רענדאלף, וועלכער האט זיך אין די שפעטערדיגע יארען שרעקליך פארהאסט געמאכט ביי די קאלאניסטען. ער איז געווען א טיפישער טשינאווניק, א שמאלקעפיגער געהארכזאמער דינער פון דעם קעניג. ער איז אבער געווען ערליך, פייאיג און ענערגיש. די קאלאניסטען האבען אים פיינט געהאט טאקע דערפאר וואס ער האט פינקטליך דורכגעפירט די באפעלען פון זיין קעניג און ווייל עס איז אוממעגליך געווען אים צו באאיינפלוסען אדער אונטערצוקויפען. אין דעם פרט איז ער געווען א זעלטענע אויסנאם צווישען די באאמטע וואס ענגלאנד האט אין די לעצטע הונדערט יאר געשיקט קיין אמעריקא.

די ערשטע דערפארונג רענדאלף׳ס מיט די באאמטע פון מאסאטשוזעטס איז פאר אים געווען גאר ניט קיין צופרידענשטעלענדע. דער גאווערנאר און די ראטמענער האבען אים געלאזט פילען ווי ווייניג זיי האבען אים ליב. ביי דער זיצונג וואו ער האט פארגעלייגט דעם קעניג׳ס בריף זיינען זיי אלע געזעסען מיט די היטלען אויף די קעפ. זיי האבען צו אים גערעדט אין א באליידיגענדען טאן און אים געגעבען אנצוהערעניש ער זאל גלייך אהיימפארען. רענדאלף האט אין דער קאלאניע פארבראכט עטליכע וואכען. דערנאך איז ער אפגעפארען קיין ניו העמשיר און אויסגעפארשט די קלאגען פון יענער קאלאניע געגען מאסאטשוזעטס. ער האט צוריקגעבראכט א גרינטליכען באריכט וועגען די אלע עולות פון מא־

סאטשוזעטס און אים פארגעלייגט ביי דער אונטערזוכונגס קאמי־
סיע פון דער ענגלישער רעגירונג.

די אונטערזוכונג האט זיך פארצויגען אויף עטליכע יאר. אנ־
געפאנגען האט זי זיך אין 1676. אין 1681 האט די ענגלישע רע־
גירונג געשיקט רענדאלפ'ן ער זאל אויפפאסען אויף די האפענס
פון ניו ענגלאנד און דארטען איינמאנען די צינזען פון די אריינ־
קומענדיגע און ארויסגייענדיגע שיפען. ער האט זיך באזעצט אין
באסטאן. די באאמטע פון מאסאטשוזעטס האבען אים געשטערט
אויף שריט און טריט. זיי האבען אפילו ארעסטירט די אנגעשטעל־
טע אין זיין אפיס. ער האט ענדליך צוגעגעבען, אז אים וועט אומ־
מעגליך זיין דורכצופירען זיינע פליכטען און ער איז צוריקגעפא־
רען קיין ענגלאנד מיט א פאק נייע קלאגען געגען די באאמטע פון
דער קאלאניע.

די ענגלישע רעגירונג האט איצטער ענדליך באשלאסען אוועק־
צונעמען פון מאסאטשוזעטס איר טשארטער און שטעלען די קא־
לאניע אונטער דער דירעקטער הערשאפט פון דעם קעניג. צו דער־
גרייכען דעם ציל האט דער קעניג אנגעקלאגט די קאלאניע פאר א
הויכען געריכט אין ענגלאנד. אין 1684 האט דער געריכט ארויס־
געטראגען דעם אורטייל צו גונסטען דעם קעניג, פארשטייט זיך.

די אלטע פוריטאנישע רעגירונג פון מאסאטשוזעטס איז אפ־
געשאפט געווארען. ענגלאנד האט געשיקט א גאווערנאר אלס דעם
הויפט באאמטען. ער האט געהאט די מאכט צו מאכען געזעצען
מיט דער צושטימונג פון די ראטמענער. ער האט אויך געהאט די
מאכט צו באשטימען צינזען און זאמלען צינזען. די ראטמענער
זיינען געשטאנען מייסטענס אונטער דעם גאווערנאר'ס איינפלוס.
ער איז געווארען פאקטיש דער זעלבסטהערשער איבער דער קא־
לאניע.

אין 1886 האט דער קעניג געשיקט אלס גאווערנאר סער עד־
מאנד ענדרוס, וועלכער האט זיך שוין מיט יארען פריער גע־
מאכט א רעפוטאציע פון א דעספאט. רענדאלף איז געבליבען
ביי זיין פריערדיגען אמט אלס אויפזעער איבער די האפענס. די
צוויי באאמטע האבען רעגירט איבער די קאלאניעס מיט א דעס־

פאַטישער מאַכט. זיי האָבען אָפּגעשאַפט די טשאַרטער רעגירונגען פון ראָוד איילאַנד און קאָנעקטיקוט. קורץ נאָכדעם ווי ענדרוס'ס איז אָנגעקומען אין מאַסאַטשוזעטס, האָט דער קעניגג איהם איבערגעגעבען דעם גאָווערנאָר אַמט פון נאָך דריי קאָלאָניעס: ניו יאָרק, מעין און ניו העמשיר. צום ערשטען מאָל זיינען אַלע קאָלאָניעס צו צפון פון פענסילווייניאַ פאַראייניגט געוואָרען אונטער איין הויפּט באַאַמטען.

ענדרוס און רענדאָלף האָבען גענען זיך דערוועקט דעם צאָרן פון די גלחים און די פרומע פוריטאַנער דערמיט, וואָס זיי האָבען אַהער אַריבערגעבראַכט אַ גלח פון דער ענגלישער קירכע און געצוואונגען די קאָלאָניע איהם אויסצוהאַלטען און איהם דערלויבען צו פּרעדיגען און אָפּהאַלטען גאָטעסדינסט אין דער פוריטאַנישער קירכע פון באָסטאָן. שפּעטער האָבען זיי גענען זיך אויפגערייצט די ברייטערע מאַסען דערמיט וואָס זיי האָבען אָן דער צושטימונג פון די אַסעמבלים אַרויפגעלייגט צינזען אויף דער באַפעלקערונג. זיי האָבען אויך אָוועקגענומען פון די שטעט און שטעטלאַך די קהל'שע שטיקער לאַנד, וועלכע די קהלות האָבען באַטראַכט אַלס זייער אייגענטום. זיי האָבען אויך געצוואונגען יעדען לאַנד אייגענטימער צו צאָלען געוויסע צינזען, לויט אַן אַלטען ענגלישען געזעץ.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער באַציאונג פון גאָווערנאָר אַנדרוס צו די קאָלאָניסטען איז דער פאָלגענדער פאַקט: אין אַ קליין שטעטעל אין מאַסאַטשוזעטס האָבען אַ צאָל איינוואוינער זיך אָנטזאָגט צו צאָלען די צינזען וואָס אַנדרוס האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט. ביים פּראָצעס האָבען זיי גע'טענה'עט, אַז זיי זיינען ענגלענדער און זיינען באַרעכטיגט צו די זעלבע רעכט ווי בירגער אין ענגלאַנד, און אין ענגלאַנד קען בלויז דער פּאַרלאַמענט אַרויפלעגען צינזען אויף בירגער. אויף דער טענה האָט ענדרוס'ס הויפּט ריכטער געגעבען דעם פאָלגענדען ענטפער: „די געזעצען פון ענגלאַנד קענען אין די קאָלאָניעס ניט אָנגעווענדט ווערען. דעם קעניג'ס אונטערטאַנען אין ניו ענגלאַנד אונטערשיידען זיך ניט פיל פון שקלאַפען. דער איינציגער אונטערשייד איז נאָר וואָס זיי, די קאָלאָניסטען, קען מען ניט קויפען און פאַרקויפען.“

.28

די רעוואָלוציע פון 1689 אין ענגלאַנד
און אין אַמעריקאַ

קאַרל דער צווייטער איז געשטאָרבען אין 1685. אויפ'ן טראָן איז אַרויף זיין ברודער, דזשיימס דער צווייטער. די צוויי ברידער האָבען זייערע יונגע יאָרען פאַרבראַכט אין דעם קעניגליכען הויף פון פראַנקרייך, און דאָרטען האָבען זיי זיך אָנגעזאַפּט מיט אַ ליבע צום קאַטאָליציזם און צו דעספּאָטישער הערשאַפט. קאַרל דער צווייטער האָט אין 1660 צוריקגעקראָגען זיין פאָטער'ס קרוין מיט דעם תנאי, אַז ער וועט אָנערקענען דעם פּאַרלאַמענט און די ענגלישע קירכע. דאָס זיינען געווען די פאָדערונגען פון דעם נייעם הערשענדען קלאַס אין ענגלאַנד—די סוחרים. ער האָט זיין פאַרשפּרעכען געהאַלטען אין די לעצטע יאָרען פיל וויניגער ווי אין די ערשטע. דזשיימס איז געווען ניט אַזוי קלוג און ניט אַזוי פּראַקטיש ווי זיין פאַרשטאָרבענער ברודער. גלייך ווי ער איז אַרויף אויפ'ן טראָן האָט ער אָנגעהויבען צו הערשען לויט זיינע פּרינציפּען. ער האָט באַשטימט זיינע קאַטוילישע פריינט צו הויכע עמטער, הויפּטזעכליך אין דער אַרמיי. דעם פּאַרלאַמענט האָט ער איגנאָרירט. זיין אַמביציע איז געווען צוריקצוברענגען די „גוטע צייטען" פון זיין הינגעריכטעטען פאָטער, צו ווערען אַן אַבסאָלוטער מאָנאַרך.

מער ווי דריי יאָר האָט ער אָבער ניט געוועלטיגט. דער האַנדעלס-קלאַס האָט ווידער אָרגאַניזירט אַ רעוואָלוציע און האָט איינגעלאַדען דעם האָלענדישען פּרינץ וויליאַם, וועלכער איז געווען פאַרהייראַט צו דזשיימס' טאָכטער מערי, ער זאָל איבערנעמען דעם

טראַן. וויליאַם און מערי זיינען אריבער געקומען מיט אַן אַרמיי און דזשיימס האָט זיך קוים מיט זיין לעבען געראַטעוועט. ער איז אַנטלאָפען צוריק אין פראַנצויזישען קעניגליכען הויף.

די „גלאָררייכע רעוואָלוציע," ווי זי ווערט באַצייכענט אין דער ענגלישער געשיכטע, האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס. יעדע קאָלאָניע, וועלכע האָט געליטען פון טיראַנישע גאָווערנאָרס אָדער פון שווערע געזעצען האָט באַגריסט די רעוואָלוציע ווי אַ דערלייכטערונג אויך פאַר איר. אין ווירדזשיניאַ, צו ביישפּיל, האָבען די קאָלאָניסטען געליטען פון די שווערע אָפּצאָלונגען וואָס די ענגלישע רעגירונג האָט אַרויפגעלייגט אויף טאַבאַק. גלייך נאָך דער רעוואָלוציע האָבען די קאָלאָניסטען געשיקט אַ פּעטיציע צו דער נייער רעגירונג זי זאָל די צינזען פאַרלייכטערען. זיי האָבען זיך אויך באַקלאָגט אויף דעם גאָווערנאָר, אַז ער פירט זיך אויף ווי אַ טיראַן. ער פאַרשיקט מענשען אין געפענגניש אָן אַ פּראָצעס. ער מאַכט געזעצען אָן דער צושטימונג פון די פאָלקס פאַרטרעטער, א. א. וו. די ווירדזשיניער קאָלאָניסטען האָבען זיך באַנוגענט מיט אַ פּעטיציע. זיי זיינען הפנים זיכער געווען, אַז זי וועט ברענגען די נויטיגע רעזולטאַטען.

גאַנץ אַנדערש איז עס צוגעגאַנגען אין מאַסאַטשוזעטס און אויך אין ניו יאָרק. דאָרטען האָט די איבערקערעניש אין ענגלאַנד געגעבען די אומצופרידענע עלעמענטען די געלעגענהייט אויף וועלכער זיי האָבען אַ לאַנגע צייט געוואַרט. אַזוי שנעל ווי מען האָט זיך אין מאַסאַטשוזעטס דערוואוסט וועגען די געשעענישען אין דער אַלטער היים, האָבען די אַנהייגער פון דער אַלטער טשאַרטער־רעגירונג באַשלאָסען צו טאָן דאָסזעלבע דאָ. זיי האָבען אויף אַ קונציגען אופן פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז ענדרוס און רענדאָלף זיינען געבליבען געטריי דעם אַראָפּגעזעצטען קעניג דזשיימס און אַז די פאַררעטער אונטערהאַנדלען וועגען איבערגעבען די קאָלאָניעס צו די פראַנצויזען אין קענעדע. דערנאָך האָבען זיי פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ענדרוס און רענדאָלף האָבען געמאַכט אַ פאַרשווערונג מיט די פראַנצויזען צו פאַרברענען באָסטאָן. ווען דער עולם איז געווען גוט אויפגעהעצט האָבען זיי אָרגאַניזירט אַ מיליץ, וועלכע איז אין אַ שענעם פרימאָרגען באַפאַלען רענדאָלפ׳ס קוואַרטיר און האָט

אים אַרעסטירט. שפּעטער האָבען זיי אויך אַרעסטירט ענדרוס׳ן און זיינע אַדיוטאַנטען. דער רעגימענט פון ענגלישע סאָלדאַטען וואָס האָט געדאַרפט באַשיצען די באַאַמטע האָט זיך אַנטזאָגט צו שיסען אויף די רעוואָלוציאָנערען. אַ געגויעז יאָר זיינען די צוויי געוועזענע הערשער פון די קאָלאָניעס געזעסען איינגעשפּאַרט. דאַן זיינען זיי אויפ׳ן באַפעל פון ענגלאַנד אויסגעליפערט געוואָרען קיין לאָנדאָן.

אין ניו יאָרק האָט דער אויפשטאַנד אָנגענומען אַ פיל ערנסטע־רען כאַראַקטער. דאָרטען האָבען די אָרימע קלאַסען זיך באַנוצט מיט דער געלעגענהייט אַראָפּצעוואַרפען די הערשאַפט פון דער רייכער אַריסטאָקראַטיע. די ניו יאָרקער קאָלאָניע איז אויך גע־שטאַנען אונטער דער הערשאַפט פון גאָווערנאָר ענדרוס. ער האָט אָבער קיין צייט ניט געהאַט זיך אָפּצוגעבען מיט ניו יאָרק, האָט ער באַשטימט אַ געוויסען ניקאָלס אַלס זיין שטעלפאַרטרעטער. ני־קאָלס האָט זיך אַרומגערינגעלט מיט די רייכע לאַנד־אַריסטאָקראַ־טען און האָט געדינט זייערע אינטערעסען. געגען אים און זיין קליקע איז דאָס איצטער געמאַכטע געוואָרען דער אויפשטאַנד, וועל־כער איז באַוואוסט אַלס די „לייסלער רעבעליאָן.“ (איינצעלהייטען וועגען דעם דאָזיגען אויפשטאַנד זיינען געגעבען געוואָרען אין אַ פריערינגען קאַפּיטעל).

אַן ערנסטער אויפשטאַנד איז אויך פאָרגעקומען אין מערי־לאַנד. די קאָלאָניע איז געווען דאָס פּריוואַט אייגענטום פון דער באַלטימאָר־פאַמיליע. באַלטימאָר אַליין איז געווען אַ קאַטאָליק, און די ערשטע קאָלאָניסטען זיינען געווען זיינע גלויבענס גענאָסען. שפּעטער אָבער האָבען זיך דאָרטען געגומען באַזעצען פּראָטעס־טאַנטען, און אין די אַכציגער יאָרען זיינען שוין דאָרטען געווען צען מאָל אַזוי פיל פּראָטעסטאַנטען ווי קאַטאָליקען.

די אומצופרידענקייט מיט באַלטימאָר׳ס הערשאַפט איז געווען אַ צווייענדיגע: אי אַן עקאָנאָמישע, אי אַ פּאָליטישע. די עקאָנאָ־מישע איז, פאַרשטייט זיך, געווען די ערנסטערע. לאָרד באַלטי־מאָר האָט פאַרוואַנדעלט די גאַנצע קאָלאָניע אין זיינעם אַ מאַיאָנ־טעק. ער האָט דאָס לאַנד די קאָלאָניסטען ניט פאַרקויפט, נאָר פאַר־דונגען. אַליין האָט ער געוואוינט אין ענגלאַנד. דאַ האָט ער גע־

האָט זיינע אַגענטען, וועלכע פלעגען מאַנען די רענט ביי די קאָלאָניסטען און אָפּשיקען צו איהם. די קאָלאָניסטען האָבען געוואוסט, אַז אין די אָרומיגע קאָלאָניעס זיינען די פאַרמער די אייגענטימער יעדערער פון זיין שטיק לאַנד. און זיי האָבען ניט געזען קיין אורזאַכע וואָרום זייער לאַנד זאָל געהערען צו אַ פּריץ וואָס וואוינט ערגעץ אין ענגלאַנד. לאָרד באַלטימאָר איז באַקאַנט געווען מיט דער שטימונג צווישען די קאָלאָניסטען און האָט דערפאַר שטאַרק אַכטונג געגעבען, אַז די פּאָליטישע מאַכט זאָל זיך ניט אַרויסגליטשען פון זיינע הענט. לויט דעם טשאַרטער וואָס ער האָט געגעבען דער קאָלאָניע האָבען די געזעצען געדאַרפט געמאַכט ווערען פון אַ פּאַרלאַמענט פון פאָלקס־פאַרשטייער. האָט ער אָבער אַזוי איינגעטיילט די פאַרטרעטערשאַפט, אַז דאָס קליינע הייפעלע קאָטאָליקען און אַנדערע אַנהענגער זיינע האָבען אין דעם פּאַרלאַמענט שטענדיג געהאַט די מאַיאָריטעט.

פּרואוועז אָרונטערצוואַרפען באַלטימאָר׳ס הערשאַפט זיינען געמאַכט געוואָרען פריער אויך. אָבער זיי האָבען ניט געהאַט קיין ערפאָלג. די איבערקערעניש אין ענגלאַנד האָט איצטער ענדליך געבראַכט די גינסטיגע געלעגענהייט. דאָס פּראָגראַם פון די רעוואָלוציאָנערען אין מערילאַנד איז געווען דאָס זעלבע וואָס אין ניו יאָרק און אין מאַסאַטשוזעטס. פריער האָבען זיי פאַרשפּרייט קלאַגען, אַז באַלטימאָר׳ס רעגירונג איז געטריי דעם פאַרטריבענעם קעניג דזשיימס, און אַז זי אונטערהאַנדעלט מיט די פראַנצויזען און די אינדיאַנער צו פאַרראַטען די קאָלאָניע. נאָכער האָבען זיי אָרגאַניזירט אַ מיליץ־אַרמיי פון פּאַטריאָטישע פּראָטעסטאַנטען און זי האָט פאַרטריבען באַלטימאָר׳ס פאַרשטייער, אומגעוואָרפען באַלטימאָר׳ס הערשאַפט און פאַרכאַפּט די רעגירונג.

אַלע קאָלאָניעס האָבען געהאָפט אויף מער פרייהייט, מער יושר און מער זעלבסטשטענדיגקייט פאַר זיך פון דער נייער רעגירונג אין ענגלאַנד. די קאָלאָניעס וועלכע האָבען די טיראַנען פון דעם פריערדיגען רעזשים מיט געוואַלט אַראָפּגעזעצט האָבען זיך גערעכנט, אַז דער נייער קעניג וועט זיי דערפאַר דאַנקבאַר זיין און זיי שעהן באַלוינען. זיי זיינען אָבער טרויעריג אַנטוישט געוואָרען. די קאָלאָניסטען האָבען געלייענט שענע פּראָקלאַמאַציעס פון דעם

נייעם קעניג פון ענגלאנד, פראקלאמאציעס אין וועלכע עס ווערט גערעדט וועגען רעכטע פון פאלק און רעכטע פון דעם איינצעל־נעם; אין וועלכע עס ווערט פייערליך דערקלערט וועגען פאלקס־פארטרעטערשאפט אין דער רעגירונג, א. א. וו. און זיי האבען גע־מיינט, אז די שענע פארשפרעכונגען זיינען פאר זיי אויך. זיי האבען נעבאך ניט געוואוסט, אז די רעוואלוציע איז געמאכט געווא־רען פון די האנדעלס־קלאסען אין ענגלאנד און אז די שענע פראזען זיינען געמיינט בלויז פאר יענע קלאסען. זיי האבען ניט אויסגע־רעכענט, אז וואס שטארקער עס וועט אין ענגלאנד ווערען די מאכט פון די האנדעלס־קלאס, אלץ שווערער וועט פאלען דער ענגלישער יאָך אויף די קאלאניעס.

.29

די באציהונג צווישען די קאלאניעס אין ענגלאנד און דער רעוואלוציע פון 1689.

דריי קאלאניעס האבען גענאסען עפעס ממשות׳דיגס דורך דער רעוואלוציע פון 1689: קאנעקטיקוט, ראוד איילאנד און מערילאנד. די ערשטע צוויי האבען ווידער אויפגעשטעלט יענע רעגירונגס־פארמען, אויף וועלכע זייערע טשארטערס פון 1662 און 1663 האבען זיי געגעבען דאס רעכט. דער קעניג האט מיט עטליכע יאר שפעטער ווידער געפרואווט זיי שטעלען אונטער זיין דירעקטער קאנטראל, אבער דאס האט זיך אים ניט איינגעגעבען. די צוויי קאלאניעס זיינען פון דעמאלט אן געווארען פאקטיש אומאפהענגיג אין זער רעגירונגס־פארמע פון ענגלאנד. די בירגער האבען אויסגעוויילט זייער אייגענעם גאווערנאר, זייערע ראטמענער און זייער אסעמבלי. די קאלאניעס האבען אנערקענט די אויבער־מאכט פון דעם עגלישען פארלאמענט, און האבען געמוזט פאלגען די געזעצען וואס דער פארלאמענט האט ארויפגעלייגט אויף אלע קאלאניעס. די געזעצען האבען אבער געוויינליך געהאט צו טאן מיט אויסלענדישען האנדעל. אין אינווייניגסטע אנגעלעגענהייטען האבען די צוויי קאלאניעס געהאט כמעט א פרייע האנט, און זיי האבען באמת געפילט, אז זיי רעגירען זיך אליין.

די מערילאנד־קאלאניע האט געהאט אן אנדער געווינס. דער קעניג האט אהין אריבערגעשיקט זיינעם א גאווערנאר, וועלכער האט באפרידיגט די אלע פאדערונגען פון די רעוואלוציאנערען, וואס האבען געשטירצט דעם קאטוילישען רעזשים פון לארד באלטימאר. ער האט דורכגעפירט א געזעץ, אז יעדער קאלאניסט זאל ווערען דער אבסאלוטער אייגענטימער פון זיין שטיק ערד. ער האט אויך רעארגאניזירט די פארטרעטערשאפט פון דעם רעפרעזענטאנטען הויז און זי געמאכט מער דעמאקראטיש. די פאליטישע מאכט איז ארויסגענומען געווארען פון די הענט פון דעם קליינעם הויי־

פעלע קאטוילישע אריסטאקראטען און איבערגעגעבען געווארען צו דער גרויסער מאיאריטעט פון פראטעסטאנטען. א געזעץ איז דורכ־געפירט געווארען צו פארזיכערען רעליגיעזע פרייהייט פאר די פראָ־טעסטאנטישע קירכען.

די מערילאנד קאלאניע איז געשטאנען אונטער דער דירעק־טער קאנטראל פון דעם קעניג ביז׳ן יאר 1715. די יורשים פון די פריערדיגע בעלי הבתים האבען זיך דערווייל אפגע׳שמד׳ט פון קא־טאליקען אויף פראטעסטאנטען. און דאן האבען זיי צוריקגעקראגען די קאלאניע. און די קאנטראל איבער איר איז געבליבען אין זייערע הענט ביז דער רעוואלוציע אין 1776. די רעגירונגס־פארמע איז אבער פארבליבען ווי פריער, מיט דעם איינציגע אונטערשייד וואס דער גאווערנאר איז באשטימט געווארען ניט פון דעם קעניג, נאר פון די פריוואטע בעלי הבתים, די באלטימארס.

אין ענגלאנד האט זיך מיט דער איבערקערעניש פון 1689 אנ־געפאנגען א נייע פאליטישע עפאכע. דער קעניג האט שנעל גענו־מען פארלירען זיין מאכט און דער פארלאמענט האט די מאכט אריינגענומען אין זיינע הענט. די קאלאניסטען אין אמעריקא הא־בען דערפון געוואוסט, און זיי האבען געפילט, אז אויך זיי זיינען בארעכטיגט צו דיזעלבע הנחות. זיי האבען זיך באטראכט פאר ענגלישע בירגער, און זיי האבען גע׳טענה׳ט, אז וויבאלד אין ענג־לאנד ווערט דער פארלאמענט די הערשענדע מאכט, דארף אין די קאלאניעס די הערשענדע מאכט זיין — די קאלאניאלע פארלא־מענטען. די ענגלישע רעגירונג האט דעם דאזיגען שטאנדפונקט ניט געוואלט אנערקענען. אי דער קעניג, אי דער פארלאמענט האט בא־טראכט די קאלאניעס אלס געשעפט־אונטערנעמונגען. אן ארגאני־זאציע פון א געשעפט מוז דאך זיין אונטערווארפען אונטער א רע־גירונג, און די רעגירונג איז די ענגלישע.

האט דער ענגלישער פארלאמענט געמאכט געזעצען פאר די קאלאניעס, אזוינע געזעצען, פארשטייט זיך, פון וועלכע די ענג־לישע האנדעלס־קלאסען, וואס דער פארלאמענט האט פארטראטען, האבען נוצען געצויגען. דער קעניג, ווידער, האט געשיקט אלס בא־אמטע אין די קאלאניעס זיינע מענשען, זיינע הויף־פריינט, וועלכע וועלכער האט צו גארנישט געטויגט. ווען עס איז אוממעגליך

געווען אַנצוטרויען אַן אַמט אין ענגלאַנד גופא, פלעגט פון דעם קעניג געשיקט ווערען אויף אַ פעטען אַמט אין די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס.

און דער קעניג האָט אויך זיין מאַכט באַנוצט צו העלפען דעם פאַרלאַמענט. אין די אַלע טשאַרטערס וואָס דער קעניג האָט געגעבען די ערשטע געזעלשאַפטען און צו יחידים וואָס האָבען די קאָלאָניעס געגרינדעט, איז געווען איינגעשריבען אַ „וועטאָ"-פונקט. דער פונקט האָט געגעבען דעם קעניג דאָס רעכט מבטל צו מאַכען געזעצען וואָס דער קאָלאָניאַלער פאַרלאַמענט האָט דורכגעפירט. אָט די מאַכט האָט איצט דער קעניג באַנוצט צו העלפען דעם ענגלישען פאַרלאַמענט און קאַבינעט צו פאַרוואַלטען די קאָלאָניעס אין די אינטערעסען פון די ענגלישע האַנדעלס- און אינדוסטריע-מאַגנאַטען. אין ענגלאַנד גופא האָט דער קעניג קיין וועטאָ-מאַכט ניט געהאַט. די געזעצען פון זיין אייגענעם פאַרלאַמענט האָט ער ניט געקענט צוריקווייזען. אין די קאָלאָניעס אָבער האָט ער די וועטאָ-מאַכט יאָ געהאַט. דאָס האָט אַרויסגערופען ביי די קאָלאָניסטען אַפטע פראָטעסטען.

דער קעניג האָט די דאָזיגע מאַכט גאַנץ אָפט באַנוצט. אַט זיינען עטליכע ביישפילען: אין 1705 האָט קעניגין ענן מבטל געמאַכט מיט איין מאָל דריי און פופציג געזעצען פון דער פענסילווייניאַ קאָלאָניע. אין 1754 האָט קעניג געאָרג דער צווייטער מבטל געמאַכט אַכט געזעצען פון נאָרד קאַראָליינאַ. קעניג וויליאַם האָט מיט איין מאָל מבטל געמאַכט פופצען געזעצען פון דער מאַסאַטשוזעטס קאָלאָניע.

די קאָלאָניעס האָבען אַנגעווענדט פאַרשיידענע כיטרע מיטלען זיך אַרויסצודרייען פון דעם קעניג'ס וועטאָ. אָפט האָבען זיך די מיטלען איינגעגעבען. דער געוויינליכסטער מיטעל איז געווען — דאָס געזעץ ווידער דורכצופירען גלייך נאָכדעם ווי דער קעניג האָט אים מבטל געמאַכט. אַזוי ווי דער פאַרקער צווישען ענגלאַנד און אַמעריקאַ איז דעמאָלט געווען אַ שווערער און עס פלעגט דויערען אַ היבשע שטיק צייט איידער די געזעץ-דאָקומענטען פלעגען אַריבערגעשיקט ווערען צום קעניג, און נאָך אַ לענגערע צייט איידער דעם קעניג'ס וועטאָ-דאָקומענטען פלעגען געבראַכט ווערען צו-

ריק, האט דאס מיטעל געווירקט. אין מאסאטשוזעטס האט זיך די קאלאניאלע רעגירונג באנוצט מיט אן אדוואקאטישען דריידעל. אין טשארטער איז געשטאנען, אז דער קעניג מעג צוריקווייזען „געזעצען.“ האט די קאלאניאלע רעגירונג אירע געזעצען באצייכענט מיט'ן ווארט „באשלוסען.“ „באשלוסען,“ האט זי גע'טענה'ט, איז זי ניט מחויב אפילו פארצולייגען פארן קעניג. אין פענסילוועניא האט זיך די קאלאניאלע רעגירונג באנוצט מיט אן אנדער קונץ. אין איר טשארטער איז געשטאנען, אז יעדעס געזעץ וואס דער פארלאמענט פון דער קאלאניע נעמט אן מוז אין פארלויף פון פינף יאר צייט איבערגעשיקט ווערען צום קעניג, און אז דער קעניג האט דאס רעכט אין פארלויף פון זעקס מאנאט צייט נאכדעם ווי ער באקומט דאס געזעץ, מבטל צו מאכען עס. פלעגט דער פענסילוויי־ניער פארלאמענט אזוי טאן: ער פלעגט מאכען געזעצען אויף א פעריאדע פון קנאפע פינף יאר צייט, און פלעגט עס דעם קעניג גאר ניט שיקען. ווען דער פעריאד האט זיך געענדיגט, פלעגט דער פארלאמענט דאסזעלבע געזעץ אננעמען אויף נאך א פעריאד פון קנאפע פינף יאר.

די ענגלישע רעגירונג האט אנגעווענדט אלע מיטלען די דאָ־זיגע קונצען אוממעגליך צו מאכען. דאס גליק איז געווען וואס דער ענגלישער פארלאמענט האט ניט געוואלט גרעסער מאכען דעם קע־ניגס מאכט. און א גליק איז אויך געווען וואס די גאווערנארס, דעם קעניג'ס פארטרעטער אין די קאלאניעס, זיינען געווען אומ־פייאיגע מענשען. ווען דער פארלאמענט וואלט ניט געווען אזוי געגנעריש געשטימט צום קעניג, וואלט ער געפונען מיטלען ווי אזוי דעם קעניג'ס וועטא־מאכט צו באפעסטיגען; און ווען די גאווער־נארס וואלטען געווען פייאיגע מענשען וואלטען זיי געקענט אכ־טונג געבען, אז עס זאלען לכתחילה ניט דורכגעפירט ווערען קיין געזעצען געגען דעם קעניג'ס ווילען. יעדעס געזעץ האט געמוזט אונטערשריבען ווערען פון גאווערנאר איידער ער איז אריבערגע־שיקט געווארען צום קעניג. מיט אט דער מאכט האבען זיך די גא־ווערנארס געקענט באנוצען דעם קעניג צו העלפען. זיינען זיי אבער געווען אזוי אומפייאיג און אזוי קארופט, אז די קאלאניסטען הא־בען זיי געקענט לייכט באאיינפלוסען אדער פשוט אונטערקויפען.

.30

מאַסאַטשוזעטס, ניו יאָרק און פּענסילווייניא נאָך 1689

אין 1691 האָט די ענגלישע רעגירונג באַשטימט אַ נייע רעגי־רונגס־פאָרמע פאַר דער מאַסאַטשוזעטס קאָלאָניע. די אַמאָליגע הערשער פון דער קאָלאָניע, די פּוריטאַנישע גלחים, אַריסטאָקראַ־טען און רייכע געשעפטסלייט, וועלכע האָבען אַרונטערגעזעצט דעם רענדאָלף־ענדרוס רעזשים, זיינען זייער אַנטוישט געווען פון די נייע פּאָליטישע איינריכטונגען. ניו העמשיר איז אָפּגעטיילט גע־וואָרען פון מאַסאַטשוזעטס און באַשטימט געוואָרען אַלס אַן אומ־אָפּהיינגיגע קאָלאָניע, בשעת די אָרימע קאָלאָניע פּלימוטה איז צו־געטשעפּעט געוואָרען צו מאַסאַטשוזעטס. די נייע רעגירונגס־פאָר־מע איז צונויפגעשטעלט געוואָרען פון דריי אָפּטיילונגען: אַ גאָ־ווערנאָר, אַ ראַטען־הויז און אַ רעפּרעזענטאַנטען־הויז. דער גאָווער־נאָר איז באַשטימט געוואָרען פון קעניג. די רעפּרעזענטאַנטען־הויז איז אויסגעקליבען געוואָרען פון די גוטבאַזיצער אין דער קאָ־לאָניע. די ראַטמענער זיינען אויסגעקליבען געוואָרען פון רעפּרע־זענטאַנטען־הויז מיט דער צושטימונג פון דעם גאָווערנאָר.

פון דעם ערשטען יאָר וואָס די נייע רעגירונגס־פאָרמע איז איינגעשטעלט געוואָרען האָט זיך אָנגעפאַנגען דער קאַמף צווישען דעם רעפּרעזענטאַנטען־הויז און דעם גאָווערנאָר. אַן ערך פון 30 יאָר איז דער הויפּט שטרייטפּונקט געווען דעם גאָווערנאָר'ס גע־האַלט. דער גאָווערנאָר און די ענגלישע רעגירונג האָבען געפאָדערט, אַז דער געהאַלט זאָל באַשטימט ווערען איין מאָל פאַר אַלע מאָל, און דער גאָווערנאָר זאָל יעדען יאָר זיין באַשטימטע סומע קענען

נעמען פון דער קאסע. דאס האט זיך דאס רעפּרעזענטאנטען־הויז אנטזאגט צו טאן. עס פלעגט יעדען יאר באשטימען די סומע דורך א ספּעציעלען געזעץ. אין פאל דער גאווערנאר האט ניט געטאן דעם ווילען פון רעפּרעזענטאנטען־הויז, איבערהויפּט אויב ער האט זיך אנטזאגט גוטצוהייסען געזעצען אין וועלכע דאס רעפּרעזענטאנטען־הויז איז געווען שטארק פאראינטערעסירט, פלעגט דער פארשלאג צו באצאלען דעם גאווערנאר זיין געהאלט איגנארירט ווערען. אדער עס פלעגט דורכגעפירט ווערען א פארשלאג צו באצאלען אים דעם יאר ווייניגער.

א צווייטער שטרייט־פּונקט איז געווען איבער געלדער, וואס דער גאווערנאר האט פארלאנגט פון מאסאטשוזעטס אויף בויען פעסטונגען אין מעין און אין ניו העמשיר געגען די אינדיאנער און פראנצויזען. אין 1690 האבען זיך אנגעפאנגען די מלחמות צווישען ענגלאנד און פראנקרייך, און די ענגלישע רעגירונג האט געפאדערט ריזיגע סומען פון די קאלאניעס אויף מלחמה־הוצאות. אזוי ווי מאסאטשוזעטס איז געווען די רייכסטע קאלאניע און אזוי ווי זי איז געלעגען נאענט צו דער קענעדער גרעניץ האט ענגלאנד זיך גערעכט צו קריגען פון איר א סך געלט פאר מלחמה צוועקען. דאס רעפּרעזענטאנטען־הויז האט אבער קיין חשק ניט געהאט דאס געלט צו געבען. איר טענה איז געווען, אז מאסאטשוזעטס איז ניט מחויב צו באשיצען אנדערע קאלאניעס.

דער קאמף איבער דעם גאווערנאר׳ס געהאלט האט זיך אין 1728 געענדיגט מיט א זיג פאר מאסאטשוזעטס. די מורא פאר די פראנצויזען אין קענעדע האט געווירקט, אז ענגלאנד זאל זיך אונטערגעבען. זי האט זיך געשראקען, אז אין פאל זי וועט די קאלאניסטען צו פיל אויפרעגען, וועלען זיי זיך איינגאנצען אפּרייסען פון איר און זיך אנשליסען אין קענעדע. אין דעם קאמף איבער צינזען פאר די מלחמה צוועקען האט אבער ענגלאנד אויסגעפירט. מיט דער צייט האבען אלע קאלאניעס אנערקענט, אז אין דער מלחמה געגען די אינדיאנער און פראנצויזען מוזען זיי זיין פאראייניגט, ווייל די מלחמה האט א גרעסערע באדייטונג פאר זיי ווי פאר דער ענגלישער רעגירונג. וואס ערנסטער די מלחמות זיינען

געווארען, אלץ מער געלט און מענשען האבען אלע קאלאניעס ביי־געשטייערט.

ביז נאך דער רעוואלוציע פון 1689 האט די ניו יארקער קאלא־ניע קיין רעפרעזענטאנטען־הויז כמעט ניט געהאט. זי איז רע־גירט געווארען פון א מין זעלבסט־הערשער־א גאווערנאר בא־שטימט פון ענגלישען קעניג. די קאלאניסטען האבען פראטעס־טירט, געפאדערט פאלקס־פארטרעטערשאפט, אבער זייער שטימע איז איגנארירט געווארען. אויף א קורצער צייט האט דער קעניג אין די אכציגער יארען יא אויפגעשטעלט א רעפרעזענטאנטען־הויז. באלד אבער האט ער זיך אליין פאר אים דערשראקען און האט עם אפגעשאפט.

נאך דער רעוואלוציע האט דער נייער קעניג וויליאם אריבער־געשיקט א נייעם גאווערנאר קיין ניו יארק מיט אינסטרוקציעס אז ער זאל דארטען גרינדען די זעלבע פארם רעגירונג ווי אין מא־סאטשוזעטס. דאס רעפרעזענטאנטען־הויז איז אויסגעוויילט גע־ווארען פון די פארמעגליכע מענשען אין דער קאלאניע. די ראט־מענער זיינען באשטימט געווארען פון דעם גאווערנאר. אין דעם דאזיגען פרט האט ניו יארק געהאט ווייניגער פאליטישע פרייהייט ווי מאסאטשוזעטס. אין ניו יארק האט דאס רעפרעזענטאנטען־הויז קיין שום דעה ניט געהאט איבער דער וויילונג פון די ראט־מענער.

דער קאמף צווישען דעם גאווערנאר און דעם רעפרעזענטאנ־טען־הויז איז אין ניו יארק פארגעקומען אזוי ווי אין מאסאטשו־זעטס. די שטרייט־פראגען זיינען געווען דיזעלבע. ניו יארק האט געהאט דאס אומגליק, וואס אהער האט דער קעניג געשיקט די אומפייאיגסטע און פארדארבענסטע אריסטאקראטען אלס גאווער־נארס. די דאזיגע פארשטייער פון דער ענגלישער רעגירונג האבען גע׳גנב׳עט און געכאבארעוועט וואו עס האט זיך נאר געלאזען. זיי האבען גע׳גנב׳עט די געלט וואס די קאלאניע האט באשטימט צו בויען פעסטונגען און קויפען אמוניציע זיך צו פארטיידיגען געגען די אינדיאנישע פאגראמען; זיי האבען גע׳גנב׳עט פון די צינזען וואס די קאלאניע האט געזאמעלט פאר דער ענגלישער רעגירונג; זיי האבען גענומען כאבאר פון די ים־רויבער, וועלכע האבען גע־

בראכט זייערע אנגערויבטע סחורות קיין ניו יארק. זיי האבען ארויסגעפרעסט געלט פון געשעפטס־לייט, פארמער. דאס רעפרעזענטאנטען־הויז האט געהאט איין מיטעל זיך צו ווערען געגען די בלוט־צאפערס: עס האט זיך אנטזאגט צו באשטימען צינזען אויף הוצאות פאר די גאווערנארס. די ענגלישע רעגירונג האט געסטראשעט צו נעמען שטרענגע מיטלען, אבער זי האט עס ניט געוואגט צו טאן. טאקי אלץ צוליב דער מורא פאר די פראנצויזען, א געפאר וואס איז אין ניו יארק געווען א גרעסערע ווי אין מאסאטשוזעטס.

אין פענסילווייניא איז די לאגע געווען א פארפלאנטערטע. די קאלאניע איז געווען דאס אייגענטום פון וויליאם פען און זיינע יורשים. די רעגירונגס־פארם האט פען איינינגע מאל געענדערט. אין אלגעמיין איז זי אבער געווען ענליך צו דער ניו יארקער רעגירונג. פען און זיינע יורשים האבען באשטימט דעם גאווערנאר. די קאלאניסטען האבען געוויילט א רעפרעזענטאנטען־הויז. די איינטיילונג פון דער פארטרעטערשאפט איז אבער געווען אזא, אז די קוויקערס האבען שטענדיג געהאט א מאיאריטעט אין רעפרעזענטאנטען־הויז, כאטש אין דער באפעלקערונג איז זייער צאל געווען קליין אין פארגלייך מיט די קריסטען פון די אנדערע סעקטען. די קוויקערס זיינען געווען די רייכסטע ערד־באזיצער און געשעפטס־לייט, די אריסטאקראטיע אין דער קאלאניע. זיי האבען געוויינליך געשטיצט די פאליטיק פון די אייגענטימער, די פענס, וועלכע זיינען אויך געווען קוויקערס.

צווישען די ארימע קאלאניסטען און דער פען־פאמיליע איז קיינמאל קיין שלום ניט געווען. די פענס האבען געזוכט ארויסצופרעסען פון די קאלאניסטען וואס מער רענט און צינזען, און די קאלאניסטען האבען זיך געווערט. אין דעם 18טען יארהונדערט איז צוגעקומען די פראגע פון צינזען פאר די מלחמות געגען די פראנצויזען און די אינדיאנער. אזוי ווי די ערשטע מלחמות זיינען פארגעקומען ווייט פון פענסילווייניא, און אזוי ווי פענסילווייניא האט שטענדיג געלעבט אין גוטע באציאונגען מיט די אינדיאנער האבען די קאלאניסטען ניט געזעהן קיין אורזאך פארוואס זיי זאלען אין דער גאנצער זאך אריינגעצויגען ווערען. אין דעם זיינען אלע קאלאניסטען געווען פאראייניגט, סיי די רייכע קוויקערס, סיי די

אָרימע קוויקערס. יעדען מאָל וואָס די ענגלישע רעגירונג האָט באַפוילען דעם גאָווערנאָר צו פאָדערען געלט פון דער קאָלאָניע, האָט דאָס רעפּרעזענטאַנטען־הויז געענטפערט, אַז אַלס קוויקערס קענען זיי פאַר מלחמה־צוועקען קיין געלט ניט געבען. (די קוויקער־רעליגיע פאַרבאָט מלחמות). ווען די רעגירונג פלעגט זיי אָבער צודריקען צום וואַנט פלעגען זיי באַשטימען קליינע סומען בלומרשט צו העלפען די פאַרוואונדעטע אָדער צו קויפען שפּייז פאַר די סאָלדאַטען. אָבער אַפילו פאַר די „אומשולדיגע" צוועקען איז ביים עולם שווער געווען צו זאַמלען די צינזען. זיי פלעגען אַפשיקען די צינזען־זאַמלער צו מר. פּען: „ער האָט גענוג געלט, זאָל ער געבען געלט," פלעגען זיי זאָגען.

אין מיטען פון 18טען יאָרהונדערט האָט זיך די לאַגע געביטען. די פראַנצויזישע געפאַר האָט שוין דעמאָלט דערגרייכט ביז די טירען פון פּענסילווייניאַ. די פראַנצויזען האָבען פאַרנומען די פעסטונג נעבען פּיטסבורג. די ערשטע וואָס האָבען די געפאַר דערפילט זיינען געווען די אָרימע קאָלאָניסטען ביי דער גרעניץ פון דער קאָלאָניע. זיי האָבען גענומען פאָדערען, אַז די קאָלאָניאַלע רעגירונג זאָל אָרגאַניזירען אַן אַרמיי און זאָל באַשטימען געלט זיי צו באַשיצען. די ענגלישע רעגירונג האָט דער קאָלאָניע געשטעלט דיזעלבע פאָדערונג. די רייכע קוויקערס האָבען אָבער אַלץ קיין חשק ניט געהאַט צו געבען געלט. זיי האָבען זיך געפילט זיכער. דער דאָפּעלטער דרוק פון דער ענגלישער רעגירונג און פון די גרעניץ־קאָלאָניסטען איז אָבער געווען צו שטאַרק. אויף דעם באַפעל פון דער ענגלישער רעגירונג איז די פאַרטרעטערשאַפט צום רעפּרעזענטאַנטען־הויז רעאָרגאַניזירט געוואָרען. די רייכע קוויקערס האָבען זיך אַליין צוריקגעצויגען אַלס קאַנדידאַטען. דאָס רעפּרעזענטאַנטען־הויז איז אַריבער אין די הענט פון די אַנדערע עלעמענטען פון דער קאָלאָניע. פּענסילווייניא האָט געגעבען געלט און אָרגאַניזירט אַרמייען פאַר דער לעצטער מלחמה געגען די פראַנצויזען און אינדיאַנער, די מלחמה פון 1756 ביז 1763, וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט אַ פולשטענדיגען זיג פאַר די ענגלישע קאָלאָניסטען און דער ענגלישער רעגירונג.

.31

ענגלישע האַנדעלס גע͏זעצען פאַר די קאָלאָניעס

אזוי שנעל ווי די קאָלאָניעס זיינען זיך פאַנאַנדערגעוואַקסען האָט ענגלאַנד אָנגענומען מיטעל צו קאָנטראָלירען זייערע אינדוסטריען און זייער האַנדעל פאַר איר אייגענער טובה וועגען. די אָנגענומענע טעאָריע אין אַלע אייראָפּייאישע לענדער אין יענער צייט איז געווען, אַז קאָלאָניעס ווערען געשאַפען אַלס אַ קוואַל פון פאַרדינסט פאַר דער מוטער לאַנד. די קאָלאָניסטען האָבען די טעאָריע ניט אָפּגעלייקענט. זיי האָבען אָבער פון ערשטען מאָמענט ביז'ן לעצטען זיך געווערט געגען איר. די האַנדעלס-געזעצען וואָס די ענגלישע רעגירונג האָט געזוכט אַרויפצוצווינגען אויף די קאָלאָניעס זיינען געווען איינע פון די הויפּט אורזאַכען פון דער רעוואָלוציע, פון דעם קאַמף פאַר אומאָפּהענגיגקייט, וואָס האָט אויסגעבראָכען אין 1775.

דאָס ערשטע האַנדעלס-געזעץ האָט ענגלאַנד געמאַכט אין די פערציגער יאָרען פון 17טען יאָרהונדערט. אין ענגלאַנד האָט אין יענער צייט געהערשט אַ מאָנאַרך, וואָס האָט געפירט אַ קאַמף געגען דעם פּאַרלאַמענט און ער האָט זיך גענויטיגט אין געלט. די רייכסטע קאָלאָניע איז דעמאָלט געווען ווירדזשיניאַ, וועלכע האָט עקספּאָרטירט טאַבאַק קיין אייראָפּאַ. האָט דער קעניג אַרויסגעגעבען אַ באַפעל, אַז דער עקספּאָרטירטער טאַבאַק מוז געשיקט ווערען אין אַן ענגלישען האַפען אַריין, און דאָרטען מוז פאַר אים באַצאָלט ווערען אַ שטייער. דורך דעם דאָזיגען געזעץ האָט דער קעניג געקראָגען דאָס שטייער-געלט און די ענגלישע סוחרים, אַ מאָנאָפּאָל אויפ'ן אַמעריקאַנישען טאַבאַק-האַנדעל. די ווירדזשיניער קאָלאָניסטען האָבען דעם באַפעל ווייניג געפאָלגט. זיי האָבען זייע־

רע פראדוקטען געשיקט קיין האלאנד, וואו זיי זיינען פריי געווען פון אפצאלונגען.

נאך דער רעוואלוציע פון 1649 איז ענגלאנד באהערשט געווא־רען פון א פארלאמענט, וועלכער האט פארטראטען די אינטערע־סען פון דעם סוחרים־קלאס. עס איז דעמאלט דורכגעפירט געווארען א געזעץ, אז ניט־ענגלישע שיפען טארען ניט פירען קיין סחורה אין די ענגלישע קאלאניעס אריין אדער פון די קאלאניעס ארויס. די לאגע אין ענגלאנד איז אבער דעמאלט געווען זייער אן אומ־רואיגע. די מאנארכיסטען האבען זיך געבונטעוועט און געסטרא־שעט אלע ווילע מיט אן אויפשטאנד. די רעגירונג האט דעריבער ניט געהאט די מעגליכקייט דאס געזעץ ארויפצוצווינגען אויף די קאלאניסטען און די קאלאניסטען האבען עס איגנארירט.

אין 1660 איז די מאנארכיע אין ענגלאנד אויפגעשטעלט גע־ווארען. דער פארלאמענט האט מיט דעם קעניג שלום געמאכט. און אזוי ווי דער איינפלוס פון די סוחרים איז איצטער אין דער רעגי־רונג אומגעהייער שטארק געווען, זיינען ווידער דורכגעפירט געווא־רען א גאנצע רייע געזעצען צו קאנטראלירען דעם קאלאניאלען האנדעל. אט זיינען די וויכטיגסטע פון די געזעצען:

1) סחורה פון די קאלאניעס מעג ארויסגעשיקט ווערען בלויז אין שיפען וואס זיינען געבויט געווארען אנטוועדער אין ענגלאנד אדער אין אירע קאלאניעס, וועלכע געהערען צו ענגלישע אונטער־טאנען, און אויף וועלכע די מאנשאפט באשטייט צום ווייניג־סטענס פון דריי פערטעל ענגלישע אונטערטאנען.

2) אויסלענדער טארען ניט האנדלען אין די קאלאניעס.

3) טאבאק, צוקער און נאך איינינע אויסגערעכענטע פראדוק־טען, וואס ווערען עקספארטירט פון די קאלאניעס אין פרעמדע לענדער מוזען אויפ'ן וועג זיך אפשטעלען אין אן ענגלישען האפען און דארטען באצאלען א שטייער. דעמאלט ערשט קען קען זיי אפ־פירען אין דעם פרעמדען לאנד, וואס האט זיי געקויפט.

דער ציל פון די געזעצען איז געווען צו באשאפען א מאנאפאל פאר ענגלישע סוחרים איבער דעם האנדעל מיט די קאלאניעס. ווי־באלד די סחורה האט געמוזט געפירט ווערען אין ענגלישע שיפען,

און וויבאלד זי האט געמוזט געבראכט ווערען אין אן ענגלישען האַ־פען אריין, זיינען די קאלאניסטען געצוואונגען געווען צו פארקוי־פען צו ענגלישע סוחרים. אין גיכען אבער האט זיך די ענגלישע רעגירונג געכאפט, אז אין דער מאנאפאל־מאשין פעלט א זייער וויכטיגע שרייפעלע: דאס געזעץ האט, נעמליך, ניט פארבאטען אויסלענדישע שיפען צו ברענגען סחורה אין די קאלאניעס אריין. פלעגען די קאלאניסטען אימפארטירען סחורה פון אנדערע לענ־דער, און וויבאלד די פרעמדע שיפען פלעגען מעגען אריינפארען אין די קאלאניסטישע האפענס, איז ליכט געווען אויף זיי ארוים־צושמוגלען סחורה. דערפאר איז אין 1663 דורכגעפירט געווארען נאך א געזעץ, אז בלויז ענגלישע שיפען מעגען פירען סחורה אין די קאלאניעס אריין. אט דאס געזעץ, צוזאמען מיט די פריערדיגע, האט ארומגעצאמט די קאלאניעס מיט א וואנט. קיין לאנד אויסער ענגלאנד האט מיט זיי קיין האנדעלס־פארבינדונגען ניט געטארט האבען.

די פראגע איז איצטער געווען ווער זאל די געזעצען דורכפי־רען אין קראפט. אויף די קאלאניסטען אליין און אויף די קאלא־ניסטישע רעגירונגען האט מען זיך ניט געקענט פארלאזען. זיי זיי־נען געווען פיינדליך צו די געזעצען. די גאווערנארס וואס דער ענגלישער קעניג האט אין די קאלאניעס געשיקט זיינען אין די מערסטע פעלע אליין געווען הענדלער און זיי האבען נאך געהאל־פען איבערטרעטען די געזעצען. דער בעסטער ביישפיל איז געווען גאווערנאר בוירקלי פון ווירדזשיניא. צום אים האבען באלאנגט די גרעסטע טאבאק־פלאנטאציעס אין דער קאלאניע און ער וואלט פון די געזעצען געליטען מער ווי די אנדערע קאלאניסטען. די ענג־לישע רעגירונג האט דעריבער אהער געשיקט ספעציעלע מענשען צו באוואכן די האפענס, אבער זיי זיינען געווען מאכטלאז געגען דער פאראייניגטער געגנערשאפט פון די רייכע קאלאניסטען.

אין 1676 האט די ענגלישע רעגירונג געשיקט אן אגענט עד־ווארט רענדאלף אויסצופארשען די לאגע אין מאסאטשוזעטס. אין זיין באריכט האט ער ערקלערט, אז די שמוגלעריי איז אזוי פאר־שפרייט, אז דער האנדעל איז פאקטיש „פריי און אפען“. ער האט

אויך דערקלערט, אז „דער גאווערנאר פון מאסאטשוזעטס מאכט אויף יעדערען דעם איינדרוק, אז זיין קאלאניע איז א פרייער אומ־אפהיינגיגער שטאט“.

די ענגלישע רעגירונג האט רענדאלפ'ן צוריקגעשיקט אין מאסאטשוזעטס אלס הויפט האפען־באאמטען. ער איז געווען א שטרענגער און ערליכער דינער פון דער רעגירונג. ער האט זיך צו זייגע פליכטען גענומען ענערגיש, אבער פיל אויפטאן האט ער ניט געקענט. ער האט נעבעך געמוזט ווארפען זיין אמט און צוריקפארען אן אנטוישטער קיין ענגלאנד.

דער האנדעלס־קלאס אין ענגלאנד האט געפרעסט די רעגירונג זי זאל זיין שטרענג צו די קאלאניסטען. די רעגירונג האט אלערליי מיטלען אנגעווענדט, אבער אן ערפאלג. זי האט געשיקט אייגענע האפען־באאמטע, האט באוואכט די האפענס מיט קריגסשיפען, האט אנגעבאטען באלוינונגען צו מוסרים. שפעטער האט זי באפאלמעכטיגט אירע באאמטע צו מאכען אבלאוועס אין הייזער, אין קראמען אפילו אן שום ווארנונג. די ערשטע יארען פלעגען די פראצעסען פון ארעסטירטע שמוגלערס פארגעבראכט ווערען פאר זשורים פון קאלאניסטען. פאשטייט זיך, אז די זשורים זיינען געווען פארטייאיש צו די ארעסטירטע. האט דער ענגלישער פארלאמענט דורכגעפירט א געזעץ, אז די פראצעסען זאלען פארקומען אין ספעציעלע געריכטען, פאר ספעציעלע ריכטער.

אבער געגען אלע מיטלען האבען די קאלאניסטען געפונען וועגען ווי זיך אויסצודרייען. וואס מער געזעצען עס זיינען געמאכט געווארען געגען שמוגלעריי, אלץ מער האט זיך געלוינט פאר די הענדלער צו ריזיקירען, ווייל אלץ גרעסער זיינען די פראפיטען געווען. פון דעם פאלגענדען חשבון קען מען זיך מאכען א באגריף ווי גרויס דער נסיון צו שמוגלען איז געווען.

צווישען די יארען 1689 און 1693 האבען די קאלאניעס פארקויפט צו אייראפא פופצען מיליאן פונט טאבאק יעדען יאר, פינף מיליאן פונט פלעגען פארקויפט ווערען צו ענגלאנד און די איבריגע צען מיליאן צו אנדערע לענדער. לויט דעם ענגלישען האנדעלס־געזעץ האבען די גאנצע פופצען מיליאן פונט געמוזט פריער גע־

בראכט ווערען אין ענגלישע האפענס, און אויף די צען מיליאן וואס זיינען שפעטער אפגעפירט געווארען אין אנדערע לענדער האבען די קאלאניסטען גענדארפט באצאלען דער ענגלישער רעגירונג א האלבען מיליאן דאלאר שטייער. רעכענט מען צו צו דעם האלבען מיליאן שטייער-געלט די הוצאות פון ארייגפירען די סחורה אין דעם ענגלישען האפען, אפפירען זי אין א סקלאד, צאלען רענט פאר'ן סקלאד און דאן די קאסטען פון צוריק ארויספירען די סחורה אויף א שיף, ווערט די סומע זייער גרויס. דער שמוגלער, וועלכער האט די טאבאק געפירט דירעקט צום אויסלענדישען האפען האט געקענט פארקויפען די סחורה מיט 25 פראצענט ביליגער ווי דער געזעצליכער סוחר.

אלע האפענס אין ניו יארק און אין ענגלאנד זיינען געווען פול מיט שמוגלער. אין די קאלאניעס פון דער סאוט, אין ווירדזשיניא און אין די קאראליינאס איז די לאגע געווען ניט פיל בעסער. די שמוגלער פלעגען פאלשעווען דאקומענטען, פלעגען אונטערקויפען באאמטע, די גאווערנארס, וועלכע האבען זיך געלאזט באצאלען, האבען באקומען זייער חלק און די וואס האבען געוואלט זיין ערליך האבען אפט געשטעלט זייערע לעבענס אין קאן.

גרויסע געשעפטען מיט די קאלאניעס האבען דאן אויך געפירט באנדעס פון ים רויבער. באנדיטען פלעגען זיך אויפהאלטען אויף דעם מאדאגאסקאר אינזעל. אהין פלעגען זיי ברענגען זייער רויב, און אהין פלעגען קומען אמעריקאנער סוחרים און ביי זיי די אנגערויבטע סחורה אפקויפען. א סך פון די ים רויבער זיינען געווען אמעריקאנער קאלאניסטען. נאכדעם ווי זיי פלעגען אנרויבען א גרויסען פארמעגען פלעגען זיי קומען צוריק אהיים און פירען א גביר'ש לעבען. די קאלאניסטען האבען זיי גאנץ גוט געקענט, אבער זיי האט דאס ווייניג געקימערט. די ים־רויבער האבען אלע מאל געהאט דעם תירוץ אז זיי בארויבען ניט קיין אייגענע נאר פרעמדע, סוחרים פון אנדערע לענדער. אין יענע יארען איז בארויבען א פרעמדען הענדלער געווען כמעט א מצוה.

די פראפיטען פון די ים־רויבער זיינען געווען אומגעהייער גרויס. אט צום ביישפיל האט איינער פון זיי אויסגעשטאט א שיף

„נעסאו“ אין ניו יארקער האפען און האט פון איין „רייזע“ צוריק־געבראכט די בעלי־בתים פון דער שיף הונדערט און פופציג טוי־זענט דאלאר פראפיט. צוויי פראמינענטע ניו יארקער פאמיליעס האבען זייערע פארמעגענס געמאכט פון אויסשטאטען שיפען פאר ים־רויבער. די פיליפס־פאמיליע האט פון דעם געשעפט אנגעזא־מעלט א האלבען מיליאן דאלאר. די אריסטקראטישע דילענסי־פא־מיליע איז געווען אן אגענט פון ים־רויבער. זי פלעגט אפקויפען די אנגערויבטע זאכען און דערמיט האנדלען. דער גאווערנאר פון ניו יארק האט גאנץ גוט געוואוסט, אז די שיפען וואס פארען אפ פון דאנען קיין מאדאגאסקאר פארען האנדלען מיט ים־רויבער. ער האט געוואוסט, אז די שיפען, וואס קומען אהער פון מאדאגאסקאר ברענ־גען אנגערויבטע סחורה. ער האט אבער גארניט געקענט טאן געגען זיי.

א גרויסער טייל פון דער שולד פאר דער ים־רויבעריי פאלט אויף די רעגירונגען פון יענער צייט. אין פאל פון א מלחמה פלע־גען די רעגירונגען ארויסגעבען ערלויבנישען צו פריוואטע מענ־שען צו באוואפנען שיפען און באפאלען די האנדעלס־שיפען פון שונא און זיי בארויבען. אזוי ווי מלחמות זיינע געווען א זייער אפטע פאסירונג זיינען די ימים תמיד געווען פול מיט פאטריאטי־שע רויבער. פיל פון די וואס האבען זיך צו דעם געשעפט גענומען בלומרשט אוים פאטריאטיזם זיינען שוין אין אים אויף שטענדיג פארבליבען. אנדערע האבען ניט געווארט אויף קיין ערלויבניש פון דער רעגירונג, נאר זיי האבען פאטריאטעוועט אויף זייער איי־גענעם חשבון.

מיט דער געשיכטע פון ים־רויבעריי פון יענער צייט איז פאר־בונדען א נאמען, וועלכער איז פאראייביגט געווארען אין אמערי־קאנישע לעגענדען. דער נאמען איז קעפטען וויליאם קידד. אין די לעגענדען ווערט ער געשילדערט אלס דער שרעקליכסטער, ער גרוי־זאמסטער ים־רויבער וואס אמעריקא האט געגעבען דער וועלט. דער אמת איז אבער א גאנץ אנדערער. עס איז מעגליך, אז ער איז געווען ניט מער ווי אן אומשולדיגער קרבן פון דער „עפענטליכער מיינונג“, וועלכע האט געפאדערט א שעיר לעזאזל.

קעפטען וויליאם קידד איז געווען אן ערליכער קאפיטאן פון א האנדעלס־שיף. ער האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין קאמף געגען ים־רויבער ארום ניו יארקער האפען. און די רייכע הענדלער פון ניו יארק האבען פון אים זייער געהאלטען. אין יאר 1698 האט א גרופע רייכע אריסטאקראטען פון ענגלאנד ארגאניזירט א קאמפא־ניע צו שיקען אן עקספעדיציע צו באקעמפען די פיראטען אין מא־דאגאסקאר. ניט פון מצוה וועגען איז די קאמפאניע ארגאניזירט געווארען, נאר פאר פראפיטען. די ים־רויבער אין מאדאגאסקאר האבען שטענדיג געהאט ביי זיך אנגערויבטע סחורה פאר שווערע טויזענטער, און דאס וואלט דאך די עקספעדיציע ביי זיי צוגע־נומען. עס איז אפילו באשטימט געווען, אז א צענטעל פון די פרא־פיטען וואס די עקספעדיציע וועט מאכען זאל געגעבען ווערען אלס א מתנה צום קעניג.

אויף דער רעקאמענדאציע פון א פראמינענטען ניו יארקער סוחר איז די עקספעדיציע געשטעלט געווארען אונטער דער קא־מאנדע פון קאפיטאן קידד. ער איז ארויסגעפארען פון ניו יארקער האפען מיט א באוואפענטער שיף גלייך קיין מאדאגאסקאר. וואס עס האט דערנאך מיט דער עקספעדיציע פאסירט איז אוממעגליך באשטימט צו זאגען. אנשטאט די ים־רויבער צו באפאלען און זיי באקעמפען איז קעפטען קידד אליין געווארען א ים־רויבער. ער האט זיך געזאמט אונטערוועגנס א שטיק צייט און דערנאך איז ער זיך רוהיג צוריק אריינגעשוואומען אין באסטאנער האפען. דער גאווערנאר פון מאסאטשוזעטס האט אים גלייך געלאזט ארעסטי־רען און אים אויסגעליפערט קיין ענגלאנד. זיין פראצעס איז געווען די סענסאציע פון טאג. קעפטען קידד האט גע'טענה'ט, אז זיינע מאטראזען האבען אים געצוואונגען צו פארוואנדלען די עקספעדי־ציע אין א רויב־שיף. די באווייזען געגען אים זיינען געווען שוואכע. אויסער דער קלאגע פון ים־רויבעריי איז געגען קידד'ן געבראכט געווארען א מארד־קלאגע. ער האט אויפ'ן שיף געהאט א געשלעג מיט א מאטראז און דער מאטראז איז געשטארבען פון די וואונדען. די גרויסע אריסטאקראטען פון ענגלאנד זיינען אין דעם פראצעס געווען שטארק פאראינטערעסירט. זיי האבען געזוכט א קרבן פאר

די פֿאַרלוסטען וואָס זיי האָבען געליטען. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז קעפּטען קידד איז פֿאַראורטיילט געוואָרען צום טויט און איז אויפֿגעהאָנגען געוואָרען אין לאָנדאָן.

.32

די מלחמות צווישען ענגלאַנד און פראַנקרייך פאַר אַמעריקאַ

ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבען זעלטען געלעבט אין פרידען. הונדערטער יאָרען נאָכאַנאַנד האָבען זיי איינע געגען די אַנדערע מלחמה געהאַלטען. די שנאה האָט עקזיסטירט נאָך מיט אַ פאַר הונדערט יאָר איידער אַמעריקאַ איז אַנטדעקט געוואָרען. די פיינט־שאַפט איז ארויסגעוואַקסען פון פּאָליטישע, רעליגיעזע און אימ־פּעריאַליסטישע אורזאַכען. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס אויך אין אַמעריקאַ האָבען די פראַנצויזישע קאָלאָניסטען אין קענעדע און די ענגלישע קאָלאָניסטען אין ניו יאָרק און אין ניו־ענגלאַנד באַטראַכט איינע די אַנדערע פאַר שונאים. די שנאה איז אימפּאָרטירט געוואָרען פון יענער זייט ים, און צו דער היס־טאָרישער שנאה איז צוגעקומען די קאָנקורענץ איבער'ן האַנדעל, און עקאָנאָמישע אייפערזוכט.

אין פאַרלויף פון די זיבציג יאָר צווישען 1690 און 1760 זיינען צווישען די ענגלישע און פראַנצויזישע קאָלאָניסטען אין אַמעריקאַ פאָרגעקומען ניט ווייניגער ווי פיר מלחמות. די ערשטע דריי זיי־נען געווען אַן אָפּקלאַנג פון די מלחמות צווישען די מוטער־לענדער אויף יענער זייט ים. די לעצטע מלחמה, וועלכע האָט אינגאַנצען געבראָכען די פראַנצויזישע מאַכט אין אַמעריקאַ, איז געווען אַ היגע, אַן עכט אַמעריקאַנישע.

אין 1689 איז אין ענגלאַנד פאָרגעקומען אַ פּאָליטישע רעוואָ־לוציע. דער קאַטוילישער קעניג דזשיימס דער צווייטער איז אַרויס־געטריבען געוואָרען פון לאַנד און אויף זיין פּלאַץ איז אַרויפגעזעצט

געווארען א פראטעסטאנטישער פרינץ, וויליאם פון האלאנד. דזשיימס איז אנטלאפען צו זיין מחותן, דעם פראנצויזישען קעניג לודוויג דעם 14טען, און איז דארטען אויפגענומען געווארען מיט אפענע ארעמס. כל זמן דזשיימס איז געזעסען אויפ'ן שטול אין ענגלאנד געווען געהארכזאם צו דער מעכטיגער פראנקרייך. דזשיימס איז געווען ווי וואקס אין די הענט פון די פראנצויזישע דיפלאמא־טען און דערפאר האט די פראנצויזישע רעגירונג די איבערקערע־ניש אין ענגלאנד באטראכט פאר אירער אן אנגעלעגענהייט און האט זיך אנטזאגט צו אנערקענען וויליאמס'ן אלס ענגלישען קעניג. דערמיט האט זי ערקלערט קריג געגען ענגלאנד.

און גראד אין דערזעלבער צייט איז דא אין אמעריקא פאר־געקומען איינע פון די פעריאדישע אויפשטאנדען פון די איראק־ווא אינדיאנער געגען די פראנצויזישע קאלאניסטען. אין דער נאכט פון 4טען אויגוסט, 1689, זיינען פערצען הונדערט אינדיאנער בא־פאלען א שטעטעל עטליכע מייל פון מאנטרעאל און זי כמעט אין גאנצען אויסגעקוילעט. די פראנצויזען האבען, ווי שטענדיג, גע־האלטען די ענגלישע קאלאניסטען פאראנטווארטליך. זיי האבען וועגען דעם געמאלדען דער פראנצויזישער רעגירונג, און די רעגי־רונג האט באשלאסען צו שיקען אן ארמיי און א פלאט צו באפאלען ניו יארק און באסטאן און זיי ענטוועדער אינגאנצען פארניכטען אדער זיי צווינגען צו אנערקענען די הערשאפט פון דער פראנצויזי־שער מאכט. אלע איינצעלהייטען פון דעם אנפאל זיינען פינקטליך אויסגעארבייט געווארען.

דער פלאן איז אבער פארבליבען אויפ'ן פאפיר. דער פראנצוי־זישער קאמאנדיר וואס איז אהער געשיקט געווארען האט גלייך איינגעזען, אז ער באזיצט ניט די כחות דערצו. ער האט באשלא־סען אנצואווענדען די אלטע טאקטיק, די אויסגעפרובירטע מעטא־דען פון גערילא־קריג. ער האט צו דעם צוועק ארגאניזירט דריי עקס־פעדיציעס, איינע געגען ניו יארק, א צווייטע געגען די גרעניץ־שטעטלאך אין מעין און ניו העמשיר, און א דריטע געגען פארט־לאנד, מעין. די ערשטע עקספעדיציע, וועלכע איז באשטאנען פון 160 פראנצויזישע סאלדאטען און א פאר הונדערט אינדיאנער, איז

אין א קאלטער נאכט אין 1690 באפאלען די שטעטעל סקענעקטעדי און האט דארטען געמאכט א שרעקליכען פאגראם. זיי האבען גע־קוילעט מענער, פרויען און קינדער אין די בעטען. די הייזער האָ־בען זיי אונטערגעצונדען. די, וואס האבען זיך פון שווערד געראַ־טעוועט זיינען אומגעקומען אין די פלאמען. די אנדערע צוויי עקס־פעדיציעס האבען געהאט ענליכע „זיגען" אין מעין און אין ניי־העמשיר. די ווילדע פאגראמשטשיקעס זיינען אין קוויבעק אויפ־גענומען געווארען ווי גרויסע העלדען.

אין מאסאטשוזעטס איז באלד ארגאניזירט געווארען אן עקס־פעדיציע געגען קענעדע. אין מאי, 1690, איז א שיף מיט סאלדאַ־טען אריינגעשוואומען אין פראנצויזישען שטעטעל פארט ראיאל, נאווא סקאשא. די פראנצויזען האבען זיך אונטערגעגעבען. דער גענעראל פון דער ענגלישער עקספעדיציע האט אבער געהאט פונקט אזא קריגס־מאראל ווי די גענעראלען פון דער פראנצויזישער עקספעדיציע. ער האט ארויסגעשיקט זיינע סאלדאטען איבער'ן שטעטעל זיי זאלען אים ברענגען צו טראגען וואס זיי וועלען נאר געפינען. די חברה איז באפאלען פריוואטע הייזער און פון דארט ארויסגעשלעפט אלץ וואס איז נאר מעגליך געווען: געשיר, העמ־דער, היטלען, פארוקען. זיי האבען אפילו איינגעבראכען אין די קלויסטערס און ארויסגערויבט אלץ וואס האט נאר א שטיקעל ווערט געהאט.

די מלחמה האט זיך געצויגען זיבען יאר. די ענגלישע קאלאָ־ניסטען האבען עטליכע מאל געפרואווט איינצונעמען קוויבעק, אבער יעדע עקספעדיציע איז דורכגעפאלען. ערפאלג האבען געהאט בלויז די פאגראם־אטאקעס. די ענגלענדער מיט זייערע אינדיאנער האבען געקוילעט פראנצויזען, און די פראנצויזען מיט זייערע אינדיאנער האבען געקוילעט ענגלענדער. די לעצטע שחיטה אין דער מלחמה האבען געמאכט די פראנצויזען. זיי האבען אויסגע־הרג'ט עטליכע אינדיאנישע שטעטלאך אין ניו יארק. אין 1697 איז אין אייראפא געשלאסען געווארען פרידען צווישען פראנקרייך און ענגלאנד. אלץ איז געבליבען ווי פאר דער מלחמה. די ענגלישע קאלאניסטען האבען אפגעגעבען צוריק די שטאט פארט ראיאל, וואס

זיי האָבען איינגענומען. אין איראָפּאַ האָט פראַנקרייך אַנערקענט די הערשאַפט פון דעם נייעם ענגלישען קעניג.

דער פרידען האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. אין 1700 האָט דער פראַנצויזישער קעניג לודוויג דער 14טער ארויפגעזעצט זיינעם אַן אייניקעל אויפ'ן שפּאַנישען טראָן. אַ יאָר שפּעטער איז דזשיימס דער צווייטער געשטאָרבען. האָט לודוויג ערקלערט, אַז דזשיימס'עס יורש איז דער אמת'ער קעניג פון ענגלאַנד. זייענדיג דער פאַקטישער הערשער אי פון פראַנקרייך אי פון שפּאַניען, האָט לודוויג געפילט, אַז ער האָט די מאַכט צו צווינגען ענגלאַנד צו טאָן זיין ווילען. און אַ נייע מלחמה האָט זיך אָנגעהויבען.

דער דאָזיגער קריג, וואָס איז אין דער געשיכטע באַקאַנט אַלס „די מלחמה איבער'ן שפּאַנישען יורש עצר", האָט פאַרפלייצט איי־ראָפּאַ מיט בלוט. אין אַמעריקאַ איז זי אָנגעפירט געוואָרען אויף דער זעלבער שטייגער ווי די פריערדיגע מלחמות. די ערשטע קרבנות זיינען געווען צוויי ענגלישע שטעטלאַך, איינע אין מעין און איינע אין מאַסאַטשוזעטס. אין אויגוסט 1703 זיינען פראַנ־צויזען און אינדיאַנער פלוצלינג באַפאַלען די שטעטעל וועלס, זי אונטערגעצונדען און די מענער־באַפעלקערונג אויסגע'הרג'ט. די פרויען און די קינדער האָבען זיי אוועקגעפירט קיין קאַנאַדע אַלס געפאַנגענע. אין פעברואַר 1704 זיינען אינדיאַנער, אונטער דער פירערשאַפט פון פראַנצויזישע אָפיצירען, באַפאַלען דאָס שטעטעל דירפיעלד, אין מאַסאַטשוזעטס, און דורכגעפירט אַן עכטען בלוט־באָד. זיי האָבען איבערגעלאָזען אַ פופציג טויטע מענער, פרויען און קינדער. די איבריגע איינוואוינער, הונדערט און עלף נפשות, האָבען זיי אוועקגעפירט אַלס געפאַנגענע אין קאַנאַדע. דאָרטען האָ־בען זיי צושיקט די פרויען און די קינדער אין פאַרשיידענע פראַנ־צויזישע און אינדיאַנישע דערפער און זיי יאָרען־לאַנג געהאַלטען אַלס געפאַנגענע און שקלאַפען.

די צוויי פּאָגראָמען האָבען אויפגעשטורעמט גאַנץ ניו ענג־לאַנד. די רעגירונג פון מאַסאַטשוזעטס האָט פובליקירט אַ פרייז פון פערציג פונט צו יעדען, וואָס וועט ברענגען אַן אָפּגעהאַקטען קאָפּ פון אַ פראַנצויזישען אינדיאַנער. עס איז אויך באַשלאָסען

געווארען צו ארגאניזירען אן ארמיי און א פלאטע צו אטאקירען קוויבעק און ארויסצוטרייבען די פראנצויזען פון קענעדע. די ענג־לישע רעגירונג האט צוגעזאגט צו שיקען הילף — א קריגס שיף מיט סאלדאטען.

די פארשפראכענע הילף פון ענגלאנד איז אבער ניט אנגעקו־מען. די קאלאניסטען האבען זיך געמוזט פארלאזען אין גאנצען אויף זייער אייגענער מאכט. אין 1710 איז אין מאסאטשוזעטס דורכגעפירט געווארען א געזעץ פון געצוואונגענער מיליטער־דינסט. עס איז איצטער באשלאסען געווארען ווידער איינצונעמען די האַ־פען שטאט פארט ראיאל, אין נאווא סקאשא. פאר די קאלאניסטען פון ענגלאנד איז דער דאזיגער פראנצויזישער האפען געווען ווי א דארן. ער איז געלעגען ניט ווייט פון דעם ניו ענגלענדער ברעג און עס איז דעריבער לייכט געווען פאר די פראנצויזען ארויסצושיקען פון דארטען באוואפענטע שיפען, צו פאנגען ענגלישע פישער־שיפ־לאך און האנדעלס־שיפען.

די עקספעדיציע געגען פארט ראיאל האט געהאט ערפאלג. די פראנצויזישע רעגירער אין קענעדע האבען זיך ווייניג וואס געקי־מערט וועגען אט דעם טייל פון זייער טעריטאריע. פאר זיי זיינען וויכטיג געווען קוויבעק און מאנטרעאל און די אנדערע האנדעלס־שטעט, וואס זיינען געלעגען ביי די טייכען טיפער אין לאנד. פארט ראיאל האט זיך גארניט פארטיידיגט. זי האט זיך אונטערגעגעבען אן ווידערשטאנד.

אין א יאר ארום האט ענגלאנד ענדליך אהער אריבערגעשיקט סאלדאטען, מאטראזען און שיפען צו אטאקירען קוויבעק. די קא־לאניסטען, דערהויפט פון ניו־ענגלאנד, האבען בייגעשטייערט זייער טייל צו דער ארמעע. אין מיטען זומער פון 1711 איז פון באסטאן אפגעפארען א פלאטע פון זיבציג שיפען מיט צוועלף טויזענד סאל־דאטען. אזא ריזיגע ים־מאכט האט מען ביז דעמאלט אין אמערי־קאנער וואסערען ניט געזען. אין ניו־ענגלאנד איז ביי קיינעם קיין צווייפעל ניט געווען, אז קוויבעק וועט פאלען און אז די פראנ־צויזען וועלען ענדליך פארטריבען ווערען פון קענעדע. אזוי וואלט עס ווארשיינליך געווען. נאך אלעמען איז די פראנצויזישע קאלא־

ניע אין קענעדע געווען ווי אַ מילב געגען די ענגלענדער אין אַמעריקאַ. די ענגלישע באַפעלקערונג איז געווען צוואַנציג מאָל אַזוי גרוים ווי די פראַנצויזישע. האָט זיך אָבער דער שיקזאַל אַריינגעמישט. דער ענגלישער אַדמיראַל האָט זיין אַמט באַקומען ניט פאַר זיין פעאיגקייט נאָר פאַר זיין פּאָליטישען איינפלוס אין דעם קעניגליכען הויף. ער האָט זיין פלאָטע געפירט אַזוי „קונציג", אַז ער האָט זי אַרויפגעפירט אויף שטיינער. עטליכע פון די שיפען זיינען צושמעטערט געוואָרען. אַרום טויזענד סאָלדאַטען זיינען אומגעקומען. דאָס איז געשען עטליכע מייל ווייט פון קוויבעק. דאָס דאָזיגע אומגליק האָט צושראָקען און צוטומעלט די פירער פון דער עקספּעדיציע. זיי האָבען באַשלאָסען זיך אומצוקערען צוריק אַהיים. און קוויבעק איז געבליבען ביי די פראַנצויזען.

די מלחמה אין אייראָפּאַ האָט זיך געענדיגט מיט אַ פאָלשטענדיגער נידערלאַגע פאַר פראַנקרייך. די מלחמה האָט פאַקטיש געבראָכען די מאַכט פון פראַנקרייך אין אייראָפּאַ. ביז די מלחמה האָט זי געהאַלטען גאַנץ אייראָפּאַ אין מורא און אין שרעק. נאָך דער מלחמה האָט איר פּרעסטיזש אָנגעפאַנגען צו פאַלען. דער פרידען איז געשלאָסען געוואָרען אין 1713 אין אַנטווערפּען. אין די פרידענס-פאַרהאַנדלונגען האָט אַמעריקאַ פאַרנומען אַ פּראָמינענטען פּלאַץ. פראַנקרייך האָט אָנערקענט די ענגלישע הערשאַפט איבער נאָוואַ סקאָשאַ (די פּראָווינץ האָבען די פראַנצויזען גערופען אַרקאַדיע). פראַנקרייך האָט אויך אָפּגעגעבען צו ענגלאַנד ניו-פאַונדלענד און דעם האַדסאָן בעי. אַ דאַנק דעם פרידען אַלזאָ, האָט ענגלאַנד אַריינגעשטעלט אַ פעסטע פוס אין קענעדע. ביים פרידענס-טיש האָבען די פראַנצויזישע שטאַטסלייט געקעמפט געגען ענגלאַנד'ס פאָדערונגען אויף נאָוואַ סקאָשאַ. ענגלאַנד האָט אָבער געוואוסט, אַז אירע קאָלאָניסטען אין ניו ענגלאַנד וועלען ניט דולדען, אַז דער דאָזיגער נעסט פון די ים-רויבער זאָל צוריקגעגעבען ווערען צו זייערע שונאים און זי איז דערפאַר שטרענג באַשטאַנען אויף דער פאָדערונג. פראַנקרייך האָט געמוזט נאָכגעבען.

אין די נעקסטע דרייסיג יאָר האָט געהערשט פרידען צווישען

ענגלאנד און פראנקרייך. אויך דא אין אמעריקא איז די צייט גע־וועזן מער אדער ווייניגער א רוהיגע. בלויז ביים גרעניץ צווישען מעין און קענעדע זיינען פארגעקומען צוזאמענשטויסען צווישען ענגלישע קאלאניסטען און פראנצויזישע אינדיאנער. פאר די בלוט־פארגיסונג איז פאראנטווארטליך געווען אממייסטענס א יעזואי־טישער מיסיאנער, וועלכער האט געפרעדיגט קריסטענטום צו די אינדיאנער און זיי געהעצט צו פאגראמען אויף די ענגלענדער. אינדיאנישע אנפאלען האבען זיך אנגעהויבען אין 1721 און אין 1724 האט מאסאטשוזעטס געשיקט אן ארמעע פון צוויי הונדערט סאלדאטען געגען דעם אינדיאנישען שבט. דער פראנצויזישער יע־זואיט האט געקעמפט צוזאמען מיט זיינע אינדיאנער און צוזאמען מיט זיי איז ער געפאלען אויפ'ן שלאכטפעלד.

דער קאמף איז געווען א לאקאלער. ניט די רעגירונגען פון די קאלאניעס און ניט די נאציאנאלע רעגירונגען אויף יענער זייט ים האבן זיך געמישט. די פאליטיק אין אייראפא האט דעמאלט גע־פאדערט פריינדליכע באציאונגען צווישען פראנקרייך און ענגלאנד און די פאליטיק אויף יענער זייט ים האט אויך באאיינפלוסט די פאליטיק אויף דער זייט ים.

אין 1740 האט זיך די לאגע אין אייראפא גענומען ענדערען. די לענדער דארטען האבען זיך ווידער גרופירט אין צוויי פיינדליכע לאגערען. אויף איין זייט — פראנקרייך, פרייסען און שפאניען; אויף דער צווייטער — ענגלאנד און עסטרייך. און אזוי שנעל ווי אין 1744 האט די מלחמה אויסגעבראכען דארטען, האט מען זיך אויך אנגעהויבען צו שלאגען דא.

די ענגלישע קאלאניסטען אין מאסאטשוזעטס האבען זיך באנוצט מיט דער נייער מלחמה צו אטאקירען א וויכטיגע האפען־שטאט, וועלכע די פראנצויזען האבען אין די פרידענס יארען אויפ־געבויט און באפעסטיגט. די שטאט האט געהייסען לואיסבורג און איז געלעגען אויף דעם קייפ בריטען אינזעל, צו צפון פון נאווא סקאשא. לואיסבורג איז געווען א סכנה פאר'ן האנדעלס־פארקער צווישען ניו־ענגלאנד און אייראפא. פון לואיסבורג איז פאר די

פראנצויזען לייכט געווען ארויסצושיקען באוואפענטע קריגס־שיפען צו פאנגען ענגלישע האנדעלס־שיפען.

אין 1745 האט מאססאטשוזעטס ארגאניזירט אן ארמעע און זי אפגעשיקט אויף אן עסקאדראן שיפען צו אטאקירען לואיסבורג. ענגלישע קריגס־שיפען, וועלכע האבען זיך גראד געפונען אין אמע־ריקאנער וואסערען, האבען זיך אן דער עקספעדיציע אנגעשלאסען. נאך א לאנגען קאמף איז לואיסבורג געפאלען. די גרינע סאלדאטען פון די קאלאניעס און די פראפעסיאנעלע סאלדאטען אויף דער ענגלישער פלאט האבען פארנומען די וויכטיגע האפען־שטאט.

די מלחמה האט אנגעהאלטען נאך דריי יאר, אבער קיין וויכ־טיגע מיליטערישע געשעענישען זיינען מער ניט פארגעקומען. אין 1748 איז געשלאסען געווארען פרידען און ווידער אמאל האבעןביידע צדדים צוגעגעבען אז זיי האבען זיך אומזיסט געשלאגען. ביידע האבען אפגעגעבען איינער דעם אנדערען וואס זיי האבען אין פארלויף פון דער מלחמה איינגענומען. אין אמעריקא האבען די פראנצויזען צוריקגעקראגען לואיסבורג.

דער פרידען האט אין ניו ענגלאנד ארויסגערופען א שטורם פון אויפרעגונג געגען דער ענגלישער רעגירונג. ניו ענלאנד האט מקריב געווען טויזענט לעבענס פון אירע קינדער די שטאט לואיס־בורג איינצונעמען. זי האט געבראכט דעם דאזיגען קרבן ווייל לואיסבורג איז געווען א געפאר פאר איר האנדל, און איצטער האט די ענגלישע רעגירונג זי געצוואונגען די שטאט אפצוגעבען צוריק צום געפערליכען קאנקורענט.

אין די דריי מלחמות צווישען די ענגלישע און פראנצויזישע קאלאניעס האבען זיך באטייליגט בלויז ניו ענגלאנד און ניו יארק. די קאלאניעס וואס זיינען געלעגען ווייטער צו דרום צו האבען פאר זיך קיין געפאר ניט געזען אין דער פראנצויזישער טעטיגקייט אין קענעדע און אין דער וועסט. דערפאר האבען זיי זיך כמעט אין די אלע מלחמות ניט אינטערעסירט. דער פערטער און לעצ־טער קריג האט זיך שוין, פארקערט, אנגעפאנגען אין דער סאוט. דער ערשטער צוזאמענשטויס איז פארגעקומען צווישען די פראנ־צויזען און די קאלאניסטען פון ווירדזשיניא.

אט די לעצטע מלחמה איז אין דער אמעריקאנער געשיכטע באקאנט מיט'ן נאמען „דער פראנצויזישער און אינדיאנישער קריג". אין דער געשיכטע פון אייראפא איז זי באקאנט מיט'ן נאמען „דער זיבען יאריגער קריג". די מלחמה איז אי אין אייראפא אי אין אמעריקא אנגעפירט געווארען פאר דער בּאהערשונג פון אמעריקא. זי האט געדארפט אנטשיידען איין מאל פאר אלע מאל צו ווענען אמעריקא זאל געהערען, צו ענגלאנד אדער צו פראנקרייך.

גלייך ווי דער קריג פון 1744 האט זיך געענדיגט, האבען די פראנצויזען גענומען מאכען פארבערייטונגען פאר דעם נעקסטען קריג. זיי האבען די גאנצע צייט, נאך פון הונדערט יאר פריער, גע'טענה'ט, אז פראנקרייך איז בארעכטיגט צו דער גאנצער שטיק טעריטאריע, וואס ווערט באוואסערט פון דעם מיסיסיפּי טייך און פון אלע צווייגען פון דעם טייך. פריער אבער איז ניט נויטיג געווען די דאזיגע תביעה צו פארטיידיגען אדער באפעסטיגען מיט פיזישער קראפט. איצט אבער האבען די ענגלישע קאלאניסטען פון פענסילווייניא און ווירדזשיניא גענומען אריינדרינגען אין דעם געגענד ארום דער אהאיא טייך. די פראנצויזען האבען פראטעסטירט. אייניגע קאנפערענצען זיינען אפגעהאלטען געווארען צו אנטשיידען די גרעניץ פראגע אויף א פרידליכען אופן. אבער אן ערפאלג. די פראנצויזען האבען באשלאסען צוזוטרעטען צו מעשים.

אין 1753 האט די פראנצויזישע רעגירונג אין קענעדע ארויסגעשיקט צוויי עקספּעדיציעס אין דער אהאיא געגענד. איינע א מיליטערישע, צו בויען דארט פעסטונגען, און א צווייטע א פּראפּאגאנדישע, אויפצוהעצען די אינדיאנישע שבטים געגען די ענגלישע קאלאניסטען. איןביידע עקספּעדיציעס האבען די פראנצויזען געהאט ערפאלג. די אינדיאנער האבען אימער געהאסט ענגלישע קאלאניסטען, און די אלע שבטים פון דער געגענד האבען זיך גערן אנגעשלאסען אן די פראנצויזען.

די ווירדזשיניא קאלאניע האט זיך די ערשטע אפגערופען. זי האט געשיקט מיט דעם יונגען אפיציר פון איר מיליץ, דזשארדזש וואשינגטאן, א צורוף צו די פראנצויזען אין פענסילווייניא, זיי זא־

לען זיך פון דאָרטען צוריקציען. עס פאַרשטייט זיך, אַז די פראַנ־צויזען האָבען זיך פון דער באַפעל אויסגעלאַכט. אין עטליכע מאָ־נאַטען אַרום זיינען די פראַנצויזען באַפאַלען אַ פעסטונג, וואָס די ענגלישע קאָלאָניסטען האָבען געזוכט אויפצובויען אויף דעם פונקט וואו פיטסבורג שטייט איצטער. נאָך אַ קורצען צוזאַמענשטויס האָבען זיך די ענגלענדער צוריקגעצויגען. אין דער דאָזיגער שלאַכט האָט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן שיער ניט פאַרלוירען זיין לעבען. די פראַנצויזען האָבען אים געפאַנגען און אים געוואָלט היגריכטען אויף דער קלאַגע פון מאָרד, ווייל אָפיציעל איז נאָך קיין קריגס־צושטאַנד צווישען ענגלאַנד און פראַנקרייך ניט געווען. און די פראַנצויזישע מיליטער־באַאַמטע האָבען באַטראַכט דזשאָרדזש וואַ־שינגטאָנ'ס קאַמף געגען זייער אַרמיי אַלס אַ געוויינליכען פאַר־ברעכען. עס איז אָבער געלונגען אויסצואַווירקען, אַז די באַאַמטע זאָלען ענדערען זייער שטעלונג און דזשאָרדזש וואַשינגטאָן מיט די אַנדערע געפאַנגענע סאָלדאַטען זיינען באַפרייט געוואָרען.

אין 1754 האָבען זיבען פון די ענגלישע קאָלאָניעס אָפּגעהאַל־טען אַ קאָנפערענץ אין אַלבאַני ארומצורייד ען די לאַגע. דאָרטען האָבען זיי אויסגעפונען, אַז מיט דעם אויסנאַם פון די איראָקוואַ שבטים, שטייען אַלע אינדיאַנער אויף דער זייט פון די פראַנצוי־זען. אָבער טראָץ דעם וואָס אַלע דעלעגאַטען ביי דער קאָנפערענץ זיינען געווען איבערצייגט אין דער אָנקומענדיגער געפאַר האָבען זיי זיך ניט פאַראייניגט. די קאָלאָניעס האָבען ניט געקענט דורכ־קומען צווישען זיך, ווער פון זיי זאָל האָבען די גרעסערע דעה אין מיליטערישע אַנגעלעגענהייטען. דערצו זיינען די קאָלאָניעס גע־ווען אייפערזיכטיג איינע אויף די אַנדערע. יעדע האָט מורא גע־האָט, אַז די צווייטע קאָלאָניע וועט פון דער מלחמה צופיל געווי־נען. אַט דער ערשטער פרואוו צו פאַראייניגען די קאָלאָניעס אין איין פעדעראַציע האָט זיך געענדיגט מיט אַ דורכפאַל.

אין 1755 איז אין ווירדזשיניאַ אָנגעקומען אַן ענגלישע אַרמיי. זי האָט אַטאַקירט די פראַנצויזען אין פענסילווייניאַ און דערביי געכאַפּט אַ שרעקליכע נידערלאַגע. דעם נעקסטען יאָר איז שוין די מלחמה געווען אָפיציעל דערקלערט און ענגלאַנד און פראַנק־

רייך האבען גענומען שיקען ארמייען און גענעראלען איינע נאך די אנדערע. דער הויפט גענעראל פון די פראנצויזען איז געווען לוי איס דזשאזעף מאנטקאלם און דער הויפט גענעראל פון די ענג־לענדער — דזשיימס וואלף.

די ערשטע נצחונות פון די פראנצויזען האבען געווירקט, אז די ענגלישע קאלאניסטען דא און די ענגלישע רעגירונג אויף יענער זייט ים האבען אנגעפאנגען צו ארגאניזירען גרויסע ארמייען. באלד איז קלאר געווארען דעם פראנצויזישען הויפט גענעראל, אז דעם שונא'ס כחות זיינען פיל גרעסער ווי זיינע. ענגלישע סאלדאטען זיינען אהער אנגעקומען אין די טויזענטער. די קאלאניסטען, ווי־דער, האבען איינגעפירט געצוואונגענע מיליטער־דינסט און אויך בייגעשטייערט גרויסע ארמייען. מיט די פראנצויזען איז דער פאל געווען פארקערט. פון אייראפא האבען באלד אויפגעהערט אהער צו קומען סאלדאטען און די רעגירונג האט אפילו אויפגעהערט צו שיקען מלחמה מאטעריאל. ענגלאנד'ס ריזיגע פלאטע האט באַ־וואכט די ימים און פראנקרייך האט מורא געהאט צו ריזיקירען מיט טראנספארט שיפען. גענעראל מאנטקאלם האט זיך געהאלטען אין איין בעטען פראנקרייך זאל שיקען הילף, אבער זיינע געשרייען זיינען געווען אומזיסט. אין די פראנצויזישע קאלאניעס דא זיינען געווען אנדערע צרות. די רעגירונג איז געווען דורכגעפרעסען מיט קארופציע. יעדערער וואס האט געהאט א צוטריט צו דער רעגי־רונגס־קאסע האט גע'גנב'עט און גערויבט. די ארימע באפעלקע־רונג איז אזוי שלעכט באהאנדעלט געווארען, אז זיי האבען קיין ליבע און קיין רעספעקט ניט געהאט צו דער רעגירונג און זיי האט ווייניג וואס געארט ווער עס וועט די מלחמה געווינען.

אין 1759 האט גענעראל וואלף באלאגערט קוויבעק. דער קאמף האט זיך אנגעפאנגען אין מאנאט דזשון און אנגעהאלטען ביז אין מיטען סעפטעמבער. די פראנצויזען האבען זיך ענדליך אונטערגע־געבען. אין דעם לעצטען צוזאמענשטויס זיינען ביידע גענעראלען, מאנטקאלם און וואלף, געפאלען טויטליך פארוואונדעט. אין עט־ליכע וואכען ארום האבען די ענגלענדער איינגענומען מאנטרעאל און קענעדע איז געווען אינגאנצען אין די הענט פון ענגלאנד.

די איצטיגע פאַראייניגטע שטאַטען האָט אין מיטען פון 18טען יאָר־הונדערט געהערט אַ טייל צו ענגלאַנד, אַ טייל צו פראנקרייך און אַ טייל צו שפאניען. די לאַנד־קארטע ציינט ווי אַזוי די טעריטאָריע איז דעמאָלט איינגעטיילט געווען צווישען די דריי רעגירונגען.



פרידען צווישען פראַנקרייך און ענגלאַנד איז געשלאָסען גע־וואָרען אין פּאַריז אין 1763. פראַנקרייך האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איר גאַנצער טעריטאָריע אין אַמעריקא. קענעדע און דאָס גאַנצע לאַנד אַרום דעם מיסיסיפּי טייך איז געוואָרען דאָס אייגענטום פון ענגלאַנד. ניו אָרליענס איז אַריבערגעגאַנגען צו שפּאַניען.

אין פאַרבינדונג מיט דער לעצטער מלחמה איבער דער הער־שאַפט פון אַמעריקא, מוז פאַרצייכענט ווערען דער גרוש פון די פראַנצויזען פון אַרקאַדיע, (נאָווא סקאָשע). די פּאַסירונג איז איינע פון די שרעקליבסטע טראַגעדיעס אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע.

אין אַרקאַדיע האָבען זיך די פראַנצויזען באַזעצט אין אָנפאַנג פון דעם זיבצענטען יאָרהונדערט. דאָרטען האָבען זיי זייערע ערש־טע קאָלאָניעס געגרינדעט. אין אָנפאַנג פון אַכצענטען יאָרהונדערט האָט ענגלאַנד אָפּגענומען די דאָזיגע שטיק לאַנד פון פראַנקרייך און האָט געגעבען די פראַנצויזישע קאָלאָניסטען די ברירה, ענטוועדער זיך פון דאָרטען אַרויסצוקלייבען אָדער צו אָנערקענען די נייע הערשאַפט. די פראַנצויזען האָבען אָנגענומען די צווייטע באַדינגונג און זיינען פאַרבליבען אין זייערע היימען.

די פראַנצויזישע באַפעלקערונג אין אַרקאַדיע איז געוואַקסען. זייער לאַגע איז אָבער פון יאָר צו יאָר געוואָרען שווערער. אַרקאַדיע ליגט ביים גרעניץ פון מעין. פאַר די ענגלענדער איז די פּראָווינץ געווען פון גרויס וויכטיגקייט אַלס סטראַטעגישער פּונקט אין פאַל פון אַ נייער מלחמה מיט די פראַנצויזען. די פראַנצויזען אין קע־נעדע, ווידער, האָבען קיין מאָל ניט אויפגעגעבען די האָפנונג, אַז ווען עס איז וועט אַרקאַדיע צוריקגעבראַכט ווערען אונטער זייער הערשאַפט.

די באַפעלקערונג האָט זיך ביי ביידע צדדים געבעטען מען זאָל זי צו רו לאָזען, אָבער די ענגלענדער און די פראַנצויזען האָבען געהאַלטען אין איין אינטריגירען. די אינדיאַנער און די יעזואיטישע גלחים האָבען באַנוצט זייערע ווילדע און פינסטערע מיטלען צו האַלטען די באַפעלקערונג צוגעבונדען צו פראַנקרייך און ענגלאַנד האָט דורכאַנאַנד געסטראַשעט די באַפעלקערונג, אַז אויב זי וועט

ניט ארויסווייזען טרייהייט צו דער ענגלישער רעגירונג וועט זי טייער באצאלען.

ווען די מלחמה־וואלקענס האבען זיך פארצויגען איבער קענעדע אין 1755 האבען די ענגלענדער באשלאסען די געפאר פון אן אויפשטאנד אין ארקאדיע באצייטענס צו פארהיטען. זייער פלאן דערצו איז געווען א ברוטאל־איינפאכער — די גאנצע פראנצויזישע באפעלקערונג פון ארקאדיע ארויסצוטרייבען.

ענדע זומער האט זיך דער גורש אנגעהויבען. געענדיגט האט ער זיך אין מיטען ווינטער. גאנצע דערפער און שטעט זיינען געטריבען געווארען אין די האפענס וואו שיפען האבען אויף זיי געווארט. ארום און ארום זיינען דעפארטירט געווארען זעקס טויזענט מענשען. מאנכע זיינען אוועקגעפירט געווארען אין די ענגלישע קאלאניעס, מאנכע קיין פראנקרייך און מאנכע קיין ענגלאנד. א סך זיינען געשטארבען אונטערוועגענס. א סך זיינען פארבליבען אייביגע בעטלער. *).

*) וועגען דעם דאזיגען טראגישען עפיזאד אין דער אמעריקאנער געשיכטע האט דער בארימטער אמעריקאנער דיכטער לאנגפעלא אנגעשריבען זיין אונשטערבליכע פאעמע „איוואנדזשעלין“.

די ביאָגראַפיעס פון בענדזשאַמין פרענקלין
און דזשאָרדזש וואַשינגטאָן

33.

די ביאגראפיע פון בענדזשאמין פרענקלין

בענדזשאמין פרענקלין איז געווען איינער פון די גרויסע מענער פון זיין צייט; און דער נאמען וואס ער האט ערווארבען ביים לעבען איז אויף א האר ניט פארטונקעלט געווארען ביז היינטיגען טאג. זיין גרויסקייט איז באשטאנען אין זיין קלוגען, פראקטישען פארשטאנד, אין דעם טיפען אינטערעס, וואס ער האט גענומען אין פראקטישען לעבען, און אין דער פראקטישער הילף וואס ער האט געבראכט צו מאכען דאס לעבען אנגענעם. דער היסטאריקער לעקי שרייבט וועגען אים: „פרענקלין איז איינער פון דער קליינער צאל מענשען, וועלכע האבען בייגעטראגען עטוואס ווערטפולעס צו דער „קונסט פון לעבען". זייער ווייניג שרייבער האבען איבערגעלאזען אזוי פיל טיפע און אריגינעלע באאבאכטונגען וועגען די אורזאכען פון ערפאלג אין לעבען און וועגען די בעסטע מעטאדען ווי צו אנטוויקלען דעם פארשטאנד און דעם כאראקטער. דער אידעאל צו וועלכען ער האט אליין געשטרעבט און וועלכען ער האט געפרעדיגט צו אנדערע איז געווען: „דער מענש דארף פון די אומשטענדען וואס רינגלען אים ארום ארויסציען אזוי פיל נחת און פרייד ווי נאר מעגליך. פרענקלין איז אימער געווען אריינגעטאן אין זוכען פראקטישע פלענער ווי צו העלפען דער מענשהייט דערגרייכען אט דעם אידעאל".

פרענקלינ'ס אידעאלען זיינען ניט געווען יענע הויכע און דערהאבענע אידעאלען וואס קענען קיינמאל ניט דערגרייכט ווערען. ער האט ניט געפרעדיגט יענע שענקייט און זויבערקייט פון גייסט, וועגען וועלכע עס פרעדיגען גלחים אין די קירכעס. ער איז געווען די פארקערפערונג פון דעם פראקטישען פארשטאנד, פון דעם שכל

הישר" פון „קאמאן סענס". ער האט פארשטאנען די שוואכקייטען פון דעם מענשענ'ס נאטור און ווי שווער עס איז די שוואכקייטען בייצוקומען. און ער האט געזוכט עצות, פראקטישע מיטלען, גובר צו זיין דעם יצר־הרע. ער אליין איז ניט איין מאל געפאלען א קרבן פון דעם יצר־הרע. ער איז געווען א דערפארענער סאלדאט אין דער מלחמה, און ער האט זיין סטראטעגיקע געלערענט פון זיין אייגענער פראקטיק. אויף זיין אייגענעם שלאכט־פעלד. די גאנצע פראקטישע פילאזאפיע זיינע האט ער אנטדעקט אין זיין אייגענער נשמה, אין זיין קאמף מיט זיך אליין.

ער האט געגלויבט און געפרעדיגט, אז דער מענש דארף שטרעבען צו גליק אויף דער וועלט. דער מענש טאר קיינמאל פון זינען ניט ארויסלאזען זיינע פראקטישע אינטערעסען. אבער פרענקלין איז פונקט אזוי געווען איבערצייגט, אז גליק אין פראקטישען לעבען קען נאר דערגרייכט ווערען דורך גוטע מידות, גוטע געוואוינהייטען, דורך לערנען און דורך געזעלשאפטליכער טעטיגקייט. זיין ענערגיע האט ער אנגעווענדט אויף די דריי געביטען: צו פארבעסערען זיין מאטעריעלע לאגע, צו לערנען און שטודירען, און צו דינען דער געזעלשאפט. זייער אפט האט ער די דריי פאראייניגט און פארקניפט איינע מיט די אנדערע. פון זיין ארבייט לטובת הכלל האט ער געצויגען מאטעריעלע נוצען. פון זיינע מאטעריעלע מיטלען האט ער באנוצט א טייל צו העלפען דער געזעלשאפט. זיין שטודירען האט ער באנוצט פאר ביידע זאכען: אי פאר זיינע אייגענע אינטערעסען, אי פאר די אינטערעסען פון זיינע מיט־מענשען.

די צייט אין וועלכער פרענקלין האט געלעבט איז געווען א רעליגיעז־פרומע. די קירכע און די גלחים האבען אין די אמעריקאנער קאלאניעס דעמאלט געהאט אן אומגעהייער גרויסע מאכט. יעדער איינער איז געווען פארבונדען מיט א רעליגיעזער סעקטע. בענדזשאמין פרענקלין איז אבער געווען גאנץ קאלט צו דער אפיציעלער קריסטליכער רעליגיע. אים האבען ווייניג וואס געארט די דאגמעס, די רעליגיעזע אני מאמינ'ס פון דער קירכע. ביי אים איז דער עיקר אין דער רעליגיע געווען די מאראל, די גוטע זיטען וואס זי שטרעבט איינצופלאנצען אין די מענשען. ער האט געוואלט.

אז די סעקטעס זאלען זיין טאלעראנט איינע צו די אנדערע; זיי זאלען פארבויגען זייערע דאגמעס און אנערקענען אלס דעם פונדאמענט פון זייער אלעמענ'ס רעליגיע די פרינציפען פון מענשליכקייט, ליבע און אחדות.

ער איז געוועזן דער בארימטסטער אמעריקאנער פון זיין צייט. און בארימט איז ער געווארען דורך זיינע שריפטען וועגען פראקטישער מאראל און דורך זיינע וויסענשאפטליכע פארשונגען און ערפינדונגען. ער האט געמאכט אויספארשונגען אין עלעקטריציטעט, און ער איז געוועזן איינער פון די ערשטע וואס האבען אנטדעקט, אז דער בליץ איז אן עלעקטרישער שטראם. ער האט ערפונדען דעם בליץ־דראט אלס א מיטעל אפצוהיטען הייזער פון דער געפאר פון בליצען. די דאזיגע אנטדעקונג און זיינע שריפטען וועגען עלעקטריציטעט האבען פאר אים געוואונען אנערקענונג אין די גרעסטע וויסענשאפטליכע קרייזען אין אייראפא. זיינע שריפטען וועגען דער „קונסט פון לעבען“ זיינען איבערזעצט געווארען אין פיל לענדער. „דאס האט אים בארימט געמאכט איבער גאנץ אייראפא“, שרייבט לעקי, „עס איז ווירקליך צו באוואונדערען, אז גראד די ערהאבענע און פאעטישע אנטדעקונג וועגען בליץ איז געמאכט געווארען פון דעם פראזאאיסטישסטען צווישען גרויסע מענער“.

בענדזשאמין פרענקלין איז געבוירען געווארען אין באסטאן דעם 6טען יאנואר, 1706. זיין פאטער איז געקומען קיין אמעריקא מיט זיין פרוי און צוויי קינדער אין 1655. זיין פרוי איז געשטארבען, איבערלאזענדיג 7 קליינע קינדער. דער אלמן האט געהייראט א צווייטע פרוי, און זי האט אים געשענקט נאך 10 קינדער. צווישען די 17 איז בענדזשאמין געוועזן דער אינגסטער זון.

די פאמיליע איז געוועזן זייער ארים. דער פאטער איז געוועזן א ליכט־ציער און האט זיך מפרנס געוועזן פון פאבריצירען ליכט. דער קליינער בענדזשאמין האט לאנג אין שולע ניט געקענט גיין. צו 10 יאר האט אים דער פאטער אוועקגעשטעלט ביים ווארשטאט. ער האט געארבייט, פארקויפט, פאנאנדערגעטראגען פעקלאך,

אבער זיין אמביציע דעמאלט געווען צו ווערען א מאטראז אויף א שיף.

שוין אין יענע אינגלישע יארען האט בענדזשאמין ארויסגעוויזען א חשק צו ביכער. ער האט געלייענט וואס ער האט נאר געפונען אין הויז, ביי זיינע קרובים און פריינד און באקאנטע. אין יענער צייט זיינען אין אמעריקא זייער ווייניג ביכער געדרוקט געווארען. פון די ביסעל, וועלכע מען האט יא געדרוקט, זיינען כמעט אלע געווען רעליגיעזע ווערק — דרשות פון גלחים, דיסקוסיעס איבער טעאלאגישע פראגען. ביי די בוכהענדלער פלעגט זיך אבער פון צייט צו צייט פארוואלגערען א בוך אימפארטירט פון ענגלאנד. בענדזשאמין פרענקלין פלעגט אפשפארען די עטליכע פענים וואס ער פלעגט באקומען פון זיין פאטער און קויפען ביכער. דער נייער פארגעניגען וואס ער האט געפונען אין ביכער האט אין אים געטויט דעם פארלאנג צו ווערען א מאטראז.

ער האט זיך אפילו באנוצט מיט א כיטרען מיטעל ווי אזוי צו באקומען ביכער. ער פלעגט שליסען פריינשאפט מיט אנגעשטעלטע אין בוך־האנדלונגען, און זיי פלעגען אים „אויסבארגען" ביכער אן דעם וויסען פון די באלעבאטים. אמאל פלעגען זיי אים ארויסטראגען די ביכער נאכדעם ווי די בוך־האנדלונג איז געווען געשלאסען. ער פלעגט זיי לייענען דורך דער נאכט און צוריק אריינשמוגלען אויף די פאליצעס אין דער פרי, איידער די באלעבאטים זיינען געקומען. ביכער וואס פלעגען אים געפעלען פלעגט ער לעזען אבער ווידער, ביז וואנען ער האט זיי געקענט אויף אויסווייניג.

צו 12 יאר האט דער פאטער אים פארדונגען פאר א לערנאינגעל צו זיין, בענדזשאמינ'ס, עלטערען ברודער, דזשיימס, וועלכער האט געהאט א דרוקעריי. לויט דעם געזעץ אין יענער צייט האט בענדזשאמין געמוזט פארבלייבען אלס ארבייטער ביי זיין ברודער ביז'ן עלטער פון 21 יאר. בענדזשאמין האט געארבייט ביים קאסטען, געזעצט שריפט און געטאן אנדערע ארבייט. ביינאכט אבער, אין דער לייזיגער צייט, האט ער געלייענט און זיך געלערענט שרייבען. פאר א מוסטער האט ער גענומען דעם בארימ־

טעסטע סטיליסט פון יענער צייט אין ענגלאַנד, דזשאָזעף עדיסאָן. ער האָט אַנטדעקט אַז אייגענע, קלוגע מעטאָדע ווי אַזוי אויס־צואַרביימען זיך אַ סטיל אַזוי ווי עדיסאָנ'ס. ער פלעגט איבער־לייענען עדיסאָנ'ס אַ „עסיי", זי גוט אויס'חזר'ן, אַוועקלייגן דאָס בוך און מיט אַ טאָג אָדער צוויי שפּעטער פּרובירען זי איבער־שרייבען אַזוי ווי אין אָריגינאַל. דורך אַט דער מעטאָדע האָט ער ווירקליך אַנטוויקעלט אַ מערקווירדיג גוטען, קלאָרען סטיל שריי־בען.

ווען בענדזשאַמין איז אַלט געווען 15 יאָר, האָט זיין ברודער אָנגעפאַנגען אַרויסצוגעבען אַ צייטונג, אַ וואָכען־שריפט מיט'ן נאָמען „ניו־ענגלאַנד קוריער". בענדזשאַמין האָט געוואָלט אין דער צייטונג שרייבען. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז זיין ברודער וועט זיין שטאָף ניט דרוקען. האָט ער איין מאָל אין אַ פרימאָרגען אונ־טערגערוקט אונטער דער טיר אין רעדאַקציע אַן אַרטיקעל, אונ־טערגעשריבען מיט אַ פאַרשטעלטען נאָמען. דער מאַנוסקריפּט איז אָפּגעדרוקט געוואָרען און האָט שטאַרק אויסגענומען. אויף דעמ־זעלבען אופן האָט ער אַריינגעשמוגעלט אין דער צייטונג אַ היבשע צאָל אַרטיקלען איבער פאַרשיידענע טעמעס, און דער געהיימער שרייבער האָט געקראָגען אַ גרויסען נאָמען פאַר זיין הומאָר און פאַר זיין שענעם סטיל.

מיט'ן ברודער האָט בענדזשאַמין קיינמאָל ניט געלעבט גוט. זיי האָבען זיך געהאַלטען אין איין אַרומקריגען. דער ברודער האָט זיך אפילו דערלויבט אים צו שלאָגען. עטליכע יאָר האָט בענדזשאַ־מין געליטען. ווען ער איז אָבער שוין געוואָרען אַ בחור פון אַ יאָר 17, און האָט געפילט, אַז ער קען זיך אַליין פאַרזאָרגען, האָט ער באַשלאָסען מער ניט צו דולדען. אין אַ שיינעם פרימאָרגען איז ער אַנטלאָפען. קיינער אין הויז האָט ניט געוואוסט וואו ער איז אַהינ־געקומען. ער איז פריער אַוועקגעפאָרען קיין ניו יאָרק. דאָרטען האָט ער אָבער קיין אַרבייט ניט געקענט געפינען, האָט ער זיך צו פוס אַוועקגעשלעפּט קיין פילאַדעלפיאַ.

אַט ווי בענדזשאַמין פרענקלין שילדערט אין זיין באַרימטער אויטאָ־ביאָגראַפיע זיין אָנקומען קיין פילאַדעלפיאַ:

„איך בין געווען אנגעטאן אין מיינע ארבייטס־קליידער... איך בין געווען פארשטויבט פון וועג. מיינע קעשענעס זיינען גע־ווען אנגעשטאפט מיט העמדער און זאקען. איך האב אין דער שטאט קיין איין מענשען ניט געקענט. איך האב ניט געוואוסט וואו צו זוכען אן אכסניה. איך בין געווען מיד, הונגעריג. מיין גאנצער פארמעגען איז באשטאנען פון א האלענדישען דאלאר און א קופערנעם שילינג... בין איך געגאנגען איבער'ן גאס און גע־קוקט אין אלע זייטען, ביז איך האב אנגעטראפען א בחור, וואס האט געטראגען ברויט. איך האב אים געפרעגט וואו ער האט די ברויט באקומען, און ער האט מיר אנגעוויזען אויף א בעקעריי. דארטען האב איך געבעטען פאר דריי סענט ברויט. מען האט מיר דערלאנגט דריי גרויסע בולקעס. אין די קעשענעס האב איך פאר זיי קיין פלאץ ניט געהאט, האב איך צוויי בולקעס אונטערגעלייגט אונטער מיינע צוויי ארימס און דעם דריטען האב איך גענומען עסען. אט אזוי האב איך ארייגעשפאצירט אויף מארקעט סטריט, און בין פארבייגעגאנגען דארטען די הויז פון מיסטער ריעד (מיין צוקונפטיגער שווער). ביים טיר איז געשטאנען זיין טאכטער (זיין צוקונפטיגע פרוי). איך האב זיכער אויסגעזען לעכערליך און אומ־געלומפערט אין אירע אויגען."

אין פילאדעלפיא זיינען דעמאלט געווען צוויי דרוקערייען. אין איינעם פון זיי האט פרענקלין געקראגען באשעפטיגונג. אין א קורצער צייט ארום האט ער זיך באקענט מיט דעם גאווערנאר פון דער קאלאניע, וועלכער האט אים ארויסגעוויזען גרויס פריינד־שאפט. דער גאווערנאר האט געהאט א שוואכקייט צוצוזאגען מענ־שען טובות, כאטש ער האט גאר ניט געהאט בדעה זיינע פאר־שפרעכונגען מקיים צו זיין. ער האט איינגערעדט פרענקלינ'ען ער זאל פארען קיין לאנדאן און דארטען איינקויפען דרוק־מאשינען און אנדערע נויטיגע געצייגען, זיי ברענגען קיין פילאדעלפיא און עפענען אן אייגענעם דרוק־געשעפט. דער גאווערנאר האט אים פארשפראכען צו געבען אנווייזונגען צו לאנדאנער סוחרים וואו ער וועט קענען קויפען די אלע זאכען אויף קרעדיט. ערשט נאכדעם ווי דער יונגער בענדזשאמין איז אנגעקומען קיין לאנדאן האט ער

אויסגעפונען, אַז די גאָלדענע בערג זיינען ניט מער ווי פוסטע ווערטער. אויף צוריקפאָרען האָט ער קיין געלט ניט געהאַט. האָט ער אויפגעזוכט אַרבייט אין לאָנדאָן אַלס זעצער. די קורצע צייט וואָס ער האָט דאָרטען פאַרבראַכט האָט ער ניט אינגאַנצען אויס־גענוצט אויף'ן בעסטען אופן. אַ היבשען טייל פון זיינע פאַרדינ־סטען האָט ער פאַרהולטייעוועט. אין זיין אויטאָ־ביאָגראַפיע דער־ציילט ער זייער ווייניג וועגען יענער צייט. ער גיט אָבער אָנצוהע־הערעניש, אַז אויף אַ סך זאַכען וואָס ער האָט געטאָן אין לאָנדאָן מעג ער חרטה האָבען. אין דערזעלבער צייט אָבער האָט ער דאָרט געקראָגען פריינד. אויף געווינען די ליבע און אַכטונג פון מענ־שען האָט פרענקלין אַרויסגעוויזען אַ וואונדערבאַרע פייאיגקייט פון קינדווייז אָן. איינער פון זיינע נייע פריינד איז געווען אַ פילאַ־דעלפיער סוחר, וועלכער איז געקומען קיין לאָנדאָן קויפען סחורה. יענער האָט אים איינגעלאַדען אָנצונעמען ביי אים אַ שטעלע. זיי זיינען ביידע צוריקגעקומען קיין פילאַדעלפיא. זיין נייער באַלעבאָס איז אָבער קורץ נאָכדעם געשטאָרבען, און פרענקלין איז צוריק־געגאַנגען צו זיין אַלטער מלאכה, צו דרוקעריי.

אין פרילינג פון 1728 האָט פרענקלין געעפענט אָן אייגען דרוק־געשעפט. קיין געלט האָט ער ניט געהאַט. ער האָט אָבער גע־קראָגען אַ רייכען שותף, אַ צולאָזענעם זון פון אַ רייכער פאַ־מיליע. דער פאָטער האָט געקענט פרענקלינ'ען, געהאַט צו אים צו־טרויען, אים געגעבען די נויטיגע סומע, האָפענדיג, אַז פרענקלין וועט מאַכען זיין זון פאַר אַ מענשען. די פירמע האָט געהייסען „פרענקלין און מערעדיטה". אין אָקטאָבער פון נעקסטען יאָר האָט די פירמע אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען אַ צייטונג, אַ וואָכענשריפט, „די פענסילווייניא גאַזעט". ווען מיר זאָגען „די פירמע", מיינען מיר נאַטירליך בענדזשאַמין פרענקלין. דער שותף מערעדיטה האָט זיך אין דעם געשעפט ווייניג וואָס געמישט און מיט דער צייט האָט פרענקלין גענומען זוכען מיטלען ווי אַזוי פון אים אינגאַנצען פטור צו ווערען.

פרענקלין איז געווען דער ערשטער מאָדערנער רעדאַקטאָר אין אַמעריקאַ. ער האָט דער ערשטער פאַרשטאַנען, אַז אַ צייטונג, אום

צו קענען עקזיסטירען און מאכען פראפיטען, מוז האבען אנאנסען. און אז אום צו האבען אנאנסען מוז די צייטונג האבען וואס מער לעזער, א גרויסע צירקולאציע. ער האט אנגעווענדט פראקטישע מיטלען צו קריגען לעזער. ער האט ערשטענס, מעגליך געמאכט, אז די צייטונג זאל פארשפרייט ווערען אין אנדערע שטעט. אין יענע יארען האט מען צייטונגען דורך דער פאסט ניט געקענט שיקען. האט פרענקלין אונטערגעקויפט די פירער פון דער פאסט זיי זאלען זיינע צייטונגען אריינשמוגלען אין די פאק־זעק. צווייטענס, האט ער זיך געשטעלט די אויפגאבע צו מאכען זיין צייטונג אינטערע־סאנט, אמוזאנט, דער עולם זאל זי וועלען לעזען. די מיטלען וואס ער האט אנגעווענדט דערמאנען זייער שטארק אן די מעטאדען פון מאדערנעם זשורנאליזם. ער האט, צום ביישפיל, איינגעלאדען די לעזער זיי זאלען אין דער צייטונג שרייבען. ער האט געשטעלט פראגען און געבעטען די לעזער אריינצושיקען אנטווארטען, און ווען קיינער האט קיין אנטווארט ניט צוגעשיקט, האט ער פאברי־צירט בריף און זיי אונטערגעשריבען מיט אויסגעטראכטע נעמען. ער אליין האט געשריבען פעליטאנען, הומארעסקען, וויצען, קא־לאמבורען. מאנכע פון זיינע הומארעסקען זיינען געווען אזוי וואול־גאר, אז היינט וואלט אוממעגליך געווען זיי צו דרוקען אין א צײ־טונג. איינער פון אט די שאפונגען איז געווארען זייער פאפולער און איז אפגעדרוקט געווארען אין א באזונדער ביכעל און ברייט פארשפרייט געווארען איבער'ן לאנד. זי האט געהייסען „די רעדע וואס פריילין פאלי בייקער האט געהאלטען אין געריכט, ווען מען האט זי גע'משפט פאר געבוירען א פינפטען ממזר".

ער האט די צייטונג אויך באנוצט דורכצופירען געוויסע וויכ־טיגע רעפארמען אין דער פארוואלטונג פון דער שטאט פילאדעל־פיא. ער האט אין דער צייטונג אויפגעהויבען די פראגע וועגען גרינדען א באשטענדיגע באצאלטע פאליציי. אין איר האט ער אנ־געפירט די אגיטאציע פאר דער גרינדונג פון פייער־לעשער קאמ־פאניעס. ער האט דורך דער צייטונג אויסגעפירט, אז מען זאל ריי־ניגען די גאסען און זיי באלייכטען ביינאכט. ער אליין האט וועגען די אלע זאכען געשריבען און פאר זיי אזוי לאנג אגיטירט ביז וואַ־

נען די שטאט פארוואלטונג איז געצוואונגען געווען נאכצוגעבען.

ווענען די ערשטע צוויי רעפארמעס איז ווערט זיך אביסעל אפצושטעלען. אין אנפאנג פון 18טען יארהונדערט איז אין אזא שטאט ווי פילאדעלפיא, איינע פון די גרעסטע אין אמעריקא, קיין פאליציי ניט געווען. אום צו באוואכען די שטאט ביינאכט, איז אויסגעארבייט געווארען דער פאלגענדער פלאן. די שטאט איז איינגעטיילט געווארען אין קווארטאלען. אין יעדען קווארטאל איז געווען א באאמטער וועלכער פלעגט אויפפאדערען פאר יעדען אווענט א געוויסע צאל איינוואוינער זיי זאלען מיט אים ארומגיין איבער די גאסען און היטען. אזוי ווי די איינוואוינער האבען אבער ניט געוואלט גיין אויף גאנצע נעכט, פלעגען זיי דעם באאמטען באצאלען עטליכע שילינג ער זאל דינגען אנדערע אויף זייער ארט. מיט דער צייט האט זיך אנטוויקעלט אזא סיסטעם, אז אין יעדען קווארטאל זיינען געווען צו עטליכע פראפעסיאנעלע וועכטער וואס פלעגען קריגען די אויסלייז־געלט פון די איינוואוינער. די חברה האט קיין שום פאראנטווארטליכקייט ניט געהאט צו קיינעם. זיי פלעגען זיצען די גאנצע נאכט ערגעץ אין א שענק און טרינקען און די שטאט איז געווען הפקר. פארקערט, מען האט נאך פאר זיי געדארפט מורא האבען. ווען זיי פלעגען זיך אנ'שכור'ן און ארויס אין גאס איז געווען א געפאר זיי צו באגעגענען. האט פרענקלין ווענען דעם געשריבען און פארגעשלאגען, אז די שטאט זאל דינגען פאראנטווארטליכע וועכטער, זאל גרינדען א שטאטישע פאליציי. לייכט איז אים ניט אנגעקומען דאס דורכצופירען. ער האט געמוזט אגיטירען גאנצע אכט יאר ביז די אסעמבלי האט איינגעזען אז ער האט רעכט.

דאס זעלבע איז געווען מיט די פייער־לעשער. אלס איינציגען מיטעל צו באקעמפען שרפות האט די שטאט־פארוואלטונג געפאדערט פון יעדען איינוואוינער ער זאל שטענדיג האבען ביי זיך אין הויז אדער געשעפט אנגעגרייט אן עמער מיט וואסער. ווען א שרפה פלעגט ערגעץ אויסברעכען, פלעגט יעדערער אוועקווארפען זיין ארבייט, לויפען צו זיך אהיים, כאפען זיין עמער וואסער, און לויפען לעשען. עס איז ניט געווען קיין שום סיסטעם. ארום דעם

ברענענדיגען הויז פלעגט יעדער לעשער טאן ווי אים איז איינגעפאלען. איינער פלעגט שטערען דעם אנדערען.

פרענקלין האט אגיטירט עס זאל געשאפען ווערען פרייוויליגע פייערלעשער קאמפאניעס, וועלכע זאלען אויף זיך נעמען די אויפגאבע צו לעשען פייערען סיסטעמאטיש און פלאנמעסיג. די אגיטאציע האט געווירקט. אזוינע קאמפאניעס זיינען ארגאניזירט געווארען. פון זיי האט זיך עס אנטוויקעלט די מאדערנע פייער־דעפארטמענטס אין די אמעריקאנער שטעט און שטעטלאך.

אין דערזעלבער צייט האט פרענקלין געגרינדעט די ערשטע ביבליאטעק אין אמעריקא. פאר אזא ליבהאבער פון ביכער ווי פרענקלין איז געוועזן איז דאס פראבלעם ווי אזוי צו קריגען נייע ווערק געוועזן זייער א וויכטיגע. דא זיינען כמעט קיין ביכער ניט געדרוקט געווארען. רייכע לייט און בוכהענדלער האבען איםפארטירט ביכער פון יענער זייט ים. דעריבער זיינען ביכער דא געוועזן זייער טייער. פרענקלין האט די פראגע אויפגעהויבען ביי א פארזאמלונג פון זיינעם א קלוב. ער האט פארגעלעגט א פלאן, אז אלע מיטגלידער זאלעןביישטייערען א געוויסע סומע און זיך פארפליכטען צו צאלען געוויסע ביישטייערונגען יעדען יאר. און אז פאר'ן געלט זאלען געקויפט ווערען ביכער, וואס אלע זאלען קענען לעזען. די מיטגלידער האבען אויך געזאמעלט אבאנענטען. ארום און ארום האבען זיי געקראגען א סומע פון איבער 200 דאלאר, און מיט'ן געלט איז געגרינדעט געווארען די ערשטע ביבליאטעק אין אמעריקא. זי האט זיך געעפענט אין אקטאבער 1732.

דער קלוב איז אויך געווען א כאראקטעריסטישע שאפונג פון פרענקלינ'ס שניט. ווען פרענקלין איז אלט געווען 21 יאר, האט ער צונויפגערופען עטליכע פון זיינע בעסטע חברים און מיט זיי געגרינדעט דעם קלוב וועלכען ער האט א נאמען געגעבען „די דזשאנטא". די צאל מיטגלידער איז געווען באשריינקט צו צוועלף. ביים אריינטרעטען אין קלוב האט יעדער נייער מיטגליד געמוזט ארויפלעגען די האנט אויפ'ן הארצען און ערקלערען אז ער ליבט די גאנצע מענשהייט, אז ער גלויבט, אז קיין מענש טאר ניט באשטראפט ווערען, ניט קערפערליך און ניט גייסטיג פאר זיינע

מיינונגען אדער פאר זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען, אז ער ליבט דעם אמת צוליב'ן אמת, און אז ער וועט דעם אמת אימער פאר־שען און פארשפרייטען צווישען זיינע מיטמענשען. „די דזשאנטא" פלעגט אפהאלטען אירע מיטינגען יעדען פרייטאג אווענט. מען פלעגט דארטען דיסקוטירען פראגען, די מיטגלידער פלעגען פאר־לעזען זייערע אייגענע שריפטען. דערויף האבען זיך נאטירליך געגויטיגט ביכער, און פרענקלין האט גענומען זוכען עצות ווי אזוי די ביכער צו באקומען. איז אים איינגעפאלען דער פלאן פון א ביבליאטעק. ביי די „דזשאנטא" מיטינגען האט פרענקלין אויך פארגעלייענט א סך פון זיינע אפהאנדלונגען וועגען פאר־שידענע שטאט־רעפארמעס איידער ער האט זיי אפגעדרוקט אין זיין צייטונג. די ערשטע פרייווילינע פייער־לעשער קאמפאניע איז ארגאניזירט געווארען פון די מיטגלידער פון דער „דזשאנטא". דער קלוב איז געווארען זייער בארימט, און פרענקלין דערציילט אין זיין אויטאביאגראפיע, אז אין די שפעטערע יארען האט ער פאר־געשלאגען אז די מיטגלידער פון דער „דזשאנטא" זאלען גרינדען אפטיילונגען, וועלכע זאלען אנפירען די זעלבע טעטיגקייט ווי די „דזשאנטא".

אין 1730 האט פרענקלין חתונה געהאט מיט מיס ריד, די מיידעל וועלכע ער האט באגעגענט דעם ערשטען טאג פון זיין אנקומען אין פילאדעלפיא. מיט איר האט ער געפירט א ליבע נאך מיט זעקס יאר פריער, ווען זיי זיינען ביידע אלט געווען אכצען יאר. ער איז אבער דעמאלט אוועקגעפארען קיין לאנדאן און דאר־טען האט ער זיך אינגאנצען אן איר פארגעסען. דערווייל האט זי חתונה געהאט מיט אן אנדערען. מיט יענעם האט זי געלעבט בלויז א קורצע צייט. ער איז געווען א הולטיי. מען האט אויף אים אויך געזאגט אז ער האט ערגיץ א צווייטע פרוי. מיס ריד האט אים אוועקגעווארפען. קורץ נאכדעם איז ער אפגעפארען פון אמע־ריקא. וואס פון אים איז געווארען האט מען אויף זיכער קיינמאל ניט געוואוסט. עס זיינען אבער דעמאלט געווען קלאנגען אז ער איז געשטארבען.

פרענקלין האט פריער געזוכט א מיידעל מיט געלט. ער דער־

ציילט אליין אין זיין אויטאביאגראפיע, ווי אזוי א שדכן האט אים שיער ניט אריינגענארט אין זאק. דער שדכן האט אים צונויפגעפירט מיט שיינער מיידעל, און ער, פרענקלין, האט זיך אין איר ווירקליך פאראינטערעסירט. אבער, „צום גליק״, שרייבט ער, האט ער זיך באצייטענס געכאפט און געשטעלט די פאדערונג — פינף הונדערט דאלאר נדן. די עלטערען פון דער מיידעל האבען געמיינט, אז וויבאלד פרענקלין איז אין איר אזוי פארליבט וועט ער זי אן געלט אויך נעמען, און זיי האבען אים געלאזט וויסען, אז קיין געלט האבען זיי ניט. האט פרענקלין גלייך אפגעלאזען דעם שדוך. דאס האט אים אבער איבערצייגט, אז ער קען ניט האפען צו קריגען נדן. אין שטאט האט מען אים ניט געהאלטען פאר קיין ערפאלגרייכען געשעפטסמאן. איבערהויפט האט מען דעמאלט ווייניג־וואס געגלויבט אין די גליקען פון דרוק־געשעפט. ער האט זיך באטראכט, אז עס וואלט געווען פאר אים א פלאן זיך אומצוקערען צו זיין אלטער געליבטער, צו מיס ריד. אביסעל האט ער זיך אפילו געשראקען, טאמער וועט מען ביי אים מאנען די חובות וואס איר ערשטער מאן האט איבערגעלאזען. און אפשר לעבט ער נאך ערניץ. ער האט אבער דאך ריזיקירט און געהייראט. „זי האט זיך ארויסגעוויזען פאר א גוטער געטרייער העלפערין צו מיר. זי האט מיר פיל געהאלפען אין געשעפט. מיר האבען צוזאמען זיך ארויפגעארבייט און שטענדיג געזוכט איינער די אנדערע גליקליך צו מאכען״. אזוי שרייבט ער אין זיין אויטאביאגראפיע.

א פאר יאר נאך דער חתונה, אין 1732, הויבען זיך אן זיינע גוטע יארען. ער האט שוין דעמאלט געהאט אן אייגענע דרוקעריי, ארויסגעגעבען א צייטונג, געהאלטען א גרויסע קראם אין וועלכער ער האט פארקויפט ביכער, פאפיר, טינט, שמעקעדיגע זייף, קעז, פעדערען, טיי, קאפע, און אויך אויפגעקויפט אלטע קליידער. די פרוי האט אים געהאלפען פירען דאס געשעפט. ער אליין האט די מערסטע צייט אפגעגעבען אין דער דרוקעריי, פאר דרוק־ארבייט און פאר די צייטונג.

אין פרענקלינ׳ס קאריערע איז דאס יאר 1732 א זייער וויכטיג



בענדזשאמין פרענקלין

יאָר. אין יענעם יאָר האָט ער אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען זיין „אַל־מאַנאַך", דורך וועלכען ער איז באַרימט געוואָרען ניט נאָר אין אַמעריקא, נאָר אויך אין אייראָפּא — באַרימט געוואָרען אַלס שרייבער, הייסט עס.

אַלמאַנאַכען זיינען אין פראַנקלינ'ס צייט געווען דער פּאָפּו־לערסטער סאָרט ליטעראַטור. עס איז כמעט ניט געווען אַ הויז וואָס האָט ניט געהאַט אַן אַלמאַנאַך. אין אים האָט דער פאַרמער אין דאָרף און דער סוחר אין שטאָט געפונען וויכטיגע אינפאָרמאַציע און אַביסעל „תורה" אויך. אַלע אַלמאַנאַכען האָבען געהאַט דעמ־זעלבען פּנים, געטראָגען דעמזעלבען כאַראַקטער: אַ הקדמה, וואו דער אַרויסגעבער פלעגט דערציילען די שבחים פון זיין אַלמאַנאַך און אויסזידלען די יעניגע וואָס האָבען קריטיקירט זיינע פריגע אויסגאַבען און אָנפאַלען אויף די אַלמאַנאַכען פון אַנדערע אַרויס־געבער. נאָך דער הקדמה איז געווען אַ בילד פון אַ נאַקעטען מאַן שטייענדיג מיט ביידע פיס אויסגעשפּרייט איבער'ן ערד־קוגעל. דאַן איז געווען אַ לוח פון דעם קומענדיגען יאָר, וואו עס זיינען אויסגערעכענט געוואָרען די טעג ווען עס וועלען פאָרקומען די ירידים און ווען דאָס געריכט וועט אָפּהאַלטען זיינע זיצונגען. עס איז אויך געדרוקט געווען אַ ליסטע פון אַלע געוועזענע הערשער פון ענגלאַנד; נביאות וועגען וועטער און וועגן פאַסירונגען, פאָראויס־געזאָגט פון שטערנזעהער. צווישען די בלעטלאַך זיי־נען געווען געדרוקט שפּריכווערטער, גראַמען, שטיקלאַך מוסר, א. א. וו.

פראַנקלין האָט זיין אַלמאַנאַך אַרויסגעגעבען אונטער'ן נאָ־מען „פּור ריטשאַרד'ס אַלמאַנאַק". אין דער הקדמה צום ערשטען נומער האָט דער „אָרימער ריטשאַרד" זיך פאַרגעשטעלט פאַר'ן עולם און אָנגעגעבען די אורזאַכען פאַרוואָס ער האָט באַשלאָסען אַריינ־צוגיין אין די „אַלמאַנאַק ביזנעס". ער שרייבט: „איך קען דאָך מיינען, אַז איך טו עס בלויז פאַר'ן עולם'ס וועגען, ווייל איך וויל אים אַ טובה טאָן. ניין. דער אמת איז, אַז איך בין אַ גרויסער אָרימאַן, און מיין ווייב איז זייער אַ שטאָלצע, מוז איך זען עפּעס

פארדינען". ער איז גלייך ארויסגעטראטען פאר'ן עולם אלס לע־בעדיגער מענש, מיט לעבעדיגע, אלטעגליכע אינטערעסען, און אזא איז ער אין זיין אלמאנאך פארבליבען. „פור ריטשארד" און זיין פרוי „ברידזשעט" זיינען אין פארלויף פון א קורצער צייט גע־ווארען אזוי פאפולער ביים גרויסען אמעריקאנעם עולם, ווי מענ־דעלע מוכר־ספרים און טוביה דער מילכיגער ביי די אידען אין ליטא און אין פוילען. דער עולם האט געקויפט פרענקלינ'ס אל־מאנאך און זיי האבען ליב געהאט ריטשארד'ן און געוואלט הע־רען זיינע קלוגע רייד און זיינע פראקטישע עצות ווי צו האבען ערפאלג אין לעבען.

אין דערזעלבער הקדמה צום ערשטען נומער איז דא א שטי־פעריי וואס קען דינען פאר א ביישפיל פון דעם סארט הומאר מיט וועלכען פרענקלין האט באזאלצען און באפעפערט זיינע אלמא־נאכען. אין פילאדעלפיא זיינען דעמאלט ארויסגעגאנגען זיבען אל־מאנאכען פון אנדערע ארויסגעבער. דער וויכטיגסטער צווישען זיי איז ארויסגעגעבען געווארען פון א געוויסען טייטאן לידס. האט פרענקלין אין זיין הקדמה צום ערשטען אלמאנאק געשריבען דאס פאלגענדע: „מייז אלטער פריינד טייטאן לידס וועט דורך מיין אלמאנאך גאר ניט ליידען. ער וועט סיי ווי סיי פון אונז אוועק־גיין. ווי די שטערען ווייזען וועט ער שטארבען דעם 17־טען אָק־טאבער פון נעקסטען יאר. נו, אזוי ווי לידס וועט שוין מער קיין אלמאנאכען ניט קענען ארויסגעבען, מעגען מיר צוטרעטען צו דער ארבייט".

לידס איז ניט געווען קיין גרויסער חכם. ווען פרענקלינ'ס אלמאנאך איז ערשינען, איז לידס געווארען אן אויפגעקאכטער. ער האט פארדאמט פור ריטשארד'ן אלס שווינדלער און א ליגנער, און האט פארזיכערט, אז ער וועט לעבען נאכדעם ווי ריטשארד און זיין אלמאנאך וועלען ביידע זיין טויט. אויף אזא ענטפער האט פרענקלין דוקא געווארט. אין זיין נעקסטען אלמאנאך האט ער מיט דערזעלבער רואיגקייט ווי אין דעם פאריגען דערציילט די לעזער, אז זיין נבואה וועגען לידס'ן איז מקוים געווארען. לידס איז

געשטאָרבען פונקט צו דער מינוט. אַלס באַווייז אַז לידס איז טויט, האָט פּור ריטשאַרד אָנגעוויזען אויף דער וואולגאַרער שפּראַך מיט וועלכער לידס זידעלט אים. לידס איז אַן אַנשטענדיגער מאַן. ווען ער וואָלט ווירקליך געלעבט, וואָלט ער זיך מיט אַזאַ שפּראַך ניט באַנוצט. אויסער דעם, איז דער נייער נומער פון לידס אַלמאַ־נאַך זייער שלעכט געשריבען. ווען לידס וואָלט ווירקליך געלעבט, וואָלט דער אַלמאַנאַך געווען פיעל בעסער. און אויסער די צוויי באַווייזען, איז דאָ נאָך אַ דריטער: „אין לידס אַלמאַנאַך זיינען פאַראַן אַזוינע לעבערליכקייטען, אַז קיין לעבעדיגער מענש וואָלט זיי ניט געקענט אויפשרייבען. ניט אַנדערש אַז עס איז די אַרבייט פון אַ טויטען“.

די גלייכווערטלאַך און אַפאָריזמען וואָס פרענקלין האָט גע־דרוקט אין זיינע אַלמאַנאַכען און וואָס זיינען בארימט געוואָרען איבער'ן לאַנד זיינען ניט געווען אַלע זיינע אייגענע. אַ גרויסע צאָל פון זיי האָט ער אַרויסגענומען פון אַלטע ענגלישע ביכער. מאַנכע האָט ער געזאַמעלט צווישען עולם. ער האָט שטענדיג צו־געלייגט אַן אייגען וואָרט, אַן אייגענעם קניימש, אויסגעבעסערט די שפּראַך, געמאַכט זי זאָל קלינגען לייכטער, פּאָפּולערער, גלאַטער, און דערפאַר זיינען זיי טאַקע געוואָרען אַזוי פּאָפּולער אין אַמעריקאַ און אין אייראָפּאַ.

אין 1756 האָט פרענקלין אָפּגעדרוקט אין זיין אַלמאַנאַך אַן אַרטיקעל מיט'ן נאָמען „פּאָטער אברהם'ס רעדע“, אין וועלכען ער האָט צונויפגעבונדען די אַלע בעסטע און פּאָפּולערסטע ווערטלאַך און אַפאָריזמען וואָס זיינען איינציגווייז געדרוקט געוואָרען אין די פריהעריגע אַלמאַנאַכען. דער אַרטיקעל איז איבערזעצט גע־וואָרען אויף פיל אייראָפּייאישע שפּראַכען און אָפּגעדרוקט גע־וואָרען אין בוכפאָרם אין פיל לענדער. איבעראַל האָט דער עולם די „רעדע“ געלייענט מיט'ן גרעסטען אינטערעס. היסטאָריקער דערציילען, אַז „פּאָטער אברהם'ס רעדע“ איז אַן צווייפעל די באַ־רימטסטע שטיקעל ליטעראַטור וואָס איז אין אַמעריקאַ געשאַפען געוואָרען אין פאַרלויף פון 150 יאָר, זינט דער גרינדונג פון די

קאלאניעס ביז דער רעוואלוציע. דורך דער דאזיגער שאפונג איז בענדזשאמין פרענקלין בארימט געווארען אין גאנץ אייראפא.

אט זיינען אייניגע פון פרענקלינ'ס אפאריזמען און ווערט־לאך וועלכע זיינען אריין אין דער אמעריקאנער פאלקס־שפראך, און וועלכע זיינען היינט אזוי פאפולער ווי אין פרענקלינ'ס צייט: „א ליידיגער זאק קען ניט שטיין גלייך" (דאס הייסט: אן ארימאן קען ניט זיין ערליך); „אין קבר וועט מען זיך גוט אויסשלאפען": „פרי שלאפען גיין, פרי אויפשטיין, מאכט דעם מענשען געזונט, רייך און קלוג"; „א מלאכה אין האנט איז א פארמעגען"; „איין היינט איז ווערט אזוי פיל ווי צוויי מארגענס"; „לייג ניט אפ אויף מארגען וואס דו קענסט טאן היינט"! „א קאץ וואס טראגט הענטשקעס קען ניט כאפען קיין מייז"; „ווילסטו האבען א גע־טרייען דינער, באדין זיך אליין"; „היט זיך פאר קליינע הוצאות — א קליין לעכעלע קען פארזינקען א גרויסע שיף"; „נאראנים מאכען סעודות, און קלוגע עסען זיי אויף"; „עס איז לייכטער צו דער־שטיקען די ערשטע תאוה ווי צו באפרידיגען די אלע תאוות וואס שלעפען זיך נאך איר נאך".

„פאטער אברהם'ס רעדע" איז געווען די לעצטע שאפונג וואס פרענקלין האט בייגעטראגען צום אלמאנאך. נאך מיט אכט יאר פריער האט פרענקלין פארקויפט זיין דרוקעריי, צייטונג און אל־מאנאך צו זיין שותף. ער האט פאר דעם געשעפט באקומען 18 טויזענט פונט, אויף אויסצאלען טויזענט פונט א יאר. פאר יענער צייט איז די סומע געווען א זייער גרויסע. מיט טויזענט פונט א יאר האט מען דעמאלט געקענט לעבען בעסער ווי איצטער מיט 10 טויזענט דאלאר. פון צייט צו צייט האט אבער פרענקלין, לויט'ן אפמאך, געמוזט שרייבען פאר דער צייטונג און פאר'ן אלמאנאך. ער האט פאר'ן אלמאנאך געשריעבן ביז 1756. דער אלמאנאך האט עקזיסטירט ביז'ן ענדע פון 18־טען יארהונדערט.

ער האט פארקויפט זיין געשעפט אום צו קענען אפגעבען זיין גאנצע צייט צו לערנען און שטודירען. ער האט זיך דאן זייער שטארק אינטערעסירט מיט פארשונגען וועגען עלעקטריציטעט. ער

האט זיך באזארגט מיט אלערליי עלעקטרישע אינסטרומענטען און אליין געמאכט פארשידענע אינסטרומענטען. אין 1749 האט ער געשריבען זיין ערשטע וויכטיגע אפהאנדלונג וועגען דונערען און בליצען. א יאר שפעטער האט ער געשריבען א צווייטע אפהאנדלונג אין וועלכען ער האט פארגעשלאגען דעם פלאן פון דעם בליץ־דראט. זיין טעאריע איז געווען, אז דער בליץ איז עלעקטריציטעט, און אז דורך א דראט קען מען אפציען דעם בליץ פון הייזער און אויס־מיידען די געפאר פון שרפות. זיינע טעאריעס זיינען פארגעלייענט געווארען פאר דער „קעניגליכער געזעלשאפט פון וויסענשאפט" אין לאנדאן. די ענגלישע וויסענשאפטסלייט האבען זיך אבער דער־פון אויסגעלאכט. א פאר מענשען האבען זיך אבער דארטען גע־פונען וואס האבען געהאט אן אנדער מיינונג. זיי האבען זיך אונ־טערגענומען צו באווייזען, אז פראנקלין האט רעכט, אז ער האט געמאכט א גרויסע וואונדערליכע און העכסט נוצליכע ערפינדונג. זיי איז דאס נאטירליך ניט שווער אנגעקומען. אין 1750 איז שוין פראנקלין דארטען אנערקענט געווארען אלס גרויסער וויסענשאפטס־מאן, און זיין אנערקענונג האט זיך פארשפרייט איבער אנדערע אייראפייאישע לענדער. זיינע אפהאנדלונגען איבער עלעקטריצי־טעט זיינען איבערזעצט געווארען אויף פראנצויזיש, דייטש און איטאליעניש. די קעניגליכע געזעלשאפט פון לאנדאן האט אים באערט מיט א מעדאל און אים אויפגענומען אלס א מיטגליד. אין יוני 1752 האט פראנקלין געמאכט אין פילאדעלפיא זיין בארימ־טען עקספערימענט מיט דער „קאיט" („פליענדיגע שלאנג").

וועגען דעם עקספערימענט זיינען דא חלוקי דעות. מאנכע היסטאריקער זאגען, אז די גאנצע געשיכטע איז ניט מער ווי א לעגענדע, אז פראנקלין האט דעם עקספערימענט ניט געמאכט און ניט געקענט מאכען. ווי די געשיכטע ווערט דערציילט, האט פראנ־קלין געטאן דאס פאלגענדע: ער האט געמאכט א גרויסע „קאיט" פון זייד. אויפ'ן שפיץ האט ער אנגעטשעפעט אן אייזערנע דראט. אויפ'ן עק פון דער שטריק אויף וועלכע די „קאיט" איז געווען אנגעטשעפעט, האט ער אנגעהאנגען אן אייזערנעם שליסעל. אין

א שטורמדיגען טאג, ווען עס האט געדונערט און געבליצט, האט ער די „קאיט" ארויפגעלאזען אין די וואלקענס. דער בליץ איז צוגעצויגען געווארען צו דעם אייזערנעם דראט און איז אראפ דורך דער שטריק ביז'ן אייזערנעם שליסעל. ער אליין איז שיער ניט אומגעקומען פון דעם עלעקטרישען שטראם. דער עקספערימענט האט פעסטגעשטעלט, אז דער בליץ איז עלעקטריציטעט. די היס־טאריקער, וועלכע זאגען אז די מעשה איז ניט אמת, באגרינדען זיך הויפטזעכליך אויף דעם, אז ווען ער וואלט אזא פראבעווירקליך געמאכט, וואלט ער זיכער אומגעקומען.

ער איז אבער ביי זיינע ביכער און זיין וויסענשאפטליכע ארבייט לאנג ניט פארבליבען. אין 1752 האט ער זיך אריינגעווארפען אין פאליטיק. ער איז אויסגעוויילט געווארען פאר מיטגליד אין דער פענסילוויינא אסעמבלי. ער איז פון דער ענגלישער רע־גירונג באשטימט געווארען אלס פאסטמייסטער פון די 13 קאלא־ניעס. אין 1754 האט ער פארפאסט דעם בארימטען פלאן וועגען דער פאראייניגונג פון די קאלאניעס אין איין רעגירונגס־אדמיני־סטראציע. ער האט דעם פלאן פארגעלייגט פאר א קאנפערענץ פון די קאלאניעס, וואס איז דעמאלט אפגעהאלטען געווארען אין אל־באני צו באשפרעכען די אנקומענדיגע מלחמה מיט די פראנצויזען אין קענעדע. דער פלאן איז ניט אנגענומען געווארען; ניט ענג־לאנד האט אים געוואלט, ניט די קאלאניעס האבען אים געוואלט. עס איז אבער אינטערעסאנט אז פרענקלין איז געווען דער ערשטער וואס האט איינגעזען די נויטיגקייט אז אלע קאלאניעס זאלען זיך פארבינדען און האט אויסגעארבייט א פראקטישען פלאן ווי אזוי די פארבינדונג זאל געמאכט ווערען. מיט עטליכע יאר שפעטער האט דאס גאנצע לאנד איינגעזען אז פרענקלין האט רעכט געהאט.

פרענקלין איז איצט מיט לייב און לעבען אריינגעצויגען גע־ווארען אין פאליטיק. ער האט זיך א פאר מאל געוואלט ארויסרייסען און זיך אפגעבען מיט שרייבען ביכער איבער פראקטישע מאראל, איבער וויסענשאפט. אבער אים איז עס אומעגליך געווען. די צייט אין אמעריקא איז דאן געווען א שטורמדיגע; פריער די מלחמה

צווישען ענגלאַנד און פראַנקרייך. דערנאָך די רעוואָלוציע געגען ענגלאַנד. אין פענסילוואַניאַ איז נאָך געווען אַ גאַנץ באַזונדערע לאַגע. דאָרטען האָבען די קאָלאָניסטען געמוזט אָנפירען אַ שטענדיגען קאַמף מיט דער פאַמיליע פען, די באַלעבאַטים פון דער קאָלאָניע. די פענס האָבען געהאַט אַ גרויסען צד אין דער אַסעמבלי און דער גאָווערנאָר איז געווען זייערער. דער קאַמף איז געווען איבער צינזען און אַנדערע וויכטיגע פראַגען. די קאָלאָניסטען האָבען געשיקט פאַרשטעהער קיין ענגלאַנד צו אַפּעלירען צו דער רעגירונג געגען די אומגערעכטיגקייטען פון די פענס געגען זיי. אין 1756 איז פרענקלין געשיקט געוואָרען אַלס איינער פון די פאַרשטעהער אין ענגלאַנד. ער האָט דאָרטען פאַרבראַכט פינף יאָר. דאַן איז ער צוריקגעקומען און איז ווידער אַריינגעצויגען געוואָרען אין אַ נייע קאַמף מיט די פענס. אין 1765 איז ער ווידער געשיקט געוואָרען קיין ענגלאַנד. דאָס מאָל האָט ער געפירט אַ פעטיציע צום קעניג, ער זאָל אָפּקויפען ביי די פענס זייערע רעכט און שטעלען די קאָלאָניעס אינגאַנצען אונטער דער הערשאַפט פון דער ענגלישער רעגירונג.

אין פאַרלויף פון די פאַר יאָר, צווישען די צוויי נסיעות, וואָס פרענקלין האָט פאַרבראַכט אין אַמעריקא, האָט דאָ אויסגעבראָכען אַ בלוטיגער אויפשטאַנד פון די אינדיאַנער. מחנות אינדיאַנער זיינען באַפאַלען די שטעטלאַך ביי די גרענעצען אין דער וועסט און זיי אינגאַנצען פאַרוויסטעט. דער וועסטליכער טייל פון פענסילווייניא האָט פון די פאָגראָמען שרעקליך געליטען. טויזענטער קאָלאָניסטען האָבען געמוזט פאַרלאָזען זייערע היימען און לויפען זיך ראַטעווען. די גאַנצע פענסילווייניא קאָלאָניע איז געווען אין טויט־שרעק און אָנגעפילט מיט ווילדען צאָרן געגען די אינדיאַנער.

אין דער אויפרעגונג האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ ווילדע אַגיטאַציע אויסצוראָטען אַלע אינדיאַנער, אפילו די „גע׳שמד׳טע“, וואָס האָבען געוואוינט צווישען די ווייסע אין די ווייסע שטעטלאַך. די „גע׳שמד׳טע“ אינדיאַנער האָבען אָנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען, זיינען געגאַנגען אָנגעטאָן ווי די ווייסע, זיך געפירט ווי די ווייסע און שווער געאַרבייט פאַר זייער שטיקעל ברויט. האָט זיך

אויפגעהויבען א געשריי אז מען מוז זיי אויס׳הרג׳ענען; אז אינ־דיאנער זיינען פארשאלטענע פון גאט און אז זיי זיינען די „כנענים“ פון דער נייער וועלט. און אזוי ווי גאט האט געהייסען די אידען אויס׳הרג׳ענען די כנענים בשעת זיי זיינען ארייגגעגאנגען אין ארץ־ישראל, אזוי האט ער אויך באפוילען די ווייסע אמעריקאנער אויסצו׳הרג׳ענען אלע אינדיאנער. אזוי האבען געפרעדיגט די גלחים אין די קירכען. מאנכע פון די קריסטליכע אינדיאנער זיינען באַ־צייטענס אנטלאפען. אין איין שטעטעל אבער זיינען א באנדע פא־נאטיקער באפאלען די פאר צענדליג אינדיאנער וואס האבען דאר־טען געוואוינט און זיי אויסגעקוילעט — מענער, פרויען און קינ־דער. די באנדע פאגראמטשיקעס האט באשלאסען צו מארשירען אין אנדערע שטעט און דארט אויך מאכען אזעלכע שחיטות אויף די פרידליכע אינדיאנער. די גלחים האבען זיי געשטיצט. געהאל־טען דרשות וועגען זייער „געטליכער“ מיסיע. געגען די ווילדע פאג־ראמטשיקעס זיינען ארויסגעטראטען די „קוויקערס“, און אויף דער זייט פון די „קוויקערס“ האט זיך אויך געשטעלט בענדזשאמין פרענקלין.

ער איז אויך ארויסגעטראטען מיט א פאמפלעט אונטער׳ן נאמען: „א שילדערונג פון א שחיטה“. אין דעם פאמפלעט האט ער קלאר און איינפאך דערציילט אלע איינצעלהייטען פון דעם פאג־ראם אויף די אינדיאנער. ער האט באוויזען, אז די ערמארדעטע זיינען געווען רואיגע, גוטע מענשען, און אז זיי זיינען געפאלען קרבנות פון א ווילדע העצעריי. ער האט מיט די שטארקסטע, שארפ־סטע ווערטער פארדאמט די יעניגע וואס רעכטפערטיגען די מארדען אין נאמען פון גאט און רעליגיע.

די פראגע וועגען די אינדיאנער איז באלד ארייגגעפלאכטען געווארען אין דער פראגע פון דער אלגעמיינער פאליטיק, וואס איז געווען פארוויקעלט אין דעם קאמף געגען דער פאמיליען פען. די קאלאניע האט מיט דעם קאמף געשטורעמט מאנאטען לאנג. ביי די וואלען האט פרענקלין׳ס צד פארלארען. ער אליין איז דורכגעפאלען אלס קאנדידאט צו דער אסעמבלי. דאך האט די אסעמבלי אביסעל שפעטער אים געשיקט קיין ענגלאנד אלס איר פארשטייער.

ער איז צום צווייטען מאָל אַנגעקומען קיין ענגלאַנד אין דע־צעמבער 1764, און איז דאָרטען פאַרבליבען איבער 10 יאָר. דאָס איז געווען זייער אַ קריטישע צייט. אין יענע 10 יאָר האָבען זיך אָנגעקליבען די וואָלקענס, די דונערען און בליצען האָבען זיך אָנ־געזאַמעלט, וואָס האָבען שפּעטער אויסגעבראָכען אין דעם שטורם פון דער רעוואָלוציע. בענדזשאַמין פרענקלין איז די גאַנצע צייט געווען דער פאָרשטייער פון זיין קאָלאָניע. צוזאַמען מיט איהם זיינען אויך געווען אַנדערע אַמעריקאַנער אַגענטען. די ערשטע צייט האָט ער די געשעהענישען אין אַמעריקא ניט ריכטיג אָפּגעשאַצט. צום ביישפּיל, ווען דער ענגלישער פּאַרלאַמענט האָט דורכגעפיהרט דעם „סטעמפּ אַקט". דאָס ערשטע שטייער־געזעץ, וואָס האָט אַרויסגע־רופען רעוואָלוציאָנערע פּראָטעסטען אין די קאָלאָניעס, האָט פרענק־לין ניט באַגריפען די ערנסטקייט דערפון. ער האָט, אמת, אין לאָנ־דאָן פּראָטעסטירט געגען דעם געזעץ, האָט פאָרגעלייגט זיינע טענות פאַר דער רעגירונג. אָבער ווען דער פּאַרלאַמענט האָט דאָס געזעץ אָנגענומען, האָט ער געמיינט, אַז די קאָלאָניעס וועלען זיך בויגען און פאָלגען. ער האָט דעריבער רעקאָמענדירט זיינעם אַ פּאָ־ליטישען פריינד אין פילאַדעלפיא פאַר דעם אמט שטייערען־זאַמ־לער, און יענער האָט מיט פרייד אָנגענומען. ער האָט אויך געשרי־בען אין אַ בריף, אַז נאָך אַלעמען וועלען די קאָלאָניסטען ניט אומ־גליקליך ווערען אויב זיי וועלען דעם שטייער צאָלען. דער וואָס וויל שפּאָרען געלט זאָל בעסער זיין מער פאָרזיכטיג מיט זיינע פּערזענ־ליכע הוצאות און אַרבייטען געשמאַקער.

אָט די שטעלונג האָט איהם קיין נחת ניט פאַרשאַפט. זיינע פּאָליטישע געגנער אין פּענסילווייניא האָבען איהם שרעקליך אַטאַ־קירט אין דער פּרעסע און אויף פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען און איז באַשולדיגט. מען האָט איהם באַשולדיגט, אַז ער האָט זיך פאַרקויפט צו ענגלאַנד. עס איז אפילו אָפּגעדרוקט געוואָרען אַ קאַרטון וואָס האָט פאָרגעשטעלט ווי דער טייפעל רוימט אַריין פרענקלין'ען אין אויער אַ סוד: „איך וועל דיך מאַכען פאַר'ן קעניג פון מיין גאַנצען קעניגרייך".

שפעטער האט פרענקלין אנגעהויבען בעסער אפצושאצען די לאגע און ער האט די קאלאניעס פארטיידיגט אין די ענגלישע צייטונגען. ער האט אויך געדרוקט עטליכע אטאקעס געגען דער ענגלישער רעגירונג. מאנכע פון די זאכען וואס ער האט דאן געשריבען ווערען פארעכענט צווישען זיינע גרעסטענסטע ליטעראַרישע שאפונגען. ער האט אפגעלאכט פון דער ענגלישער פאליטיק, חוזק געמאכט פון איר. דער הומאר האט אזוי אויסגענומען אפילו ביים ענגלישען עולם, אז אלע לאנדאנער צייטונגען האבען זיי איבערגעדרוקט, נאכקומענדיג דעם פארלאנג פון א סך פריוואטע פערזאנען און איניגע זייער אנגעזעענע ארגאניזאציעס.

אין פארלויף פון די צען יאר האט ער באזוכט פראנקרייך און איז דארטען אויפגענומען געווארען מיט גרויס פאראד אין די קרייזען פון דער העכסטער אינטעליגענץ: שריפטשטעלער, וויסענשאפטסמענער, פילאזאפען. זיינע וויסענשאפט־שריפטען זיינען איבערזעצט געווארען. עס זיינען אויך איבערזעצט געווארען איניגע פון זיינע עסייען פון חכמה, פון פראקטישען לעבען, די עסייען אין וועלכע ער פרעדיגט גוטע מידות פון דעם שטאנדפונקט פון קליין־בירגערליכער מאראל.

אין 1775 איז די באציאונג צווישען ענגלאנד און די אמעריקאנער קאלאניעס געווארען אזוי ערנסט, אז פרענקלין האט אין ענגלאנד מער ניט געקענט פארבלייבען. ער איז שארף אטאקירט געווארען אין דער לאנדאנער פרעסע אלס א פארעטער. מאנכע צייטונגען האבען געפאדערט ער זאל גלייך ארעסטירט ווערען. מען האט אים באשולדיגט אין העצען די קאלאניעס צו רעוואלוציע. מען האט אים אויפגעווארפען זיין אומדאנקבארקייט צו ענגלאנד. וועלכע האט אים אזוי פיל גוטסקייט ארויסגעוויזען: אים געמאכט פאר'ן פאסטמייסטער פון די קאלאניעס, זיין זון באשטימט פאר גאווערנאר פון ניו דזשורזי, און נאך און נאך. פרענקלין האט זיך ארומגעזען, אז ער מוז פון ענגלאנד וואס שנעלער אוועק. ער איז אפגעפארען אין מאנאט מערץ און איז אנגעקומען קיין פילאדעלפיא אין מאי, 1775. ווען ער איז אראפ פון שיף האט ער זיך דערוואוסט

ווענען דער ערשטער שלאַכט פון דער רעוואָלוציע, די שלאַכט ביי לעקסינגטאָן.

די קאָלאָניע זיינע האָט אים אויפגענומען פאַר אַ גוטען גאַסט ער איז קורץ נאָך זיין אַנקומען אויסגעוויילט געוואָרען אַלס איינער פון די דעלעגאַטען וואָס פענסילווייניאַ האָט געשיקט צו דעם „קאָנטינענטעל קאָנגרעס", די קערפּערשאַפט וואָס די 13 קאָלאָניעס האָבען אָרגאַניזירט אַנצופירען די רעוואָלוציע.

אין דעם קאָנגרעס איז ער געזעסען בלויז 14 מאָנאַטען. ער האָט דאָרטען געטאָן אַ סך וויכטיגע אַרבייט, געשריבען וויכטיגע דיפּלאָמאַטישע פּאַפּירען, אָרגאַניזירט די פּאָסט, געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט אינדיאַנישע שבטים. דער קאָנגרעס האָט אָבער געפילט, אַז די סאָרטען אַרבייט קענען אַנדערע אויך טאָן. אין הערבסט פון 1776 האָט אים דער קאָנגרעס געשיקט קיין פראַנקרייך אַלס פאָרטרעטער פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג. זיין הויפּט אויפגאַבע האָט געדאַרפט זיין — זען צו ווירקען אויף פראַנקרייך זי זאָל קומען דער רעוואָלוציע צו הילף. פרענקלין איז שוין דעמאָלט אַלט געווען איבער 70 יאָר. די רייזע איז געווען אַ שווערע און אַ געפערליכע. דאָך האָט ער זי אונטערנומען. ער איז אין פראַנקרייך אָנגעקומען אין מיטען ווינטער. אָפּגעשטעלט האָט ער זיך אין אַ קלענערער שטאָט. אביסעל שפּעטער איז ער אריינגעפאָרען קיין פּאַריז.

דער קבלת־פּנים איז דאָס מאָל געווען פון אַ גאַנץ אַנדער סאָרט ווי מיט זעקס יאָר פריער. איצטער איז ער געקומען ניט בלויז אַלס וויסענשאַפטסמאַן. ניט בלויז אַלס שריפטשטעלער און דענקער, נאָר אויך אַלס פאָרשטייער פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג מיט וועלכער גאַנץ פראַנקרייך האָט סימפּאַטיזירט (מאַנכע אויס ליבע צו דער רעוואָלוציע און מאַנכע און שנאה צו ענגלאַנד). פּרינצען און אַדעלייט, שטאַטסלייט און מיליטער־מענשען, אַריסטאָקראַטישע דאַמען, פילאָזאָפען, מענשען פון פאַרשידענע קלאַסען און ראַנגען האָבען אים אויפגענומען מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג און פרייד, די גרעסטע מענער פון פראַנקרייך זיינען געקומען אים

צוצ־טיילען כבוד. אלע האבען וועגען אים גערעדט, וועגען איבּ געשריבען. מען האט אים פארגליכען צו די גרעסטע זשעניען און דענקער פון דער צייט. זיין בילד איז אויסגעקריצט געווארען אויף רינגען, בראסלעטען, אויף די דעקלאך פון טאבאק־פושקעס (אין יענער צייט פלעגען אלע טראגען טאבאק־פושקעס). אין דער קעניגליכער ביבליאטעק איז אוועקגעשטעלט געווארען זיין ביוסט. יעדער וויץ און גלייכווערטעל זיינער איז ווי א בליץ פאנאנדערגעטראגען געווארען איבער גאנץ פראנקרייך.

די גרויסע ארימע מאסען פון פראנקרייך האבען אין אים געזען דעם גרויסען פארשטייער פון פרייהייט און פון די רעכט פון אלע מענשען. ווען ער פלעגט זיך באווייזען אין א טעאטער, אין א געריכט, אין װעלכען עס איז עפענטליכען פלאץ, פלעגט דער עולם אים באגריסען מיט שטורמדיגע אוואציעס. עס איז געווארען אין פאריז א מאדע צו טראגען היט, רעק, שטעקענס, לויט פרענקלין׳ס סטיל. פאעטען האבען וועגען אים פאעמען פארפאסט. עס איז אזוי וויט דערגאנגען, אז א געוויסע צייטונג אין א פראנצויזישער שטאט האט זיך געשטעלט די פאטריאטישע אויפגאבע צו באווייזען אז פרענקלין שטאמט פון פראנצויזען.

אין אנפאנג פון יאר 1778 האט פראנקרייך אנערקענט די רעוואלוציאנערע רעגירונג און געשלאסען מיט איר אן אפמאך איר צו העלפען אין דעם קאמף געגען ענגלאנד. פרענקלין איז אויפגענומען געווארען אין קעניגליכען פאלאץ אלס דער אמעריקאנער פארשטייער. צוזאמען מיט אים זיינען אין פאריז געווען נאך צוויי אמעריקאנער פארטרעטער. די דריי האבען זיך ניט געקענט איינטיילען מיט׳ן כבוד. זיי האבען זיך ארומגעקריגט, און איינער האט דעם צווייטען דיסקרעדיטירט. ווען דער אמעריקאנער קאנגרעס האט זיך דערפון דערוואוסט, האט ער די אנדערע צוויי צוריקגערופען, און פרענקלין איז באשטימט געווארען אלס דער אמבאסאדאר אין פראנקרייך.

פרענקלין האט זיך געפילט זייער גוט אין דער לוסטיגער געזעלשאפט פון דעם פראנצויזישען אדעל און אינטעליגענץ. ער איז

געוואָרען אַ בן־בית ביי אַ געוויסער דאַמע וואו קינסטלער און דיפּ־לאָמאַטען פּלעגען זיך צונויפקומען. זיינע באַציאונגען מיט איר זיינען געווען „מער ווי פריינדליכע". פרענקלין פּלעגט די געזעל־שאַפט דאָרט אונטערהאַלטען מיט וויציגע מעשה'לאך און פעליע־טאָנען. מאַנכע פון זיי זיינען געווען גאַנץ וואולגאַר. טאַלאַנט האָט פרענקלין אין זיי ווייניג וואָס אַרויסגעוויזען.

פרענקלין איז געווען איינער פון די אַמעריקאַנער פאַרשטייער ביים טיש וואו דער פרידען מיט ענגלאַנד איז אויסגעאַרבייט גע־וואָרען. ער איז שוין דאַן געווען זייער אַלט, נאָענט צו אַכציג. ער האָט זיך געבעטען ביים קאָנגרעס מען זאָל אויף זיין אָרט שיקען אַן אַנדערען און מען זאָל אים ערלויבען צוריקצופאָרען אַהיים. ער האָט אָבער געמוזט וואַרטען ביז 1785 איידער זיין פאַרלאַנג איז באַוויליגט געוואָרען.

ער איז צוריקגעקומען קיין פילאַדעלפיא אין סעפּטעמבער. די שטאָט האָט אים אויפגענומען מיט'ן גרעסטען פּאַראַד. די גלאָקען אין אַלע קירכען האָבען געקלונגען. ביים האַפען האָבען זיך פאַר־זאַמעלט גרויסע מאַסען וועלכע האָבען אים באַגלייט ביז'ן הויז. אַלע וויכטיגע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס האָבען אָנגענומען באַגייסטערטע רעזאָלוציעס לכבוד אים. ער איז גלייך אויסגעוויילט געוואָרען אַלס מיטגליד פון דער אַסעמבלי, און די אַסעמבלי האָט אים גלייך אויסגעוויילט אַלס פּרעזידענט אָדער גאָווערנאָר. ער איז איצט אַן צווייפעל געווען דער באַליבסטער, חשוב'סטער און באַרימטסטער מאַן אין אַמעריקאַ.

אין 1787 איז ער געשיקט געוואָרען אַלס דעלעגאַט צו דער „קאָנווענשאַן" וואָס האָט פאַרפאַסט די קאָנסטיטוציע פאַר די פאַראייניגטע שטאַטען. אין 1789 האָט ער געשריבען אַ פּאַר אָפּ־האַנדלונגען פון די נעגער־שקלאַפען. ער האָט אַגיטירט פאַר אָפּשאַ־פונג פון שקלאַפעריי און דער פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון די נעגער. ער איז אַ שטיק צייט געווען דער פּרעזידענט פון דער „אַבאָ־לישאַניסט סאָסייעטי" פון פּענסילווייניאַ. אין די לעצטע יאָרען פון זיין לעבען האָט ער געשיקט פּעטיציעס צום קאָנגרעס געגען שקלאַ־

פעריי. ער האט אויך פיל געטאן צו פארלייכטערען די לאגע פון ארעסטאנטען אין די געפענגנישען. ער איז געווען דער פרעזידענט פון דער געזעלשאפט וואס האט זיך אפגעגעבען דערמיט.

ער איז געשטארבען דעם 17־טען אפריל, 1790. דאס גאנצע לאנד האט נאך אים געטרויערט. אלע צייטונגען זיינען ארוים מיט שווארצע ראמען. קאנגרעסלייט האבען געטראגען שווארצע לענ־טעס דרייסיג טעג נאכאנאנד. אין פראנקרייך האט די רעוואלוציא־נערע רעגירונג דערקלערט א טרויער־טאג. הספדים זיינען געמאכט געווארען נאך אים אין דער וויסענשאפטס־אקאדעמיע פון פראנק־רייך און אין דער פאריזער שטאט־פארוואלטונג.

פרענקלינ'ס וויכטיגסטע ליטערארישע שאפונג איז זיין אוי־טאביאגראפיע. ער האט דאס ווערק אנגעפאנגען צו שרייבען אין 1771. ער האט אבער ניט געענדיגט. ער האט זיך אפגעשטעלט ביים יאר 1757, ווען ער איז אלט געווען 51 יאר. אין די לעצטע יארען פון זיין לעבען האט ער געוואלט די אויטאביאגראפיע פאר־זעצען. ווי עס ווייזט אבער אויס איז ער שוין געווען צו שוואך. דעם אנגעשריבענעם טייל האט ער אוועקגעשיקט צו זיינעם א פריינט אין פאריז, און א יאר נאך זיין טויט איז דאס ווערק ער־שינען אין א שרעקליך שלעכטער פראנצויזישער איבערזעצונג. צוויי יאר שפעטער האט זיך אין לאנדאן אפגעדרוקט אן ענגלישע איבערזעצונג פון דער פראנצויזישער איבערזעצונג, און עס פאר־שטייט זיך אז זי איז געווען פול מיט פעלערען. דער אריגינעלער מאנוסקריפט איז צום ערשטען מאל אפגעדרוקט געווארען אין 1867. דער מאנוסקריפט איז די אלע יארען געלעגען ביי דער פראנצויזישער פאמיליע צו וועמען פרענקלין האט איהם געשיקט פאר'ן טויט. אין 1867 האט דער אמעריקאנער אמבאסאדאר אין פראנקרייך דעם מאנוסקריפט באקומען און אים אפגעדרוקט. דע־מאלט ערשט האט זיך די וועלט דערוואוסט אז די אויטאביאגרא־פיע ווי זי איז ביז דעמאלט געדרוקט געווארען איז געווען א פאר־זעניש פון אן אמת'ער מייסטערווערק.

.34

די ביאָגראַפיע פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן

אין דער געשיכטע פון די פאַראייניגטע שטאַטען ווערט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן באַצייכענט אַלס דער „פאָטער פון אונזער לאַנד“. ער איז געוועזן דער הויפּט גענעראַל פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי, וועלכע האָט געוואונען פאַר די אַמעריקאַנער קאָלאָניסטען פרייהייט, אומאָפּהענגיגקייט פון ענגלאַנד; ער איז געוועזן דער פאָרזיצער פון דעם קאָנגרעס, וואָס האָט פאַרפאַסט די קאָנסטיטוציע פאַר'ן באַפרייטען לאַנד; ער איז געוועזן דער ערשטער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען. נאָך זיין טויט איז אויף אים אין דעם „לעדזשיסלייטשור“ פון ווירדזשיניאַ געמאַכט געוואָרען פאָלגענדער הספד: „ער איז געוועזן דער ערשטער אין קריג, דער ערשטער אין פרידען און דער ערשטער אין די הערצען פון זיין פאָלק“. דער דאָזיגער פּסוק איז שנעל פאַנאַנדערגעטראָגען געוואָרען איבער דער גאַנצער לייִנג און ברייט פון לאַנד. יעדעס קינד, וואָס גייט אין אַן אַמעריקאַנער שול, ווייס אָט די שבחים אויף וואַשינגטאָנ'ען, און ער צווייפעלט ניט, אַז וואַשינגטאָן איז געוועזן דער גרעסטער העלד, דער גרעסטער מענש אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַ.

אָבער צי ער האָט אין אמת'ן פאַרדינט צו טראָגען אַזאַ קרוין איז אַ גרויסע פראַגע. די פאַקטען פון זיין לעבענס-געשיכטע ווייזען, אַז ער איז ווייט ניט געוועזן אַזאַ גרויסער מענש, ווי ער ווערט איצט פאָרגעשטעלט. פאַר זיין לעבען האָט ער קיינעם ניט איבערראַשט מיט זיינע פעהיגקייטען. ער איז אָבער געשטאַנען אויף דעם שפּיץ פון די וויכטיגסטע קערפּערשאַפטען אין די וויכטיג־

סטע מאמענטען אין דער געשיכטע פון זיין צייט, אין דער צייט ווען אמעריקא איז פון א קאלאניע געווארען א פריי, אומאפהענגיג לאנד. דער פלאץ וועלכען ער האט דעמאלט פארנומען גיט אים היינט די אנערקענונג, די קרוין וואס איז אויסגעדריקט אין דער פראזע: „דער פאטער פון אונזער לאנד".

דזשארדזש וואשינגטאן איז געבארען געווארען דעם 22־טען פעברואר, 1732, אויף א פלאנטאציע אין ווירדזשיניא. זיין פאטער איז געווען א רייכער גוטס־באזיצער. ער האט פארמאגט טויזענטער אקער לאנד און א סך נעגער־שקלאפען. די פאמיליע וואשינגטאן איז פון דור־דורות געווען אן אריסטאקראטישע, נאך אויף יענער זייט ים, אין ענגלאנד. אין דעם 17־טען יארהונדערט, ווען אין ענגלאנד איז פארגעקומען די רעוואלוציע פון פארלאמענט געגען דעם טיראנישען קעניג קארל דעם ערשטען, האבען די וואשינגטאנס געקעמפט פאר'ן קעניג. און נאכדעם ווי די רעוואלוציע האט זיך געענדיגט מיט א פולשטענדיגען זיג פאר דעם פארלאמענט, איז פאר די וואשינגטאנס געווארען צו ענג אין ענגלאנד. צוזאמען מיט פיל אנדערע אריסטאקראטען זיינען די וואשינגטאנס אוועק זוכען א זיכערערע היים אין אמעריקא. זיי האבען זיך אלע באזעצט אין ווירדזשיניא, ווייל דארטען האט די באפעלקערונג סימפאטיזירט מיט דעם קעניג'ס פאמיליע און מיט דעם קעניג'ס פארטיי.

דזשארדזש איז אלט געווען בלויז 11 יאר ווען זיין פאטער איז געשטארבען. די מוטער איז געווען א שטרענגע, בייזע פרוי, אומוויסענד און קארג. דאס גאנצע לעבען האט ער פון איר געהאט צרות. זי פלעגט זיך שטענדיג קלאגען אז ער זארגט פאר איר ניט, אז ער גיט איר ניט גענוג צום לעבען, כאטש זי האט געהאט א גרויסען מאיאנטעק. גלייך נאך זיין פאטער'ס טויט איז ער אוועק וואוינען ביי זיינע עלטערע ברידער (זיין פאטער'ס זין פון אן ערשטער פרוי). די מוטער פלעגט ער באזוכען בלויז פון צייט צו צייט.

געלערענט האט וואשינגטאן זייער ווייניג. ער האט געהאט פריוואטע לערער און איז געגאנגען אין פריוואטע שולען ביז א



דזשאָרדזש וואַשינגטאָן

צען, און מער ניט. ער האט פשוט ניט געהאט קיין חשק
ן. דעם לעצטען יאר פון זיין שטודיום האט ער זיך במעט
פגעגעבען מיט מאטעמאטיק און מיט „סארווייאינג“
(די וויסענשאפט פון מעסטען לאנד). דאס האט ער אמבעסטען ליב געהאט אפשר דערפאר, וואס אין יענער צייט איז „סארווייאינג“ געווען די בעסטע פראפסיע. מען האט דורך איר געקענט רייך ווערען.

אין פרט פון בילדונג איז וואשינגטאן זיין גאנצען לעבען פארבליבען הינטערשטעליג. ער פלעגט שרייבען שלעכט, פול מיט גראמאטישע פעלערען. קיין אנדער שפראך אויסער ענגליש האט ער ניט געקענט. פון ליטעראטור, מוזיק, קונסט האט ער וועניג־וואס געוואוסט. ער פלעגט לעזען בלויז אזוינע ביכער וואס האבען אים געבראכט פראקטישע נוצען: ביכער איבער מיליטערישער טאקטיק, ווען ער איז געווען א גענעראל; ביכער איבער פארמעריי, ווען ער איז געווען אויף זיין פלאנטאציע. אין דער צייט פון דער רעוואלוציע זיינען אהער געקומען א סך פראנצויזישע אריסטאקראטען. זיי זיינען געקומען העלפען די קאלאניסטען אין דעם קאמף געגען ענגלאנד. און וואשינגטאן האט זייער געוואלט האבען די מעגליכקייט מיט זיי צו ריידען, מיט זיי צו פארברענגען. האט ער דעריבער געפרואווט זיך אויסלערנען אביסעל פראנצויזיש; אבער וויפיל ער האט זיך איבער די ביכער ניט געמוטשעט איז עס אים אין קאפ ניט געקראכען.

זיין עלטסטער ברודער, לארענס, ביי וועמען ער האט געוואוינט נאך זיין פאטער'ס טויט, איז געווען זייער רייך. ערשטענס, האט ער פון זיין פאטער גע'ירש'ענט דעם גרעסטען חלק פון זיין פארמעגען; צווייטענס, האט ער געהייראט די טאכטער פון זייער א רייכער פאמיליע. א נאענטער קרוב פון אט די מחותנים פון דזשארדזש'ס ברודער, איינער א לארד פערפעקס, אן אלטער בחור, האט גע'ירש'נט א שטרעקע פון טויזענטער אקער לאנד אין דער וועסט — א געגענט, וואס איז דאן נאך ניט אויסגעפארשט געווארען. לארד פערפעקס האט ליב באקומען דעם יונגען דזשארדזש. ער פלעגט אים מיטנעמען אויף זיינע געיעג־רייזעס

אין די וועלדער, פלעגט אים לערנען די מאניערען, די עטיקעט פון די אמת'ע ענגלישע אריסטאקראטען.

ווען דזשארדזש איז אלט געווארען זעכצען יאר, האט אים לארד פערפעקס פארגעשלאגען א שטעלע: ער זאל פאר אים אויס־מעסטען דאס לאנד אויף זיין מאיאנטעק. דער לארד האט זיך דערוואוסט, אז אימיגראנטען פארען אריין און באזעצען זיך אויף זיין לאנד. אום צו קענען זיי צווינגען אים צו צאלען רענט האט ער געמוזט פריער באשטימען די ריכטיגע גזעצליכע גרענעצען פון זיין מאיאנטעק. אזוי ווי דזשארדזש וואשינגטאן איז געווען א געשטודירטער לאנד־מעסטער, האט ער אים אנפארטרויט מיט דער ארבייט. דער יונגער דזשארדזש האט די אויפגאבע דורכגעפירט אזוי צופרידענשטעלענדיג, אז די פערפעקסעס האבען פאר אים באַ־קומען א רעגירונגס־שטעלע אלס לאנד־מעסטער. די ארבייט איז געווען זייער א שווערע. דזשארדזש האט זיך געמוזט ארומשלעפען אין די וועלדער און פעלדער, נעכטיגען אונטער'ן פרייען הימעל אדער ערגעץ אויף א פארווארפענער פארם. אפט האט ער מיט זיין לעבען ריזיקירט, ווייל ווייט פון די ישובים פלעגען זיך ארומטריי־בען אינדיאנער, וועלכע האבען די ווייסע ווייניג וואס ליב געהאט. דער יונגער דזשארדזש וואשינגטאן האט אבער זייער ליב געהאט דעם סארט לעבען. ער האט ליב געהאט די דערפארונגען פון ביי־קומען פיזישע שוועריגקייטען, פון וואגען, פון ריזיקירען. דערצו האט ער אין דער ארבייט געזען פאר זיך גרויסע געלט מעגליכ־קייטען. אויסער דעם גוטען געהאלט וואס ער האט באקומען, האט ער געקראגען די געלעגענהייט אויסצופארשען דאס לאנד, אויס־געפינען וואו עס זיינען דא טייכען, און וואו די ערד איז אם פאַ־סינסטען פאר קאלאניעס. און די געזאמעלטע פאקטען האט ער אויסגענוצט שפעטער אין לאנד־ספעקולאציעס. צוזאמען מיט אנ־דערע האט ער ארגאניזירט לאנד־קאמפאניעס, וועלכע האבען אויפ־געקויפט ערד און דערנאך עס צעשניטען און פרקויפט צו קאלאַ־ניסטען. א דאנק זיין ארבייט אלס לאנד־מעסטער האט וואשינג־טאן געוואוסט וואו און וואס פאר א לאנד צו קויפען און האט טאקע דערפאר מיט זיינע לאנד־געשעפטען געהאט ערפאלג.

פון זיינע קינדער־יאָרען אָן האָט דזשאָרדזש ליב געהאַט סאָל־דאַטשנע. ער איז געווען זייער אַ שטאַרקער, אַ הויכער און גע־זונטער, און ער פלעגט אַלס קינד זיך שטענדיג שפּילען אין סאָל־דאַטען. עס פאַרשטייט זיך, אַז אין די שפּילען איז ער שטענדיג געווען דער קאָמאַנדיר. ער פלעגט די אינגלאַך מושטירען און זיי פלעגען אים מוזען פאָלגען.

ווען ער איז עלטער געוואָרען איז דער חשק צו מיליטער ביי אים נאָך שטאַרקער געוואָרען. צו 19 יאָר האָט ער באַקומען אַ הויכען אַמט אין דער מיליץ פון דער קאָלאָניע. זיין געהאַלט איז דעמאָלט געווען 750 דאָלאַר אַ יאָר, פאַר יענער צייט איז דאָס געווען אַ גרויסע סומע געלט. דעם אַמט האָבען פאַר אים געקראָגען זיין ברודער און זיין ברודער'ס מחותנים, וועלכע האָ־בען געהאַט גרויס איינפלוס אין דער רעגירונג.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז אַ גרויסען טייל פון זיין פאַרמעגען האָט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן געקראָגען דירעקט אָדער אומדירעקט דורך ירושות. זיין פאָטער האָט אים איבערגע־לאָזען אַ ירושה צו עלף יאָר. ווען דזשאָרדזש איז אַלט געווען צוואַנ־ציג יאָר איז זיין ברודער לאָרענס געשטאָרבען און האָט אים אויך איבערגעלאָזט אַ גרויסען מאַיאָנטעק. נאָך אַ פּאָר גרויסע ירושות האָט ער שפּעטער געקראָגען אומדירעקט דורך דער פרוי וואָס ער האָט געהייראַט.

אין 1753, ווען דזשאָרדזש וואַשינגטאָן איז אַלט געווען 21 יאָר, פאַנגט זיך אָן זיין מיליטערישע קאַריערע, זיין פּראַקטישע טעטיגקייט אַלס אָפיצער אויף דעם שלאַכטפעלד. נאָר איידער מיר דערציילען דאָס, איז נויטיג אַ שטיקעל הקדמה.

אין יאָר 1748 האָט זיך אָרגאַניזירט די „אָהייאָ־קאָמפּאַניע". אַ גרופּע רייכע קאָלאָניסטען פון ווירדזשיניא און מערילענד, וועל־כע האָבען באַקומען פון דער ענגלישער רעגירונג אַ געשאַנק פון אַ האַלבען מיליאָן אַקער לאַנד ארום דעם אָהייאָ טייך. די קאָמפּאַניע האָט זיך פאַרפליכטעט ארייַנצופירען אהין הונדערט אימיגראַנטען־פאַמיליעס און אויפצובויען דאָרטען אַ פעסטונג. וואַשינגטאָנ'ס

ברודער לארענס איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע אקציאנע־רען אין דער קאמפאניע.

די קאמפאניע האט זיך גלייך גענומען צו דער ארבייט. זי האט אויסגעבויט וועגען, האט זיך געשטעלט אין פארבינדונג מיט די אינדיאנער פון יענער געגענט און מיט זיי גענומען אונטער־האנדלען וועגען מסחר און וועגען פרידענס־באציאונגען. אין 1752 זיינען שוין די אפמאכען צווישען דער קאמפאניע און די אינדיאני־שע שבטים געווען אונטערגעשריבען און די קאמפאניע האט שוין אריינגעשיקט די ערשטע צוועלף פאמיליעס קיין אהייא.

דאס האט אויפגעבראכט די פראנצויזען, וועלכע האבען דע־מאלט באהערשט קענעדע און וועלכע האבען גע'טענה'ט אז די גאנצע געגענט וועסט פון די בערג אין פענסילווייניא געהערט צו זיי. די פראנצויזען האבען נאך פריער אויסגעפארשט יענע גאנצע געגענט און דארטען אויפגעבויט א גאנצע קייט פון האנ־דעלס־סטאנציעס. די דארטיגע אינדיאנער זיינען געווען מיט די פראנצויזען באפריינדעט. דער פראנצויזישער גאווערנאר אין קע־נעדע האט דעריבער באטראכט אט די טעטיגקייט פון דער אהייא קאמפאניע אלס די אריינדרינגונג פון פרעמדע, פון א שונא אין זיין טעריטאריע; און ער האט גלייך געשיקט סאלדאטען צו בויען א פעסטונג ניט ווייט פון דעם זידליכען ברעג פון לייק אירי, צו פארצאמען דעם וועג פאר דער אהייא קאמפאניע.

די אהייא קאמפאניע האט זיך געווענדעט צום ענגלישען גאווערנאר פון ווירדזשיניא ער זאל זיך אריינמישען. און דער גאווערנאר האט באשלאסען צו שיקען א פראטעסט צום פראנצוי־זישען קאמאנדיר פון דער נייער פעסטונג. אלס שליח האט ער אויסגעקליבען דזשארדזש וואשינגטאן.

דער וועג צו דער פעסטונג איז געווען א לאנגער, פון פינף ביז זעקס הונדערט מייל, און א געפערליכער, דורך ווילדערנישען. וואשינגטאן איז געצוואונגען געווען צו קלעטערען איבער בערג, צו שווימען איבער טייכען, אויסצומיידען פיינדליכע האלב־ווילדע אינדיאנישע שבטים. און ארויסגעפארען איז ער אין דער ערגסטער

צייט פון יאָר, אין הערבסט, ווען עס פאַנגען זיך אָן די רעגענס און די ווינטען און די קעלטען. עס איז ווירקליך געווען אַ העל־דישע אונטערנעמונג.

עלף וואָכען האָט וואַשינגטאָן פאַרבראַכט אונטערוועגענס. ער האָט זיין מיסיע פינקטליך דערפילט: צוגעשטעלט דעם פּראָטעסט צום פראַנצויזישען קאָמאַנדיר און געבראַכט צוריק אַן ענטפער. דער רעזולטאַט פון דער שליחות איז געווען, אַז די ווירדזשיניער קאָלאָניע האָט אָנגעפאַנגען זיך צוגרייטען צו אַ מלחמה מיט די פראַנצויזען.

וואַשינגטאָן איז אין אַ יאָר שפּעטער באַשטימט געוואָרען אַלס הויפּט קאָמאַנדיר פון דער ווירדזשיניער אַרמיי. עס זיינען פאָר־געקומען צוזאַמענשטויסען צווישען די אַרמייען. די לאַגע איז גע־וואָרען ערנסטער און ערנסטער. די קאָלאָניסטען האָבען זיך גע־ווענדעט צו דער ענגלישער רעגירונג זי זאָל שיקען אירע סאָלדאַטען. און אַזוי האָט זיך די לאַגע פאַרשאַרפט ביז וואַנען ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבען באַשלאָסען איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויסצוקעמ־פען ווער עס זאָל בלייבען די באַלעבאַטע איבער אַמעריקאַ. די מלחמה צווישען די צוויי לענדער האָט אויסגעבראָכען אין 1756 און האָט אָנגעהאַלטען ביז 1763. די זיגערין איז אַרויס ענגלאַנד, און פראַנקרייך האָט דאָ כמעט אַלץ פאַרלוירען.

אין דער מלחמה האָט וואַשינגטאָן געדינט בלויז די ערשטע פאַר יאָר. אין 1758, ווען די מלחמה האָט געהאַלטען אין רעכטען ברען, איז ער פון דער אַרמיי אַרויסגעטראָטען. די אורזאַכע איז אַ וויכטיגע, ווייל זי וואַרפט אַ ליכט אויף די דעמאָלטדיגע באַצי־אונגען צווישען ענגלאַנד און אירע אַמעריקאַנער קאָלאָניעס. די ענגלישע סאָלדאַטען און די ענגלישע אָפיצערען האָבען געקוקט אויף די קאָלאָניסטישע סאָלדאַטען און אָפיצערען פון אויבען אַראָפּ. אַן אָפיצער אין דער קאָלאָניסטישער אַרמיי איז קיינמאָל ניט דערהויבען געוואָרען צו אַ הויכען „טשין“, און אַ נידעריגער אָפיצער אין דער ענגלישער אַרמיי האָט זיך אָנטזאָגט אָפּצוגעבען „טשעסט“ אַ העכערען אָפיצער אין דער קאָלאָניסטישער אַרמיי. דאָס האָט פאַראורזאַכט ביטערע געפילען צווישען די קאָלאָניסטען. דער אמת

איז, אז אין דער מלחמה געגען די פראנצויזען האבען די קאלא־ניסטישע רעגימענטען ארויסגעוויזען מער פייאיגקייטען און אויפ־געטאן מער ווי די ענגלישע רעגימענטען. און דאס האט די הייסע בלוט צווישען די צוויי מיליטערישע גרופען נאך הייסער געמאכט.

וואשינגטאנ'ען איז די גאנצע צייט אויסגעקומען אנצופירען א קאמף מיט זיך אליין. פון איין זייט האט אים זייער געצויגען צו דער ארמיי, צו דער מלחמה. ער האט ליב געהאט די ארמיי און דאס שלאכטפעלד. דערצו איז טאקע פאר זיינע געלט אינטע־רעסען וויכטיג געווען, אז די פראנצויזען זאלען פארטריבען ווערען. ער האט דאך גע'ירש'ענט א טייל פון זיין ברודער'ס אקציעס אין דער אהייא קאמפאניע. פון דער צווייטער זייט אבער האט אים זיין שטאלץ ניט ערלויבט באהאנדעלט צו ווערען נידריגער ווי אן ענג־לישער אפיצער. ער האט געשיקט פראטעסטען א פאר מאל; האט א פאר מאל רעזיגנירט און דערנאך ווידער אריינגעטראטען אין דער ארמיי. און ענדליך, אין 1758 האט ער זיין פארבינדונג מיט דער ארמיי אינגאנצען איבערגעריסען.

מען מוז אבער דערביי באמערקען, אז דעמאלט, ווען וואש־ינגטאן איז פון דער ארמיי ארויס, איז שוין דער געגענט ארום ווירדזשיניא געווען אויסער געפאר. די פראנצויזען און די אינדיא־נער זיינען שוין פון דארטען אפגעטרייניגט געווארען.

קורץ נאכדעם ווי דזשארדזש וואשינגטאן איז צוריקגעקו־מען פון דער ארמיי האט ער חתונה געהאט. ער האט געהייראט אן אלמנה, א מוטער פון צוויי קליינע קינדער. זי איז געווען א בארימטע שיינהייט און איר מאן האט איר איבערגעלאזט א גרוי־סע ירושה, א ערך פון הונדערט טויזענט דאלאר. וואשינגטאן האט די צוויי קינדער אדאפטירט. קיין אייגענע קינדער האט ער מיט זיין פרוי קיינמאל ניט געהאט.

נאך דער חתונה האט ער אנגעפאנגען פירען דאס לעבען פון אן אריסטאקראט. אין יענע יארען האבען די רייכע פארמערס פון דער סאוט נאכגעקרימט די אריסטאקראטען פון ענגלאנד. זיי הא־בען זייער צייט פארבראכט אין פארען אויף יאגט, אין פארען אויף באזוך איינער צום צווייטען, אין טרינקען און שפילען.

די אמביציע פון יעדען רייכען אריסטאקראט איז געווען אויסגעקליבען צו ווערען צו דער „לעדזשיסלייטשור“ פון דער קאלאניע. און וואשינגטאן האט דאס אויך דערגרייכט. די ווייל ער זיינען דעמאלט געווען די רייכערע פארמער, און ביי זיי איז ניט געווען קיין פראגע פון פאליטישע פלאטפארמעס. זיי פלעגען ווארפען זייערע שטימען פאר דעם קאנדידאט, וואס האט זיי בעסער אונטערהאלטען. אין דעם ערפאלגרייכען „קאמפיין“ וואס וואשינגטאן האט אנגעפירט, האט ער געדארפט נאר אויסגעבען א פאר הונדערט דאלאר אויף פארשידענע שנאפסען און ביערען. און דערוויילט איז ער געווארען מיט 310 שטימען געגען 45. דאס האט פאסירט אין 1758. פון דעמאלט אן איז ער געווען א שטענדיגער מיטגליד פון דער געזעצגעבערישער קערפערשאפט פון ווירדזשיניא. יעדע וואל האט אים געקאסט אומגעפער דיזעלבע סומע, פון צוויי ביז דריי הונדערט דאלאר. ניט אין מזומן, נאר אין ביער, שנאפס, מוזיק און אזוי ווייטער.

אלס געזעצגעבער האט ער זיך מיט גארניט ניט אויסגעצייכענט. ער איז ניט געווען קיין רעדנער און האט זיך ווייניג־וואס באטייליגט אין דעבאטען איבער פראגען. ער האט אבער רעגעלמעסיג באזוכט די זיצונגען און האט גענומען אן אינטערעס אין די פארהאנדלונגען און ער פלעגט שטימען לויט זיינע איבערצייגונגען, נאך א גענויער איבערלייגונג פון די פארשידענע ארגומענטען וואס זיינען אנגעגעבען געווארען. ער האט געקראגען א נאמען פאר אן ערליכען, געוויסענהאפטען מיטגליד פון דער „אסעמבלי“.

די אלע באשעפטיגונגען זיינען אבער ביי אים ניט געווען דער עיקר. זיין הויפט אינטערעס איז געווען זיינע געשעפטען. ער איז געווען א זייער דורכגעטריבענער געשעפטסמאן. די ביכער האט ער אליין געפירט. ער האט קיינמאל ניט געטרויט אן אנגעשטעלטען. אין יענע יארען פלעגען די רייכע אין אמעריקא, איבערהויפט די אריסטאקראטען פון דער סאוט, קויפען זייערע קליידער אין ענגלאנד. יעדער פון זיי האט געהאט אן אגענט אין ענגלאנד, וועלכער פלעגט פאר אים פירען זיינע געשעפטען און פלעגט פאר אים אויך

איינהאַנדלען זאַכען. אַזאַ אַגענט האָט וואַשינגטאָן אויך געהאַט, אָבער ער האָט זיין אַגענט וויינינג־וואָס געטרויט. ער האָט פון איָם געפאָדערט ער זאָל איָם שיקען די אָריגינעלע רעכענונגען פאַר יעדער געקויפטער זאַך. דער שניידער וואָס האָט פאַר איָם אין לאָנדאָן אויפגענייט אַ מלבוש, האָט מיט זיין אייגענער האַנט געמוזט אויס־שרייבען די רעכנונג פאַר דער סחורה און אָפּשיקען צו וואַשינג־טאָנען און דאַ פלעגט וואַשינגטאָן יעדען חשבון איבערקוקען און איָם מיט דער אייגענער האַנט אַריינשרייבען אין זיין בוך. ער האָט ניט געהאַט קיין סעקרעטער, קיין קלערק, ווייל ער האָט פשוט קיינעם ניט געוואָלט טרויען.

עס איז זייער אינטערעסאַנט צו לייענען זיינע פיל בריף צו זיינע אויפזעער אויף די פאַרמס און צו זיינע אויפּפּאַסער אויף די שקלאַפען. אפילו דאַ פלעגען אַלע בריף און באַריכטען מוז־זען געשיקט ווערען צו איָם פערזענליך, וואו ער זאָל ניט זיין, און ער פלעגט אויף יעדען פון זיי שיקען אַן ענטפער מיט זיין אייגענער האַנט.

אַט זיינען כאַראַקטעריסטישע בריף וואָס ער האָט געשריבען צום פאַרוואַלטער פון זיינע געשעפטען, קאַרל, נאָכדעם ווי ער, וואַשינגטאָן, איז באַשטימט געוואָרען אַלס הויפּט קאָמאַנדיר פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי.

„זע, אַז דער אָרימאַן זאָל פון מיר ניט אַוועקגיין מיט ליידי־גען. גיב איָם עפּעס אויב דו קענסט נאָר". אין אַ צווייטען בריף אין דערזעלבער צייט שרייבט ער: „האַלט אָן די גאַסט־פריינטליכקייט פון דער הויז. זאָל קיינער ניט אַוועקגיין אַ הונ־געריקער. ווען אימיצען פעלט קאָרן, גיב איָם. אָבער זע, ניט צו דערמוטיגען דורכדעם ליידיגגייער. איך האָב ניט געגען דעם אַז דו זאָלסט אויסגעבען אויף צדקה ביז דריי הונדערט דאָלאַר אַ יאָר. מיט די ווערטער „איך האָב ניט דאַגעגען", מיין איך, אַז אַזוי איז מיין וואונש. דו מוזט אין זינען האָבען, אַז איך קריג ניט קיין סענט פאַר מיין דינסט אַלס גענעראַל, און דערפאַר מוזען זיין זייער עקאָנאָמיש".

ער האָט זאָגאַר באַשטימט וויפיל געלט זיין אַגענט זאָל אויף

צדקה צוטיילען! פון צוויי ביז דריי הונדערט דאלאר א יאר! און וואשינגטאן איז דעמאלט געווען איינער פון די רייכסטע מענשען אין לאנד.

ער האט אויף זיין פלאנטאציע געהאט הונדערטער נעגער־שקלאפען, און האט גוט געקענט יעדען איינעם פון זיי: וואס פאר אן ארבייט ער קען טאן, וואס פאר א כאראקטער ער האט, און ווי מען דארף אים באהאנדלען. ער האט געהאלטען אין איין שרייבען צו זיינע אויפזעער, אז זיי זאלען גוט אכטונג געבען אויף ד ע ם נעגער, אויף י ע נ ע ם נעגער, ווייל ד ע ר ארבייט ניט גענוג, און י ע נ ע ר איז צו פויל. ער האט זיך אבער אויך אינטערעסירט מיט'ן געזונט פון די שקלאפען, און פלעגט זען זיי זאלען האבען מעדיצינישע באהאנדלונג און גוטע אויפפאסונג אין פאל פון קראנקהייט. ער האט קיינמאל ניט דערלויבט פארנאנדערצורייסען א נעגער־פאמיליע, פארקויפען אדער קויפען איין מיטגליד פון דער פאמיליע און איבערלאזען די איבעריגע פאר אן אנדער בעל־הבית.

אט זיינען אויסצוגען פון איינינע בריף, וואס וואשינגטאן האט געשריבען צו די אויפזעער פון זיינע שקלאפען:

„פון די באריכטען זע איך, אז סעט ווערט אפט קראנק. דעיל און פערי, און נאך עטליכע וואס ארבייטען ביי דער וועבעריי ווערען אויך אפט קראנק. און טשארלס באקלאגט זיך אפט, אז ער קען ניט גיין. איך פאדער ניט, אז מיינע מענשען זאלען ארבייטען ווען זיי זיינען באמת קראנק. פארקערט, ווען דאס איז דער פאל, דארף מען זיי באזארגען מיט אלע הילף. אבער ווען דו וועסט ניט אכטונג געבען און ניט אונטערזוכען זייערע קראנקהייטען, וועלען זיי שטענדיג קראנק זיין". „וואס איז דער מער מיט די מיידלאך רוט, האננא און פעגי? שוין עטליכע וואכען אז זיי זיינען קראנק. רוט איז א ליגנערין. שוין א לאנגע צייט ווי זי זוכט זיך ארויסצודרייען פון דער ארבייט. אויב מיר וועלען זיי ניט צווינגען צו ארבייטען לויט זייער עלטער און זייערע כוחות, וועלען די איבעריגע זיך אפלערנען פון זיי. קיינער פון די נעגערס וויל ניט ארבייטען, אויב ער קען זיך נאר ארויסדרייען".

וואשינגטאן געטרויט ניט זיינע אנגעשטעלטע, ניט די ווייסע

און ניט די שווארצע. שנאפס און וויין פלעגט ער אלע מאל האלטען אונטער א שלאס: „ווייל איך ווייס, אז מיינע דינער וועלען טרינקען צוויי מאל אזוי פיל ווי די געסט און וועלען דערנאך זאגען, אז ניט זיי, נאר די געסט האבען עס אויסגעטרונקען“.

וועגען נעגער־שקלאפעריי אין אלגעמיין האט ער פיל מאל זיך אויסגעדריקט, אז ער איז אין פרינציפ געגען דעם. ער האט דערקלערט, אז ער יואלט געוואונשען, אז דאס געזעץ זאל פארבאטען שקלאפעריי. דאך האט ער געהאלטען אין איין קויפען מער און מער נעגער. צייטענוועיז האט ער געהאט אויף זיינע פארמס אזוי פיל ווי דריי הונדערט שקלאפען. ווען א שקלאף פלעגט פון אים אנטלויפען, פלעגט ער אנאנסירען אין די צייטונגען און אנווענדען אנדערע מיטלען אים צו כאפען.

אין זיין צואה אבער האט ער איינגעשריבען א באפעל, אז נאך זייז פרוי'ס טויט זאלען אלע זיינע נעגער־שקלאפען באפרייט ווערען.

גלייך נאך דער מלחמה מיט פראנקרייך, נאכדעם ווי די פראנצויזען זיינען פון אמעריקא פאקטיש ארויסגעטריבען געווארען און ענגלאנד איז געווארען די פולע הערשערין איבער'ן לאנד, האבען זיך אנגעהויבען רייבונגען צווישען דער ענגלישער רעגירונג און די קאלאניסטען. פון יאר צו יאר איז די לאגע געווארען ערנסטער. די הויפט צרות זיינען פארגעקומען אין דער מאסאטשוזעטס קאלאניע, ווייל דארטען האבען זיך שוין דעמאלט גענומען אנטוויקלען אינדוסטריען און האנדעל. די ענגלישע רעגירונג האט געזוכט די אינדוסטריען און דעם מסחר איינצוצאמען, כדי די ענגלענדער זאלען דא קענען פארקויפען זייערע סחורות און אנפירען זייער האנדעל. די קאלאניעס פון דער סאוט, וועלכע האבען זיך אפגעגעבען כמעט אינגאנצען מיט ערד־ארבייט, האבען פון דער ענגלישער פאליטיק ווייניגער געליטען.

דאך האט זיך די אומצופרידענקייט מיט דער ענגלישער הערשאפט פארשפרייט אין דער סאוט און איבערהויפט אין דער רייכער ווירדזשיניא קאלאניע. און אין דער לעדזשיסלייטשור פון ווירדזשיניא זיינען געהאלטען געווארען די ערשטע אמת'ע רעוואלו־

ציאָנערע רעדעס. דאָרטען איז צום ערשטען מאָל אויסגעשריען געוואָרען די וואָרנונג צו ענגלאַנד, אַז אויב זי וועט איר פּאָליטיק ניט ענדערען, וועלען די קאָלאָניעס איר יאָך איינגאַנצען אָראָפּוואַרפען פון זיך.

וואַשינגטאָן איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט זיך אַנגעשלאָסען אַן דער פּראָטעסט־פּאַרטיי געגען ענגלאַנד. און ווען דער ערשטער קאָנגרעס פון די קאָלאָניסטען איז איינגערופען געוואָרען, דער ערשטער פּרואוו הייסט עס, צו פאַראייניגען זיך געגען ענגלאַנד, איז וואַשינגטאָן געווען איינער פון די דעלעגאַטען. וואָס ווירדזשיניא האָט אַהין געשיקט.

דערביי מוז מען אין זינען האָבען, אַז די אַריסטאָקראַטען אין די קאָלאָניעס האָבען אין אַלגעמיין געהאַלטען מיט ענגלאַנד. וואַשינגטאָן האָט געהערט צו דער העכסטער אַריסטאָקראַטיע, און דאָך האָט ער זיך גלייך פון אָנפאַנג געשטעלט אויף דער זייט פון די רעוואָלוציאָנערען.

אין 1775 איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ צווייטער קאָנגרעס פון די אַלע קאָלאָניעס. דעמאָלט איז שוין קלאָר געוואָרען, אַז די קאָלאָניסטען מוזען נעמען וואָפען אין די הענט. און עס איז באַשלאָסען געוואָרען צו אָרגאַניזירען אַן אַרמיי. די פראַגע איז אויפגעשוואומען, ווער זאָל באַשטימט ווערען אַלס הויפּט גענעראַל פון דער אַרמיי?

ווי שוין געזאָגט, איז אין דער רעוואָלוציע מער ווי אַלע פאַראינטערעסירט געווען די מאַסאַטשוזעטס קאָלאָניע. די וויכטיגסטע טוער אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג זיינען געווען באָסטאָנער סוחרים, באָסטאָנער אַדוואָקאַטען, באָסטאָנער זשורנאַליסטען. און די מאַסאַטשוזעטסער דעלעגאַטען האָבען פאַרשטאַנען, אַז דאָס וויכטיגסטע אין דעם מאָמענט איז — וואָס פעסטער אַריינצוציהען ווירדזשיניא אין דער רעוואָלוציע. און דערפאַר האָבען זיי באַשלאָסען צו באַשטימען אַלס הויפּט גענעראַל פון דער אַרמיי אַ ווירדזשיניער. זיי האָבען געוואוסט, אַז דער כבוד וועט אַ סך ווירקען צו באַגייסטערען דעם עולם אין ווירדזשיניא פאַר דער רעוואָ־

לוציע. וואשינגטאנ'ס קאנדידאטור אלס הויפט גענעראל איז ארויסגעשטעלט געווארען פון דזשאן עדעמס, איינער פון די וויכטיגסטע דעלעגאטען פון מאסאטשוזעטס. אין זיין רעדע האט עדעמס געריםט וואשינגטאנ'ען אלס דעם פאסינגסטען מאן פאר דעם אמט, אלס א מענש פון גרויסע מיליטערישע פייאינקייטען. צי ער האט אין הארצען טאקע אזוי געטראכט איז א גרויסע פראגע. יארען שפעטער האט דערזעלבער עדעמס ערקלערט, אז ווען וואשינגטאן וואלט ניט געקראגען פון זיין פרוי אזא גרויסען נדן, וואלט ער קיינמאל ניט געווען דער הויפט קאמאנדיר פון דער רעוואלוציאנערער ארמיי.

וועגען וואשינגטאנ'ס גרויסקייט אלס גענעראל זיינען יא זייער גרויסע מיינונגס־פארשידענהייטען. פאראן אזוינע וואס האלטען אים פאר איינעם פון די מיליטערישע זשעניען אין דער וועלט־געשיכטע, און פאראן אנדערע וואס לייקענען, אז ער האט געהאט וועלכע עס איז פייאיגקייטען. דער פאקט איז, אז אין די אכט יאר פון דער רעוואלוציע האט ער קיין איין אמת גרויסען זיג ניט געהאט. די עטליכע שלאכטען, וואס די רעוואלוציאנערען האבען געוואונען, זיינען אנגעפירט געווארען פון אנדערע גענעראלען. א שרייבער אין ענגלאנד האט אין יאר 1778, אין דעם פערטען יאר פון דער רעוואלוציע, אויפגעפאסט די מיליטערישע לאגע מיט די פאלגענדע ווערטער:

„איך גלויב, אז יעדער אנדערער גענעראל ווי האו וואלט צורקלאפט גענעראל וואשינגטאן; און אז יעדער אנדער גענעראל ווי וואשינגטאן וואלט צוקלאפט גענעראל האו".

גענעראל האו איז דעמאלט געווען דער הויפט פון דער ענגלישער ארמיי, וואס האט געקעמפט געגען וואשינגטאנ'ס ארמיי.

די מיינונג פון אט דעם שרייבער איז, אז סיי וואשינגטאן, סיי האו זיינען געווען גרויסע קאליקעס; זיי האבען איינער דעם אנדערען ניט געקענט באזיגען, ווייל איינער איז געווען א גרעסערער קאליקע ווי דער צווייטער.

אבער ווי געזאגט, דאס איז בלויז א מיינונג. אנדערע האל־

טען וואשינגטאנען פאר א גרויסען סטראטעגיקער. זיי נעמען אין אנבאטראכט, אז די רעוואלוציאנערע ארמיי איז געווען זייער א שוואכע, א שלעכט דיסציפלינירטע, א צייטווייליגע, זי פלעגט אלע עטליכע מאנאטען איינגאנצען צעשמאלצען ווערען, ווייל די סאלדאטען פלעגען זיך פארשרייבען אין דינסט בלויז אויף א קורצען טערמין. קיין געלט זיי צו קויפען עסען און קליידער, און צו צאלען זיי געהאלט איז ניט געווען. מיט אזא ארמיי איז אוממעגליך געווען צו אונטערנעמען גרויסע, געוואגע פלענער. און זיי דענקען דערפאר, אז וואשינגטאן האט וואונדער באוויזען וואס ער האט בכלל אזא ארמיי געקענט פירען אין שלאכט.

און אין דער הינזיכט איז וואשינגטאן ווירקליך גרויס געווען. ער האט געקענט ארגאניזירען און דיסציפלינירען אן ארמיי. ער האט געהאט דעם פעסטען כאראקטער, די איינגעשפארטקייט, וואס איז דערצו נויטיג געווען. ער האט קיינמאל ניט אפגעלאזען, קיינמאל דעם מוט ניט פארלארען. עס זיינען געווען צייטען אין די אכט יאר פון דער רעוואלוציע, ווען אלץ האט אויסגעזען שווארץ. די סאלדאטען זיינען געווען אומצופרידען און האבען דעזערטירט מאסענווייז. די רעוואלוציאנערע רעגירונג איז געווען פארצווייפעלט און פול מיט אינערליכע רייסערייען און אינטריגעס. צווישען די באאמטע אין דער ארמיי און צווישען די קאנגרעסלייט אין דער רעגירונג האט מען אינטריגירט געגען וואשינגטאנ'ען. ער איז אבער געשטאנען פעסט ביי זיין פאסטען און איז אנגעגאנגען מיט זיין ארבייט. מען האט אים ניט געקענט אנטמוטיגען און איבערשרעקען. און זיין פעסטקייט, זיין שטארקייט, זיין מערקווירדיגער געדולד און פעסטער גלויבען האט אים ענדליך געבראכט דעם זיג.

און ווען די רעוואלוציע האט זיך געענדיגט, איז וואשינגטאן געווארען דער העלד פון טאג. ער האט זיך אנטזאגט צו נעמען געהאלט פאר זיין דינסט. ער האט בלויז צוגעשטעלט א צעטעל פון זיינע הוצאות, און מער ווי דאס האט ער ניט געוואלט נעמען.

נאך דער רעוואלוציע איז ער ווידער אויף זיין מאיאנטעק אוועקגעפארען און האט זיך ווידער גענומען צו זיינע געשעפטען.

לאנג אבער איז ער אין דער היים ניט פארבליבען. אין א פאר יאר ארום האט זיך אנגעפאנגען די באוועגונג צוזאמענצושמעלצען די 13 קאלאניעס אין איין פאראייניגטער רעגירונג. און עס איז צוזאמענגערופען געווארען די קאנסטיטוציאנעלע „קאנווענשאן“. וואשינגטאן איז צו דער „קאנווענשאן“ געשיקט געווארען אין דער ווירדזשיניער דעלעגאציע. און ווען די „קאנווענשאן“ האט זיך גע־עפענט איז ער איינשטימיג אויסגעוויילט געווארען פאר'ן פאר־זיצער.

ווי ווייט עס איז באקאנט, האט ער ביי דער „קאנווענשאן“ קיין ראלע ניט געשפילט. ער האט זיך קיינמאל ניט באטייליגט אין די דעבאטען און האט זעלטען אויסגעדריקט א וויכטיגע מיינונג. כאטש מען ווייס יא, אז ער האט אין פארלויף פון די „קאנווענ־שאן“־מאנאטען געלעזען זייער פיל וועגען רעגירונגס־פארמען, וועגען רעגירונגס־וויסענשאפט. וואשינגטאן איז ניט געווען קיין דענקער און קיין געלערנטער. אויף דער „קאנווענשאן“ זיינען געזעסען די שארפסטע קעפ און די גרעסטע געלערנטע פון לאנד. וואס אלזא האט ער געקענט צו אזא פארזאמלונג ביישטייערן?

אבער ווען די קאנסטיטוציע איז אויסגעארבייט און גוטגעהייסען געווארען פון די קאלאניעס, און די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאטען איז ארגאניזירט געווארען, אז דזשארדזש וואשינגטאן אויסגעקליבען געווארען איינשטימיג אלס דער ערשטער פרעזידענט.

דער ערשטער טערמין, פון 1789 ביז 1793, איז פאר וואשינגטאנ'ען געווען מער אדער ווייניגער א רואיגער. די פראקציעס אין לאנד האבען זיך דעמאלט נאך ניט געהאט ארגאניזירט. אלץ איז נאך געווען רוי און ניט באפעסטיגט. אין קאבינעט זיינען געזעסען מיניסטארען פון פארשידענע ריכטונגען, מיט פארקערטע אנשויאונגען וועגען די אויפגאבען פון רעגירונגען און וועגען די פליכטען פון בירגער צו דער רעגירונג.

וואשינגטאן האט די ערשטע צייט געזוכט צו שפילען די ראלע פון א פשרה מאכער צווישען די צוויי ריכטונגען. שפעטער ווען

ער האט געמוזט נעמען אשטעלונג איז ער אריבער צו די אריסטאקראטען און קאנסערוואטארען.

דער קאמף צווישען די צוויי פראקציעס האט זיך רעכט פאנאנדערגעשפילט, ווען וואשינגטאן איז שוין געווען אין זיין צווייטען טערמין. דער גרויסער עולם האט דאן געזען אין וואשינגטאנ'ס פארטיי א געפערליכע טיראניי, און עס האבען זיך גענומען הערען שטימען, אז וואשינגטאן איז א געפאר פאר'ן לאנד. צווישען די וואס האבען אים אטאקירט זיינען געווען מאנכע פון די וויכטיגסטע פירער פון דער רעוואלוציע, מאנכע פון די גרעסטע גייסטער פון דער רעוואלוציע.

די אויפרעגונג געגען וואשינגטאנען האט זיך נאך מער פארגרעסערט צוליב זיינע האנדלונגען אין אויסערליכע אנגעלעגענהייטען. אין אייראפא האט דאן געשטורמט מיט דער פראנצויזישער רעוואלוציע. אין 1793 האט ענגלאנד דערקלערט קריג צו פראנקרייך. פון אנפאנג האט די פראנצויזישע רעוואלוציע ארויסגערופען גרויס באגייסטערונג אפילו צווישען די אריסטאקראטען און די רייכע דא אין לאנד. פראנקרייך האט דאך געהאלפען אמעריקא אין איר רעוואלוציע, אין איר פרייהייטס־קאמף, האט דער אמעריקאנער עולם געפילט צו פראנקרייך ווי צו א ברודער אין א צייט פון נויט און געפאר. שפעטער אבער, אז די רעוואלוציע האט אנגענומען א גרויזאמען כאראקטער, ווען די האנדלונג פון די ארומיגע לענדער און די אנטלאפענע אריסטאקראטען האבען געשאפען דעם טעראר, האבען די קאנסערוואטארען, די רייכע די אריסטאקראטען אין אמעריקא אנגעהויבען זיך אפצוקערען פון די רעוואלוציאנערען. די שטימונג צווישען די גרויסע מאסען איז אבער ווי פריער געבליבען א טרייע באגייסטערטע פאר דער רעוואלוציע.

צווישען די וואס האבען זייער מיינונג וועגען דער רעוואלוציע שנעל געביטען איז געווען פרעזידענט דזשארדזש וואשינגטאן. און די געענדערטע מיינונג האט אויך באשטימט וואשינגטאנ'ס פאליטיק בנוגע צו ענגלאנד. אביסעל שפעטער, ווען ענגלאנד האט ערקלערט קריג צו פראנקרייך. וואשינגטאן איז גענייגט געווען אויף ענגלאנד'ס זייט, כאטש ענגלאנד האט, ווי אין אירע אלע

מלחמות, געטראטען אונטער די פיס די רעכט פון אמעריקא אין איר מסחר אלס א נייטראלע לאנד.

אין מיטען פון דעם טומעל איז אהער אנגעקומען א פאר־שטייער פון פראנקרייך, וועלכער האט געמאכט א רייזע איבער'ן לאנד און גערעט צום אמעריקאנער פאלק וועגען זיין פליכט צו העלפען פראנקרייך. וואשינגטאן האט זיך דערשראקען פאר דעם ענטוזיאזם וואס דער פארשטייער האט ארויסגערופען ביי די מא־סען און ער האט באפוילען דעם פארשטייער ער זאל גלייך פאר־לאזען דאס לאנד. דאס האט, נאטירליך, געווירקט די מאסען נאך מער אויפצורעגען. דזשאן עדעמס, וועלכער איז דאן געווען וויס־פרעזידענט, האט שפעטער וועגען דעם עפיזאד געשריבען דאס פאל־גענדע: „טאג־טעגליך האבען זיך צענער־טויזענטער מענשען פאר־זאמעלט אין די גאסען פון פילאדעלפיע (פילאדעלפיע איז דעמאלט געווען די הויפט־שטאט) און האבען געסטראשעט ארויסצושלעפען וואשינגטאן'ען פון זיין הויז און מאכען אן איבערקערעניש אין דער רעגירונג און איר צווינגען ארויסצוטרעטען פאר דער פראנצויזישער רעוואלוציע און געגען ענגלאנד".

די פאסירונגען האבען וואשינגטאן'ען פארשאפט א סך שמער־צען. ער האט גערעדט מיט פארביטערונג וועגען זיינע געגנער און די געגנער האבען אים ניט געשאנעוועט. ווען זיין צווייטער טער־מין האט זיך געענדיגט און מאנכע פון זיינע פריינט האבען מיט אים גערעדט וועגען לויפען פאר א דריטען טערמין, האט ער דער־פון ניט געוואלט הערען. און עס איז א גרויסער ספק צי ער וואלט אויסגעוויילט געווארען, אויב ער וואלט געפאלגט די עצה פון די פריינט.

אין 1797 האט וואשינגטאן פארלאזען זיין פרעזידענט־אמט און איז צוריקגעפארען אויף זיין מאיאנטעק אין ווירדזשיניא. ער האט זיך ווידער אפגעגעבען מיט אנטוויקלען זיינע געשעפטען. מיט פארמערען זיין פארמעגען. אין דעצעמבער 1799 האט ער, ארומרייטענדיג אויף א פערד איבער זיינע פארמס, זיך פארקילט און נאך א קורצער קראנקהייט איז ער געשטארבען.